אלע ווערק



אברהם רייזען

cc # 572

M. Skurko

531 Manning ave

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

יידישע פאלקס ביבליאטעק

acc # 512

16034 - L Mc

אברהם רייזען

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

געזאַמלטע שריפֿטן

פֿאַרלאַג „אידיש"
ניו יאָרק, 1930

דריטער באנד:

היימישע מענשען.

היימישע מענשען.

פערלאָרען דעם קול

אין קלעמענקער גרויסען בית־המדרש איז שוין געווען צו ענדע דער וואָכענדיגער דאַווענען. דער שטעדטעלשער חזן, וואָס זינגט יעדע תפלה, אפילו ביחידות, און בלייבט דעריבער שפּע־טער, האָט שוין צוזאַמען געלעגט דעם טלית און האָט אונטער־געברומט מיט א ניגון דעם „יום". די עטליכע לעצטע ווערטער פון „יום" האָט ער אויסגעלאָזט חזנ׳יש הויך:

„הוא ינהגנו על מות"...

אין דעם לעצטען וואָרט „מות" האָט ער, ווי זיין שטיינער איז, געוואָלט מאכען א קונץ: ארויפחאפּען זיך גאר אויף דער הויכער אָקטאַווע, נאָכדעם אראָבלאָזען זיך נידריג און טאקי באלד ווידער צוריק אין דער הויך, עס האָט זיך איהם אבער נים איינגעגעבען: א טאָן האָט זיך פערטשעפּעט אין האלז און עס איז ארוים ניט „דאָס".

ער האָט זיך דערשראָקען, און דערשראָקענערהייט האָט ער זיך אומגעקוקט, צי שטעהט ניט ווער נאָהענט נעבען איהם; אז ער האָט נעבען איהם דערזעהען דעם אלטען העניך איז זיין שרעק קלענער געוואָרען: ער האָט געוואוסט, אז העניך איז טויב.

געהענדיג אהיים מיט׳ן טלית און תפילין אונטער׳ן אָרעם, האָט איהם דער ניט געראָטענער „מות" אין די אויערען גע־קלונגען און עס האָט איהם געמאכט טרויריג.

— צו אלדע שווארץ־יאָהר! — האָט ער געמורמעלט — דאָס האָט נאָך ביז אהער ביי מיר קיינמאָל ניט געטראָפען.

ער האָט זיך אבער באַלד דערמאָנט, אַז פאר צוויי וואָכען „שבת־מברכים", בעת ער האָט מיט די משוררים אין בית־מדרש פאר׳ן עמוד געדראווענט, האָט איהם כמעט דאָס אייגענע געטראָפען ביי׳ן „שמע ישראל" אין דער קדושה, ווען ער האָט אליין זיך צעזונגען „הוא אלהינו". צום גליק האָט דאָס קיינער ניט בעמערקט. אלענפאלס האָט מיט איהם דער „באָס" דערפון ניט גערעדט.

און די עראינערונג אָן פאר־צוויי־וואָכענדיגען ניט געראָטענעם „שמע־ישראל" און דעם היינטיגען „על מות" ביחידות, האָבען זיך צוזאמענגעמישט און האָבען זיך אוועקגעלעגט ווי אַ שווערער שטיין אויפ׳ן הארץ.

איהם האָט זיך געוואָלט, נעהענדיג, פּרופען נעהמען נאָך אמאָל דעם טאָן, נאָר גראָד איז די גאַס פול געווען מיט מענשען, און ער האָט זיך געשטארקט איינצוהאלטען זיך, ביז ער וועט אהיים קומען. ער האָט אָנגעהויבען מאַכען, ניט נאָך זיין געוואָהנהייט, גיכע טריט, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער אנטלויפט פאר עמיצען.

אַז ער איז אריין אין שטוב האָט ער שטיל, אָהן אַ נוסח־מאָרגען, אוועקגעלעגט דעם טלית און אָברוהענדיג זיך אביסעל פון גיכען גאַנג, האָט ער זיך גענומען צו זינגען.

הוא ינהגנו על מות!

—שוין, האָסט קיין צייט ניט! דער טאָג איז דיר קליין!— האָט זיך די חזנ׳טע צובייזערט — עס גרילצט אזוי אויף אין די אויערען.

— ווי הייסט, עס גרילצט? — האָט דער חזן דערשראָקען אויפגעשטעלט די אויגען — איך נעהם אַ טאָן און דו זאָגסט עס גרילצט. וואָס הייסט — עס גרילצט?...

ער האָט אויף איהר נעקוקט מיט תחנונים, זיינע בליקען האָבען שטום געבעטען: האָב רחמנות! זאָג נישט אז עס גרילצט, ווארום אויב עס גרילצט, בין איך אומגליקליך, עקט זיך מיין לעבען!... נאָר די חזנ'טע איז געווען צו פיעל פערטהאָן און צו־טראָגען וועגען אַנבייסען, אז זי זאָל קענען מיטפיהלען און פער־שטעהן, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר חזן, און זי האָט זיך נאָך מעהר צושריען:

— אודאי גרילצט! וואָס דען? איך ווער פערטויבט; מילא, אז דו זינגסט נאָך צוזאמען מיט די זינגער, מוז איך אויסשטעהן, אבער איצטער אליין... וואָס?...

דער חזן איז געוואָרען בלאס, ווי קרייד, ער האָט קוים אויסגערעדט:

— גרונע, וואָס ביזטו משוגע? וואָס רעדסטו?

— וואָס טהוט זיך היינט מיט איהם? — איז שוין גרונע פון געדולד ארויס — נעגוג דיר שוין צו מאכען זיך נאריש, געה וואש זיך עסען.

עסען האָט זיך דעם חזן נישט געוואָלט, נאָר ער האָט זיך בעטראכט, אַז צוליעב א רפואה מוז ער עסען: ניט עסען וועט נאָך ערגער זיין, און ער האָט זיך געוואשען.

די „המוציא" האָט ער געמאכט הויך און חזנ'יש אויסגע־זונגען און געקוקט אויף דאָס ווייב, צי בעמערקט זי ווידער עפּעס ניט, נאָר דערווייל האָט שוין דאָס ווייב גאָר ניט געזאגט, און דאָס האָט דעם חזן בערוהיגט.

— מיר דאכט זיך נאָר, מיר דאכט זיך נאָר.... האָט ער זיך געטרייסט, ס'איז ווערט א שפיי! ניט אזוי גיך פערלירט מען דעם קול!

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז ער איז שוין אלט פערציג יאָהר און ביים חזן, מאיר ליעדער, האָט עס געטראָפען פונקט אין דעם זעלבינען עלטער...

דאָס איז געווען געגוג, ער זאָל זיך ווידער אָנהויבן צו שרעקן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט זיך טיף פאַר־טראַכט, און באַלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ שטאַרקן געשריי געגעבן:

— גרונע!

— שאַ, וואָס איז? וואָס שרייסטו, ווי ניט מיט דיין קול? — האָט גרונע צולויפענדיג, זיך געבייזערט.

— אוי, לאָז מיך לעבן! — האָט זיך דער חזן געבעטן— וואָס רעדסטו „ניט מיט מיין קול" — מיט וועמעס קול רייד איך דען?... הא... וואָס ווילסטו פון מיר?... —

אין זיין קול האָבן זיך ווי טרערן געהערט.

— דו ביזט היינט טאַקי משוגע, טשעפּעסט זיך צו... נו וואָס ווילסטו? — האָט גרונע זיך געבייזערט.

— קאָך מיר אָב אַ פּאָר שיטערע אייער, — האָט דער חזן שטיל געבעטן.

— נאַ דיר אַ נייעם יום־טוב! — האָט זי זיך ווידער צושריען. — אין מיטען מיטוואָך — אייער! דאַרפסט דען שבת „דאַווגען"? עס איז איצטער אַזאַ יקרות — אַ פינפער איין איי.

— גרונע! — האָט דער חזן געפאָדערט — עס מעג זיין אַ רובעל איין איי, צוויי רובעל, פינף רובעל, הונדערט רובעל, הערסט! קאָך מיר אָב צוויי שיטערע אייער און רעד נישט!

— ביזט דאָך טאַקי אַ גרויסער פערדיענער! — האָט זיך גרונע נעקרימט.

— דו מיינסט שוין טאַקי, אַז אוים!... — האָט דער חזן זיך געשטאַרקט — ניין, גרונע!..

ער האָט איהר געוואָלט זאָגען, אַז ער וויים נאָך ניט אויף געווים, אַ גליער שלאָגט נאָך, עס קען זיין, אַז איהם דאַכט זיך גאָר, עס איז אפשר גאָר אַן איינגבילדעניש, אָבער ער האָט דאָס

מורא געהאַט צו אויסרעדן און גרונע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער שטאַמעלט, זי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— מיינע שונאים!..

זי איז אוועקגעגאַנגען אַבקאָכען אייער. דער חזן האָט דער־וויל זיך צעזונגען. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדער טאָן, ווי ער וואָלט זיך אַליין עקזאַמינירט; ווען ער איז ניט געווען אימשטאַנד צו בעקומען די הויכע אָקטאַווע, האָט ער זיך פאַרצווייפעלט צושריען:

— גרונע, דערלאַנגט גיכער די אייער!...

אין די אייער האָט דער חזן איצטער געזעהן זיין איינציגע רעטונג...

די חזנ׳טע האָט איהם מיט אַ ברוגז־פּנים צוגעטראָגען די צוויי אייער און האָט בייז אַרויסגעברומט:

— נאַ, אייערלעך ווילט זיך איהם... מען דאַרט און מען קוואַרט...

דער חזן האָט פאַר איהר געוואָלט אויסגיסען זיין האַרץ, זאָל זי ניט מיינען, אַז ער מיינט טאַקי די אייער. ער האָט איהר געוואָלט זאָגען: גרונע, איך בין, דאַכט זיך, פאַרביי!... ער האָט זיך אַבער געשטאַרקט און זיך איינגעהאַלטען.

— „טאַמער דאַכט זיך מיר נאָר“, האָט ער געטראַכט.

און ער האָט זיך אַהן ווערטער גענומען טרינקען די איי־ער, ווי אַ רפואה.

אויסטרינקענדיג די אייער, האָט ער געפּרופט מאַכען אַ פּאָר קונציגע חזנישע „שטייגערס“. איהם האָט זיך עס איינגע־געבען, און ער איז פרעהליכער געוואָרען.

— נישקשה, גאָט לעבט! — האָט ער געטראַכט — ניט אַזוי גיך פאַרליר איך מיין קול... מאַלע וואָס „מאיר ליעדער“.

— ער איז געווען אַ שכור... איך טרינק נישט, אויף אַ ברית נאָר אביסעל וויין!...

עס האָט זיך איהם געוויזען אפּעטיט און ער האָט געשלונ־
גען א ביסען נאָך א ביסען. —

נאָר זיין פרעהליכקייט האָט לאַנג נישט געדויערט. דער
פריהערדיגער נישט געראָטענער „מות“ האָט איהם אין די אויער
ערן א קלונג געטהאָן און די „מרה־שחורה“ האָט זיך ווידער אָנ־
געהויבען.

די מורא צו פערליערען דעם קול האָט דעם חזן זיין גאַנץ
לעבען געמוטשעט. זיין איינציגע זאָרג, זיין איינציגער רעיון
איז געווען: וואָס וועט דאָס זיין, ווען ער וועט ווען עס איז דעם
קול פערלירען? איהם האָט דאָס שוין אפילו אמאָל געטראָפען,
ער איז דאמאָלס געווען אלט זיבעצעהן יאָהר און האָט געהאַט
א טענאָרען־שטים און האָט פּלוצים עס פערלאָרען. נאָר
דאמאָלס האָט דאָס איהם ניט געארט. פערקעהרט, עס האָט נאָך
איהם הנאה געטהאָן, ער האָט געוואוסט אז דאָס בייט זיך זיין
שטים און ער וועט אין א האַלב יאָהר ארום בעקומען א באַ־
ריטאָן, אויף וואָס ער האָט מיט אונגעדולד געהאָפט. אז ער האָט
בעקומען דעם באַריטאָן, האָט ער געוואוסט, אז אויב ער וועט
איהם פערלירען איז שוין פערפאַלען, קיין אנדער שטים קריגט
ער ניט. און ער האָט דעריבער שטארק דעם קול געהיט, וועד
רעדט אז ער איז געוואָרען א „בעל־הבית'ל“ און האָט אנגענומען
קלעמענקער חזנות, האָט ער ניט צוגעלאָזט צום „האַלז“, אז א
ווינדטעל זאָל א בלאָז טהאָן; אין די גרעסטע היצען איז ער
געגאַנגען פערבונדען מיט א פאַטשיילע. אייגענטליך האָט ער
דעם קול ניט געהיט פאַר די קלעמענקער בעלי־בתים. ער איז
געווען זיכער, אז ווען ער וועט אפילו אין גאַנצען דעם קול פער־
ליערען, וועלען איהם די קלעמענקער בעלי־בתים פון חזנות נישט
אָבזאָגען, זיינע שבירות וועט ער אלע מאָל האָבען, ווייל סיי ווי
סיי טראָגט מען איהם די שבירות אין שטוב ניט אריין, נאָר ער

מוז אַלע פריימאָג געהן פון שטוב צו שטוב אַליין מאַהנען, און קלעמענקער אידען זיינען ווייכהערציג, זיי זאָגען קיינעם נישט אָב, ווער עס שטרעקט נאָר אוים די האַנד. דעם קול האָט ער געהיט און געשראָקען זיך פאַר׳ן פערלירען איהם, נאָר אוים ליעבע צום זינגען. פון די קלעמענקער בעלי־בתים האָט דער חזן שטארק געהאַלטען. אַזוינע אידען זיינען אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ, נאָר אין הלכות „נגינה" זיינען זיי גרויסע עמי־הארצים, ממש בהמות, זיי האָבען קיין שום געפיהל ניט, און ווען ער פלעגט מאַכען, פאַר׳ן עמוד דאַוונענדיג, קונציגע שטיי־גערם, רייסען זיך אויף דער העכסטער אָקטאַווע, איז דאָס נאָר געווען פ א ר ז י ך, ער האָט אַליין דערפון גרוים הנאה געהאַט, אויך פאַר די 8 זינגער זיינע, אין וועלכע ער האָט די גאַנצע וועלט געזעהען. די זינגער זיינען איהם געווען איינגע־באַקען טיעף אין הארצען און ווען אַ זינגער פלעגט איהם זאָ־גען: „אי חזן! אי זינגט איהר!" פלעגט ער זיין אויף דער העכסטער מדרגה פון גליק.

די אַלע זינגער זיינען געווען אָנגעפּאַהרענע פון פערשיע־דענע שטעדט און שטעדטלעך, און זייערע אַלע שמועסען און מעשיות האָבען זיך נאָר געדרעהט און געוויקעלט אויף חזנים און נגינה. די מעשיות און לעגענדען זיינען געווען דעם חזנ׳ס „זוהר". ער פלעגט זיך נאָך יעדער מעשה שטארק פערטראַכטען און פלעגט אַרויסלאָזען אַ טיעפען זיסען זיפץ:

— אַ קליינינקייט נגינה! אַ שפּילכעלע צו זאָגען — אַ גע־פיהל!...

און איצטער, ווען דער חזן האָט אָנגעהויבען מורא צו האָ־בען פאַר׳ן קול, האָט זיך איהם אַלץ געדאַכט, אַז די זינגער זיי־נען גאָר אַנדערע — שלעכטע! זיי מוזען פון איהם, אונטער די אויגען, לאַכען.. און ער האָט זיך אָנגעהויבען היטען פאַר זיי, ניט צו נעהמען פאַר זיי אַ הויכען טאָן, זיי זאָלען ניט דערקאָנען,— און ער האָט דערפון נאָך מעהר געליטען.

און וואָס ווילען זאָגען די ארומיגע חזנים? דער געדאנק האָט דעם חזן נאָך מעהר געמוטשעט. — ער האָט געוואוסט, אז ער האָט געהאט א שם ביי די ארומיגע חזנים, מען האָט פון איהם שטארק געהאַלטען, וועגען זיין קול האָט מען פיעל גע־רעדט. איהם פלעגט זיך מאָהלען פאר די אויגען, ווי עס שטעהט א קופּקעלע חזנים און רעדען שטיל און שאָקלען טרויריג מיט די קעפּ: דאָס בעדויערן זיי איהם.

— נעביך, נעביך, איהר האָט געהערט, דער קלעמענקער חזן...

ביי דעם געדאנק פלעגט ער זיך אינגאנצען פערליערען.

— „און אפשר דאכט זיך מיר נאָר!“ פלעגט ער זיך אין אזוינע שרעקליכע מינוטען אָנהייבען טרייסטען און ער פלעגט גלייך אָנהויבען זינגען, פרובען זיך נעהמען די העכסטע נאָטען. ער האָט אָבער פון שרעק פערלאָרען דאָס געהער און ער האָט ניט געקענט משער זיין, צי איז ביי איהם דער קול ווי גע־הערינג, צי ניט.

אין פערלויף פון צוויי וואָכען איז זיין פנים געוואָרען בלאס, און מאָגער, די אויגען טיעף איינגעגראבען, און ער האָט גע־פיהלט, אז איהם געהען אויס די כחות.

— וואָס איז מיט אייך, חזן? — האָט איהם אין דער צייט א זינגער א פרעג געטהאָן.

— הא, וואָס איז מיט מיר? — האָט זיך דער חזן דער־שראָקען, מיינענדיג, אז מען איז שוין זיך דערגאנגען — וואָס זאָגסטו איז מיט מיר? דו ווייסט דען עפּעס, הא?...

— ניין, איך וויים ניט, דעריבער פרעג איך דאָס אייך: וואָס זענט איהר אזוי צורודערט?

— צורודערט. זאָגסטו, צורודערט, מעהר ניט ווי צורודערט, הא? מעהר ניט?!...

— דער חזן מוז „קלערען“ וועגען א גרויסארטיגען יום־נוראָים׳דיגען שטיק — האָבען די זינגער זיך משער געווען.

עס איז פערגאנגען נאך א חודש און דעם חזן האט דער שרעק אלץ ניט אבגעלאזען. עס איז איהם נמאס געווארען דאס לעבען.

וואלט ער שוין וויסען, אז ער האט געווים דעם קול פער־לארען, וואלט ער זיך אפשר בערוהיגט. פערפאלען! א מענש קען אייביג ניט לעבען (פערלירען דעם קול און שטארבען איז ביין חזן אלץ איינס געוועו), נאר די ספקות, דאס ווארפען זיך צווישען יא און ניין, דאס בלאנזשען אין „עולם־התוהו“, דאס אלץ האט דעם חזן ביטער געמאכט דאס לעבען.

איינמאל, א דאנערשטאג פאר שבת מברכים האט דער חזן בעשלאסען צו דערגעהן דעם אמת—ער קען שוין מעהר ניט פער־טראגען.

עס איז געוועזן פאר נאכט, דאס ווייב איז אוועק אין יאטקע נאך פלייש און די משוררים זיינען זיך צוגאנגען, עס איז נאר געבליבען דער חזן מיט'ן עלטסטען זינגער — יוסיל באס.

דער הזן האט אויף איהם געקוקט, געעפענט דאס מויל און צוריק פערמאכט, עס איז איהם געוועזן שווער ארויסצורעדען דאס וואס ער וויל. ענדליך האט ער ניט אויסגעהאלטען:

— יוסיל!

— וואס איז, חזן?

— זאג מיר, דו ביזט איין עהרליכער מאן?

יוסיל האט אויסגעשטעלט די אויגען אויף דעם חזן און האט געפרעגט:

— וואס עפיס היינט פרעגט איהר מיך, חזן?

—ברודער, יוסיל! — האט זיך דער חזן שיער ניט פונאנדערגעוויינט, — ברודער, יוסיל...

ער האט מעהר א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען.

— חזן, וואס איז מיט אייך?

— ברודער, יוסיל! זיי איין ערליכער מאן און זאג מיר דעם אמת, דעם אמת...

— איך פערשטעה ניט, וואס איז מיט אייך, חזן ? !

— זאג מיר דעם אמת, דו בעמערקסט אין מיר עפּעס א פערענדערונג ?

— זעהר ! — האט יוסיל געענטפערט, קוקענדיג ווי דער חזן איז בלייך און דאר — זעהר א גרויסע פערענדערונג...

— איצטער זעה איך, אז דו ביזט אן עהרליכער מאן. זאגסט דעם אמת אין די אויגען. ווייסט, ווי לאנג דאס איז שוין ?

— דאס וועט שוין זיין באלד א חודש, — האט דער זינגער געענטפערט.

— יא, ברודער, א חודש, א חודש, איך האב אבער גע־פיהלט...

דער חזן האט אבגעווישט דעם שוייס, וואס האט בע־דעקט זיין שטערען און האט ווייטער געזאגט :

— און ווי רעכענסטו, יוסיל, שוין טאקי פערלארען אויף אלע מאל ?

— וואס פערלארען ? — האט יוסיל געפרעגט, אנהוי־בענדיג צו פערשטעהן גאר עפּיס אנדערש.

— נו, וואס פרעגסטו נאך ?... הא ?... וואס קען איך פער־לירען ? געלד ! קיין געלד האב איך ניט — איך מיין, פער־שטעהט זיך, דעם קול.

דא האט שוין יוסיל אלץ פערשטאנען, ער איז געוועזן צו פיעל זינגער ער זאל דאס ניט פערשטעהן. מיט רחמנות'דיגע בליקען האט ער געקוקט אויפ'ן חזן, און האט געפרעגט :

—געוויס ?

— וואס, געוויס ? ! — האט זיך דער חזן ערמונטערט — עס קען זיין, אז ניט געוויס ? אדרבה, אדרבה, הלואי זאל דאס טאקי זיין א טעות.

יוסיל האט געקוקט אויפ'ן חזן און ווי א דאקטאר בע־געהט זיך מיט זיינעם א חולה, איז ער זיך מיט איהם בעגאנגען:

— געהמט „דאָ“! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט.
דער חזן האָט געהאָרכזאַם, ווי א שילער, געצויגען „דאָ“.
— ציהם, ציהט! פיער פערטעל — ציהט; — האָט יוסיל געקאָמאַנדעוועט, איינהערענדיג זיך מיט אויפמערקזאַמקייט.
דער חזן האָט געצויגען.
— איצטער, זייט מוחל, נעהמט „רע“!
דער חזן האָט געצויגען: רע־רע־רע! דער זינגער האָט זיך אָבגעשטעלט, טיעף פערטראַכט און האָט באַלד מיט א טרויריגען טאָן אַרויסגעזאָגט:
— עס איז ניט „דאָס“... פערלאָרען!...
— טאָקי אויף אייביג? — האָט דער חזן אויסגעשטעלט די צוויי דערשראָקענע אויגען.
— וואָס דען, א יונגעלע זענט איהר, נאָך אמאָל וועט איהר דען בעקומען א שטים?! אין אייערע יאָהרען איז שוין פערפאַלען!
דער חזן האָט פערבראָכען מיט די הענד, א וואָרף געטהאָן זיך צום טיש און אַריינלעגענדיג דעם קאָפּ אין די הענד האָט ער זיך צעוויינט, ווי א קינד.
אויף מאָרגען האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל שוין געוואוסט פון דעם אונגליק, אז דער חזן האָט פערלאָרען דעם קול.
— אויך א געשעפט! — האָט יעקב דער שענקער, א פּייַנער בעל הבית, געמאַכט עס צו קליין־געלד — וועט ער „שבת מברכים“ וועניגער האַלטען דעם עולם מיט זיין זינגעכץ — בעט ביי מיר א ביטערע ציבעלע פאַר׳ן גאַנצען קול...

ווייבערשער שרעק

איינגעשלאָפען איז חייענע מיט א וואוילער אידעע: מארגען וועט זי, אם ירצה השם, קאָכען אויף מיטאג ארבעס מיט קארטאָפעל, עס וועט זיין א „נייס“, און איהר לייבע וועט הנאה האָבען.

אז אין קליין שטיבעלע האָט דער בלאסער טאָג קוים אריינגעקוקט, האָט זיך שוין חייענע אויפגעכאַפּט. אָבגעוואַסען נעגעלוואסער, אָבגעזאָגט „ברכה“, זיך דערמאָנט אָן דער „וואוילער אידעע“, וואָס עס איז איהר פאר'ן שלאָף איינגעפאלען, און האָט זיך גענומען צום ביסעל ארבעס, וואָס האָט זיך געפונען גרייט אין איהר בעל־הבתיש'קייט.

די קינדער און לייבע זיינען נאָך פעסט געשלאָפען. אין שטיבעל איז שטיל געווען. נאָר דער האָהן, וואָס חייענע האָט געהאלטען אויף יום־כפור, האָט אלע 5 מינוט פון קאטוך אויסגעקרעהט זיין קוקעריקו און האָט געשטערט די שטילקייט.

חייענע האָט אויסגעשאָטען אויף א קליין טישטיכעל, וואָס האָט פערדעקט א האלבען טיש, די ארבעס פון פאַפּיער, האָט אָבגעשארט פון דעם גרויסען קופּקעלע א קליין קופּקעלע און האָט זיך גענומען איבערקלויבען. די ווערמדיגע האָט זי געווארפען אין א גלאָז און די ריינע אין אַ טעלער. יעדעס קופּקעלע האָט זי דריי מאָל איבערגעזעהן, עס זאָל חלילה קיין ווערימדיגער ארבעס ניט בלייבען און זי זאָל דערמיט יענע וועלט ניט פערשפּיע־

לעז, ווייל א ווערימדיגער ארבעס איז צעהן מאל מעהר טריף ווי חזיר. אזוי האט איהר די מאמע אמאל געלערנט, ווען זי איז נאך א מיידעל געווען.

אז זי האט איבערגעקליבען א העלפט פון די ארבעס, האט איהר אין די אויגען אנגעהויבען צו פינטלען. די ארבעס האט ווי א נעפעל פערדעקט און דאס קלויבען איז איהר שווער גע־ווארען. יעדען ווערימדיגען ארבעס האט זי מעהר אנגעטאפט מיט די הענד, איידער אנגעקוקט מיט די אויגען.

— עפעס איז מיר טונקעל אין די אויגען! — האט זי זיך דערשראקען און זי איז ניט געווען זיכער מיט יעדען ארבעס, וואס זי ווארפט איהם אין טעלער אריין פאר א ריינעם.

לכתחילה האט זי בעאונרוהיגט דער געדאנק, אז זי נעהמט אזא זינד אויף זיך, ניט דערזעהענדיג קען זי חלילה אריינ־ווארפען ווערימדיגע ארבעס אנשטאט ריינע. באלד איז אבער צו דעם שרעק נאך א גרעסערער צוגעוואקסען: זי איז ערשט אלט ביי א יאהר אכט און דרייסיג און די אויגען זיינען איהר שוין אזוי טונקעל.

זי האט זיך דערמאנט, אז די לעצטע צייט, ווען זי לייענט שבת ביי טאג דעם „טייטש חומש“ און צעוויינט זיך ביי די אור־מעטיגע ערטער, פערציהען זיך איהר אלע אותיות, ווי מיט א שלייער און מיט גרויס מאטערניש קומט איהר אן נאכדעם ווייטער צו לייענען.

— אויסגעוויינט די אויגען פאר דער צייט! צו אכט און דרייסיג יאהר! — האט זי געזיפצט, זיצענדיג מיט א געבויגענעם קאפ ביי דעם קופקעלע ארבעס.

און חייענע האט זיך דערמאנט, אז איהר גאנץ לעבען איז אוועק אין טרעהרען. מיידעל־ווייז האט זי געוויינט ביי יעדע פאר שיך, ביי יעדען קליידעל, וואס דער ארימער טאטע האט איהר געדארפט מאכען; כלה־ווייז האט זי געוויינט ביי יעדער עקשנות פון חתן, וואס האט אלץ געסטראשעט אבשיקען די

תנאים, אויב מען וועט איהם ניט געבען דאָס און יענעס; אתמער דער חופה שטעהענדיג האָט זי געוויינט, דערמאנענדיג זיך מיט וועמען זי פערבינדעט זיך; נאָך דער התונה האָט זי געוויינט, ווען לייבע האָט אויף איהר דעם ערשטען ברוס געטהאָן. היינט ווער קען צעהלען די טרעהרען ביי׳ן „טראַגנו", ביי׳ן „האַ־בען", ביי די קינדערס קראנקע „וויעגעליך"... ביי די יונגע קברים׳לעך", וואָס זי פלעגט אלע תשעה באב בעזוכען.

— אַ היבש ביסעל טרעהרען! — מאכט זי א סך חבל און זיפצט.

נאָר באלד דערמאָנט זי זיך, אז עס איז נאָך ניט גאָר. ניט ווייניג טרעהרען האָט זי ביים טייטש־חומש געלאָזען: ביי עקדת־יצחק, ביי „מכירת יוסף", ביי פרעה׳ס „גזרה" — אריינ־ווארפען די אינגלעך אין טייך, ביים חורבן בית המקדש... דער גאנצער „טייטש חומש" איז געל...

נאָך געלער פון אלע זיינען די בלעטער פון דער פרשה „ויצא", וואו עס דערצעהלט זיך מיט רחל און לאה׳ן, ווי יעקב אבינו האָט רחל ליעבער געהאט פאר לאה׳ן, ווייל לאה האָט געהאט שוואכע אויגען, זי האָט זיי אויסגעוויינט מיידעל־ווייז מורא האָבענדיג, אז עשו הרשע זאָל ניט זיין איהר מאָן, ווי זי האָט ברוח הקודש געזעהן.

— דאָס הארץ האָט מיר דאמאָלס געזאָגט! — לויפט דורך אין חייענעס קאָפּ, דערמאנענדיג זיך די טרעהרען, וואָס זי האָט אויף לאה׳ס מזל פערגאָסען.

און חייענען האָט זיך איצט געדאכט, אז לייבע וועט זי פון היינט אָן נאָך מעהר פיינד האָבען (מה־דאָך יעקב אבינו אזא צדיק!...), ער וועט נאָך מעהר ברומען און נאָך אָפטער חוזק מאכען: „יפיפיה". און ווער ווייס: אפשר וועט ער זי נאָך אמאָל א רוף טהאָן „בלינדרע!"

דער לעצטער געדאנק האָט זי א שטאָך געטהאָן. זי האָט זיך נעסטארעט איהם צו פערטרייבען און האָט אָנגעווענדעט

אלע פעהיגקייטען פון די אויגען איבערצוקלויבען דיין דעם רעשט ארבעס.

— עס איז נאך פינסטערליך, זעה איך ניט אזוי גוט! — האט זי זיך געטרייסט.

זי האט אבער א קוק געטהאן אין פענסטער און האט דער־זעהן, אז אויך דער גאס איז שוין גוט ליכטיג, און די טרייסט איז איהר פערשוואונדען.

*

אין א שעה ארום זיינען שוין אלע אין שטיבעל אויפגע־שטאנען. די עלטערע טאכטער, יענטיל, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן, האט זיך געשווינד אנגעטהאן און גענומען זיך העלפען דער מאמען, וועלכע האט שוין אין אויווען איינגעהייצט.

— מאמע, וואס זאל איך טהאן? — האט יענטיל גע־פרעגט.

חייענע האט זיך אומגעקוקט אין אלע פיער ווינקעלעך, ווי זי וואלט א סוד וועלען זאגען, און אז זי האט דערזעהען אויף זיכער, אז לייבע איז שוין נישטא, האט זי שטיל און שוואך, ווי זי וואלט ערשט פון א קרענק אויפגעשטאנען, געענטפערט:

— זעה איבער, מיין גאלד, די ארבעס.

— דו האסט נאך ניט איבערגעקליבען, הא, מאמע?

—איך האב אפילו יא איבערגעקליבען, אבער א קשיא אויף א מעשה — טאמער האב איך געלאזען ווערימדיגע. די אוי־גען, מיין קינד, דיענען מיר שוין נישט. מען קען זיך נאך חלילה מיט „טרפות" אנעסען — א ווערימדיגער ארבעס איז טריפה, ווי חזיר...

יענטיל האט זיך געזעצט ביים טיש איבערצוזעהן נאך אמאל די ארבעס און האט אלע ווילע אנגעזאגט דער מאמען ווי מיט א שמחה:

— אט איז א ווערימדיגער... אט איז נאך איינער!... אוי,

וואָס וועריִמדיִנגע אַרבעס דו האָסט, מאַמע, געלאָזען! וואָס איז דאָס עפּיס?

די פראַגע האָט חייענען געשניטען ווי מיט אַ טעמפּען מעסער איבער'ן האַרצען און זי האָט געענטפערט ווי מיט גאַל:

— איך זעה שוין ניט!

יענטיל האָט אויסגעשטעלט דערשראָקען די אויגען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— דער טאַטע וועט מיך גט'ן!... — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ געמאַכטען שמייכעל.

— אי, רעד ניט, מאַמע! — האָט די טאָכטער זיך שמערצליך פערקרימט.

— וואָס איז, נאַרעלע, — עס טרעפט ניט?... — האָט חייענע, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס, אַלץ געשראָקען איהר קינד, — דער טאַטע איז נאָך אַ יונגער מאַן און איך בין שוין אַן אַלטע יודענע — איך זעה שוין ניט...

— גוואַלד, גענוג, מאַמע! — האָט זיך יענטיל צושריען ווי מיט כעס און האָט קוים זיך איינגעהאַלטען, ניט צו פונאַנדערוויינען זיך...

חייענעס אויגען זיינען וואָס אַ וואָך אַלץ טונקעלער געוואָרען, און איהר שרעק איז אַלץ גרעסער געוואָרען. עפּעס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ליבע ווערט צו איהר וואָס אַ טאָג קעלטער, קוקט ניט אין איהר זייט, און ווי ער עסט אָב, געהט ער אוועק אין מאַרק.

אויסער איהר שרעק פאַר'ן מאַן, האָט זי געליטען שבת אין שוהל ביים דאַווענען און איבערהויפּט ביי די „תחינות“. מילא די תחינה ביים „אויסנעהמען“ האָט זי שוין געקענט אויסווענדיג; אַז עס פלעגט אָבער קומען אַ „שבת מברכים“ און מען פלעגט דאַרפען לייענען די תחינה פאַר ראש־חדש בענטשען, פלעגט זי מיט קנאה קוקען אויף די ווייבליך אין איהרע יאָהרען, וואָס זיצען, ווי די שרה'טעס מיט די תחינות אין די הענד און לייע־

גען ווי א וואסער און וויינען. זי פלעגט דאן די תחינה צו־טראגען, ווײַט נעהענטער צו די אויגען, בעמיהען זיך ניט צו וויינען (האָט'ס, מײַשטיינס געזאָגט, וואס פאר א טעם א תחינה האט אהן טרערען — אַלץ איינס ווי א התונה אהן כלי־זמר...) נאָר דאס האט איהר ווענינ געהאָלפען: די אותיות פלעגען זיך ווי צוזאמענגיסען און זי פלעגט קוים א ווארט דערזעהן, אויסער די גרעסערע ווערטער, וואס שטעהען פון אָנהויב, ביי יעדער „רבונו של עולם". נאָר די גרעסערע ווערטער זיינען לשון־קדש, זיי זיינען טאקי מעהר היילינ, די מצוה וואס מען האט פון זיי איז נאָך אפשר אויף יענער וועלט גרעסער, דאָך זיינען זיי איהר עפּעס פרעמד, זי פערשטעהט זיי ניט... א י ה ר ע ווער־טערליך, וואס זיינען געדרוקט מיט קליינע אותיות'ליך ווי פּע־רעליך, וועלכע רעדען צו איהר הארצען און זיינען איהר אזוי נאָהענט און ליעב, — אָט די אותיות'ליך ווילען איהר מעהר ניט דיענען, ווי זיי וואָלטען ברוגז אויף איהר געוואָרען, און ווי זי הויבט זיי אָן צו „זאָגען" הויבען זיי אָן צו שפּרינגען און בע־האלטען זיך אונטער א שווארצען שלייער..

— מיט וואס האָב איך אזוי פערזינדיגט ביי דיר, רבונו של עולם? — וויינט חייענע אין דער שטיל, זיצענדיג אין שוהל ביי דער תחינה — וואָס האסטו מיר אזוי יונג גע־שטראָפט, טאַטע זיסער!...

און שבת ביי טאג איז איהר איינציגער פערגעניגען און טרייסט, וואָס זי פלעגט געניסען פון „טייטש־חומש", אויך אָבגענומען געוואָרען. זי פלעגט אפילו אָבזיצען ביי איהם די וועלבע צייט, וואָס אלע מאָל, זי האָט מורא געהאט, אז לייבע זאָל ניט א חשד ווארפען אויף איהרע אויגען, אויב זי וועט גאָר ניט לייענען. נאָר אָנשטאָט, וואס אלע מאָל פלעגט זי לייענען און וויינען צוזאמען, פלעגט זי היינט וויינען אליין אויף איהר פריהצייטיגען ועלקען, און לייבע פלעגט גיט איינמאָל ברו־מען, צוכענדיג זיך פון שלאָף נאָך'ן שבת'דיגען טשאָלענט:

— וואָס האָט זי זיך דאַרטען צוויאַכמערט, מיין „צדקניות“ ?...

„אַלטע יודענע! פלעגט חייענע אַבקלינגען אין די אויערען און זי פלעגט שטילער ווערען...

איהר „פעהלער“ האָט זי איינמאָל אין שוהל שבת פערטרויט דער „רבי׳צין“, אַ אידענע, וואָס האָט אויסגעזעהן געעלטערט פאַר דער צייט, מיט אַ געקניימשט פּנים, מיט שוואַרצע גוטע אויגען, וועלכע האָבען פרום און טרויריג געקוקט, אונטער די שפּאַקולען, וואָס זי האָט געטראַגען ביי די תחינות, ווי זיי וואָלטען אויסגעדריקט עפּעס אַ בענגשאַפט, אַ ציהעניש צו אַנדערע וועלטען.

— וואָס טהוט מען רבי׳צין ? — האָט זיך חייענע געווענדעט צו איהר בשעת „קראת התורה“. — איך זעה שוין ניט ווי צו לייענען.

— איז וואָס, מיין טאָכטער, — האָט זי די רבי׳צין געטרייסט — קויף אַ פּאָר שפּאַקולען ווי מיינע...

חייענע האָט אַ ציטער געטהאָן.

— עס קאָסט סך הכל אַ גילדען און עס עפענען זיך די אויגען! — האָט די רבי׳צין ווייטער געזאָגט, בעמערקענדיג חייענעם פערלעגענהייט.

— איך בין, רבי׳צין, ערשט אַכט און דרייסיג יאָהר אַלט!

— האָט חייענע שוואַך אַרויסגערעדט — איך שעם מיך...

— איך גלויב דיר, מיין טאָכטער, איך האָב מיך אַמאָל אויך געשעמט... נאָר וואָס זאָג איך אַמאָל? ערשט צוויי יאָהר, אַז איך טראָג זיי... אודאי שעמט מען זיך לכתחילה, וואָס זאָל מען אָבער טהאָן? — מעסט אָן אויף טשיקאַוועס מיינע שפּאַקולען, דאַכט זיך, זיי וועלען זיין גוט אויף דיר.

און די רבי׳צין האָט אַראָבגענומען פון איהר שמאָלע נאָז

די שפּאקולען, און האָט מיט א ליעבליכען שמייכעל אנגעטהאָן זיי אויף חייענעס נאָז..

חייענען האָבען זיך געביטען די פארבען, דאָ איז זי רויט און דאָ בלייך געוואָרען, ווי עס טרעפט מיט א יונג־מיידעל, ווען זי מעסט אָן א מאנסבילישע היטעל...

— נו, פּרוב אין זיי אביסעלע לייענען דאָ אין מיין תחינה.

די רבי'צין האָט איהר אונטערגעטראגען די תחינה און חייענע האָט מיט א קלאָפּענדען הארצען אריינגעקוקט.

— נו ? האָט די רבי'צין געפרעגט, ווי א דאקטאר — זעהסט ?

— שייך, איך זעה ! — האָט חייענע געענטפערט פרעה־ליך. עס איז מיר ליכטיג אין די אויגען געוואָרען, פּונקט ווי א חרש נאָך דער חתונה...

„רבונו של עולם — האָט חייענע אנגעהויבען לייענען — „הארר פון אלע וועלטען, דערפיל דאָס בעגעהר פון מיין הארץ צו גוטען און טהו אויסציהען מיין רצון און טהו געבען מיין געבעט און דיין שכינה זאָל אויף אונז טהאָן רוהען און מאך ציינען אויף אונז איין געמיטה פון קלוגהייט און פערשטאנד און עס זאָל מקוים ווערען אויף אונז דער פּסוק : ונחה עליו און עס וועט אויף איהם רוהען א געמיטה פון גאָט און א גע־מיטה פון חכמה"...

— דאָ לייענסטו אלע שבת — ביזטו געניט — האָט די רבי'צין איבערגעשלאָגען, פון דאנען איז נאָך קיין ראיה ניט, אז דו זעהסט אין די שפּאקולען. נא לייען אָט דאָ אין דער תחינה — עס איז א שפּאָגעל נייע תחינה, דו האָסט זי נאָך קיינמאָל ניט געהאט.

די רבי'צין האָט פערריכט אויף חייענעס נאָז די שפּאקו־לען, געמאכט איהר א בעמערקונג, אז מען דארף זיי טראגען העכער, חייענע האָט קרענקליך א שמייכעל געטהאָן און האָט זיך אנגעהויבען לאָזען עקזאמינירען אין דער שפּאָגעל נייער תחינה:

„רבונו של עולם, הערר פון אלע וועלטען, וואס דו ביזט דער בעשעפער פון מענשען און האסט איהם בעשאפען א גוף מיט א נשמה דער גוף איז עפר מן האדמה...“

— שטויב פון דער ערד... — האט די רבי׳צין אונטערגע־חאפט, ווי א דארשטיגער האפט די קווארט פון א צווייטענס האנד, ווען יענער האלט אין טרינקען...

„שטויב פון דער ערד — האט חייענע פארטגעזעצט, אריינגעהענדיג אלץ מעהר אין א טרויעריגען תחינה־נגון — „און די נשמה איז גענומען געווארען פון אונטער דיין הייליגען כסא הכבוד און ווען דער מענש שטארבט שיידען זיי זיך פער־נאנדער, יעדערער געהט אוועק צו זיין ארט, דעם גוף לעגט מען אין קבר...“

— וואס דען! — האט די רבי׳צין איבערגעשלאגען — אודאי אין קבר! מען האלט נישט דעם זינדיגען גוף....

„דעם גוף לעגט מען אריין אין קבר און ער ווערט פער־פוילט און ער ווערט אומגעקעהרט צו דער ערד...“

— נו, גענוג! — האט די רבי׳צין איבערגעשלאגען. — זעהסטו, ווי אזוי דו לייענסט אין שפאקולען!

— שייך, איך זעה, ממש ווי ניי געבוירען — האט חייענע זיך ענטציקט — ווי א חדש נאך דער חתונה.

— אט וועסטו קויפען, אם ירצה השם, נאך שבת א פאר שפאקולען, וועלען זיך עפענען דיינע אויגען.

חייענע האט זיך טרויריג פערטראכט. פיהלענדיג אויף דער נאז די שפאקולען, האט זיך איהר געדאכט, אז זי זעהט אויס אלט און מאוס... און איהר האט זיך פארגעשטעלט, ווי זי זיצט שבת ביי טאג, ביים טייטש־חומש, — די שפאקולען אויף דער נאז און לייענט. ליבע שטעהט אויף פון שלאף, געהט צו צום טיש, קרימט זיך בייז קוקענדיג אויף איהר און מורמעלט:

— אלטע באבע!

זי וועט זיך ניט קענען איינהאלטען: „דיר גיט געפעלען!
— וועט זי איהם ענטפערן — „קענסט מיך גט'ן, אז דו ווילסט“.

— חאטש מארגען! וועט זיך ליבע אנחאפען מיט שמחה.

און ליבע וועט האלטען ווארט, וועט זי שלעפען צום רב אויף מארגען און וועט איהר אין א האלבע שעה אב'גט'ן (ווי־פיעל געדוייערט עס דען?...) קיין כתובה וועט ער איהר ניט געבען — ער האט ניט וואס, וועט זי אויף מארגען נאכ'ן גט ווע־רען אזא אונגליקליכע, ווי האטע די „עגונה“ וואס דער מאן האט זי אוועקגעווארפען, און זי געהט אום אין אלע בעל־בתי'שע הייזער און בעט מיט טרערען מען זאל איהר געבען גרעט וואַ־שען, גענז פליקען, דייזשעס קנעטען...

חייענע האט אנגעהויבען צו שווידערן. זי האט אריינגע־קוקט דורך די „פענסטערליך“ אין דער מאַנסבילשע שוהל. ליי־בע איז געשטאנען נעבען זיין „שטאַדט“, דער טלית פערווארפען פראנטיש איבער די אקסלען, האט געגלעט צופריעדען דאס קליין־שווארץ בערדיל און האט, ווי געשמייבעלט.

— נאָך גאָר א יונגער מאַן — האט זי קוקענדיג אויף איהם געטראכט — ער וועט נאָך נעהמען א מיידעל...

דער געדאנק האט איהר א קלאפּ געגעבען.. זי האט גע־שווינד, ווי עס וואלט א דונער געטהאן, זיך אבגערוקט פון די „פענסטערליך“.

— נאט אייך די שפּאקולען! — האט זי זיך געווענדט צו דער רבי'צין און אראָבגעריסען געשווינד פון נאָז די שפּאקו־לען, ווי זי וואָלט זיך געוואלט ראטעווען פון א גרויסער סכנה, וואָס איהר שטעהט פאָר...

— נו, וועסט אם ירצה השם, קויפען שפּאקולען מארגען, הא? — האט די רבי'צין בעזארגט געפרעגט.

— ניין, רבי'צין! עס וועט איבערגעהן... — האט חייענע געשטאמעלט פאר שרעק — איך בין ערשט אלט אכט און דריי־סיג יאָהר, עס איז נאָך פריה... „מיינער“ זעהט נאָך גאנץ גוט...

איך וועל ביי א דאָקטאר א פרעג טהאָן.... מען זאגט, עס איז פארהאן צו אויגען אזא וואסער... עס ווילט זיך, טהייערע רבי'צין, ניט ווערען יונגערהייט קיין באָבע, עס ווילט זיך ניט...

חייענע האָט זיך אָבגעהאקט, ווי זי וואָלט א גרויסע נאַרישקייט ארויסגערעדט.

די רבי'צין האָט אויף איהר אויסגעשטעלט די אויגען, גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזיפצט:

— אוי, זינדיגע ווייבער!

אויף מבינות

די כלה האָט מען אַראָבגעבראַכט אויף די אַנדערע טעג יום־טוב. זי איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, דאָס געזיכט אַ קליינס, די אויגען שוואַרצע מיט אַ פאַרלאָשענעם גלאַנץ, און עס איז אין זיי געלעגען אַ טרויעריגער ערנסט, עפּעס אַ מין יאוש.

די תנאים זיינען געווען מיט אַ חדש צוריק. דעם חתן'ס פאָטער איז אויף די תנאים ניט געפאָהרען, ער האָט קיין צייט ניט געהאַט. און אַגב האָט די מחותנת'טע, דעם חתן'ס מוטער, זיך געהאַלטען, אַז זי איז מעהר מבין אויף אַ כלה ווי ער.

דער וועג איז געווען אַ שלעכטער. די גאַנצע פינף שעה, וואָס די רייזע האָט געדויערט, האָט געגאָסען אַ קאַלטער רע־גען, און אַ ווינט, אַ בייזער, אַ כעסן, האָט געריסען די טוך, אין וועלכע די כלה איז געווען איינגעוויקעלט און אַז ער האָט ניט געקאָנט גובר זיין די טוך האָט ער אַריינגעבלאָזען אונטער דער טוך, און זי איז געקומען צו פאָהרען אַ דערפרוירענע.

— לאָמיר נאָר אָנקוקען די כלה — עפּעס אַ שעהנע?

— האָט דעם חתן'ס פאָטער ר' חיים, דערהערענדיג אַז די כלה איז געקומען, פרעהליך מיט אַ וויצעלע אויסגערופען.

ער האָט זיך אויסגעצויגען מיט די הענד אין די באַקעס, אויסגעשטעלט זיינע גרויסע סאַרע אויגען און האָט אָנגעהויבען קוקען מיט אַן ערענסטען שמייכעל.

— נישקשה ! — האָט ער ענדליך ארויסגעזאָגט און ווייטער זיך גענומען בעטראכטען, און ענדליך צוגעגעבען:

— חשך אביסעל !

די כלה האָט זיך געסטארעט צו שמייכלען און האָט געענטפערט:

— איהר וועט מיר גוט צוזעהן וועל איך זיך ביי אייך אין נעסט פּאָפּראווען.

— נערעכט, גערעכט ! — האָט ר' חיים צופריעדען אויסגערופען — און ער האָט שוין בעשלאָסען ביי זיך אין געדאנק, אז זי איז ניט קיין נאר.

באלד איז אין שטוב געוואָרען אַ גרעסערער גערודער. די קינדער, וועלכע זיינען ווער אויפ'ן גאס און ווער אין א צווייטען צימער געווען, זיינען זיך צוזאמען געקומען און אָנגעהויבען אָהן שום צערעמאָניעס אריינגרוקען זייערע גאנצע פּנים'ער אין דער כלה'ס פּנים אריין, כדי איהר בעסער צו בעטראכטען, און דאָס יונגסטע אינגעל בערטשיק, מיט ניט גאר קיין ריינעם נעזל, האָט זיך אזוי נאָהנט צו איהר צוגערוקט, אז די כלה ווי העפליך זי האָט זיך ניט געוואָלט האלטען, האָט זיך דאָך אבגעקעהרט פון איהם...

באלד איז א פערסאָפּעטער פון גאס אָנגעקומען דער חתן.

ער האָט איהר גלייך געגעבען די האנט, געפרעגט מיט האלבען מויל : וואס מאכ.. די איבעריגע אותיות האָט ער פערשלונגען, עס זאָל ניט זיין קענטיג, צי ער „דוטשעט" זי, צי ער „איהרצט" זי און איז זיך געלאָפען איבערטהאָן.

— די כלה מוז וועלען עסען ! — האָט דעם חתן'ס מוטער,ביילע, א נארישע אידענע, וואָס האָט זיך געהאלטען פאר א גרויסע חכמה, בעמערקט.

— ניין, א דאנק ! — האָט די כלה, וועלכע האָט זיך שוין צוגעזעצט, געענטפערט — איך וויל נאָך ניט עסען.

—וואו האָסטו געגעסען ?—האָט די מחותנת'טע געפרעגט.

— ארויספאָהרענדיג פון דער היים! — האָט די כּלה גע־ענטפערט און האָט אראָבגעלאָזען די אויגען אויף איהר קיי־טעלע, וואָס דער חתן האָט איהר צו די תנאים געגעבען א מתנה.

— די כּלה וויל בעסער אָברוהען! — האָט ר׳ חיים הויך אויפ׳ן קול גערעדט, ווייל איהם האָט זיך געדאכט, אז וואָס העכער ער וועט רעדען וועט ער אלץ מעהר פריינדליכער זיין.

די כלה האָט זיך געפיהלט ווי בעפרייט פון עפּעס שווע־רעס און האָט לייכט אָבגעאָטעמט. זי האָט געוואָלט א הוסט טהאָן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאלטען.

— איך וואָלט זיך טאַקי וועלען צושפּארען א ביסעל!— האָט די כלה זיך ארויסגעהאפּט און האָט גלייך חרטה געהאט, ווייל דאָס לעצטע וואָרט האָט זי ארויסגעזאָגט מיט א הייזע־ריגליכען קול און זי האָט בעמערקט ווי די מחותנים האָבען איי־נער אויפ׳ן צווייטען א קוק געטהאָן.

דעם חתן׳ס מוטער האָט זי אריינגעפיהרט אין א זייטיגען האלב־פינסטערן צימערל, האָט איהר אָנגעוויזען וואו צו לעגען זיך און איז ארויס.

די כלה האָט זיך געפיהלט ווי בעפרייט פון עפּעס און האָט לייכט אָבגעאָטעמט. זי האָט געוואָלט א הוסט טהאָן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאלטען.

אז זי האָט אבער איינגעדרעמעלט•האָט זי זיך פערגעסען וואו זי איז און האָט זיך צוהוסט ווי אין דער היים, פריי און אונגעשטערט.

דער מחותן, ר׳ חיים, וועלכער איז געשטאַנען נעבען טהיר פון צימערל און האָט זיך איינגעהערט צו יעדען מינדס־טען שאָ־ה, וואָס דאָרט קומט פאָר, האָט דעם הוסט גלייך דער־הערט, האָט א וואונק געטהאָן צו דער מחותנת׳טע און האָט שטיל געזאָגט:

— ריך דאכט, אז זי איז א קראנקע!...

די מחותנת׳טע, וועלכע איז געווען די גאנצע מבינ׳טע אויף דער כלה, האט ניט איינגעשטימט.

— נאך א נייעס! וואס נאך וועסטו אויסקלערען!

— זי איז א קראנקע! — האט זיך ר׳ חיים געהאלטען ביי זיינס.

— געה, געה, משוגענער! — האט שוין די מחותנת׳טע זיך געבייזערט.

— ביזט א שארפע מבינ׳טע! — האט ר׳ חיים זיך גע־קרימט, — האסט געקליבען און טאקי פיין אויסגעקליבען.

די כלה האט זיך גענומען וועקען. די מחותנים ביי דער טהיר האבען געוואונקען עס זאל זיין שטיל. באלד האט זיך דערהערט א הוסט...

— נו? — האט דער מחותן אויסגעשטעלט די אויגען אויף דעם ווייב.

— מאלע וואס א מענש הוסט, זיך אודאי צוגעקיהלט. פאהרענדיג.

— דאס קאן אויך זיין אמאל! — האט דער מחותן איינ־געשטימט. — פונדעסטוועגען קאן מען זיך דערויף ניט פער־לאזען. מען דארף זי גוט בודק זיין. מען וועט נאך זעהן: ממה נפשך: גוט — גוט, ווען ניט, איז ניט געפידעלט.

— ששששש! — האט די מחותנת׳טע געלעגט דעם מיטעלס־טען פינגער פון האנד אויף דער נאז — רעד ניט אזוי הויך...

אין א שעה ארום איז די כלה אויפגעשטאנען. איין באק, אויף וועלכע זי איז געלעגען, איז געווען ניט נאטירליך רויט, די אנדערע באק בלאס און פערוועלקט. די מחותנים האבען געקוקט אויף איהר מיט חשד. מעהר אבער האט געקוקט די מחותנת׳טע. זי איז געווען די מבינ׳טע, זי איז פעראנטווארט־ליך! זי מוז ארומזעהן די כלה פון אלע זייטען.

אין קוקענדיג אויף איהר א היבשע ווײלע, פון וואָס די כלה האָט ניט געהאַט וואוהין צו טהאָן איהרע בליקען, האָט די מחותנת׳טע בעמערקט עפּעס א שראַם אויפ׳ן שטערען.

— וואָס איז דאָס ביי דיר, טאָכטערקע, פאַר א צייכען אויפ׳ן שטערען? — האָט זי געפרעגט גאָר אָהן צערעמאָניעס.

די כלה האָט זיך דערשראָקען. איהרע ליפּען האָבען זיך געקרימט פון פּיין... דער שראַם איז איהר געקומען פון א פאַל נאָך אין דער קינדהייט. זי האָט עפּעס געוואָלט פאַרצעהלען. זי ווייסט דערפון די גאַנצע מעשה. די מאַמע איהרע פלעגט עס פאַר אַלע ווייבער פאַרצעהלען. נאָר די צונג האָט איהר ניט גע־דיענט. און זי האָט עפּעס ניט דייטליך ארויסגעשטאַמעלט:

— דאָס איז גאָר נישט... דאָס איז גאָר נישט... די מחותנים האָבען זיך ווידער איבערגעקוקט, שוין אבער מיט מעהר ערנסט. דער חתן, וועלכער האָט זיך שוין איבערגעטהאָן און איז אומגעגאַנגען הין און צוריק אין דעם נייעם אָנצוג, די הענד אין די קעשענעס, האָט זיך אויף אבגעשטעלט, צוגע־גאַנגען נאָהענט צו דער כלה, און האָט טיעף ארייננגערוקט זי. פּנים מיט א מינע פון א שאַרפען מבין..

די אנדערע טעג יום־טוב האָט מען געפיהרט די כלה אויף „כיבוד" צו קרובים. דער מיין איז אבער געווען הערען מבינות אויף דער כלה. די משפּחה איז געווען א גרויסע: מען האָט זי געפיהרט פריהער צום חתנ׳ס זיידען, ר׳ לייזער. דאָרט איז עס צוגעגאַנגען גרינג. ערשטענס האָט דער אַלטער נישט געקוקט אויף ווייבער, צווייטענס, האָט ער געלאָזען אין שוהל די שפּאַ־קולען און אָהן שפּאַקולען זעהט ער סיי ווי סיי גאָר נישט. די באָבע האָט גראַד דעם טאָג געליטען אויף רעוומאַטיזם און האָט געקרעכצט אין בעט. שווערער איז עס צוגעגאַנגען ביי די פעט־טערס און מומעס. דאָרט פלעגט די מחותנת׳טע אברופען די ווייבער אָן א זייט, אָנווייזען מיט׳ן פינגער אויף דער כלה און

פרעגען אזוי שטיל, אז די כלה פלעגט הערען יעדעס וואָרט:
— וואָס זאָגסטו? דער „אלטער“ זאָגט, אז זי איז א קראנקע.
— הא... פלעגט א מומע אויסשטעלען די אויגען און קוקען אויף דער כלה...

דאָ פלעגט שוין די כלה ניט הערען. דער געשפּרעך פלעגט שטילער ווערען. נאָר זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אזעלכע מיי־נונגען, פון וואָס דאָס בלוט פלעגט איהר ווערען פערקיהלט.

איין עלטער־מוהמע, ביי וועלכער מען איז געוועזן צום לעצ־טען, א נידריגע דיקע פרוי, האָט איהר גאָר אָבגעזאָגט אינגאנ־צען דאָס לעבען.
— זי איז דאָך א מסוכנת... זי איז דאָך א געשטארבענע...
האָט זי אין א ווינקעל, אברופענדיג די מחותנת'טע — בע־שלאָסען... זי פערזוכט דאָך גאָר נישט פון טיש...
— יא, יא... האָט די מחותנת'טע געזיפצט. איך ווייס גאָר ניט וואו זיינען מיינע אויגען געוועזן!... וועה איז מיר...

— נו, וואָס טהוט מען איצטער? האָבען די מחותנים גע־שמועסט, קומענדיג אהיים, צווישען זיך, ווען די כלה איז ארויס־געגאנגען אין א צווייטען שטיבעל.
— איך ווייס? — האָט געזאָגט דער מחותן.
— איך ווייס? — האָט געענטפערט די מחותנת'טע.
— נו, וואָס זאָגסטו, חתן?
— איך ווייס? — האָט דער חתן געדריקט מיט די פּליי־צעס. — טהוט ווי איהר פערשטעהט.
און דערהערענדיג טריט האָט ער א וואונק געטהאָן:
— שא, זי געהט!...
די כלה איז אריין אין שטוב. פערשטעהענדיג, אז מען האָט וועגען איהר גערעדט, האָט זי זיך ניט געהאט וואוהין צו טהאָן.

— נו, ווילסטו שוין אפשר עסען ? — האָט די מחותנת׳טע ווייטער געפּרעגט.

— ניין, א דאנק...

— דו עסט אלע מאָל אזוי ווייניג ? — האָט דער מחותן געפּאָרשט, ווי א דאָקטאָר.

— פערקעהרט.... האָט די כלה געשטאמעלט, פערשטע־הענדיג וואוהין מען ציעלט מיט דער פראגע.

— הייסט עס, האָסט יא אפּעטיט.

— ניט צו פערזינדיגען ! — האָט די כלה געפּרובט שמייכלען.

עס איז געווארען שטיל א וויילע. דער מחותן האָט אראָב־געלאָזען דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש און האָט זיך פערטראכט. באלד אָבער האָט ער זיך ערוואכט, ווי אין קאָפּ וואָלט איהם אריינ־געפאלען א גרויסע אידעע און האָט זיך געווענדעט צו דער כלה מיט א קוראזש :

— זאָג מיר מיין טאָכטער, דו ביזט, חלילה, ניט קיין שטי־קעל חולה ?...

די כלה איז בלייך געוואָרען, זי האָט אינגאנצען א ציטער געטהאָן און האָט א ווארט ניט געקאָנט אויסרעדען...

נאָך יום־טוב איז זי אוועקגעפאהרען א קראנקע אויף אן אמת....

[library stamp]

דער קוש

חיה ביילה׳ס „שטוב“ האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער גאַנצער גאַס. דעם נאָמען האָט די שטוב פאַרדינט ניט צו־ליעב איהר עשירות, ניט צוליעב איהר צדקה, נאָר צוליעב די שטענדיגע קריגערייַ, קולות, געשרייען און קללות, וואָס האָבען זיך פון דאָרט שטענדיג געטראָגען, סיי זומער — דורך די קליינע אָפענע, סיי ווינטער — דורך די צווייענדיגע פערמאַכטע און גוט אַרומגעקלעבטע פענסטער...

די ערשטע צייט, מיט יאָהרען צוריק, ווען די דאָזיגע קולות האָבען זיך צוליעב דעם אונטערגעוואַקסענעם „הויזגע־זינד“ נאָר וואָס זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען, פלעגט ניט זעלטען ביי דער שטוב אַ גאַנץ רעדיל זיך צונויפקלייבען. מאַנ־כע פון רעדיל פלעגען לאַכען, מאַנכע פלעגען בעדויערן און אַנדערע, רודף־שלום׳ניקעס, פלעגען זיך טאַקי אין שטיבעל אַריינכאַפּען און אָנהייבען צו מוסר׳ן:

— פע, חלשות, די גאַס איז דאָך אויף! עס איז דאָך אַ חרפּה פאַר לייטען!

געוועהנליך פלעגט אַזאַ „רודף־שלום׳ניק“ האַפּען אַ פּסק, ווי ער האָט פערדיענט פאַר זיין גרויס חכמה אַריינצומישען זיך דאָרט, וואו דער דלות, דחקות און פערביטערטקייט קריגען זיך, און האָט שוין נאָכדעם פערזאָגט אַ צעהנטען, ניט צו מישען זיך אין פאַמיליען לעביי

שפּעטער אבער איז מען שוין צו דער דאָזיגער שטוב גע־וואָהנט געוואָרען, מען האָט שוין אויף דער שטוב מיט דער האַנד אוועקגעמאכט:

— אַ פערשאָלטענע שטוב!

קריגען, זידלען און שעלטען, דערהויפּט שעלטען, פלעגט זיך די מוטער מיט׳ן מאַן, מיט די קליינע קינדער און דער עיקר מיט דער עלטערער טאָכטער, — דווקא מיט דער עלטערער, פון וועלכער זי האָט אַזוי געגאַרט נחת צו זעהן, פיהרען זי צו דער חופּה און דערלעבען פון איהר אייניקלעך...

דאָס אבער פלעגט זי טראַכטען אין האַרצען אין גוטע מי־נוטען, ווי שבת נאָך וואַרעמס, ווען דער טשאָלענט איז אַרויס געראָטען, און דער קוגעל איז ניט צוקראַכען געוואָרען, וואָס פלעגט אייגענטליך זעלטען טרעפען, אָדער אין שוהל ביי דער „תחנה פאַר קינדער“ און אין נאָך אַזוינע גליקליכע רוהיגע מי־נוטען.

דאָס זיינען איבעריגענס נאָר מינוטען געווען. דאָס לעבען אָבער בעשטעהט פון יאָהרען, לאַנגע וויסטע יאָהרען אין דחקות און אין נויט. און אין אַזוינע יאָהרען זיינען גוטע מינוטען ביי דער מוטער פון דער שטוב זעהר ווענינ געווען, און אום אויסצוקיהלען דאָס „פערביטערטע האַרץ“ איז געווען דאָס איינ־ציגע מיטעל — שילטען...

אין קללות איז חיהביילע געווען געניט, מען קען זאָ־גען, אַז זי איז געווען אַ שילטערקע מיט גאָטס גנאָד. אין קללות איז זי געווען שטאַרק אָריגינעל. איהר פערביטערטע נשמה האָט פיינד געהאַט אַ געוועהנליכע שאַבלאָנע קללה, וואָס יעדע „יענטע“ אין גאַס בענוצט זיך מיט איהר. חיה ביילע האָט גע־האַט איהר אייגענעם רעפּערטואַר קללות, קללות אין פּראָזע און אין גראַמען. די קללות אין גראַמען פלעגט זי בענוצען אין אַ רוהיגער צייט, אפשר מאָל אַלס אַ גוט וואָרט, אַ פריינדליכ־קייט. אַ קינד פרעגט, למשל: מאַמע, וואו איז דער מעסער?

ענטפערט חיהביילע: זאָלסט ניט וואַקסען גרעסער! ווען א קינד רופט אמאָל: מאמע! ענטפערט חיה ביילע צום גראַם: זאָל דיר זיין א יאמע! דאָס וואָס יאמע איז ניט קיין ריין אידיש וואָרט האָט איהר ניט געאַרט. זי האָט געשאָלטען, ווי געזאָגט, נאָר אום אויסצוקיהלען איהר האַרץ, וועלכעס איז שטענדיג געווען פערביטערט, אבער ניט צוליעב דער קונסט..

א זומער פריה־מאַרגען.

די עלטערע טאָכטער, זעלדע, איז געשטאַנען איינגעבויגען ביי דער באַנק, וואָס האָט געדיענט אנשטאָט א קיך, און האָט געוואַשען דאָס געפעס פון דער נעכטיגער וועטשערע. די וועטשערע איז נעכטען בעשטאַנען פון קאַרטאָפעל מיט בעבלעך, א שטאַרק אָנגעלעגטער מאכל ביי חיה ביילען אין שטוב, פאַר וואָס די קינדער שלאָגען זיך ממש. אמת, די עלטערע קינדער זיינען שוין אויסגעשטאַטקעוועט, אויסג׳דרך־ארץ׳ט, זיי ווייסען, אז ווי פיעל מען גיט, דאַרף זיין גענוג, אבער די דריי קלענערע קינדער זיינען נאָך ניט גענוג ערצויגען, נאָך ווענינ קלעפּ און קללות האָבען זיי בעקומען, און זיי שרייען שטענדיג: נאָך! נאָך! — און מען רייסט איינס ביים אנדערן פון די טעלער, פאַר וואָס חיה ביילע שילט צום גראַם און אָהן גראַם...

יאַ, די וועטשערע איז געווען א גוטע. די קאַרטאָפעל איז ממש צוגאַנגען אין מויל. פון די בעבליך רעדט מען שוין ניט. ווער ווייס דאָס ניט, אז בעבלעך איז אזא מאכל וואָס היילט ממש אין האַרצען!... דערפאַר אבער האָט די דאָזיגע וועטשערע א חסרון, וואָס דאָס געפעס נאָך איהר איז שווער צו דערוואַשען. אז מען חאַפּט זיך גלייך נאָך דער וועטשערע אויסצוּוואַשען עס איז נאָך א האַלבע צרה, קען מען זיך נאָך אַן עצה געבען; ווער האָט אבער צייט צו וואַשען זיי ביי נאַכט? גלייך נאָך וועטשערע מוז מען אויסבעטען די בעטען. צוליעב די בעטען וואָלט אפילו די אַרבייט ניט געדויערט. סך הכל גע־

פינען זיך אין שטיבעל צוויי בעטען. דאָס ארבייטען גערויערט אבער טאָקי דערפאר, וואס קיין פיעל בעטען זיינען ניטאָ... און יעדע נאכט מוז מען אין דער גיך, ווי מען בויט באריקא־דען, להבדיל, אויסבויען צו די צוויי נאָך פיער בעטען... און די ארבייט נעהמט אוועק די צייט און דאָס געזונד און דאָס לע־בען... די ארבייט איז אפילו א פרעהליכע, בשעת זעלדע ארבייט, האלט אונטער חיה ביילע מיט קללות, מיט געשרייען, און די קלענערע קינדער, וואָס ווילען שוין שלאָפען, שווייגען אויך ניט. שטעהענדיג שוין מוכן ומזומן צום שלאָפען געהן, האלט יעדער די אלע צעהן פינגערליך אין קאָפּ, קראצען זיך מיט כונה און רייסען זיך אויפ'ן האלז. אודאי קען זיך זעלדע ביי דער ארבייט ניט לאנגווייליגע, אבער קיין צייט אויף די געפעס וואַ־שען, ווי געזאָגט, בלייבט איהר שוין ניט, און זי לעגט עס אָב אויף מארגען פריה.

און שטעהענדיג א גאנצע נאכט, ווערען די טעלער, לע־פעל און די גרויסע שיסעל פערטריקענט. דערזעהענדיג זיי אין דער פריה, ווערט זעלדע א פערציטערטע. איהר דאכט זיך, אז זי וועט פון דער ארבייט ניט ארויס, און בייז און אויפגערעגט גיט זי א זאָג ווי פאר זיך:

— קיין אנדערע מאכלים ווי בעבליך מיט קארטאפעל קען זי גאָר ניט אויסקלערען!

עס פערשטעהט זיך, אז חיה ביילה פערשווייגט ניט אזא אויסרייד, חאַטש א שטילער, און דאן וואשט שוין זעלדע די טעלער אונטער דער מאמעס מוזיק...

און דאָס מאָל זיינען נאָך די טעלער מיט די איבערגעבליע־בענער וועטשערע מעהר ווי אלע מאָל פערטריקענט געווארען. זעלדע, וואס איז געווען צורייצט פון ניט דערשלאָפען די נאכט, פון היטץ און דושנעקייט, האָט געברומט און געשאָלטען אונ־טער דער נאָז און הויך און שטארק געריבען עפּעס א טעלער, וואָס איז בעזונדער פערטריקענט געווען.

פלוצים האָט זיך דערהערט א קלאַפּ.

— צעבראָכען!! — האָט פאַר שרעק אויסגעשריען די מוטער, צולויפענדיג צו זעלדען...

זעלדע איז געשטאַנען מיט אראָבגעלאָזענע הענד און האָט ניט געענטפערט.

— דיין קאָפּ זאָל צובראָכען ווערען! — האָט חיה ביילה אָנגעהויבען, בעטראַכטענדיג שוין קלאָר דאָס אונגליק. ווי רייבט מען דאָס אזוי א טעלער? צעריבען און צעמאַלען זאָלסטו ווערען... אוי, וועה איז מיר! די מויד וועט מיך אין גרוב אריינטרייבען, זאָל זי בעסער אליין א מיתה משונה איינגעמען...

זעלדע האָט געשוויגען.

— זי שווייגט! די צונג זאָל איהר אָבנעהמען, רבונו של עולם! וואָס שווייגסטו, וואָס? איז זי אויף איהר ארויפגעפאַלען. זאָג, וואָס שווייגסטו? איז זי שוין אין רציחה אריין. מיין בלוט גיעסט זיך און דו שווייגסט, הא? דו שווייגסט? איך האָב געלד אויף נייע טעלער צו קויפען?! זאָלסט אזוי האָבען א חתן!...

— שוויינ, וואָרים איך צעברעך באַלד אַלע טעלער! —איז זעלדע אויפגערעגט געוואָרען פון דער לעצטער קללה... שוויינ! שוויינ! איז זי שוין אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך געלאָזען, ווי א ווילדע טיגערין איבער'ן שטיבעל.

— דו ביזט נאָך גערעכט? — האָט חיה ביילע אויסגעגלאָצט די אויגען אויף איהר — דו ברעכסט טעלער, דו פערגיעסט מיין בלוט ווי וואַסער, און דו ביזט נאָך גערעכט? נא דיר גערעכט, נא!

און חיה ביילה האָט זיך אריינגעריסען מיט איהרע דאַרע לאַנגע הענד אין זעלדעס לייב, ווי זי זאָל זי וועלען דערשטיקען. זעלדען האָט פערהאַפּט דער אָטהעם, דאָס בלוט האָט איהר גענעבען א זעץ אין קאָפּ, און ווערענדיג ווילד פאַר צאָרען, האָט זי מיט אַלע כחות א שטויס געטהאָן פון זיך די מאַמען.

עס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ פון א קערפּער, נאָכדעם א געשריי, שפּעטער א ווײַלע — א שטילער קרעכץ דורך טרערן:

— זי האָט מיך גע'הרג'עט... קינדערליך, זי האָט מיך גע־הרג'עט... כּרות יאָהרען וועט זי האָבען... געהט רופט דעם טאַ־טען... כּרות...

די קליינע קינדער האָבען זיך צעוויינט און האָבען זיך אַלע אַוואַרף געטהאָן אויף זעלדען, ווער מיט די הענד, ווער מיט א שטעקען.

— וואָס האָסטו גע'הרג'עט די מאַמען?... — האָבען זיי געשריען... — מאַמעלע שטעה אויף!...

חיה ביילע איז אויפגעשטאַנען און אָנגעפאַנגען שטיל גע־קרעכצט. באַלד אָבער איז זי געקומען צו זיך און האָט גענומען פלוכען:

— כּרות יאָהרען דיר... כּרות יאָהרען. א מאַמען געשלאַ־גען... נאָך דיין לויה זאָל איך געהן, רבונו של עולם, ווי דערלעב איך דאָס!...

— נאָך דיינער בעסער! — האָט זעלדע צוריק געשאָל־טען און גלייך חרטה האָבענדיג אויף דער קללה, וועלכע זי האָט דאָס ערשטע מאָל געגעבען דער מאַמען, איז זי ארויסגע־לאָפען אויפ'ן גאַס.

א שווערער טאָג איז עס געווען. די שערבליך פון דעם צע־בראָכענעם טעלער זיינען געלעגען אויף דער ערד און האָבען ווי עדות געזאָגט אויף דעם, וואָס איז פאָרגעקומען... די נאַכט איז געקומען און פערמאַטערט זיינען אַלע אין דעם דאָזיגען שטיבעל אויף די געלעגערס אוועקגעפאַלען, און אַהן וועטשערע האַרט איינגעשלאָפען...

זעלדע האָט אָבער ניט געקאָנט איינשלאָפען. אַזוינע טעג זיינען אפילו א סך אין איהר קורצען און דאָך לאַנגען לעבען גע־ווען, אָבער שלאָגען און שילטען צוריק די מאַמען האָט זי נאָך

קיינמאָל ניט... זי האָט ניט מורא פאַר כרות... וואס איז כרות?
— מען שטאַרבט! נו וואס איז? הלואי וואָלט זי שוין טאַקי געשטאַרבען. וואס וועט זי פערלירען?... א קליינער חלוק פון איהר לעבען ביז איהר טויט. דאָ ליעגט זי אויף דער ערד, און דאָרט אביסעל טיעפער. אבער דערפאַר — רוהיג... זעלדען פער־דריסט נאָר, וואס זי האָט איהר מאַמען, איהר אייגענער מאַמען, אַזאַ צער פערשאַפט. קיינמאָל איז די מאַמע ניט געווען אַזוי צעטראַגען ווי היינט. זי האָט זיך אפילו ניט געשאָלטען... א גאַנצען טאָג איז זי אומגעגאַנגען ווי צומישט און שטאַרק פער־טראַכט. דעם צעבראַכענעם טעלער האָט זי אפילו ניט דער־מאָנט. זעלדע האָט דערפיהלט, וואס זי האָט היינט געטהאָן דער מאַמען, און איהר האַרץ איז צוגאַנגען, ליעגענדיג אויף דער ערד.
די אָרימע מאַמע! וואָס איז זי שולדיג, אַז זי שילט און שלאָגט זיך אפילו? דאָס ביטער לעבען איז דאָך שולדיג. זי האָט דאָך א גאָלדען האַרץ. זי גיעט דאָך א שכן דאָס לעצטע אַוועק.
זעלדען האָט צונויפגעדריקט דאָס האַרץ. זי האָט ניט גע־קענט איינליעגען.
זי שטעלט זיך אויף און געהט צו צו דער מאַמעס בעט.
חייהביילע ליעגט מיט'ן פנים אַרויף. די דאַרע ברוסט אָפען. אויף דער מיטען ברוסט זעהען זיך צוויי בלוטיגע קראַ־צען.
זעלדע קוקט אויף די צוויי בלוטיגע פּאַסען און קען זיך ניט אָברייסען פון זיי... עפּעס ציהט זי אַזוי צו דער מאַמען. אוי, ווי זי האָט ליעב די מאַמען! זי האָט גאָר ניט געוואוסט ביז אהער!... דאָס ערשטע מאָל זינט זי גערענקט זיך, פיהלט זי אַזאַ מאָדנעם ווארעם געפיהל... אָט וואָלט זי צוגעפאַלען צו איהר און ארומגעהמען און קושען זי, אבער אַזוי שטאַרק...
— די מאַמען קושען! — דערמאָנט זיך זעלדע — און איהר דאַכט זיך, אַז דאָס איז א משוגענער פערלאַנג... קושען די מאַמען! זי איז שוין אַלט 25 יאָהר און האָט נאָך די מאַמען

קיינמאָל ניט געקושט. עס קומט עפּיס אויס מאָדנע: קושען די מאַמען...

די צווייִ בלוטיגע רויטע פּאַסען אויף דער ברוסט ווינקען; אָבער און ציהען אזוי שטאַרק...

זעלדע קען זיך ניט אָברייסען. עפּעס א געהיימע קראַפט בייגט זי, בייגט זי נידעריגער צום בעט. איהרע ליפּען ציטערן פון א מאָדנעם בעגעהר: זי וויל קושען די מאַמען!.. זי קען זיך ניט איינהאַלטען... עס ציהט אזוי...

— מאַמע, מאַמע! פּליסטערט זי שטיל! אונגליקליכע מאַמע. אוי, דיין וויסט לעבען! און זי בייגט זיך צו און ריהרט אַז מיט איהרע ליפּען דער מאַמעס דאַרע ברוסט.

— אוי וועה איז מיר! — חאַפּט זיך אויף חיה ביילע— ווער איז דאָ?

זעלדע בלייבט שטעהן דערשראָקען און קען זיך פון אָרט ניט ריהרען.

— אוי, זעלדע! קרעכצט די מאַמע — דו ווילסט מיך טאַקי הרג'ענען!.. אוי וועה איז מיר, וואס איך האָב דערלעבט!

זעלדען שניידען די ווערטער, ווי מיט מעסער. זי שעמט זיך, זי קען ניט, אבער זי וועט איהר זאָגען.. זאָל זי ניט מיינען, אַז זי האָט זי געוואָלט הרג'ענען...

— מאַמע! איך האָב דיך געקושט!

— קינדערלעך! איז שוין חיה ביילה געקומען צו זיך — די מויד איז משוגע געוואָרען! אוי זאָל זי טאַקי שוין משוגע ווערען!

דערהערענדיג די קללה איז זעלדע א בערוהיגטע אוועק צו איהר געלעגער...

דער גמילות חסד

דער גרעסטער יריד אין ק ל ע מ ע נ ק ע איז אולאס. דאָס שטעדטעלע ווארט אויף „אולאס“ מיט א קלאפּענדיגען הארצען און מיט גרויסע האָפנונגען. „אולאס“, זאָגען די קלע־מענקער קרעמער און הענדלער „איז א גאָטס בענשונג“. ווען ניט אולאס וואלט קלעמענקע שוין לאנג אויס קלעמענקע געווען, אמעריקא וואלט שוין די רעשט ביסעלע אידען פון דאָרט צוגע־נומען צו איהר“.

צו אולאס דארף מען אבער האָבען „געצייג“. די קרעמער דארפען האָבען סחורה און די סוחרים — געלד. אָהן די געצייג איז אולאס אויך בלאָטע!

און חיים דער תבואה־הענדלער געהט ארום א טויטער. צו אולאס איז געבליעבען סך־הכל נאָך דריי טאָג און ער האָט נאָך ניט א „קאָפּיקע“ מיט וואס דעם שפּייכלער אויפצומאכען.

און אויפ׳ן מארק דרעהען זיך אום די תבואה־הענדלער מיט פערדרעהטע דאשיקעס, מיט גראָבע טיטונענע פּאַפּיראָסען אין די מיילער, מיט די שטעקלעך אין די הענד און מען רעדט שטארק וועגען יריד.

— אין דריי טעג אויף ד ע ר צייט! — רופט אויס איינער.

— פּששש! קריגט התפעלות א צווייטער — אין דריי טעג אויף דער צייט וועט זיך „ברעכען“.

„זיך ברעכען" הייסט אויף מארק לשון: עס וועט זיין א גרויסער עולם.

און חיים ווערט בלאס. ער וואלט בעטען א מפלה אויפ'ן יריד, עס זאל דעם טאג רעגענען, שנייען, שטורמען, אז קיין משוגענער הונד אפילו זאל צום מארק ניט קומען, חיים ווייס אבער, אז „אולאם" איז ניט קיין שרעקעדיג־אינגעל: „אולאם" האט קיין מורא ניט פאר דער גרעסטער זאווארוכע — „אולאם" בלייבט „אולאם"!

און ביי חיים'ן שפארען ארויס די אויגען פון קאפ: א גמילות־חסד, וואו קריגט מען א גמילות־חסד? א פינף־און־צוואנציגער האטש...

ער בעט ביי אלעמען, נאר יעדער ענטפערט מיט א פרעה־ליכען געלעכטעריל:

— צי משוגע! פאר א יריד געלד?

און חיים'ן דאכט זיך, אז ער וועט טאקי משוגע ווערען...

— וואלסט אריבערגעהן צו לייבע־בערעס, עצה'ט איהם דאס ווייב, נעמענדיג א טיעפען אנטהייל אין זיין וועהטאג.

— איך האב דאס שוין אליין געקלערט — ענטפערט חיים פערטראכטערהייט.

— נאר וואס? — פרעגט דאס ווייב.

חיים וויל איהר ענטפערן: נאר איך קען ניט אריינגעהן, איך האב קיין מוטה ניט. פאר דעם ווייב אבער פאסט איהם ניט צו זיין אזוי אפענהערציג און ער ענטפערט:

— געהט ער צום טייוועל! ער וועט ניט לייהען.

— פרובען זיך שאדט ניט — רעדט זי איהם איין.

און חיים בערעכענט זיך, אז ער האט טאקי קיין אנדער ברירה ניט און לייבע־בערעס איז א איד א גביר, און וואהנט מיט איהם אין איין גאס, דאס הייסט „שכנים", און קיין געלד צום

יריד דארף לייבע־בערעס ניט — ער אליין איז גאָר אַ וואלד־סוחר.

— נעהם מיר ארויס דעם שבת'דיגען אויבער־בגד! — ווענדעט ער זיך צום ווייב מיט אַ בעשליעסענדען טאָן.

— וואָס דען? — ענטפערט איהם דאָס ווייב — די בעס־טע זאך אריינגעהן צו „איהם".

און חיים האָט זיך געשטעלט קעגען האלבצובראָכענעם קליין־שפּיגעלע, וואס איז געווען צוגעשלאָגען צום וואנד, האָט אַ גלעט געטהאָן מיט ביידע הענד די באָרד, פערקאָשערט די פאות, דערנאָך האָט ער אראָבגענומען דאָס היטעל פון קאָפּ און אַ פיהר געטהאָן איבער איהם מיט דעם ארבעל.

— זעה נאָר, איך בין פון הינטען ניט אויסגעריבען אין קאלך?

— אַ קשיא! — האָט איהם דאָס ווייב געענטפערט און האָט זיך גענומען איהם קלאָפּען מיט ביידע הענד איבער'ן פּלייצע.

— ביי אונז איז דאכט זיך אמאָל געווען אַ שטיקעל בערש־טיל פון „זאכען". וואו איז זי, האַ?

— דיר האָט זיך אפשר גע'חלום'ט! — האָט דאָס ווייב געענטפערט, קלאָפּענדיג איהם איבער'ן פּלייצע און מורמלענדיג:

— נו, זיך אויסגעריבען אביסעל!

— נו, גענוג צו קלאָפּען! — האָט חיים כמעט ווי מיט כעס ארויסגעברומט — איך וועל שוין געהן.

מיט אַ זיפץ האָט ער אָנגעטהאָן דעם שבת'דיגען אויבער־בגד, ארויסגעמורמעלט: זאל ער אזוי לעבען, ווי ער וועט ליי־הען, און איז ארויסגעגאנגען.

און געהענדיג צו לייבע־בערעס האָט חיים'ן דאָס הארץ גע־ציטערט. פאר'ן גאנצען לעבען זיינעם, זינט לייבע־בערעס וואָהנט דאָ אין עק גאס, איז ער ביי איהם אין גאנצען געווען

צוויי מאָל, און ביי חיים'ן איז דער איצטיגער גאַנג געווען אַ מין עקזאַמען.. דער „אַריינגאַנג" צו איהם, די ליכטיגע צימערן, די גרויסע שפּיעגלען, די ווייכע מעבּיל, לייבע־בּערעס אַליין מיט זיין לאַנגער ברייטער באָרד, מיט זיינע שטרענגע גביר'עשע אויגען; די גבירה, די פרעהליכע גליקליכע קינדער, אַפילו די דיענסט, וועלכע איז איהם געבּליעבּען אין זכרון פון יענע צוויי מאָל, — דאָס אַלעס האָט איהם געשראָקען און ער האָט זיך אַליין געפרעגט: „וואו אהין געהסטו דו, צי משוגע, געה צוריק!" און ער פלעגט זיך מינוטען־ווייז אָבּשטעלען אין מיטען וועג. נאָר דער געדאַנק, אַז באַלד איז „אולאַס" און ער האָט ניט מיט וואָס צו עפענען דעם שפּייכלער האָט איהם געטריעבּען געהן ווייטער.

— ער וועט ניט לייהען — עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו האָפען אומזיסט!... האָט ער געהענדיג זיך מכין געווען צום קלאָפּ, נאָר ער האָט דערפיהלט, אַז ער וועט ניט קענען דאָס מויל עפענען אַרויסצורייֶדען זיין בקשה, אויב ער וועט אַזוי אַראָבּ פאַלען ביי זיך, און ער האָט זיך געטרייסט:

— אַז מען זאָל איהם צוטרעפען אין אַ גוטען הומאָר וועט ער לייהען. וואָס וועט ער מורא האָבּען צו לייהען מיר עטליכע רובּעל איבּער'ן יריד? איך וועל איהם זאָגען, ווי נאָר איך פערקויף די סחורה בעקומט ער גלייך דעם גמילות־חסד. איך וועל איהם שווערען מיט ווייבּ און קינדער... ער וועט גלויבּען.. און איך וועל דאָך איהם ט אַ ק י אָבּגעבּען...

דאָס מאַכט אָבּער חיים'ן אַלץ נישט שטאַרקער ביי זיך און ער זוכט איין אַנדער נחמה, איין אַנדער רפואה צו שטאַרקען זיך:

— ער איז ניט קיין שלעכטער מענש... און אַגבּ קאָן ער מיר דאָך ניט פון היינט אָן. שוין אַ יאָהר צוואַנציג אַז מען וואָהנט אין א י י ן גאַס — פאַראַבּאַצקער גאַס...

און חיים דערמאָנט זיך, אַז פאַר צוויי וואָכען, ווען לייבּ־בּערעס איז געגאַנגען פאַרביי זיין שטיבּעל אין מאַרק און ער,

חיים, איז געשטאַנען גראַד אויפ'ן הויף און האָט איהם פריינדליך, ווי עס פאַסט פאַר א גביר, גוט־מארגען אבגעגעבען (איך וואָלט געשוואָרען, אז איך האָב איהם די האַנד געגעבען — וויל ער זיך דערמאַנען) האָט לייבע־בערעס איהם צוריק פריינד־ליך געענטפערט, ער האָט זיך אפילו אָבגעשטעלט און געפרעגט איהם גאַר ווי א גוטער בעקאַנטער:

— וואס מאכסטו דו עפּיס, חיים?

און חיים שטרענגט אָן זיין בּח־זכרון און דערמאַנט זיך, אז געענטפערט האָט ער איהם אזוי:

— א דאַנק פאַר'ן פרעגען! ניט צו פערזינדיגען... מען האנדעלט!...

און חיים בלייבּט צופריעדען מיט דעם ענטפער.

— געענטפערט האָב איך איהם גאַנץ ברייט!...

און חיים בעשליסט, אז איצט וועט ער מיט איהם אויך ריידען וואס ברייטער, וואס שטאָלצער, פאַלען — ניט!

חיים דערזעהט שוין פון ווייטען לייבע־בערעס הויז... ער הוסט זיך אויס, גיט א גלעט די באָרד און בעטראַכט אויף זיך דעם בגד.

— נאָך גאַר א גוטער בגד, רעדט ער פאַר זיך ארויס, ווי ער וואָלט זיך וועלען איינשמועסען, אז דער בגד איז נאָך גוט כדי ער זאָל מעהר מוטה האָבען, מעהר שטאָלץ זיין...

אז ער איז אבער צוגעקומען צו לייבע־בערעס גרויסען הויז, אז פאַר זיינע אויגען האָבען א פינקעל געטהאָן די אכט גרויסע פענסטער צום גאַס, דורך וועלכע עס האָט זיך דורכגעשלאָגען דאָס העלע ליכט פון אינווייניג, האָט איהם דאָס האַרץ א ציטער געטהאָן.

— אוי, רבונו־של־עולם, העלף! — האָט זיך ביי איהם ניט ווילענדיג פון האַרצען ארויסגעריסען. ער האָט זיך אבער באַלד פערשעמט פאַר זיך אליין און ער האָט זיך פערכאַפּט:

— עט, נאַרישקייט!...

א ציה טהוענדיג די טהיר, האָט זיך ביי איהם די „תפלה" נאָך שטארקער ארויסגעריסען:

— העלף, שטארקער גאָט! מיין בלוט גיעסט זיך!...

לייבע בערעס איז געזעסען ביי א גרויסען טיש, איבערגע־דעקט מיט א קלאָר טישטוך און האָט געטרונקען טהיי, שמוע־סענדיג פרעהליך מיט זיין געזינדעל.

— עפּעס א איד איז געקומען, טאטע! — האָט הויך אויס־גערופען א אינגעלע פון א יאָהר צוועלף, דערזעהענדיג חיים'ן שטעהן ביי דער טהיר.

—טאקי א איד! — האָט א צווייטער אינגעלע נאָך פרעה־ליכער אויסגעשריען, אויסשטעלענדיג אויף חיים'ן זיינע גרוי־סע שווארצע „ממזר'שע" אויגלעך.

דאָס געזינדעל ביים טיש האָט זיך א נעהם געטהאָן שטארק בעטראכטען חיים'ן און איהם האָט זיך געדאכט, אז באלד פאלט ער אנידער. „עס וועט זיין זעהר מיאוס, אז איך וועל פאלען"... האָט ער זיך געשטארקט און האָט געמאכט א טריט ווייטער און אָהן א גוט־אבענד צו זאגען האָט ער ארויס־געשטאָמעלט:

— איך בין געגאנגען פארביי, פערשטעהט איהר מיך, איך זעה איהר זיצט... הייסט דאָס איהר זייט אין דער היים... נו, קלער איך: — מען דארף ארייגעהן... שכנים...

— נו, מהיכא־תית, מהיכא־תית! — האָט לויבע־בערעס ליעבליך געשמייכעלט, — ביזט איין אָנגעלעגטער גאסט, זעץ זיך!

חיים'ן האָבען זיך ווי שטיינער פון הארצען אראָבגעקווי־קעלט נאָך אזא ענטפער און קוקענדיג אויף די צוויי אינגלעך, האָט ער זיך שטיל אוועקגעזעצט.

— לאה! דערלאַנג ר' חיים'ן א גלאָז טהיי! — האָט דער נגיר א קאָמאנדעווע געטהאָן.

— א גאנץ גוטער מענש! — האָט חיים א טראכט גע־געבען — זאָל איהם דער אויבערשטער העלפען!

ער האָט געקוקט מיט דאנקבארע בליקען אויף איהם, עס האָט זיך איהם געוואָלט פאלען דעם גביר אויפ׳ן גראָבען האלז און קושען איהם.

— נו, וואָס מאכסט דו? — האָט דער גביר געפרעגט.

— גאָט צו דאנקען! מען לעבט!

די דיענסט האָט איהם דערלאנגט א גלאָז טהעע, ער האָט איהר געזאָגט: א „יישר“ און האָט גלייך חרטה געהאט: א דיענסט פאסט ניט צו דאנקען. ער איז רויט געווארען און האָט געביסען די ליפען.

— טרינק מיט „ווארעניע“! — האָט לויבע־בערעס איהם פארגעלעגט.

— „א טייערער מענש, א טייערער מענש!“ —איז חיים איבערראשט געווארען — „ער וועט זיכער לייהען...“

— דו האנדעלסט עפּעס? — האָט לייבע בערעס געפרעגט.

— ווי דען? — האָט חיים ברייט געענטפערט — מען האנדעלט א דאנק גאָט, ניט ערגער ווי אלע סוחרים.

— ווי האלט איצט האבער? — איז דער גביר אויסגעפאַ־לען צו פרעגען.

האָבער איז די לעצטע צייט געפאלען, נאָר חיים׳ן האָט אויסגעוויזען צו זאגען בעסער, אז האָבער איז געשטיגען.

— גאנץ הויך געהויבען! — האָט ער אויסגעלאָזען מיט א סוחרישען טאָן.

— נו, און דו האסט עפּעס אָנגערייט האבער? — האָט דער גביר ווייטער געפּאָרשט.

— איך האָב גאר א פיין־פּעקעל האבער, קאָסט מיר ניט טהייער, גאנץ ביליג! — האָט חיים מיט מעהר היץ געענט־פערט, פערגעסענדיג בשעת ריידען, אז ער האָט שוין פון עט־ליכע וואכען קיין קערענדיל האָבער ניט אין שפּייכלער.

— און דו ביזט ביכולת צו „ספעקולירען“? — האט לויב־בערעס געפרעגט, — דארפסט גאר קיין געלד ניט?

— גאט צו דאנקען! — האט חיים שטאלץ געענטפערט — געלד האט מיר קיינמאל ניט אויסגעפעהלט.

„וואס רעד איך דאס? וועה איז מיר!“ — האט חיים זיך דערשראקען פאר זיינע אייגענע ווערטער — ווי אזוי בעט מען איצטער לייהען א גמילות־חסד? און חיים האט געוואלט צוריק א שלעפ טהאן דעם וואגען, נאר לייב־בערעס האט איהם איבערגעשלאגען:

— הייסט עס, דו מאכסט גוטע געשעפטען, ביזט א שטיקעל נגיד....

„מיינע נגידות אויף שונאים געזאגט געווארען“ האט חיים געוואלט צוריק ציהען, א קוק טהוענדיג אבער אויפ'ן גביר'ס שיינענדיג פנים, אויפ'ן בלאהען קריגעל „ווארעניע“ האט ער שטאלץ געענטפערט:

— גאט צו דאנקען, איך האב זיך ניט אויף וואס צו בעקלאגען.

„אט איז דיר א גמילות־חסד!“ האט חיים'ן ווי עמיצער א זעץ געטהאן הינטען אין קאפ. פרא־אדם, דו שוטה!... וואס בעריהמסט דו זיך? דערצעהל איהם, אז דו דארפסט האבען צו „אולאס“ א פינף־און־צוואנציגער — זאל ער דיך ראטעווען, זאג איהם, אז דו פאלסט, אז...

נאר חיים איז וואס ווייטער אלץ מעהר אריינגעפאלען אין א צופריעדענעם גליקליכען טאן, אלץ מעהר געריהמט זיינע געשעפטען און פערבראכט מיט'ן גביר, ווי מיט גאר א גלייכען מענשען...

באלד האט ער אבער דערפיהלט, אז ער איז דא איבעריג, אז ער האט ניט אזוי געדארפט זיצען, ניט אזוי געדארפט רעדען. ער וואלט בעסער רעדען וועגען יריד, וועגען גמילות־חסד... איצטער איז שוין פערפאלען: „קיין געלד פעהלט מיר נישט...“

און חיים האָט מיט פערצווייפעלטע בליקען א קוק געטהאָן אויף לייבע־בערעס פרעהליכען פּנים, אויף די צוויי אינגלעך, וואָס זיינען געזעסען קעגען איהם און האָבען מיט ממזר׳שע לוסטיגע אויגעלעך געקוקט אויף איהם און זיך עפּעס מאָדנע געשושקעט און נאָך מאָדנער געשמייכעלט...

א קאַלטער שוויים האָט איהם בעגאָסען. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— דו געהסט שוין אוועק? — האָט לייבע־בערעס העפליך געפרעגט.

„אָט איצט אפשר קען איך א בעט טהאָן“, איז חיים׳ן איינגעפאַלען צו ראַטעווען זיך פאַרט — נאָר א קוק טהוענדיג אויף די צוויי אינגלעך מיט די ממזר׳ישע אויגעלעך, וואָס האָבען אזוי כיטרע געקוקט, האָט ער מיט גדלות געענטפערט:

— איך מוז! געשעפטען! ניטאָ קיין צייט!... און לאָזענדיג זיך צום טהיר האָט זיך חיים׳ן געדאַכט, אז הינטען שטעלען איהם אוים די צוויי אינגעלעך מיט די ממזר׳שע אויגעלעך פייגען, צינגען און לייבע־בערעס אליין שמייכעלט, דאַכט זיך, און זאָגט זיי:

— גרעסערע, גרעסערע!...

און חיים׳ן האָט זיך געדאַכט, אז די פּלייצע ברענט איהם פון הינטען און ער איז געשווינד ארויסגעגאַנגען...

דער אלטער משכיל

חיים גאָטליב איז געבוירען אין ליטאַ, נאָר ער וואָהנט שוין אַ לענגערע צייט אין וואַרשוי און האַלט דאָרט אַ רעסטאָ־ראַן.

ער איז אַ איד פון אַ יאָהר 50, זויבער געקליידעט, מיט אַ רונד בערדיל, וועלכעס איז שטענדיג פערקעמט און עס דאַכט זיך, אַז ער שערט עס אונטער, חאָטש ער האָט עס קיינמאָל אין זינען נישט געהאַט. ער איז ניט רייך, ציהט די חיונה מיט שווערקייטען, דאָך קלאָגט ער זיך קיינמאָל ניט — ער האָט העכערע שטרעבונגען, ווי די טרוקענע פרנסה, ער האָט די לשון־קודש׳דיגע ליטעראַטור!...

דעם לשון הקודש איז חיים גאָטליעב איבערגעגעבען מיט זיינע בעסטע טיעפסטע געפיהלען. קיין שעהנערע שפּראַך איז אויף דער וועלט ניטאָ, לשון קודש, זאָגט ער, איז די נאַטירליכע שפּראַך.

ער האָט דאָצו אַ וויסענשאַפטליכען בעווייז:

אַז מען זאָל אַ קינד גלייך פון געבוירען טאָג האַלטען אַליין אין אַ צימער און מען זאָל מיט איהם קיין שום אַנדער לשון ניט רעדען, וועט ער אָנהויבען רעדען פון זיך אַליין לשון קודש...

— דאָס איז ריכטיג ווי גאָלד!... לאָזט ער אויס מיט פילאָזאָפי־זיכערקייט — דאָס ווייסען אַלע.

אין זיינע מיינונגען וועגען יונגע לייט, צו אַזוי אידעז, שפּיעלט א גרויסע ראָלע זיין שטענדיגע התפּעלות:

— ער איז א שאַרפער בעל לשון־קודש!... ער שרייבט הפלא!...

ביי חיים'ען אין ביבליאָטהעק געפינען זיך אַלע אַלטע אידישע קלאַסיקער, ווי מרדכי אהרן גינזבורג, מאפו, סמאָלענס־קין, אדם הכהן און זיין זוהן מיכה יוסף. די אַלע פערגעטערט ער, רעדענדיג וועגען זיי, לייכט אין זיינע דונקעלע אויגען עפּעס א מין הייליג פייערל, וואס מען קען זעהן ביי קליינשטעדטעל־דיגע חזנים, ווען זיי רעדען איבער א געראַטענעם „יחדשהו"... אמת פון מיכה יוסף'ן האַלט ער שוין ווייניגער:

— „ער האָט אויך „געקענט", שמייכעלט חיים ליעבליך, ער איז שוין אָבער יונגער, — עס איז שוין ניט דאָס, גיט ער צו פערשטעהן און ווייזט אויף, אַז וואָס דער שרייבער איז יונ־גער איז אַלץ דער לשון ערגער...

צווישען זיינע שטענדיגע געסט, וואס עסען ביי איהם גע־פינען זיך אייניגע העברעאישע לעהרער, א פּאָר אַלטע מחברים און אייניגע היינטיגע משכילים, ציוניסטען; צוליעב זיי שרייבט ער אויס דעם „המליץ" און אבאָנירט היע דעם „הצפירה" און ער לעזט זיי אַליין אויך, היט יעדער נומער ווי דאָס אויג, און בינדט זיי אַלע יאָהר איין. נאָר טיעף אין הארצען איז ער פון זיי ניט צופריעדען, ער בענגט נאָכ'ן אַמאָליגען „המגיד".

— עס איז היינט גאָר ניט די מליצה! קלאָגט ער זיך פאר זיינע אַלטע געסט.

יענע זיינען איהם מודה און שאקלען טרויריג מיט די קעפּ. די יונגערע געסט אבער קוקען זיך איבער און שמייכלען איראָ־ניש. איינער פון זיי, שטילמאַן, א העברעאישער לעהרער אין ברילען, וועלכע ער נעהמט אַלע 5 מינוט אראָב און גאָר אָהן

א שום נוימינקייט, נאָר אויס געוואָהנהייט, ווישט ער זיי אי־בער מיט׳ן ברעג טישטוך — ער שלאָגט אב חיים׳ען מיט א דייטליכען שפּאָטישען שמייכעל:

— עט, פאני גאָטליעב, איהר האָט א טעות! היינט שרייבט מען העברעאיש בעסער, אייראָפּעאישער. מען ענטוויקעלט זי, מען בלאָזט אריין אין איהר א „רוח חיים באפה“... אמאָל האָט מען פּסוקים געשריעבען, אלטע מליצה...

חיים איז בטבע א היציגער איד — ווען אַזאַ מיי דיספּוט טרעפט זיך אין בית המדרש צי ערגיץ אנדערש וואו, וואָלט ער זיך שוין זיכער צושריען: פרעגט אייך בחרם — איהר ווייסט גאָר נים. א. ד. ג. מיט זיינעם א גאסט אבער איינרייסען קאָן ער נים, לאָזען עס ווידער אזוי, דאכט זיך איהם, וועט ער א גרויסע זינד בעגעהן, און מיט גרויס פארזיכטיגקייט הייבט ער אָן צו פערטיידיגען דעם אלטען לשון־קודש:

— ניין, פאני שטילמאַן, אמאָליגער לשון קודש איז געווען אביסעל ווייכער, בע׳טעמ׳טער... נעהמט, למשל, גינזבורגס א „דביר“... צוקער!

און די באקען זיינע בעדעקען זיך מיט א רויטער פארב. אזוי פערשעהמט זיך אן אלטער מאן, דעמאָנענדיג זיין ערשטע ליעבע...

די עלטערע געסט פּאָרטאַקעווען: א קלייניגקייט אמאָליגער לשון־קודש! א ווערטעלע אויסצורעדען! די יונגע קוקען זיך איבער און שמייכלען שטיל. שטילמאַנגען אבער פערדריסט עס שטארק, עס ריהרט איהם פערזענליך אָן: ער אליין איז פון „מהלך החדש“, זיינס א שיר האָט זיך שוין געדרוקט אין „אשכול“ און ער זוכט אלע טאג מיט א קלאַפּענדען הארצען אין די בלעטער א מיינונג וועגען זיין כשרון“... ער רייסט אראָב נערוועז די ברילען פון נאָז, ווישט זיי מיט׳ן ברעג טישטוך און רעדט פרעך אויס:

— לאָזט צורוה אייערע אמאָליגע! לאָזען זיי זיך דאָרטען רוהען בשלום על משכבם..

— חע־חע־חע! יונגוואָרג! לאַכט כלומרשט חיים פאַר די עלטערע געסט. מען דאַרף אבער זיין א מבין, וואָס ביי איהם טהוט זיך אין הארצען. ער געהט אום איבער׳ן צימער, הוסט מיט כעס און צופּט דאָס בערדעל.

— יונגוואָרג! רעדט ער ווידער צו די עלטערע געסט — איין איינפאַל צו זאָגען, אז היינטיגער לשון־קודש איז בעסער פאַר אמאָליגען... כ׳וויים... דאַכט זיך פאַני שטילמאַן איז א מבין אויף „לשון", נאָר, פערשטעהט איהר מיך, דאָס יונגע בלוט... ער דאַרף זוכען חסרונות אין אמאָליגען לשון... מען זאָל, למשל, נעהמען אדם׳ס „ההמלה" — דאָס איז דאָך, וואָס אי שייך, צאַצקע, קרוין!... אזא לשון, אזא מליצה... וואו זעהט מען עס היינט?...

— און זיין „דל מבין"! חאַפּט אונטער איין עלטערער עסער — א קליינינגקייט אדם׳ס מליצה!

— אדמ׳ס מליצה! ווערט חיים בעגייסטערט — יענער האָט געקענט תנ"ך אויף אויסוועניג. הייגט זיין וויסען דקדוק! א שפּאַס! היינטיגע קענען דאָך א וואָרט דקדוק נישט!... ניטאָ נאָך היינט אזא אדם הכהן! —

—ער איז דאַכט זיך „א ווילנער" געווען — זאָגט איינער פון די עלטערע עסער, צו בעווייזען, אז ער ווייסט אויך עפּיס.

— א ווילנער, א מיחיילישאָקער — עס איז אלץ איינס!— ענטפערט חיים צוקאָכט — ער איז דען נאָר איינער? וואו איז מאַפּוס „עיט צבוע", וואו איז סמאָלענסקינ׳ס „התועה"!.. — דאָס זיינען דאָך געווען גאונים! זייער „לשון" — א שפּאַס זייער לשון... עס איז דאָך געווען פּששש! עס עקט זיך די וועלט!...

זיין קורצע בילדונג, די ביסעלע ווערטער וואָס ער האָט וועגען ליטעראַטור, זיינען ניט אימשטאַנד אויסצודריקען זיינע התפּעלות פון אמאָליגע אויטאָריטעטען זיינע, און ער גיט עס

ארויס מיט פערשיעדענע בעוועגונגען און מיט קלאנגען...

עס העלפט אָבער ניט: שטילמאן ענטפערט מיט א דיפּלאָ־מאטישער געלאסענהייט:

— איהר האָט א טעות, ר׳ חיים, א גרויסען טעות — דאָס דאכט זיך אייך. לעזט היינטיגע שרייבער די נייע. לעזט טשער־ניחאָווסקי׳ס שירים... לעזט מיין שיר אין „אשכול“, איהר האָט איהם געלעזען? פרעגט ער צום סוף ניט דרייסט.

— יאָ, ווי דען? איהר האָט דאָך מיר געוויזען...

און ר׳ חיים האקט זיך אב. וואס טהוט מען דאָ? אויס ערעלקייט מוז ער דעם „משורר“ אין די אויגען זאָגען, אז דער שיר איז הפלא, נאָר ווי אזוי זאגט מען עס? — געבען דעם שונא א שארפע שווערד אין האנד און פאלען טויט אונטער זיינע פיס... און חיים בעשליסט צו ראנגלען זיך אליין מיט׳ן שווערד, ניט אונטערגעבען זיך. די געשטארבענע העברעאישע שרייבער שוועבען פאר זיינע אויגען און בעטען דאכט זיך: האלט זיך שטייף, פערטיידיג אונז!

און אז שטילמאן פרעגט מיט אונגעדולד:

— נו, וואס זאגט איהר אויף מיין שיר?

— עס איז א שיר!... — ענטפערט חיים קאלט — די „חרוזים“ קלינגען טאקי, אָבער דער „לשון“ איז געמאטערט, הארטליך.

— און ביי אדם הכהן איז ווייך? — פרעגט מיט גזלנישע אויגען שטילמאן.

— איהר פרעגט נאָך? איהר זענט דען קיין מבין ניט אויף גוט? — ענטפערט חיים מיט א זיעגערישען שמייכעל.

ער פיהלט, אז ער האָט דעם שונא בעזיעגט, שטילמאן איז געבליבען אָהן ווערטער. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, האָט בעצאָהלט פאר׳ן מיטאג און איז אָהן אן אדיע ארויסגעגאנ־גען.

— ער איז ז׳אכט זיך ברוגז געווארען! — זאָגט חיים מיט

א זיפץ. עס פערדריסט איהם דאָך א מיטאָג־עסער, די פּרנסה איז אזוי אויך קליין.

און דאָך פיהלט ער, אז עס וואלט זעהר גוט ווערען ער זאָל שוין מעהר קיינמאָל ניט קומען, ער קען אויף זיין פּרצוף ניט קוקען. ער וויל ביי איהם אוועקרויבען דאָס, וואס ביי איהם איז אזוי הייליג, אזוי טהייער...

— אָ פּרא אָדם, א בחור! שרייט ער ענדליך אויס מיט כעס פאר די געסט, זאָל ער געהן בשם אלהי ישראל...

ביים דאַווענען.

מיכל בערעס איז א רייכער בעל־הבית מיט א שעהנעם נאָ־
מען אין זיין שטעדטעל, מיט א שעהן הויז און מיט נאָך א שעה־
נערען גאָרטען.

דעם גאָרטען האָט ער פערפלאַנצט מיט פונפצעהן יאָהר צו־
ריק, ווען זיינע געשעפטען זיינען גלענצענד אַוועק. די
ערשטע יאָהרען, אז די בוימעלעך זייענען נאָך יונג
געווען, פלעגען זיי איהם שטארק רייצען. „אריינגעלעגט א
שטיק גאָלד און גאָר נישט! ווארט ביז וואנען מען וועט עפּעס
פון זיי א נחת דערלעבען, קענען אָן עפּעל צי א בארנע אָב־
רייסען!" צינד אָבער, אז די בוימעלעך זיינען בוימער געוואָ־
רען און זיינען געווען אָנגעזעצט מיט רויטע עפּעל, מיט פולע
בארנעס, האָט מיכל שטארק נחת געקליבען פון זיין גאָרטען און
איז שטאָלץ געווען מיט זיין אונטערנעהמונג.

— ווען מען וואָלט דאָ אין שטעדטעל איינגעפאלען צו האָ־
בען איין אייגענעם גאָרטען — פלעגט ער מיט שטאָלץ טראַכ־
טען, — זיי וויסען דען עפּעס?

אין איינעם א הייסען זומער־פריה־מאָרגען, איז ער אויפ־
געשטאנען זעקס א זייגער אין דער פריה. ער האָט אבגעגאסען
נעגעל וואסער, ארויפגעחאפּט אויף זיך דעם שלאָפראק און איז
ארויס אין גארטען. עס איז געווען ענדע תמוז, די זונן האָט הער־
ליך געפלאקערט און בעשאָטען מיט גאָלדענע שטראהלען די

צווייגען, די פייגעלעך האָבען פרעהליך און אויפגעלעבט געֿ־טשיריקעט, בעהאלטענדיג זיך ערגעץ צווישען די געדיכטע צווייגען, ווי זיי וואלטען מורא האָבען צו דערזעהן א מענשליכע געשטאלט... פון דער מילדער ווארעמקייט, וואס די שטראהלען האָבען געגאָסען, פון די פייערליכע פויגעל־געזאנגען און דער הויפּט פון זיין אייגענם — דעם גאָרטען, איז ר' מיכל'ען געוואָ־רען זעהר פרעהליך אין זיין סוחרישען הארצען, די נשמה זיינע האָט זיך עפּעס ווי א הייב געטהאָן און ער האָט אָנגעהויבען אונטערזינגען א יום נוראים'דיגען ניגונדיל.

און אונטערזינגענדיג דאָס ניגונ'דעל מיט א פרעהליך־געֿ־מיטה, איז ער פּאוואָלי אומגעגאנגען איבער די שמאָלע וועגע־לעך פון גאָרטען און האָט בעטראכט די בוימער, וואס האָבען זיך געבויגען אונטער דער שווערער משא פון די פרוכט, וואס איז אויף זיי געהאנגען, און עס האָט זיך געדאכט, אז די בוימער בעטען זיך רחמים: נעם אראָב פון אונז די פרוכט, וואס זיינען מיר מחויב צו טראגען זיי אויף זיך, מיר האָבען שוין קיין כח ניט !...

— א געראָטען־יאָהר ! — האָט מיכל גערעדט צו זיך אליין, בעטראכטענדיג מיט מבינישע בליקען יעדעם צווייגעלע בעזונדער — עס זאָלען נאָר, רבונו של עולם, קיין ווינדען ניט זיין !

דער געדאנק וועגען ווינדען דערשרעקט איהם, ער ווערט אביסעל צורודערט. נאָר די זון, וואס ווארימט איהם וואס ווייֿ־טער אלץ מילדער, דערלאָזט איהם ניט צו ארייננלאָזען זיך אין טרויעריגע געדאנקען און זיין פרעהליכע לוינע קומט ווידער צו איהם.

ער געהט אום איבער'ן גארטען און איז זיך מיישב צו דאווענען דער ווייל פון „פּאָרענט“.

ער הייבט אָן די ברכות צו זאגען און איז מכון יעדעם וואָרט.

„אלו דברים שאין להם שיעור. הפּאה והבכורים“...

דאָס דערמאָנט איהם אָן ארץ ישראל. דאָרטען פלעגט מען „על פּי דין“ מוזען געבען די אָרימע לייט און די כהנים פאה און בכורים און מעשר... ווי אזוי איז עס צוגעגאנגען קען ער זיך יעצט ניט דערמאָנען, ער האָט שוין לאנג קיין משניות אין האנד ניט גענומען. „א שאָד! טראכט ער, מען דארף דורכקוקען נאָך אמאָל זרעים... פון פּרות דאכט זיך האָט מען גאָר נישט גע־דארפט געבען... און אפשר יאָ...

ער מעסט אָב מיט די אויגען די פּרוכט פון זיין גארטען און וויל משער זיין: פיעל וואָלט אָנגעקומען די כהנים, צי די אָרימע לייט, ווען דער דין וואָלט דאָ אין חוץ לארץ אויך געהערשט.

דער רעכענונג קומט ביי איהם אוים גאָר א גרויסער, אז „מעשר“ — א צעהנט־חלק — וואָלט אויסגעקומען זיכער א פוד צעהן.

— א היבש געשעפט וואָלט געווען! קלערט ער איראָניש, איהם דאכט זיך אבער, אז גאָט, דער „יודע מחשבות“, ווייס, וואָס ער טראכט אין הארצען, און ער קען נאָך איהם דערפאר שטראָפען מיט א שטורים־ווינד און ער מורמעלט ווי פאר גאָט ארוים:

— אז דער דין וואָלט געווען געזאָגט אויף חוץ לארץ וואָלט איך אודאי געגעבען! ווי דען?

אז ער בערוהיגט זיך אביסעל פון גאָט'ס שטראף און בלייבט צופריעדען, וואס מען דארף קיין מעשר ניט געבען, ווערט ער ווייעדער פרעהליך און זינגענדיג דאָס פריהערדיגע נגונ'דעל, געהט ער אום איבער'ן גארטען און בעטראכט יעדער בוים בעזונדער.

צוקומענדיג צו דעם ווינקעל פּארקאן, וואס צוימט אב די בוימער פון גאס, דערשרעקט ער זיך, ער האָט גאר ביז אהער ניט בעמערקט וואס פאר א שאָדען ער קען האָבען. עטליכע בוימער, די בעסטע בוימער, וואקסען אריבער דעם פּארקאן און שטעהען

אין א גרויסער סכנה. אז מען זאָל זיך פון גאַס אוועק שטעלען אויפ'ן שפּיץ פּאַרקאַן און איינבויגען די צווייגען קען מען לייכט רייסען עפּיל. ער ווערט שוין שרעקליך אויפגעבראַכט, זיין פאַנטאַזיע מאָלט איהם שוין אויס א בילד, ווי אַזוי איין אָבגע־ריסענער מאוסער גאַסען־יונג שטעהט אויפ'ן שפּיץ פּאַרקאַן, בויגט די צווייגען צו זיך און פרעסט עפּיל...

— א רוח אין איהם! — שרייט ער אויס כמעט ווי אויפ'ן קול, גלייך ווי ער וואָלט שוין דעם גנב געזעהען. זיין פרעהליכע לוינע פערשווינדט, ער הערט אויף צו זינגען, לאָזט דאָס דאַוונען פון פאַרענט, ווי ער וואָלט א וויכטיגערע תפלה געפונען און הייבט אָן צו טראַכטען צו דעם אונגליק א מיטעל.

„מען דאַרף איבערשטעלען דעם פּאַרקאַן, העכער מאַכען איהם“, מאַכט ער פּלענער — באַלד אָבער בלייבט ער אונצו־פריעדען דערמיט: „עס וועט קאָסטען א מטמון מיט געלד!“

און קלערענדיג און זוכענדיג א מיטעל, ווי אַזוי צו פערהיי־טען די עטליכע בוימער פון גאַסען יונגען און פון גנבים, אז זיי זאָלען ניט קענען צוקומען צו זיינע עפּיל, דערמאָנט ער זיך, אז אַמאָל, געהענדיג הינטער'ן שטעדטעל צווישען די גויעשע געס־ליך, האָט ער בעמערקט, ווי דאָס רוב זייגען דאָרט די פּאַרקאַ־נעס פון די גערטנער אָנגעשלאָגען מיט צוויעקעס, מיט די שפּי־צען ארויף. לכתחלה האָט ער דאַמאָלט גערעכענט, אז דאָס שלאָגען אָן די גויעשע ווייבער אויף צו הענגען און צו טריקע־נען וועש, אז ער האָט אָבער געפרעגט ביי איין אַלטען „בעל־הגוף“, צוליעב וואָס זיינען די פּאַרקאַנעס אָנגעשלאָגען מיט צוועקעס, האָט איהם יענער געענטפערט:

— קאַב זלאָדעאי ניע קראַלי: גנבים זאָלען ניט גנבה'־נען...

ער דערמאָנט זיך איצט, אז דער „בעל־הגוף„ האָט איהם דערצעהלט דער צו א געשיכטע, ווי אַזוי איינער האָט אין א פינסטערער נאַכט געוואָלט ארייגקריכען אין גאַרטען עפּיל צו

גנב׳נעז, האט ער אזוי צובלוטיגט די הענד און געבליבען הענ־
גען אויף די צוועקעס, אז ער האט געמאכט א גוואלד, מען זאל
איהם קומען ראטעווען. עס פערשטעהט זיך, אז מען האט איהם
געראטעוועט מיט קולאקעס און אוועק געפיהרט אין פאליציע.

מיכל׳ען איז דער איינפאל דאמאלס שטארק געפעלען
געווארען, נאר דאמאלס זיינען נאך זיינע בוימער „ערלה“ גע־
ווען און ער האט זיך מיט׳ן מיטעל ניט שטארק אינטערעסירט,
איצט אבער האט דער מיטעל איהם די אויגען געעפענט.

איהם האט זיך שוין פארגעשטעלט, ווי אזוי א שמוציגער
גנב הענגט אויפ׳ן פארקאן מיט פערבלוטיגטע הענד און שרייט:
„אוי, ראטעוועט!“...

— רעכט אויף דיר, קריך ניט גנב׳ענען! — האט מיכל
געזעדט פאר זיך, גלייך ווי דער גנב וואלט שוין געהאנגען אויף
די צוועקעס...

און ער בעשליעסט זיך, אז נאכ׳ן דאווענען קויפט ער
צוועקעס און שלאגט אן דעם גאנצען פארקאן מיט די שפיצען
ארויף.

— די צוועקעס זאלען זיין וואס שפיציגער!.. — מורמעלט
ער מיט נקמה־געפיהל.

ער מעסט אוים מיט די אויגען די גרוים פון פארקאן און
איז משער, אז עס וועט אוועק געהן אודאי פאר א רובעל צווע־
קעס...

— מילא, פערפאלען — טראכט ער זיך — וואס דען?
לאזען זיי פרעסען מיינע עפעל? א תכלית!

און מיכל בערוהיגט זיך און נעמט זיך ווייעדער דאווענען
פון פארענט, ער האט פערגעסען וואו ער האלט און העבט אן
אויף דאס ניי, ווי ער וואלט געטראכט: זאל, רבונו של עולם,
בעסער מיינע איבער געהן!...

און קומענדיג צו „הפאה והבכורים“, דערמאנט ער זיך וויע־
דער אן ארץ ישראל, אן דער משניות און ער איז דאכט זיך צו־

פריעדען, וואס ער וואָהנט אין חוץ לארץ און איהם איז פער־שפּאָרט צו געבען „מעשר“...

ער דערשרעקט זיך ווייעדער פאר זיינע מחשבות און הויבט אויף די אויגען, צי קוקט אויף איהם ניט גאָט...

— ותלמוד תורה כנגד כולם! — ענדיגט ער מיט א התלהבות'דיגען ניגון.

— דער עיקר איז תורה — מאכט ער א פשרה, און איז שטארק צופריעדען, וואָס אלע מצות זיינען קעגען תורה לערנען א שפּיי.

— מען דארף איבערקוקען „זרעים“ נאָך אמאָל, בע־שליעסט ער פעסט, מען דארף זעהן, וואס טהוט זיך דאָרטען מכח מעשר און בכורים.

און ער בלייבט צופריעדען מיט זיין גוטען רצון און פער־טיעפט זיך אין פרומע געדאנקען ביז ער קומט צום געדאנק, אז נאָכ'ן דאווגען, אי"ה, דארף מען אָנשלאָגען דעם פארקאן מיט צוועקעם מיט די שפּיצען ארויף.

— א פיינע המצאה, כ'לעבען... האָט ער געשמייכעלט און ווייטער געדאווענט...

שכר למוד.

— טאטע, דער רבי האָט געבעטען געלד! —האָט שלום'קע אויסגעשאָסען, ארײנקומענדיג פאר נאכט א היים פון חדר.

— ווײטער געלד! — האָט חנן זיך שמערצליך פער־קרימט — ווי לאנג האָב איך מיט דיר געשיקט דרײ רובל!

— ער האָט געזאָגט, אז עס איז שוין באלד סוף הזמן און דו האָסט ערשט אנגעגעבען זיבען רובל, נאָך אכט רובל קומט. ער דארף האָבען! — האָט שלום'קע שוין בײזליך געענדיגט, קראַ־צענדיג זיך אין קעפּיל.

— שא, נאָר בײזער זיך ניט, מײן תכשיט! — האָט חנן נערוועז געזאָגט, דערמאָנענדיג זיך, אז עס איז שוין טאקע לאנג צײט צו שיקען געלד.

ער איז אנשוויגען געוואָרען און האָט מיט יאוש געצופּט דאָס בערדיל, ווי ער וואלט פרעגען בײ איהם: „וואָס זאָגסטו, מײן בערדיל, צו אזאַ אומגליק“...

ניט דערוואַרטענדיג פון בערדיל קײן שום עצה, האָט ער גענומען פיהרען מיט'ן האנד איבער'ן גאנצען פנים, און אז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָט ער געהויבען פון קאָפּ די היטעל, ארויף און אראָפּ, דאָ אין גאנצען עס אראָפּגענומען און אין האנד צוגעהאלטען, דאָ ווידער עס אנגעטהאָן, און איבערגע'חזר'ענ־דיג דאָס עטליכע מאָל, איז דער וואָלקען פון זײן צוקנײטשט פנים, ווי העלער געוואָרען, אין די אויגען האָט עפּעס זיך א

עס איז אָבער „אַבמאַן“, גנבה, חנן וויל זיין איין עהרלי־בער סוחר, חנן האָט מורא פאַר גאָט און פאַר זיך אַליין...

פאַר זיך אַליין מעהר ווי פאַר גאָט... נאָך אַזאַ מעשה, וועט איהם גאָט אפשר מוחל זיין, גאָט ווייסט דאָך, אַז ער איז ניט שולדיג — די נויט, זי טהוט עס. אָבער ער, חנן, איז אַ שלעכ־טער, ער וועט זיך אַזעלכע מעשיות קיינמאָל ניט מוחל זיין און נאָכדעם עסט ער שטענדיג זיך אַליין:

— וואָס האָסטו דאָס געטהאָן, חנן, האַ? שעהן אַזוי, גוט אַזוי, עהרליך אַזוי?.. בערעכען זיך, חנן?...

און חנן הערט אויף צו קוקען אויפ'ן בוידעם וואו די זעק־לעך מיט די פסלות ליגען און בעשליסט צו האנדלען עהרליך...

— עהרליך, עהרליך, עהרליך! — שרייט ער אויס און פערשליסט דעם שפייכלער און געהט רופען דעם סוחר...

דער סוחר לעווין, אַ הויכער איד, מיט אַ רויט פּנים, מיט קליינע שווארצע אויגלעך, פערקאטשעט די ארבעל און לאָזט זיך אראָב גרונטעווען אין ווינקעל פון זאַסיעק.

— עס איז7 מאָסיגער! ניטאָ גאָר וואס צו שמועסען!— קען זיך חנן ניט איינהאלטען און לויבט זיין סחורה, נאָך איי־דער דער סוחר בעטראַכט עס אַליין.

דעם סוחר פערדריסט, וואס חנן, אַזאַ קליין ווערימעל, זאָגט איהם פריהער, איידער ער אַליין האָט נאָך בעטראַכט, וויפיעל מאָס דער זוימען האָט, און ער זאָגט אַרויס קאַלט:

— באלד וועלען מיר אַליין זעהן וויפיעל מאָס ער האָט!

חנן'ן קלאפּט דאָס האַרץ פאַר שרעק, טאמער געפינט דער סוחר, אַז דער זוימען איז ניט זיעבען מאָס, — עס איז דאָך אַ גזלן אַ איד — טראַכט ער, און ער פּרובט זיך ווירקען אויפ'ן סוחר'ס מבינות מיט אַ גוט ווארט:

— איך, פּאַני לעווינען, דאַרף מען שוין ניט זאָגען, איהר ווייסט, פּאַני לעווין, אַליין — איך וואָלט עס פערמאַגט־יעצט

א צעהנט־חלק, וואס איהר האט שוין איבערגעשיקט זוימען קיין קעניגסבערג...

— יא, ברודער, מעגסט זיך עם ווינשען! — זאגט לעווין מיט גדלות, גרונטעווענדיג זיך אלץ אין די זוימען—וואס וואלסטו אבער געטהאן מיט אזוי פיעל געלד?

— חע... חע... חע... — לאכט ביטערליך חנן... — איך וואלט שוין געוואוסט וואס צו טהאן... איך וואלט געהאנדעלט ווי איהר „אויף קעניגסבערג"..

— דער זוימען האט מעהר ניט ווי פינף מיט א האלבע מאס — העכסטענס זעקס! — האט פלוצלונג לעווין ארויסגעזאגט זיין מיינונג.

חנן'ס געמאכטער שמייכעל, וואס איז געלעגען די גאנצע צייט אויף די ליפען, איז פערשוואונדען; קוים שטעהענדיג אויף די פיס, האט ער ארויסגערעדט:

— וואס רעדט איהר, פאני לעווין?

— אט דאס וואס דו הערסט! — האט דער סוחר קאלט געענטפערט.

— איז וויפיעל, הייסט דאס, גיט איהר? — האט חנן מיט א געקלעמטען קול געפרעגט.

— צו 98 קאפיקעס — דאס איז הויך געצאהלט. זוימען איז יעצט געפאלען, האט לעווין רוהיג ארויסגעזאגט.

— פאני לעווין, איהר פערלאנגט איך זאל נאך צולעגען?... האט זיך חנן געבעטען און בשעת־מעשה האט זיך איהם געוואלט אויסשרייען: „א, דו גראבער גזלן!" און ארייגשטעכען איהם א מעסער...

— איך קען אודאי ניט צולעגען! — האט לעווין טרוקען געענטפערט און געוואלט ארויסגעהן.

— זייט עפּים מוסיף! — האט זיך חנן געבעטען און אין זיין קול האט זיך ווי טרעהרען געהערט.

לעווין איז צוגעגאנגען נאך אמאל צום זאסיעק, פערקא־

טשערט נאָך אמאָל די ארבעל פון זיין שווארצען ראָק, זיך גע־לאָזט גרונטעווען, און ארויסגערעדט:

— מילא, דו האָסט נאָך צוויי קאָפּיקעס, גלייך צו רובל, — דו טשעפּעסט זיך צו, ביזט ווי א פּעך...

— מעהר גיט איהר טאָקי ניט?

לעווין האָט געמאכט א מינע ווי ער איז אין כעס און האָט ניט געענטפערט. חנן האָט זיך דערשראָקען פאר דער מינע. וואס וועט ער איהם טהאָן, אז ער וועט דערפאר גאר ניט וועלען קוי־פען ביי איהם? און א קוק טהוענדיג אויפ'ן בוידעם, וואו די זעקליך פּסלות זיינען געלעגען, האָט חנן, ווי מיט א געמאכ־טען כח ארויסגעריסען פון מויל:

— מילא, פאר אייך. ווען וועט איהר עס צונעהמען?

— פיער דעם זייגער שיק איך דעם „מענשען" מיט פּוה־רען.

— גוט! — האָט חנן מסכים געווען און געקוקט מיט שרעק אויפ'ן בוידעם. דער סוחר האָט שוין געוואלט אוועק־געהן און האָט געוואָרפען זיינע שווארצע אַייגלעך איבער'ן שפּייכלער.

— נאָר דו שיט מיר ניט אריין קיין „פּסולת", ווי איהר חברה הענדלער האָט ליעב... האָט ער געוואָרענט.

חנן איז בלייך געווארען און כדי דער סוחר זאָל עס ניט פערשטעהן, האָט ער גענומען זיך שווערען:

— אָך, זאָל מיר גאָט אויסהיטען פון אזעלכע זאכען — וואס רעדט איהר? נאָר חנ'ן האָט זיך געדאכט, אז דער סוחר פערשטעהט זיינע געדאנקען, און כדי דער סוחר זאָל אויף איהם קיין חשד אפילו ניט האָבען, האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען פון מויל:

— איהר קענט אייך נעהמען ביז פיער דעם זייגער דעם שליסעל פון שפּייכלער...

— יאָ, דאָס וואלט טאָקי ניט געשאדט, — איז לעווינען

געפֿעלען געוואָרען דער פּלאַן — און עהרליכער מאַן ביזטו יאָ, נאָר האַנדעלשאַפֿט, ווייסט דאָך...

— מיט׳ן גרעסטען כבוד, מיט׳ן גרעסטען כבוד! — האָט חנן געשריגען, ווי פערצווייפעלט פאַר חרטה, וואָס ער האָט אַזאַ זאַך פאַרגעלעגט, דאָס פּנים האָט איהם געברענט, און די שלייפען געקלאַפּט און מיט גרויס מאַטערניש איז איהם געלונגען זיך איינצוהאַלטען, ניט אויסצושרייען:

— קוילע! קוילע! קוילע!...

מיט ציטערענדיגע הענד האָט ער פערשלאָסען די טהיר. ארויסגענומען דעם שליסעל און מיט א שמייכעלע, וואָס האָט געקענט שטעכען אין זיעבעטען ריפּ האָט ער זיך געווענדעט צו לעווינען:

— אָט האָט איהר אייך דעם שליסעל!...

— גוט, גוט! — האָט לעווין צופריעדען אויסגערופען, בעהאַלטענדיג דעם שליסעל טיעף אין קעשענע.

— נאָר שפּעטיגט זיך ניט, פּאַני לעווין, — האָט חנן כמעט ווי געוויינט — מען דאַרף אמאָל עפּעס האָבען אין שפּייכלער. נאָר לעווין איז שוין ווייט געווען און חנן האָט זיך אליין געזידעלט:

— אוי, דו תרח, תרח! וואָס האָסטו דאָ געטהאָן, דו וועסט דאָך איצטער בדלות ווערען... וואו וועסטו נעהמען שכר למוד?...

און חנן האָט פערבראָכען די הענד, די אויגען האָבען מיט פונקען געשאָטען, ער איז אַזוי געבליבען שטעהן ביים שפּייכלער און אַנגעהויבען זוכען אַן אָרט וואו אריינצוגעהן צוריק... נאָר דער שפּייכלער איז געווען פערמאַכט פון אַלע זייטען, אויסער א קליין לאַנג־שמאָל פענסטעריל, אהן א שייבעל... חנן האָט געקוקט אויפ׳ן פענסטערל, געקוקט, געפּרובט מעסטען, צי וועט ער קענען אריינגעהן, נאָר אומזיסט, ווי ניט אויסגעדאַרט ער איז געווען, איז ער פאַרט פאַר דעם פענסטערל צו דיק געוועזען.

*

צוויי א זייגער איז געקומען שלומקע פון חדר.

— נו, טאטע, וועסט געבען געלד מארגען דעם רבי׳ן?

חנן האט ניט געענטפערט. ער האט אויסגעשטעלט די אויגען און שטארק פערטראכט האט ער געקוקט אויף שלומקען.

— וואס קוקסטו אזוי אויף מיר, טאטע? — האט שלומקע געלאכט.

שלומקע האט זיך פערשעמט און האט אראבגערוקט דאס היטעלע און ניט קוקענדיג אויפ׳ן טאטען האט ער ווייטער גע־פרעגט:

— זאג, וועסט געבען?

שלומקע! ווילסט זיין א חוואט? — האט חנן אנשטאט צו ענטפערן געפרעגט.

— וואס איז?

— קום אויפ׳ן הויף, איך וועל דיר עפעס זאגען.

א נייגיעריגער איז שלומקע ארויסגעגאנגען נאכ׳ן טאטען אויפ׳ן הויף.

— וואס טאטע?

חנן האט איהם צוגעפיהרט צום שפייכלער און, אנווייזענדיג אויפ׳ן פענסטעריל, וואס איז ניט הויך געווען, האט ער געפרעגט:

— דו וועסט קענען דורכקריכען דורכ׳ן פענסטערל?

— אויך מיר א פאראדע! — האט שלומקע גערעדט אויפ׳ן יונגעלשען לשון, דערהערענדיג, אז דער טאטע אליין הייסט איהם „שטיפען“ אביסעל.

— טא קריך, מיין גאלד, אריין, — האט חנן גערעדט און האט זיך געשעמט פאר זיין יונגעלע און פאר זיך אליין — און קריך נאכדעם ארויף אויפ׳ן בוידעם... דארטען ליעגען זעק מיט זעליא... ווייסט דאך.

— איך וויים, איך ווייס... וואס מען שיט אין זוימען! איך

האָב אמאָל געזעהן! — האָט שלומקע פרעהליך פון זיין גענײט־קייט אויסגעשריגען.

— שא, שריי ניט, נאריש אינגעל! — האָט זיך חנן גע־בייזערט, — קריך ארויף אויפ'ן בוידעם, בינד אָפּ א זאק און שיט אריין אין דעם זאסיעק זוימען, אבער מען דאַרף נאָכדעם גוט אויסמישען... ווּעסט קענען?

— יאָ, יאָ! — האָט זיך שלומקע אָנגעחאפּט, איך מיש אלע מאָל מיט'ן שופעל.

— נו, קריך! נאָר פּאמעליך...

שלומקע האָט זיך אָנגעהאנגען אויפ'ן פענסטערל און גע־שווינד, ווי א קאץ, איז ער פערשוואונדען דורכ'ן פענסטערל אין שפּייכלער אריין.

חנן איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צום גאס און געהיט. דאָס הארץ האָט איהם געקלאפּט און פאר די אויגען איז איהם גע־שטאַנען לעווין מיט'ן שליסעל אין האנד...

— נו, וואס הערט זיך? — איז ער צוגעגאנגען צום פענסטעריל אין פינף מינוט ארום.

— איך מיש! — האָט שלומקע פרעהליך אויסגעשריגען.

— צוויי זעק האָב איך אריינגעשאָטען.

חנן איז לכתחילה א פערציטערטער געוואָרען און האָט שטילערהייד אין פענסטערל אריינגעשריגען:

— גזלן! איך וועל דיך הרג'ענען! האָסט געפּאטערט דעם זוימען.

— איך מיש אוים גוט! — האָט שלומקע געשריען. עס וועט ניט זיין קענטיג.

— נו, א אינגעלע! — האָט חנן געטראכט און א געפיהל פון וועהטאָג און פערגעניגען האָט איהם דורכגענומען — מילא צוויי זעק איז צוויי זעק! — האָט ער זיך בערוהיגט, איצטער וועט אפשר זיין עפּעס פּרנסה... וואס זאָל מען טהאָן?...

— שוין, טאַטע! — האָט שלומקע אין 10 מינוט ארום אויסגעשריען דורכ'ן פענסטעריל.

— גוט אויסגעמישט?

— גוט!

א פערשוויצטער איז שלומקע ארויסגעקראָכען, זיינע שטענדיג בלייכע דארע בעקלעך זיינען געווען רויט, די אויגעלעך האָבען געגלאַנצט, און איינגאַנצען שיינענדיג פאַר גליק, וואָס דער טאַטע האָט איהם געטרויט אַזאַ ארבייט, האָט ער פון קעשענע ארויסגענומען אַ פּראָבקעלע זוימען און געוויזען דעם טאַטען.

— גוט? — האָט ער געפרעגט אַ צופריעדענער.

— חאַפּט איהם דער טייוועל — עס וועט זיין גוט... דער גזלן... ער געטרויט ניט... דעם שליסעל נעהמט ער צו, ער איז אליין אַ גנב...

שלומקע האָט געקוקט אויפ'ן טאַטען און ניט פערשטאַנען, וואָס ער איז אזוי צוטראָגען.

— נו, מאָרגען וועסטו געבען געלד פאַר'ן רבי'ן?... — האָט ער געפרעגט.

— ווי דען מיין זוהן! — האָט דער טאַטע זיכער געענטפערט, 5 רובל גיב איך דיר מאָרגען...

און ווירקליך איז אויף מאָרגען שלומקע געפלויגען מיט אַ נייער 5 רובלדיגע אין חדר אריין. דער רבי האָט איהם אַ קניפּ געטהאָן אין באַק און געזאָגט: אַ שעהנער בחור. שלומקען האָט זיך פאַר שמחה געוואָלט דערצעהלען נעכטיגע בריה'שאַפט זיינע, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אז דער טאַטע האָט איהם פערזאָגט, אז ער זאָל למען השם קיינעם, קיינעם ניט דערצעהלען.

און שלומקע האָט זיך גענומען לערנען גאָט'ס תורה, האַלטענדיג דעם נעכטיגען סוד טיעף אין זיין קליין יונג הערצעלע, וואָס דאָס האָט איהם שטאַרק געדריקט.

אַנדערש אבער האָט דער סוד געדריקט זיין טאַטען חנ'ען...

די גרויסע סוכה.

דאָס קלענסטע שטיבעל אין גאס איז געווען ברוך'ס. דאָס דאָזיגע שטיבעלע האָט געהאט מעהר עהנליכקייט צו א חאטקע אין אַ דאָרף איידער צו א שטעדטעלשען בנין, נאָר דער דאך מיט צופוילטע שינדלען איז געווען איין עדות, אז דאָס שטיבעלע איז א שטעדטעל'שע און די מזוזה ביים טהיר — אז עס איז א אידישע.

דאָס שטיבעלע אינוועניג האָט קיינע צימערן ניט געהאט. די עלטערע טאָכטער האָט אפילו אמאָל געפּרובט די צווייטע העלפט פון שטיבעלע, וואס איז געווען אָבגעצוימט מיט א הילצערנעם ניט געפּארבטען אלמער, א נאָמען געבען „די פינסטערע קאמער", דאָס האָט זיך איהר אבער ניט איינגעגעבען. פינסטער איז אפילו אין דער אנדער העלפט געווען געגנוג, אבער קיין איינדרוק פון א „קאמער" האָט דאָס ניט געמאכט. צוויי מאָל האָט זי עס מיט דעם דאָזיגען נאָמען אָנגערופען, אבער, אז די אלע הויזיגע האָבען איהר ניט אונטערגעהאלטען, האָט זי אליין אויך אויפגעהערט צו גלויבען אין די ריכטיגקייט פון נאָמען, און זי האָט צוגלייך מיט אלע הויזיגע אָנגערופען די צווייטע העלפט — „דער פינסטערער ווינקעל"...

עס פערשטעהט זיך, אז איין אלמער אין אזא ענגען שטיבעל איז ניט אזא אָנגעלעגטער גאסט. הויף און שטאָלץ און

קאלטבלוטיג איז ער געשטאַנען אין מיטען שטיבעלע און האָט זיך ניט געלאָזען א קעהר טהאָן דעם לעבעדיגען מענשען... דער אלמער איז אבער געווען א ירושה פון ברוך'ס עלטערען און מען האָט זיך מיט איהם געמוזט האלטען, בעטענדיג אויף איהם אלע טאג אין הארצען א מפּלה...

אָבער נאָך מעהר אָבקומעניש איז געווען דער אויווען. אָט דער אכזר האָט פערחאפּט כמעט דריי חלקים פון שטיבעל. דער אלמער איז זיינער גאָר א נאָהנטער שכן געווען, גאָר שטארק ליעב איינע די אנדערע האָבען זיי זיך ניט געהאט: זיי האָבען ביידע זיך שטענדיג בייז אָנגעקוקט. סיידען ערב פּסח, ווען צביה, די בעל־הבית'טע פון שטיבעלע פלעגט דעם פּאָרענט פון אויווען אבקאלכען, דאן פלעגט ער עפּעס אָנהייבען אביסעל ווי פריינדליכער קוקען אויף זיין שכן...

ווי קומט אין אזא קליין שטיבעלע אזא גרויסע אויווען, ווייסען אפילו ניט זיינע בעלי־בתים. דאָס שטיבעלע שטעהט שוין אודאי הונדערטער יאָהרען. ווער ווייס, וואס פאר א משוגעים פארצייטען זיינען געווען, וואס פאר א מיין זיי האָבען דערמיט געהאט. זיי, די בעלי־בתים, האָבען דאס שטיבעל ניט געקויפט. גלייך נאָך ברוך'ס חתונה האָט דער פּאָטער איהם אריינגעזעצט אהער, און אָט אזוי זיצט ער שוין עטליכע צעהנד־ליג יאָהר. צו דערגעהן די געשיכטע פון דעם שטיבעלע האָט ער קיין צייט ניט, ער האָט בילכערע זאכען: ברוך איז א איד, וואָס האָט א ווייב מיט א סך קינדער און מיט ווייניג פרנסה...

בכן איז איינס פון די ערשטע אונגליקען אין ברוך'ס הויז־געזינד די ענגשאפט. ברוך'ס ווייב, צביה איז אפילו א בריה א אידענע, די עלטערע טאָכטער האָט נאָך איהר אריבערגעשטי־גען, און אָט די צוויי בריות ארבייטען גענוג, כדי צו מאכען עפּעס ארדנונג, גערוימקייט אין שטיבעלע. אבער וויפיעל זיי זאָלען ניט ארבייטען העלפט עס ניט. אָט איז נאָך אָנבייי־סען; די מוטער און טאָכטער האָבען דאָס געזונד אוועקגעלעגט

אויפצורווימען, מאכען א שטיקעלע דורכגאנג צום טיש. עס גע־דויערט אבער ניט קיין צעהן מינוט, עס פאלט עפּעס אראָב אויף דער ערד, עפּעס ניט פאַרזיכטיג אוועקגעשטעלט, עטוואס די באנק א דרעה געטהאָן. און אין שטיבעל קאן מען שוין ווידער נישט דורכגעהן, חאַטש נעהם און שפּרינג! וואָרים אויסער דעם אלמער און אייוועו האָבען זיך נאָך, פערשטעהט זיך ממליא, געפונען אין שטיבעל צוויי בעטען, א טיש און צוויי לאנגע בענק פון וועלכע איינע, די לענגערע, האָט מיט איהרע שפּיצען גע־לעכערט די וואנד; און קלענערע כלי־בית.

— האָט אונז דיין טאטע א ירושה געלאָזען! — פּלעגט צביה ניט איינמאָל „שטעכען" איהר ברוך'ן, ווען די ענגשאפט איז געווען ניט צו דערטראגען, למשל ביים אויסבעטען די בע־טען, ביים חלה באקען, טשאָלענט רוקען און נאָך אזוינע צייטען פון הו־הא.

ברוך פלעגט איהר קיינמאָל נישט ענטפערן, וואָרום ער אליין איז אָט מיט דער דאָזיגער ירושה אויך ניט געווען צו־פריעדען. חאַטש צייטענווייז פלעגט ער טראכטען: פון דעסט־וועגען פאַרט אן אייגענער ווינקעל...

אויסער וואס די בעלי־בתים פון שטיבעלע האָבען געליטען פון דער ענגשאפט פיזיש, האָבען זיי אויך גייסטיג געליטען און מען קאן זאגען, אז די גייסטיגע ליידען זיינען פיעל גרעסערע געוועזן...

אמת, ברוך איז געווען אן ארימער איד, אבער דאָך איז ער געווען א בעל־הבית, געשטאמט פון שעהנעם יחוס, איצע זלאטעס למשל איז געווען זיינער גאר א נאָהנטער קרוב, און איצע זלאטעס איז א איד אן עושר... אויסער דעם דאָזיגען קרוב האָט ער געהאט נאָך פיעל קרובים: צביה איז אויך ניט געווען חלילה קיין עלענדע, אויך ניט פון א שטיין געבוירען. פוןביידע צדדים האָבען זיך אָנגעקליבען מומעס, פעטערס, שוועסטער־קינדער, שני בשלישי א היבשע ביסעל. און אָט־טאָקי צוליעב

דער ראַזינגער משפחה האָט ברוך מיט זיין צביה מיט דער על־טערער טאָכטער, געהאט ניט זעלטען שפּיכות דמים.

עס טרעפט זיך, און ניט זעלטען, אז צביה ווערט גענעגען מיט א אינגעל. עס פערשטעהט זיך אז עס איז א שמחה, זאל זיין אפילו — דאָס דריטע אינגעל. אין שטיבעלע איז טאקע ענג, אבער די ערשטע וואך ליעגט דאָס ניי־געבוירען קינד נעבען דער קינפּעטאָרין און פערנעהמט ווייניג פּלאץ, שפּעטער אז עס דארף האָבען א וויעגעלע איז אויך ניט קיין בייז. צביה האָט אלע קינדער אויסגעהאָדעוועט אין הענג־וויעגעליך, וואס דאָס פערנעהמט נור א פּלאץ אין דערלופטען, עלעהיי א צווייטער גאָ־רען.. אבער דעם ברית מאכען איז ניטאָ וואו, אין ברוך'ס שטי־בעלע קאָן זיך ניט אפילו דער נויטיגער מנין פּאָטויפען און ווי געזאָגט, ברוך מיט צביה'ן זיינען בעלי־משפחה און רופען מוז מען יעדען.

און דאָ הייבען זיך אָן די שפיכות דמים. די רייכערע מר מעס און פעטערס, וואס זיינען די גאנצע „שיינדעל“, קומען ערשט נאָכ'ן ברית און אויך ניט אלע צוזאמען נאָר פּארוויז, און ברוך מוז זיך פאר יעדען פערענטפערען, וואס עס איז אזוי ענג, און ווארפט פערצווייפעלטע בליקען אויף די וואנד, ווי ער וואָלט וועלען זיי בעטען: ווערט עפּעס ברייטער, גזלנים!..

אבער נאָך גרעסער זיינען די שפיכות דמים ביי יעדען יום־טוב, ווען די קרובים ווי דער מנהג איז, לאדען איין איינע די אנדערע אויף „כיבוד“.

— זאָלסט זיך אקארשט ניט לאזען בעטען אויף ברכה!

— קלאפּט איהם אין שוהל א יעדער קרוב אין פּלייצע נאָכ'ן יום־טוב'דיגען דאווענען — למען השם מיט צביה'ן און מיט די קינדערלעך. הערסט, ברוך?

ברוך הערט. ווי דען? ער וועט ניט געהן און אָנמאכען א ברוגז?... אודאי קומט ער צו יעדערן מיט זיין גאנצען געזינד. מען מאכט ברכה, מען ווינשט לחיים, און נאָכ'ן כבוד, ווען ער

דאַרף צו זיך רופֿן, לויט דער מנהג אין שטעדטעל, דיענט איהם ניט די צונג ארויסצורעדען זיין איינלאדונג, און ער שטאַמעלט קוים ארויס:

— איצטער וואָלט מען געדאַרפט צו מיר געהן...

— אי״ה, אז דו וועסט בויען א גרעסערע שטוב... גאָט וועט העלפען...

בעקומענדיג אזא ענטפער, וויל ער צוריק ענטפערן: וואס איז? אין א גוט לעבען איז ניט ענג.—וואס קאן זיין אין גרונד, א קליגערער ענטפער?... אבער דער ענטפער בלייבט ביי איהם ווי אין האלז, און ברוך קאן איהם בשום אופן ניט ארויסרעדען, חאָטש נעהם און שלעפּ איהם ארויס פון דאָרטען מיט די הענד...

און פערגעסענדיג צו בעדאנקען „פאַר אלעם גוטען", ווי דער דרך־ארץ איז, געהט ער ארויס פון קרוב, נאָכשלעפּענדיג נאָך זיך דאָס געזינד, און איהם דאכט זיך, אז ניט פון „כיבוד" געהט ער, נאָר פון א מאַלצייט, וואס א גביר האָט געמאכט פאַר אָרימע לייט.

און דאָס פּנים פלאמט איהם פאַר חרפּה, און מיט'ן דאָזיגען געפיהל געהט ער אוועק צו א צווייטען קרוב, א דריטען, א פיערטען. וואָס דען? ניט געהן און אָנמאכען א ברוגז?...

אבער יעדער יום־טוב צו געהן אויף „כבוד" און צו זיך די „משפחה" קיינמאָל ניט איינלאדען, וואלט ברוך נישט געקאָנט פּועל'ן ביי זיך פאַר קיין פאל ניט. אזוי געפאלען זיין וואלט שוין אפילו ברוך, דער אָרימער אין דער משפחה, ניט געקאָנט.

פּסח, שבועות, חנוכה אויף לאטקעס, פּורים צו דער סעודה, קאן ער טאקי צוריק צו זיך אויף כבוד ניט רופֿען: זיין שטיבעלע קאָן אזא גרויסען עולם ניט אויפנעהמען. דערפאַר אבער איז דאָך דאָ נאָך א יום־טוב — סכות. סכות לאכט ברוך פון דער גאנצער וועלט!

ברוך'ס שטיבעלע איז טאָקי די קלענסטע אין גאס, אבער

דער הויף איז דער גרעסטער. „פּלאַץ" איז אין שטעדטיל נישט קיין גרויסע מציאה, דער עיקר איז דאָס בויען, און ווען ברוך איז ניט ביכולת אויסצובויען א גרוים הויז אויף זיין גרויסען הויף, קאן ער אבער דערפאר אוועקשטעלען סוכות אזא סוכה, וואס זאל זיין די גרעסטע פון אלע סכות. ווען א גאנץ יאהר לעבט ברוך מיט'ן הויזגעזינד אין ענגשאפט, וויל ער כאָטש לע־בען אין רחבות זיעבען טעג אין יאָהר. א חיי־שעה איז אויך א לעבען, בפרט זיעבען טעג, — א קליינינקייט זיעבען טעג אין גערוימקייט, היינט דאָס ניט פערשעהמט ווערען פאר דער משפחה!....

און גלייך נאָך יום־כפור נעהמט זיך ברוך בויען זיין פּאַ־לאַץ — די סוכה. קודם־כל שיקט ער ארויף זיין עלטערן בחור'ל אויפ'ן בוידעם, וואו עס ליעגען א פיער־פינף ברעטלעך, אויך ירושה נאָך פון זיין טאַטען. עס פערשטעהט זיך, אז די עטליכע ברעטלעך, וואלטען אפילו „אויף א צאָהן נישט גע־קלעקט" אויף א געוועהנליכער סוכה. בפרט אויף אזא גרויסע, ווי ברוך נעהמט זיך פאָר צו מאכען. מען דארף אבער ניט פער־געסען, אז ברוך איז א גרויסער „עקאָנאָם", די סוכה בויט ער ניט אין מיטען הויף, ער זאל דארפען האָבען פיער גאנצע ווענד, נאָר ער שטעלט זי צו צום וואנט פון שטיבעל. די סוכה דארף דאָך אבער זיין גרעסער פאר זיין שטיבעל, שטוקעוועט ער טאקי צו צום וואנד די עטליכע ברעטער, וועלכע גרייכען ביז דעם שכנ'ס גארטען, וואס האָט צום גליק א פּארקאַן פון ברעטער. האָט שוין ברוך צוויי ווענד, כמעט פארטיגע, בלייבט איהם נאָך אנדערהאלבען, נעהמט ברוך אראָב די דריי ווינטער־פענס־טער פון בוידעם, די צוויי טהירלעך פון אלמער, דאָס איבריגע באָרגט ער צו ביי די שכנים, וועלכע „געהען אריין אין זיין לאַגע" און באָרגען איהם פון דאָס לעצטע, און די סוכה האָט שוין פיערטהאלבען ווענד און א חלול אויף א טהיר. די טהיר איז שוין ניט פון ברעטער, נאָר פון קאָלדרע און דוקא פון צוויי

קאַלדרעס, ווייל א גרויסע סוכה מוז האָבען א גרויסע טהיר און
אַיין קאַלדרע קלעקט ניט...

אז דער בנין פון דער סוכה ווערט פערטיג און קיין מאנס־
בילשע ארבייט דארף זי שוין ניט, נעהמען זיך צו איהר ערשט
די ווייבער — צביה מיט דער עלטערער טאָכטער. זיי קעהרען
זי גוט אויס, שיטען אויס מיט געלען זאמד און מען טראגט
ארויס די גאנצע מעבעל פון שטיבעל, ד. ה. דעם טיש מיט
צוויי בענק און די צוויי טאבורעטען אין סוכה אריין. דאָס
שטיבעל בלייבט פוסט, פיהלט זיך ווי בעליידיגט, און די פיער
וענד מורמלען דאכט זיך: גרויסע יחסנים!... אָבער וועמען פון
הויזגעזינד ליעגט יעצט אין קאָפּ דאָס שטיבעל, ווען אויפ'ן
הויף שטעהט אזא גרויסע סוכה! אלע לאכען איצט פון שטי־
בעלע און ווילען פערגעסען, אז נאָך סוכות וועט מען צוריק צו
איהר מוזען אָנקומען און זי וועט זיך נענוג דאמאָלס נוקם זיין
מיט איהר ענגשאפט...

ווער געדענקט אין א גליקליכער צייט, וואס שפּעטער
וועט זיין?...

יעצט אבער איז די סוכה די איינציגע דירה פון הויזגע־
זינד און דאָס שטיבעל דיענט אלס א קיך...

— א קיך — זאָגט צביה איראָניש — איז א גאנץ גרוי־
סע...

דאָס שטיבעלע הערט און ווערט נעבעך צופּלאצט און די
פיער וענד קלערען: ווארט, ווארט, מיר וועלען זיך מיט אייך
אברעכענען!...

ווער הערט זיין אָבער יעצט? די גרויסע סוכה איז דער־
ווייל די יחסנ'טע. די משפחה וועט טאקי אויף כבוד אהער
קומען און ניט אין שטיבעלע.

און ווירקליך, דעם אנדער'ן טאָג יום־טוב פעררופט ברוך
אויף „ברכה" דאָס שיינדעל פון זיין משפחה.

— איהר וועט אָנקוקען א סוכה! זאגט ער מיט א שטאָל־

צען שמייכעל: — א סוכה — א פעלד! א רחבות!...

— אהא! — ענטפערט איהם ווער פון זיין משפחה — סכות ביזטו דאך טאקע א קיסר...

און די משפחה געהט צו ברוך'ן אויף ברכה און ברוך נעהמט־אויף מיט כל הכבודים, וואס זיין צביה האָט פאר'ן לעצטען גראשען אנגעגרייט, און ער שטעהט הינטער זיי און בעדיענט זיי מיט א שטראהלענדען פנים, און קאן זיך ניט איינהאלטען און מוז חאָטש צו איינעם פון די קרובים א זאָג טהאָן:

— מיר דאכט זיך, אז מיין סוכה איז גרעסער פון אייע־רע...

דער „מיר דאכט" איז נאָר פון עדעלקייט וועגען. ברוך איז זיכער אז זיין סכה איז די גרעסטע אין שטאָדט.

און גרויס איז זיין שמחה, ווען דער רייכסטער קרוב זיי־נער ענטפערט איהם מיט א מין געפאלענקייט:

— מיין סכה איז א ברעקעל... זיך ניטאָ וואו א קעהר צו טהאָן...

אָט דעם ענטפער געדענקט ברוך א גאנץ יאָהר און דער ענטפער גיעט איהם מוט און העזה צו געהן די איבריגע יום־טובים צו זיין משפחה אויף כבוד: נישט קשה, סכות בעצאָהלט ער זיי כפל־כפלים...

אַרימע מצה.

עלף א זייגער ביי נאכט.

ביי חיים לייבעס אין „פּאָדריאַד“ וואו א גאנצען טאָג רוישט און טומעלט, איז געוואָרען שטילער. די וועלגערינס, מיידלעך און יונגע ווייבלעך, פּיהלען זיך זעהר מיעד און האָבען קיין כוח ניט צווישען זיך צו רעדען. אפילו חיה ביילע, דאָס יונג פרעהליכע ווייבעל, וואָס זינגט א גאנצען טאָג לידער, ניט קוקענדיג אויפ'ן שטרענגען משגיח, וועלכער ווייזט איהר אויף, אז א פרוי טאָר בפירוש ניט זינגען, — אפילו זי איז אויך שטיל, נאָר פאר זיך אונטער'ן נאָז ברומט זי דאָס לידעל:

„זיי־זשע געזונד, מיין געטרייע מוטער,
איך פאָהר שוין פון דיר אוועק“...

און דאָס איז נישט דערפאר, ווייל זי איז יעצט אויפגעלעגט צו זינגען, נאָר גלאט אזוי: זינט זי האָט דאָ אין דער פרעמדער שטאָדט חתונה געהאַט, געהט איהר דאָס לידעל קיינמאָל פון זינען נישט ארויס.

ווען ניט דאָס קלאַפּען פון די קאצעלקעס איבער די ברעטער, דאָס סקריפּען פון רעדעל איבער'ן בלעך, וואלט זיך געדאכט, אז זיי שלאָפען אלע שטעהענדיג, אזוי מיעד און אבגעמאטערט זעהען זיי אויס. עפּטערס נאָר רייסט זיך ארויס א געשריי פון א נערוועזער מיעדער וועלגערין אויף דער קנעטער

רין: „פערשטייפט זיך, מען קען דאָך ניט וואלגערן!“ אויף וואָס די קנעטערין ענטפערט אזוי ווי פון אונטער דער ערד: „געה דו צום בעקען, וועסטו וויסען ווי צו פערשטייפען זיך, אויף מיינע שונאים געזאָגט געווארען מיין כח“...

און עס ווערען וויעדער אלע ענטשוויגען.

און אז די שטילקייט דויערט צו לאנג און די מידיגקייט ווערט שווערער, הויבט אָן אין פּאָדריאד צו רוישען:

— איך פאל פון די פיס, אויף גאמנות, — קלאָגט זיך איין וועלגערין פאר דער צווייטער.

— און איך האָב שוין קיין הענד ניט — ענטפערט איהר די צווייטע, קרעכצענדיג — אָט דאָ אין די דאָלאָנעס שטעכט מיר, ווי מיט נאָדלען, קוים וואס איך ריהר אָן די קאצעלקע.

א דריטע וועלגערין, מיט א בלאס געזיכט, מיט גרויסע טיעפע גריבער אונטער די אויגען, קלאָגט זיך פאר זיי ביידען, אז איהר ברעכען אלע ביינער, זי וואלט אוועקגעגעבען א האלב לעבען מען זאל איהר לאזען איצטער אוועקגעהן אהיים צושפּאַרען זיך. ביי די ווערטער „צושפּארען זיך“ בייגט זי אָן דעם קאָפּ אָן א זייט, ווי זי וואָלט וועלען פּרובען ווי גרויס עס איז דערפון דער תענוג.

נאָך א וועלגערין פערצעהלט הויך מיט א שטימע פּול צאָרן, אז ביי עשקע בינוש'עם האָט מען שוין מיט א שעה צו־ריק געענדיגט. דאָס ווירקט זעהר שלעכט אויף די וועלגערינס, און דער גאנצער פּאָדריאד, אויסער דער קנעטערין און דעם זעטצער, ביידע אין די מיטעלע יאָהרען, — צעבונטעוועט זיך מיט א געפּילדעריי:

— ווען וועט מען שוין געהן אהיים! אין אלע פּאָדריא־דען האָט מען שוין לאנג געענדיגט. נאָר אויף אונז איז עפּעס איין אויסגאָס, ערגער ווי אומעטום.

דער זעטצער, א הויכער דארער איד, מיט א שפּיציג בער־דעל, מיט א פערפלאמט פּנים אויף וועלכען עס שטעהען גרוי־

סע טראַפּען שוויס, לויפט צו צום בלעך, קלאַפּט אָן מיט'ן שטעקען און צובייזערט זיך:

— מצה, מצה! א לעדיגער אויוועז! וואָס האָט איהר זיך צע'דרשנ'ט! דער טאָג איז אייך ווייניג?!

אויף זיין געשריי לויפט אריין פון א זייטיגען חדר'ל די בעל־הבית'טע, א נידריגע פרוי מיט א געקנייטשט פינסטערן פּנים מיט גוטע שווארצע אויגען און זי הויבט זיך אָן בעטען ביי די וועלגערינס:

— באלד, קינדערלעך, באלד! —פארהאַן נאָך אפשר זעקס „מיירעס" אין זעקעל.

— שעהנע זעקס! — קלינגט אויס פון ערגעץ א ווינקעל א יונג־קינדיש קול'כעל. דאָס איז דער „שיטער" אליין. ווער ווייס נאָך אזוי ווי ער, פיעל „מיירעס" עס זיינען נאָך דאָ! ער הויבט אויף מיט זיינע דארע הענדטלעך דאָס זעקעל און איז זיך משער, אז עס וועט זיין נאָך שטארקע צעהן „מייערס".

די וועלגערינס צושרייען זיך ווייטער, נאָר דער זעצער בייזערט זיך און מיט'ן שטעקען קלאַפּט ער איבער'ן בלעך:

— מצה, מצה! עס קיהלט דער אויבען!

— אי זאָל איהם, רבונו של עולם, קיהלען אין בויך! — שעלט א וועלגערין.

— וואָס איז ער שולדיג! — פערענטפערט איהם דאָס יונ־גע פרעהליכע ווייבעל — איהם איז נאָך אפשר שווערער ווי אונז, און קיין גרויסער גבור איז ער אויך ניט, נאָר וואס זאָל ער טהאָן? ער ווייס אז מען מוז ענדיגען. פריהער, שפּעטער, מען וועט אין מיטען ניט לאָזען און צוגעהן זיך.

עס איז ווידער שטיל געווארען, אזוי ווי אלע וואלטען געקומען צו איין איבערצייגונג, אז מיט'ן קלאָגען זיך מאכט מען זיך נישט גרינגער. פערפאַלען, ענדיגען מוז מען! שטיל נאָר פלעגט א מאָל א וועלגערין ארויסלאָזען א שווערען קרעכץ, אָנחאַפּענדיג זיך דאָ פאר'ן הארצען, דאָ פאר'ן זייט: און וויע־

דער דאָס זעלבע קלאַפּען מיט די קאַצעלקעס איבער די ברעט־טער, דאָס סקריפּען מיט׳ן רעדיל איבער׳ן בלעך.. און די צייט ציהט זיך אַזוי לאַנג...

נאָר אָט קריכט אַרויס די קנעטערין פון איהר „ווינקעל“, מיט פערקאַשערטע אַרבעל און מיט גרויסע טראָפּען שוויים אויפ׳ן פאַרמעט־פּנים. פּרעהליך הויבט זי אויף אין דער הויך די „מיירע“, ווי זי וואָלט ווייזען די ווערגערינס אזא מין אַר־טיקעל וואס זיי האָבען קיינמאָל דאָ ניט געזעהען. מיט אַ היי־זעריג קול, דאָך געגנוג הויך, רופט זי אויס:

— די לעצט מיידע!

— די לעצטע מיירע! קלינגט עס איבער׳ן פּאַדריאַד. און אַלע ווערגערינס צוכאַפּען די טייגלעך פון דעם טהיילערס האַנד מיט שמחה, אונטערזינגענדיג: באַלד, באַלד, באַלד!

„באַלד“, „באַלד“ — קלינגט אָב ביי יעדערער אין קאָפּ.

דער רעדלער וואס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ביים בלעך מרה שחורה׳דיג האָט זיך אַוועק געשטעלט מיט אַ קור־ראַזש צו דער אַרבייט, קונציג וואַרפט ער איבער יעדע מצה אויף דער קאַצעלקע און ער נעהמט זיך געשווינד אָבצורעדלען די פיעל אָנגעקליעבענע מצה אויפ׳ן בלעך.

ער האָט מיט צוויי מינוט פריהער נישט געקאַנט גובר זיין דעם „יצר הרע“ זיינעם, ער האָט זיך אָבגעשטעלט מאַכען אַ פּאַ־פּיראָס און ער מוז דערפאַר איצטער צוהאָרעווען, דער זעצער האָט איהם שוין צוויי מאָל אַ פּאָרע געטהאָן מיט׳ן שטעקען, ער זאָל פאַרטיג מאַכען די מצה. נאָר דערהערענדיג אז עס איז שוין די לעצטע מיירע אַרט איהם גאָר נישט. דאָס וואָרט „באַלד“ קלינגט איהם אויך פּרעהליך אין קאָפּ און פלינק קנאַקט דאָס רעדעל איבער׳ן בלעך און איהם דאַכט זיך, אז עס שרייט: גזז׳באַלד, גזז׳באַלד, גזז׳באַלד!...

—י—חד—ש—הו ק—דוש ברוך־־־הוא! — זינגט ער אונטער צום טאַקט.

און דאָס פרעהליכע ווייבעל דערהערט זיין זינגען און ענטפערט איהם צוריק מיט א ליעדעלע:

יאקיל איז א יונג מיטביינער
און דערצו א חוואט
און צו ציפקעלע דער שענער
האָט ער חשק געהאט...

דאָס מיינט זי איהם פאַרצואווארפען זיין „ליעבע“, וואס ער פיהרט דאָ נאָך איהר מיינונג, מיט ציפקעלע די ווענגערין. נאָר ער מאכט זיך, ווי נישט הערענדיג. ציפקעלע אבער שמייכעלט חנ׳דיג צום ווייבעל:

— אי, א קלאָג נאָך חיה׳ביילען, ווי זי מאכט דאָס אב אביסעל!

— וואָס? אפשר א ליגען! דאגה נישט, איך האָב היינט אליין געזעהען בשעת „אָנוואַרפען“ דעם אויוועז...

נאָר דער נייער געטומעל געפעלט נישט דעם זעצער און ער גיט א קלאַפּ מיט׳ן שטעקען איבער די ברעטער:

— מצה, מצה! שטעהט נישט, רעדט נישט!

נאָר איצט לאכט מען איהם שוין אויס! א פּאָר ווענגערינס האָבען שוין אָבגעשיקט די לעצטע מצות צום רעדלער, מיט עפּעס א אינגעלע, וואָס האָט זיך, גאָט ווייסט צוליעב וואָס, דאָ א גאַנצען אבענד אומגעדרעהט, די איבריגע ווענגערינס ברויכען נאָר צו פערגלייכען די שפּיצען פון די מצות, וואס זיינען ביי זיי ארויסגעקומען פון גרויס איילעניש.

און אָט איז שוין געענדיגט! די קנעטערין ווישט שוין דעם בעקען, דער רעדלער האלט שוין ביי דער לעצטער מצה, איבער וועלכער זיין האנד פליהט ווי א וויכער אונטער דאָס ווילדע געסקריפּעריי... דער זעצער ערוואַרטעט זי מיט אונגעדולד, חאַפּט זי ענדליך ארויף אויפ׳ן שטעקען און מארש אין אויבען, וואו עס טריקענען זיך נאָך א צוויי לעצטע מצות.

די וועלגערינס ווישען זיך דעם שוויים און קלויבען זיך שוין אוועק צו געהן.

— אי, וועל איך דאָס א פאַל טהאָן גלייך אין בעט! — זאָגט איין וועלגערין דער צווייטער:

— און „וועטשערע" ? פרעגט יענע.

— ווער האָט כח צו עסען? איך וועל זיך אפילו ניט אויסטהאָן — גלייך אין בעט.

—איך ווייס ניט, צי וואָלט איך געקענט פערנאַנדער וועלגערען נאָך איין טייגעל, — מישט זיך אריין א דריטע אין שמועס — אזוי מאַט בין איך!

— נו, קומט שוין. קומט שוין! — שרייט צו א פערטע. פסח אי״ה, וועלען מיר שמועסען.

—אוי, ווי דערלעבט מען שוין פסח! — האָט זיך איינע צוזיפצט.

— מען וועט , נישקשה, דערלעבען. א לעבעדיגער מענש דערלעבט אלץ! — טרייסט דאָס פרעהליכע ווייבעל!

נאָר פלוצים איז אין פאַדריאַד א טומעל געוואָרען.

די בעל־הבית'טע איז ארוים פון דעם זייטיגען חדר'ל און האָט ארויסגעזאגט עטליכע ווערטער מיט א געבעט, כמעט מיט טרעהרען, נאָר אין פאַדריאַד האָבען זיי יעדערען ווי א דונער געטראָפען.

— נאָך א פוד, נאָך א פוד! אי, וועה! האָט זיך געהערט קולות. וואס שטעהען מיר, קומט אוועק!

נאָר די בעל־הבית'טע האָט זיי מיט ביידע הענד פערצוימט דעם וועג און האָט ווייטער זיך געבעטען:

— איהר ווייסט, דאכט זיך, קינדערלעך, אז איך יאָג זיך ניט אזוי נאָך דער פרנסה, און אז אימיצער וואָלט מיר יעצט געגעבען פאר א פוד הונדערט רובל, וואָלט איך זיך נישט געשטעלט באקען און מוטשעט איך. נאָך דעם פוד מוז מען אָפּבאקען. איך וועל פאר איהם אפילו א גראשען נישט

געהמען, דאָס איז חיענע דער אלמנה'ס. שוין א וואך, אז איהר זעקיל מעהל וואלגערט זיך דאָ, און איך לעג אלץ אב, עס איז אלץ דאָ בילכערע, רייכערע, זאל גאָט ניט שטראפען פאר די רייד... יעצט איז שוין אבער די לעצטע צוויי טעג, מעהר קען איך שוין נישט אָבלעגען, זי קען נאָך חלילה אהן מצה בלייבען. איהר קענט דאָך זי — אמאָל איז זי א פיינע בעל־הבית־טע געווען, זי פלעגט זיין ביי מיר פון די ערשטע און שטענדיג אויף דעם „ערשטען אויוועז". פאר די וועלגערינס פלעגט זי איבערלאָזען א רובעל, היינט דעם רעדלער... דעם זעצער, דער קנעטעריז... דאָס איז געווען אביסעל א „בעל צדקה"!... איך וויים ניט פאר וואס האָט זי גאָט אזוי געשטראפט... איצטער קען זי אפילו פאר'ן באקען נישט בעצאָהלען. זי מוז נעביך באקען שפעט ביי נאכט, אז אָח און וועה ווי די מצה וועלען שוין מויגען — פלעצליך!... נאָר אבי קיין חמץ נישט! האָט רחמנות קינדערלעך, רוהט אייך אוים אביסעל און לאָמיר זיך געהמען אָפּבאקען איהר די מצות. גאָט וועט אייך געבען כח... נו, איז וואס זאָגט איהר?... האָט די בעל־הבית'טע ווי פערצווייפעלט אויסגעלאָזען איהר בקשה, זעהענדיג די מיעדע און פערמאטערטע פנימער.

— אוי, רבונו של עולם! — האָט זיך ארוים געריסען ביי יעדען א שווערער זיפץ, אנשטאָט אן ענטפער.

א שווערע מלחמה איז ביי זיי אין אינוועניג פארגעקומען. עס האָט מלחמה געהאלטען א רוהיג בעטיל, א זיסער שלאָף מיט א שווערער קאצעלקע מיט ברענענדיגע מאזאָליעם. נור איין ארימע אלמנה מיט פערוויינטע אויגען האָט ביי זיי גיך שלום געמאכט, און דאָס פרעהליכע ווייבעל חיה ביילע האָט די ערשטע אויסגעשריען:

— איך בלייב די ערשטע!

— איך אויך! — האָט זיך געהערט א צווייטע שטימע.

— און איך אויך! — האָט א דריטע אויסגערופען.

— נו, מען וועט שוין אלע בלייבען. — האט א פירטע גע־ענטפערט פאר אלע איבעריגע, ווי זי וואלט געוועזען זיכער, אז קיינער וועט ניט האבען די העזה זיך אבצוזאגען.

— אבער איהר וועט רעדלען! האט זיך ענדליך איין רעד־לער געפונען צו פראטעסטירען. איך האב קיין כח ניט צו שטעהן דא ביז צוויי א זייגער. איך האב שוין קיין פינגער ניט. און מיין „פאמאצניק" שלאפט שוין אין דער היים, ווי א גע־הרג'עטער.

— נו, זיי נישט קיין שייגעץ — האט זיך דער זעצער האלב ערנסט, האלב שמייכלענדיג געבייזערט — דו וועסט לאזען אז אלמנה אהן מצה? שייגעץ!...

— שייגעץ... שייגעץ! — האט דער רעדלער נאכגעקרימט און האט זיך אוועקגעזעצט ביים בלעך.

די קנעטערין איז שטיל געזעסען אויפ'ן בענ־קיל, וואו דער אלמנה'ס מעהל איז שוין געשטאנען און האט דערויף, ווי פערצווייפעלט, געקוקט, זי האט ניט געוואוסט ווי צו בעגעהן זיך דא. אבזאגען זיך האט זי ניט געקענט — א קלייניגקייט אן אלמנה! עס איז א ביטע־רער רחמנות. היינט קען נאך דער אויבערשטער שטראפען... נאר בלייבען האט זי מורא געהאט נאך מעהר ווי אוועקצוגעהן. איהר האט זיך ניט געגלויבט, אז זי זאל קענען אבשטעהן ביים בעקען נאך א שעה. איהר האט זיך גערדאכט, אז ביי דער ערש־טער „מיירע" וועט זי פאלען.

— איך וועל געוויס אנידערפאלען. — האט זי שטיל גע־שעפטשעט.

אין קאפ איז איהר דורכגעפלויגען א מאדנער געדאנק: „אין ניסן איז גוט צו שטארבען"...

נאר דאס פרעהליכע ווייבעל האט בעמערקט דער קנע־קנעטערינס טויט־בלייכען פנים און זי האט מיט א ליעבליכע מינע אויסגערופען:

— אי, אונזער קנעטערין איז גאר א באבע. זי איז שוין צוגעשטאנען! געהט אייך געזונטערהייט א היים שלאפען. איך וועל פאר אייך קנעטען — איך בין מעהר בריה.

אלע אין פאדריאד זיינען פרעהליכער געווארען און יעדע־רע פון זיי האט דערשפירט עפעס נייע כחות, ווי מען וואלט פלוצים זייערע צעבראכענע ביינער עלעקטריזירט.

און באלד האט מען זיך גענומען צו דער אלמנה'ס מצה. לעבעדיג און לוסטיג איז צוגעגאנגען די ארבייט. דאס פרעהליכע ווייבעל איז געווען זעהר צופריעדען מיט איהר נייע שטעלע און האט ביי יעדער „מיירע" שמייכלענדיג געפרעגט די וועלגערינס: „נו וואס זאגט איהר? אויף וואס אלע פלעגען איהר איינשטי־מיג ענטפערן: „בעסער פאר דער קנעטערין!" ביים בעקען האט זי אין גאנצען זיך אויסגעלאכט פון משגיח. אבגעלייקענט זיין גמרא און געקנאקט איין ליעד נאך דעם צווייטען, איבערגע־הענדיג ענדליך צום ליעד „יאקיל איז א יונג מיט ביינער", ביי וועלכען ציפקעלע די וועלגעחין פלעגט רויטליך ווערען און חנו'דיג ענטפערען:

— אי א קלאג אין חיה ביילה'ן.

דער רעדלער מיט א פערלאשענעם פאפיראס אין מויל האט געיאגט איין מצה נאך דער צווייטער, ער האט געוואלט גיכער אבפערטיגען די בלעך מצה און פעררייכערען, נאר איהם איז עס ניט געלונגען און ער האט דערפאר אויסגעזעהען ווי נערוועז.

און דער זעצער, ניט קוקענדיג, וואס ער האט נאכאנאנד געהאט א פולען אויוועז מיט מצה, האט אלץ געקלאפט מיט'ן שטעקען איבער'ן בלעך:

— מצה, מצה. א לעדיגער אויווען.

און די בעל־הבית'טע, וועלכע איז געשטאנען ביים ברעט

און, גלייך מיט די וועלגערינס, געוועלגערט, האָט זיך אַלץ גע־
בעטען:

— דינער, דינער! קינדערלעך, מאכט ניט קיין פּלעצלעך!
עס איז אַ ריִמע מצה! אַ רחמנות!...

די צוויי ברידערלעך.

יענקעלע און בערעלע — צוויי ברידערלעך, דער ערשטער פיערצעהן יאהר אלט, דער צווייטער זעכצעהן — לערנען אין דער ישיבה, וואס געפינט זיך אין דער גרויסער שטאדט, פינף מייל פון זייער געבורטס־שטעדטעל דלותאווקע".

יענקעלע איז א דארינקער, א בלייכינקער מיט צוויי שווארצע אויגעלעך, וואס קוקען חיטרע ארויס פון אונטער די צוויי שווארצע ברעמען. בערעלע איז העכער און פולער פאר יענקעלען, אויגען האט ער העלערע, און זיין קוק איז שטרענגער, און פערטראכטער.

די צוויי ברידערלעך האבען געהאט סטאנציע ביי אן ארימער קרובה, אן אלמנה, א טענדלערין, וואס האט זיך ביז שפעט אין דער נאכט אין שטיבעל ניט געפונען. קיין בעט האבען די צוויי ברידערלעך ניט געהאט, דערפאר אבער האט דער קופערט, וואס איז געווען ברייט גענוג, געדיענט זיי פאר א בעט, און די צוויי ברידערלעך פלעגען ביידע געשמאק שלאפען אויף איהם, איינדעקענדיג זיך מיט זייערע לאנגע צעריסענע בגדימלעך און פלעגען אין חלום זעהן זייער שטעדטעלע, זייער געסיל, דאס שטיבעלע און דעם טאטען מיט דער לאנגער בארד, מיט די אויסגעלאשענע אויגען, מיט'ן געבויגענעם רוקען און פלעגען זעהן די מאמען מיט'ן לאנגען בלייכען אומעטיגען פנים, און

פלעגען הערען, ווי די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך קריגען זיך, רייסענדיג זיך פאר א שטיקעל הערינג... און נאָך פלעגט זיך זיי חלום'ען חלומות פון דער היים און אין דער פריה פלעגען זיי בענגען, און עס פלעגט זיי ציהען, צִיהען, און דאמאָלס פלעגען זיי לויפען אויף דער דלות'אָווקער אכסניא פרעגען ביי די בעלי־העגלות א גרוס, צי א בריוועלע פון דער היים...

און די דלות'אָווקער בעלי־עגלות זיינען געווען גוטע אידען, האָבען געהאט ווייכע הערצער און וואלטען אודאי רחמנות גע־האט אויף די צוויי אָרימע אינגלעך, וואס גארען אזוי עפּעס הערען פון דער היים, וואס זייערע אייגעלעך ברענען און זייע־רע הערצעלעך קלאפּען אזוי שטארק, אזוי שטארק, — זיינען אָבער די בעלי־עגלות געווען שטארק פארשמייעט: קומען פלעגען זיי אהער מיט טויזענטער שליחות פון דלות'אָווקער קרעמער און סוחרים, און בריעף האָבען זיי געהאט מעהר פאר דער פּאָסט, און די אָרדענונג איז ביי זיי געווען א סך ווייניגער אלס אין פּאָסט; בריעף פלעגט ביי זיי פערלעגען ווערען, פּאַ־סילקעס פלעגט ביי זיי פארפאלען ווערען, און צעטומעלט, קרא־צענדיג זיך אין די פּאטיליצעס פלעגען זיי יעדערען ענטפערען:

— אַט באלד, באלד, באלד געפין איך... ניין... דאכט זיך פאר אייך האָב איך גאָר נישט...

אזוי פלעגען זיי ענטפערן גרויסע אידען, וואס פלעגען קו־מען צו זיי; די ברידערלעך אבער פלעגען שטעהן און שטעהן, קו־קען מיט דאָרשטיגע אויגען און מיט צוקלעמטע הערצער אויף לייזער בעל־עגלה—א בעוואקסענער איד, אין א קורצען וואטאָ־ווען קאפּטאן סיי זומער, סיי ווינטער — און פלעגען ווארטען, טאָמער וועט ער זיי בעמערקען און זאָגען זיי עפּעס, האָטש א וואָרט... נאָר לייזער איז געווען פערהאוועט: דאָ האָט ער אויפ'ן הויף דעם פערד עסען געגעבען, דאָ פלעגט ער ארייַנלויפען אינ־ווייניג אין אכסניא, דאָ פלעגט ער זיך פונאנדערדעדען מיט א

פריקאזטשיק פון א גרויסען מאגאזין, וואָס האָט איהם א „רשימה“ מיט סחורה געבראכט, אבצופיהרען אין דלות׳אווקע פאר א קרעמער. און די ברידערלעך פלעגען אלץ שטעהן... ביז דעם עלטערן ברידערל — בערלען — פלעגט די גדולד פלאצען און א פארביסענער שיער ניט פונאנדערוויינענדיג זיך פאר פארדרוס, פלעגט ער קוים אויסרעדען:

— איהר האָט, ר׳ לייזער, א בריפעלע פון טאטען?

נאָר לייזער פלעגט אָדער פלוצלונג ניט ווערען, ענטלויפען אין גאס אריין מיט וועמען עס איז, אָדער זיין פערטראגען אין שמועס און בערעלע פלעגט זיך קוים דערווארטען אויף עפעס אן ענטפער, וועלכען לייזער פלעגט, ניט קוקענדיג בערעלען אין פנים, קאלט ארויסזאָגען:

— ניטאָ... ניטאָ...

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע ארויסקרעכצען און א צע־קלעמטער, אוועקרופען יענקעלען, און פלעגען זיך לאָזען געהן אויף זייערע „טעג“, אומעטיגע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אודאי פערליערען די בריעף! — פלעגט יענ־קעלע נאָך דעם אין עטליכע מינוט ארום ארויסרעדען, געהענ־דיג.

— א שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פער־דריסליך...

נאָר איין מאָל האָט זיי לייזער דאָך א בריוועלע איבערגע־געבען, און דערצו א קליינע פּאָסילקע. אין בריוועלע איז גע־שטאַנען:

„ליעבע קינדער, זייט מענשען און ווילט לערנען. מיר שי־קען אייך דאָ א האלבען קעז און א פיערטעל פונט צוקער און אין גלעזל א ביסעל יאגדעס־סאָק, עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

ממני אביכם חיים העכט“...

דאמאָלס איז ביי זיי אין די אויגען לייזער בעל־עגלה גע־

ווען דער בעסטער מענש אין דער וועלט, זיי וואָלטען זיך ניט געשעמט, וואָלטען זיי איהם מיט זיין פערד און וואָגען פאר ליעבשאפט אויסגעקושט. זיי האָבען גלייך אָנגעשריעבען א בריעפעל (פאפיער פלעגען זיי אויסרייסען אין ישיבה די ערש־טע בלעטער פון די גמרות און זייערע הערצלעך פלעגען געגוג דאמאלס קלאפען) און האָבען עס אויף דער נאכט בידע אבגע־טראָגען לייזער בעל־עגלה. לייזער האָט עס קאלט צוגענומען, אריינגערוקט אין בוזעם און עפּעס ארויסגעברומט א ווארט עהנליך צו „גוט“.

— וואָס האָט ער געזאָגט, בערל? — האָט יענקעלע מיט הארצקלאפעניש געפרעגט.

—גוט, דאכט זיך... — האָט בערל מיט ספקות געענט־פערט.

— מיר האָט זיך אויך געדאכט, אז ער האָט געזאָגט „גוט!“, האָט יענקעלע זיך אליין בערוהיגט. ער האָט א זיפץ גע־טהאָן און צוגעגעבען מיט שרעק:

— ער קאן נאָך דעם בריעף אָנווערען!

— ביים בעסער אב די צונג! — איז בערעלע איז כעס גע־וואָרען.

און פערקלערט וועגען גורל פון זייער בריעף א היים, האָ־בען זיי זיך געלאָזט געהן אויף זייערע „טעג“, וואָס זיי האָבען געהאט אין בעזונדערע גאסען.

אזוי זיינען די צוויי ברידערלעך דריי מאָל אין וואָך, ווען לייזער בעל־עגלה קומט צופאָהרען אהער, אלע אין דערפריה, ניט געגאנגען, נאָר געלאָפען אויף דער דלות׳אָווקער אכסניא, פרע־גען אן „ענטפער“ אויף זייער בריעפעלע, און לייזער דער בעל־עגלה איז וואָס אמאָל אלץ מעהר צעטראָגענער, בייזער און ענטפערט זיי, אדער האלבע ווערטער, וואס די צוויי ברידערלעך בענעהמען עס ניט און וואָלטען וועלען איבערפרעגען, ווען זיי

האַלטען קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָר ניט און זיי געהען אוועק מיט צעקלעמטע הערצער...

איינמאָל אבער האָבען זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל־עגלה גאנצע ווערטער, וואָס זיי האָבען גוט פערשטאַנען:

— וואָס האָט איהר זיך, קונדיסים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איהר מיר א קאָפּ: בריוועל, שמיוועל!... איהר צאָהלט מיר א סך?... איך בין אייערער א פּאָסטאַליאָן? וואָס? געהט אייך געזונטערהייד...

די צוויי ברידערלעך זיינען טאַקי אוועקגעגאנגען, אבער ניט געזונטערהייד, ווי ער האָט זיי געהייסען: די הערצעלעך האָבען זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק וועה געטהאָן און די יונגע דינע פּיס האָבען זיך געבויגען און טראָפּענס טרעהרען האָבען זיך זיי אין די אויגען געשטעלט און אראָבגערונען אויף דער ערד און צעטרעטען געוואָרען פון מענשליכע שווערע טריט...

און מעהר זיינען זיי שוין ניט געגאנגען צום בעל־עגלה פרעגען א בריעף.

— ליעגט ער אין דר'ערד! — האָבען זיי געשאָלטען, האָטש זייערע הערצלעך האָבען עס ניט געמיינט, און זיי האָט געצויגען האָטש געהן זעהן לייזער בעל־עגלה, זיין פערד און וואָגען: זיי זיינען דאָך פאַרט דלות'אָוועקער און ליעב זיינען זיי די צוויי ברידערלעך געוועזן...

איינמאָל אין א פּאָר וואכען ארום, נאָך דעם ווי דער בעל־עגלה האָט זיי אזוי פעריאגט, זיינען די צוויי ברידערלעך געזעסען ביי דער אָרימער קרובה אין שטיבעל און האָבען גערעדט וועגען דער היים. דאָס איז געווען א זומערדיגער טאָג, פרייטאָג.

— וואָס קעהר איצטער צו טהאָן דער טאַטע? — האָט יענקעלע א זאָג געטהאָן, אריינקוקענדיג אין די קליינע שייבעלעך פון די קליינע פענסטערלעך.

— ער שניידט אודאי די נעגעל. — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיגען שמייכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקען אַ „פּיסגאָהע“... האָט יענקעלע זיך פאַרגעשטעלט אין דמיון. — און די מאַמע מוז קע־מען איצטער חייענעלען, און חייענעלע מוז אודאי וויינען...

— גענוג צו רעדען נאַרישקייט — האָט בערעל איהם אָב־געשטעלט. וואָס קען מען וויסען אונטער די אויגען, וואָס דאַר־מען טהוט זיך. אפשר איז עמיצער גאָר געשטאָרבען — האָט ער צום סוף גענומען שרעקען יענקעלען.

— גע, גע, משוגענער! — האָט יענקעלע איבערגע־שלאָגען — אַז מען שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן...

— אפשר האָט מען אָנגעזאָגט און דער בעל־עגלה גיט אונז ניט איבער...

— אי, גענוג צו פּלוידערן! — האָט שוין יענקעלע זיך צעבייזערט אויפ׳ן אמת...

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערעל איהם בערוהיגט — אַלע לעבען...

יענקעלע איז פרעהליך געוואָרען און האָט פּלוצלונג אַ שפּרונג געטהאָן אין דער הויך און מיט לוסטיגע אויגעלעך אויס־געשריגען:

— בערל! פּאַלג מיר, לאָמיר שיקען גאָר אויף פּאָסט אַ בריעפעל אהיים.

— ביזט גערעכט! — האָט בערל איינגעשטימט — איך האָב אָבער קיין געלד ניט.

— איך האָב אַ פיערערל, מיר איז געבליבען פון נעכטיגען צעהנערל. אויף מיין „דאָנערשטאָג“ גיט מען דאָך מיר, ווייסט דאָך, אַ צעהנערל אויף וועטשערע, איז מיר אַ פיערערל געבלי־בען.

— און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע! — האָט בערעל געזאָגט — אַקוראַט אויף אַן אָטקריטקע.

— ווער וועט אבער שרייבען? — האָט יענקעל געפרעגט.
— איך. — האָט בערעלע געענטפערט — איך בין דאָך עלטער, איך בין דאָך א בכור...
— איך גיעב דאָך אבער א פיערער.
— א בכור איז מעהר ווערט ווי א פיערער.
— ניין! איך וועל שרייבען א האלבע און דו א האלבע, הא?
— זאָל זיין אזוי. קום קויפען א קארטעל!
און די צוויי ברידערלעך זיינען אוועקגעלאָפען קויפען א קארטעל אין פאָסט.
— דאָ וועט זיך גאָר ניט אויסשטעלען! — איז יענקעלע ניט געווען צופריעדען בעטראַכטענדיג, צוריקגעהענדיג אהיים, דאָס קליינע קארטל.
— מיר וועלען שרייבען קליינינקע אותיות'לעך, מאַנטשינקע, — האָט בערעלע אָן עצה געגעבען.
— וועט דער טאַטע ניט קענען איבערלייענען...
— נישקשה! ער וועט אָנטהאָן די ספּאַקולען!
— נו, קום גיכער! — האָט יענקעלע געטריבען.
— זיין הערצעל איז שוין פול געוואָרען מיט ווערטער, און ער האָט זיי געוואָלט שוין אויף דער ניך אויסגיעסען אויפ'ן שטיקעלע פּאַפּיער, פאַר וועלכען ער האָט זיין גאַנצען פערמעגען אוועקגעגעבען...
זיי זיינען געקומען אין שטיבעל און האָבען זיך גענומען מכין זיין צום שרייבען.
בערל האָט גענומען שרייבען דער ערשטער, יענקעלע איז געשטאַנען און געקוקט.
— הייב אָן העכער, דאָ קאָן מען דאָך שרייבען א שורה. וואו האָסטו אזוי ווייט אוועקגעשטעלט דעם לאהובי! — האָט יענקעלע געשריגען.
— וואו זאָל איך איהם שטעלען? אויפ'ן הימעל — וואָס?

— האָט בערעלע גערעדט און געטריבען פון זיך יענקעלען:
— געה אוועק! איך וועל דיר לאָזען א האלבע, טומעל מיר ניט...
— שאַ! שאַ! — איז יענקעלע אָבגעטראַטען און געקוקט פון דער ווייט מיט דאָרשטיגע אויגעלעך אויף בערעלען, ווי אַזוי יענער זיצט פּערטיעפּט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאָס שטערנדל און טונקט די פּען און פּערטראַכט זיך און שרייבט ווייטער.
— גענוג שוין! — האָט יענקעלע אין עטליכע מינוט ארום א געשריי געגעבען.
— עס איז נאָך ניט קיין האלבע, — האָט בערעלע שריי־בענדיג געענטפּערט.
— מיר קומט דאָך מעהר ווי א האלבע! — האָט יענקעלע שוין בייז געשריגען. דער חשק צו שרייבען, אויסגיעסען דאָס הארץ פאר די היימיגע האָט איהם שוין אינגאַנצען דורכגע־נומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנהויב ארייננגעלאָזט אין מליצות, ווי „ראשית כאתי להודיעך שאני בריא וקים". פּונקט, ווי ער האָט אויסגעלערנט אין מכתב משולש. די ביסעלע אייגענע ווערטער איז נאָך איהם אין קאָפּ געבליבען: ער דאַרף נאָך פער׳מסר׳ן לייזער דעם בעל־עגלה, ער דאַרף נאָך שרייבען, וויפיעל בלאַט ג מ ר א ער האָט אָבגעלערנט, ער דאַרף נאָך געבען אָנצוהערעניש, אז מען זאָל זיי שיקען עפּעס א פּאָסילקעלע, ווייל עס פעהלט זיי צו מאָנטאַג און צו מיטוואָך, און דער „דיענסטאַג" איז אויך ווי גאָר נישט.

און בערעלע שרייבט און שרייבט און יענקעלע קען זיך שוין ניט איינהאַלטען, ער זעהט ווי בערעלע פּערנעהמט מעהר ווי א האלבע.

— גענוג! — איז ער צוגעלאפען מיט א געשריי און אנגע־האפט פאר דאס הענטעל פון פעדער.

— נאך דריי ווערטער! — האט זיך בערעלע געבעטען.

— אבער געדענק זשע: מעהר ניט! — האט יענקעלע געשריגען און די אויגעלעך האבען איהם געפלאקערט...

און בערעלע האט זיך גענומען שרייבען די דריי ווערטער. נאך דער געדאנק, וועלכען ער האט געדארפט אויסדריקען, האט געפאדערט נאך א צעהן—פופצעהן ווערטער און בערעלע, א בעגייסטערטער פון שרייבען, האט געפיקט, געפיקט אויפ'ן פא־פיער און פארנומען נאך א שטיק פון דער אנדערער העלפט פון קארטל.

— דו הערסט אויף! — האט יענקעלע אויסגעשריגען און זיך היסטעריש פונאנדערגעוויינט, בעטראכטענדיג דאס קליין שטיקעלע, וואס פאר איהם איז געבליבען.

— שא, נאך ממני בנך... — האט זיך בערעלע געבעטען — מעהר ניט!...

נאר יענקעלע דערמאנט זיך, אז ער האט געגעבען א גאנצען פיהרערל און בערל'ס וועט מען אין דערהיים לעזען אזוי פיעל, איז אזוי צעקאכט געווארען, אז ער האט גענומען מיט ווילדקייט רייסען פון אונטער בערל'ס הענט דאס קארטל.

— לאז מיר שטעלען נאך ממני בנך! — האט זיך בערעלע שטארקער געבעטען — מעהר ניט!...

— עס וועט זיין רעכט אהן ממני בנך... — האט יענקעל געשריגען, חאטש ער האט געפיהלט, אז ממני בנך מוז זיין. דער כעס האט איהם אבער גענומען קאכען און ער האט גענומען שלעפען מיט געוואלד דאס קארטעל; בערעלע האט פעסט צוגעדריקט, נאר יענקעל האט אזא שטארקען שלעפ געטהאן, אז דאס קארטעל האט זיך אויף צווייען צעריסען.

— וואס האסטו געטהאן, גזלן? — האט בערל ווילד אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף יענקעלען.

— איך האָב געוואָלט אזוי ! — האָט יענקעל געזאָגט דורך פערשטיקטע טרערן.

— וואָס האָסטו געטהאָן ? — האָט בערל ווייטער גע־פרעגט קוקענדיג מיט פערצווייפעלטע בליקען אויף די צוויי האַלבע צעריסענע שטיקער פון דעם פּאָסט־קארטל.

נאָר יענקעל האָט ניט געקענט ענטפערן, די טרערען האָ־בען איהם געווארגען, און ער איז א פערצווייפעלטער א פּאַל געטהאָן צום וואנד, רייסענדיג זיינע האָר... דאָ האָט שוין בערל אויך ניט אויסגעהאלטען און דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרען מיט יאָמער....

דער אריסטאָקראַט.

אהרן מיכל לעווין איז איינער פון די אנגעזעהענסטע בעלי־בתים אין זיין שטעדטעל, וואו ער לעבט שוין באלד פופציג יאָהר.

אז אהרן מיכל געהט אמאָל דורך אין גאס, צי אין מארק, גיט איהם יעדער אָב גוט מאָרגען מיט א „יראת־הרוממות“ און האָטש אהרן מיכל ענטפערט אויף יעדערען „גוט מארגען“ זעהר שטיל, און אמאָל בלויז מיט א שוואכען שאָקעל מיט דעם קאָפּ, איז זיין ענטפערן דאָך זעהר אָנגעלעגט. עס איז אַ שטיקעל זכיה, וואָרום „קיין סך אזעלכע אהרן מיכל'ס זיינען אין שטעדטעל ניטאָ“, אזוי זאָגט יעדער. אהרן מיכל וויים, ווי אזוי מען שעצט איהם אין שטעדטעל, אבער ער בעציהט זיך דערצו גלייכגילטיג; פערקעהרט, אפטמאָל איז דאָס איהם דערוויעדער, ער וואָלט זיי מוחל געווען זייער אכטונג, נאָר זיי זאָלען איהם לאָזען צורוה.

אהרן מיכל איז א איד, וואָס ס'חייסט „פאר זיך“, ער האָט אייגענטליך מיט קיינעם ניט צו טהאָן. דאָס געשעפט פיהרט דאָס ווייב און ער זיצט אין דער היים איבער זיינע ספרים.

זיין בעציהונג צו ספרים איז אויך פון דער הויך, ווי צו די מענשען אין שטעדטעל. ער איז אייגענטליך מיט זיי אויך ניט צו נאָהענט. אז עס געהט ארויס פון דרוק א נייער ספר קויפט ער, נעמט זיך צו דער הקדמה און בעמערקענדיג נאָר די ערשטע נארישע פּאָר ווערטער פון מחבר, גיט ער א שמייכעל און מיט

דעם זעלביגען שמייכעל בלעטערט ער שוין דורך דעם גאנצען ספר, לעגט איהם אוועק אין דער אונטערשטער פאליצע און מור־מעלט ארוים:

— שטות'עריי. „ספרים זיינען ווי מענשען", טראכט ער דאמאלס, „ניטא קיין סך קלוגע".

און אהרן מיכל נעמט זיך דאן צום אבן־עזרא.

— דאס איז געוועזן א חכם! טראכט ער יעדעס מאל, ענט־דעקענדיג עפּעס עמקות אין אבן־עזרא. ער האט פערשטאנען!

אויסער'ן אבן־עזרא האט ער נאך ספרים, וואס אינטערע־סירען איהם, דאס זיינען דער „כוזרי", דער „פעדאן" און פון די נייערע — דער „תורת אל מות".

דאס זיינען ספרים, וואס מען דארף פערשטעהן! — טראכט ער וועגען זיי און איז צופריעדען, וואס ער איז דער איינציגער אין שטעדטעל, וואס פערשטעהט זיי. רעדען אבער וועגען די דאזיגע ספרים מיט וועמען עס איז, רעדט ער ניט. ער האט אמאל געפּרובט א שמועס טהאן מיט'ן שטעדטיל'שען משכיל, בונים אפיקורס, האט יענער איהם עפּעס א זאג געטהאן אזא נארישקייט, אז פון דאמאלס אן ווייכט אהרן מיכל פון איהם, לאזט אראב די אויגען ווען ער בעגעגענט איהם און האלט שוין ניט פון דער גאנצער השכלה.

— אין די נייע פעהלט די עמקות! — אזוי פלעגט ער טראכטען אליין. זאגען פלעגט ער קיינעם ניט — עס איז ניט כדאי! עם־הארצים זיינען זיי אלע!

אהרן מיכל איז פרום, אבער אויף זיין שטייגער. די עמי־הארצי'שע פרומקייט לייַדט ער ניט. דאווענען געהט ער אלע טאג אין שוהל, אבער ער איז דערפון ניט צופריעדען. איהם ציהט צו דאווענען „ביחידות"... און אפילו דאווענענדיג בציבור, האלט ער אויך קיינמאל ניט מיט מיט דעם בעל־תפלה... ווען דער בעל־תפלה האלט די הללויה'ס, האלט ער ביי הודו, און געהט אזוי דאס גאנצע דאווענען מיט זיין אייגענעם וועג... עפּעס איז איהם

פריקרע נאָכצוגעהן דעם עם־הארצ'דיגען שליח־ציבור, וואס פער־שטעהט אודאי ניט דעם פירוש המלות...

אבער אן אמת'ע אָבקומעניש איז פאר איהם די ימים נוראים, איבערהויפּט יום כפור.

אריינגעהענדיג אין שוהל, וואס איז שוין געפּאקט מיט אידען און וואָס זאגען מיט א פריקרע וויינענדיגען ניגון די תפלה זכה, דערשפּירט ער עפּעס א ווידער־טעם אין זיין גאנ־צען קערפּער. ער ווייס זייערע יעצטיגע געדאנקען: אויפ'ן הי־מעל איז א יריד און זיי זיינען געקומען איינהאנדלען... די היי, מיט וואס די פּאָדלאָגע איז אויסגעבעט רעגט איהם אויף. „נאַ־רישע מנהגים" — טראכט ער — „עבודה זרה'ניקעס!"... און מיט אזוינע געדאנקען קומט ער צו צו זיין „שטאָדט", וועלכע איז שוין פערנומען פון א אידען מיט א געלער באָרד. דער איד מיט דער געלער באָרד, דערזעהענדיג אהרן מיכלען, שטעלט זיך גלייך אויף און געהט אוועק ווי דערשראקען אויף עטליכע טריט ווייטער. אהרן מיכל נעהמט ארויס דאָס טאשען טיכעל, גיעט א וויש דעם אָרט, וואו דער איד איז געזעסען און הייבט זיך אָן מכין צו זיין: נעמט אריבער דעם טלית איבער'ן קאָפּ און בעהאלט זיין פנים פון דעם גאנצען עולם...

אהרן מיכל איז א איד ניט קיין גיבור, אבער כמעט א גאנץ יום־כפור זעצט ער זיך ניט צו. ער שטעהט אויף די פיס הארט אָנגעשפּארט אן זיין שטאָדט, וואָס איז צום וואנד. ער האָט ניט ליעב אויפשטעלען זיך גלייך מיט אלעמען צו יעדער „תפילה" און איהם איז ליעבער די גאנצע צייט צו שטעהן.

אז ער קעהרט אב אויף א ווילע דעם קאָפּ צום עולם צו, בעמערקט ער ווי אנדערע אידען שמעקען „שלאק־וואסער" צו שטארקען זיך... דאָס ווירקט אויף איהם זעהר שלעכט און ער קעהרט זיך אום ווידער צו דער וואנד.

דער געלער איד, וואס האָט ניט קיין אייגענע שטאָדט און וואס חאפּט זיך צוזעצען יעדע ווילע אויף א פרעמדער, האָט

אויף איהם שטארק רחמנות, דערזעהענדיג ווי ער שטעהט לאנג אויף די פיס. און בשעת חזרת הש"ץ, גיעט ער איהם „איי־דעל" א זאג:

— איהר וואלט זיך צוגעזעצט, ר' אהרן מיכל אביסעלע— דאס איז ביי אייך דען א נדר?

— א יישר! — ענטפערט ער טרוקען און קערט זיך ניט אב.

פאר נעילה, ווען מען מאכט אין שוהל א פויזע נעמט אהרן מיכל ארויס דעם קאפ פון אונטער'ן טלית און קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צום עולם. דער געלער איד בענוצט זיך גלייך מיט דער געלעגענהייט צו האבען די זכיה עפעס רעדען מיט אהרן מיכלען און זעצט גלייך אוים מיט א שאלה:

— איך מיין, ר' אהרן מיכל, אז אין א שעה ארום אין דער צייט וועט מען שוין אנבייסען? ווי מיינט איהר?

אהרן מיכל'ן אבער עקעלט די גאנצע פראגע וועגען אנבייסען און קענען זיין ווילען שווייגט ער.

— איהר מיינט, אז ניט? — שטעהט צו דער געלער איד ווייעדער, ניט בעקומענדיג קיין ענטפער.

— איך מיין גאר נישט... — ענטפערט אהרן מיכל גאנץ טרוקען, לאזענדיג דעם געלען אידען אין א פערלעגענהייט, דעקט זיך ווייעדער איבער מיט'ן טלית איבער'ן קאפ און קעהרט זיך אום צום וואנד, טראכטענדיג:

— קיין אנדערע שאלות האט ער ניט ביי מיר צו פרע־גען... גראבע מענשען!....

דער גבור.

חייקיל קרעמער רופט מען איהם אין גאס. אין אמת'ן אבער האט ער דעם נאמען ניט פערדיענט, ווייל אין קראם זיצט א גאנצע וואך דאס ווייב, חנה, און ער זיצט אין דער היים, אמאל אין בית מדרש און לערנט.

— זונטאג אבער, מוז ער פריהער ווי אלע טאג אבדאוו־נען, אבזופען דעם שיעור חוק לישראל, אין דער גיך אוועקלוי־פען אהיים עפים איבערבייסען און נאכדעם אוועקגעהן אין מארק העלפען חנה'ן אין קראם.

דאס איז פאר איהם איין אבקומעניש, א נסיון, און ווען ניט דער זינדיגער גוף, וואס מוז האבען א שטיקעל ברויט און א בגד, וואלט ער, דאכט זיך, דאמאלס געבעטען זיין גוטער חנה'ן, וואס זאגט איהם קיין זאך ניט אפ, אז זי זאל נאר זונ־טאג פערמאכען די קראם...

פאר זונטאג ציטערט ער ווי פאר פייער!..

דער מארק רוישט ווי א וואלד: די פויערן פון די נאהענ־טערע דערפער קומען זיך צונויף מיט זייערע פערד און וועגען, די האלאבליעס אין דער הויף, און פיהלען זיך אויפ'ן אידישען מארק ווי ביי זיך אין דער היים... חייקעל שטעהט ביים קראם און בעטראכט די גרויסע מחנה פויערן, הערט זיך צו צום ווילדען פערמישטען געטומעל און דאס הארץ ציטערט איהם: וואס

„זנאטשעט“, רבונו של עולם, דאס ביסעלע אידען קעגען אזא עם רב ?“...

און אז די פויערן קונים בעלעגערען די קראם, ווערט זיין שרעק נאך גרעסער, ער קען ניט פערשטעהן ווי אזוי זיין חנה, א שוואכע אידענע, טענה'ט מיט יעדען בעזונדער, מיט קוראזש און שטאלץ, זידעלט נאך אב איין אנדערען, ווען ער באט א העלפט פון דעם, וואס קאסט זיך אליין.

— גזלנ'טע, האב רחמנות! ווילט זיך איהם אויסשרייען— דו ווערסט נאך עפעס „אנמאכען“.

וואס אנמאכען, זאגט ער קיינמאל ניט ארויס — דאס איז זעהר א שהעקליך ווארט... דאס ווארט געדענקט ער שוין זייט יאהרען... און דאס ווארט עגבערט איהם יעדער זונטאג א גאנ־צען טאג, און ווען דער טומעל אויפ'ן מארק ווערט צוליעב וועלכער עס איז אורזאכע עפעס גרעסער, דאכט זיך איהם, אז אט־אט שוין איז דאס... און א בלייכער, שטעהענדיג קוים אויף די פיס, שרייט ער אויס צו חנה'ן:

— חנה! חנה! זעה, וואס איז דארטען?...

נאר חנה איז פערטהאן אין פדיון, זי מעסט און וועגט, בייזערט זיך און שרייט, שמועסט איין און לויבט, און הערט אפילו ניט וואס איהר „למדן“ רעדט. נאר אז דער עולם פוי־ערן ווערט זעהר גרויס ארום קראם און זי אליין קען זיך ניט צורייסען, ווענדט זי זיך צו חייקלען, א הייזעריגע, א צוטומעל־טע, און זאגט איהם:

— חייקעל, גיעב אכטונג!...

— און חנה'ס פערזאג איז ביי חייקלען היילינ. ער הייבט אן אומוואַרפען זיינע צוויי קורצזיכטיגע אויגען, קעהרט זיך אין אלע זייטען, וואו די גויים שטעהען, און ווען איינער רוקט זיך צו צו איהם נאהענט און בעט עפעס הויך אויפ'ן גראבען לשון, רוקט זיך חייקעל אביסעל אב פאר שרעק און ענטפערט:

— זאריעס, טשועש'ל, זאריעס...

און חייקעל האָפּט, אז נאָך אַזאַ ווייכען ענטפער ווי „משויעש׳ל", וועט דער גוי, ווי שלעכט ער זאָל ניט זיין, איהם גאר נישט טהאָן און וועט קיין פּאגראם ניט מאכען.. און חייקעל בערוהיגט זיך אויף א ווייל...

פאר נאכט ווערט חייקעל נאָך מעהר איבערגעשראָקען. די פויערן האָבען זייערע תבואות און בכלל סחורות פערקויפט די אידען, האָבען זיך גוט אָנגעטרונקען און הויבען אָן זינגען זייערע ווילדע פרעהליכע „פּיעסניעס", וואס חייקעלס אויער, וואס איז ערצויגען געוואָרען פון קינדוויי־ז אָן אויף גמרא־ניגונים, קען זיי ניט פערטראגען, און יעדער טאָן, דאכט זיך איהם, איז א געשריי:

— שלאָגט די אידען, שלאָגט!...

און חייקעל טרייסעלט זיך פאר שרעק און רעדט שוואך ארויס מיט א תחונים־קול:

— חנה, פּאָלג מיר, פערשלים שוין די קראם!...

חנה אבער הערט ניט, זי איז פערטהאָן מיט פדיון, זי לעבט מיט׳ן זונטאג א גאנצע וואך, און חייקעל שטעהט און ציטערט...

נאר אָט ווערט שוין גוט פינסטער, די פויערן שכור׳ערהייט, צופאָהרען זיך, דאָס געטימעל ווערט קלענער, קלענער, ביז ער פערשווינדט אין גאנצען, די קראָמען הויבען זיך אָן איינער נאָך דער אנדערער צו פערמאכען, דער „סאָטסקי", א הויכער גוי, מיט גרויסע וואָנצעס געהט צו צו חנה׳ן, זאגט עפּעס א פּאָר ווערטער, וואס זיינען פאר חייקלען שווערער ווי תרגום, און חנה רוקט איהם עפּעס אריין אין האנד.

— דאָ ווערט שוין חייקעל שטייפער.

— דאנקען גאָט — דאנקען גאָט! — זינגט ער אונטער אין דער שטיל, גלעט דאָס בערדעל און קוקט אויפ׳ן הימעל...

חנה צעהלט איבער דעם פדיון פאר׳ן טאָג, רעכענט זיך אויס פאר זיך, קנייטשט דעם שטערען און הויבט אָן ענדליך

צו צוגרייטען זיך צו געהן אהיים. זי קלינגט שוין מיט די שליסלעך.

אין דער מינוט פיהלט זיך חייקעל שוין א זיכערער פון אלע זייטען און עס פערווילט זיך איהם זיין א בריה און שטעהן נאך נעבען קראַם...

— חנה — רופט ער ענדליך מיט ווייכקייט — וואס איילסטו זיך — לאָמיר זיצען נאָך אביסעל.

— חנה איז אבער מאַט, אין האלז איז איהר טרוקען, דער קאפ שווינדעלט איהר, און זי ענטפערט אַהן כח:

— צייט א היים צו געהן, קוים וואס איך שטעה אויף די פיס.

און חייקעל געהט צוזאמען מיט איהר אהיים און פיהלט זיך שטייף און זיכער ווי אן אמת'ער גבור...

אין סאָד.

אברהם דער מלמד האָט, נאָך דעם, ווי ער האָט אבגעקנעלט עטליכע יאָהר און געקריגען א ברוסט־פעהלער, אָנגעהויבען צו האנדלען מיט פּרוכט־סעדער. מיט זיין נייעם עסק איז ער זעהר צופריעדען געוועז. זיין גאַנץ לעבען האָט ער טאקע געזוכט אזא געשעפט, וואו ער זאָל ניט דארפען האָבען צו טהאָן מיט א סך מענשען, צו וועל־כע ער האָט זעהר ווייניג צוטרוי געהאט און מיט וועלכע ער האָט זיך שלעכט געפיהלט. מענשען האָבען א מאָדנע טבע — פלעגט ער טראכטען, — זיי וואלטען נאָר גערעדט! אַלץ וואל־טען זיי אויסדערצעהלט, אַלץ וואָלטען זיי אויסגעפרעגט און אַלץ וואָלטען זיי פערענטפערט... אז ער איז נאָך א ישיבה־בחור געוועז, פלעגט ער שטענדיג אויסקלייבען אן אָרט אין א ווינקעל ערגיץ, וואו ער זאָל קיינעם און קיינער זאָל איהם ניט זעהן, און אויף א שטילען ניגון פלעגט ער ברומען דעם שיעור, און זיין שטיל־לערנען פלעגט איהם דערמאָהנען יענע חורבה, וואס ר׳ יוסי האָט אין וועג געפונען, וואו עס האָט זיך געהערט א ברומען ווי פון א טויב אויף דעם גלות. און דעמאלט פלעגט זיך איהם וועלען אוועקשוועבען אין יענער חורבה ערגיץ, אין דער מדבר, און ברומען דאָרטען, ווי א טויב און קיינער, קיינער זאָל איהם

ניט איבערשלאָגען, אפילו דער בת־קול אויך ניט. נאָר זיין פאַנ־טאַזיע פלעגט גלייך צושלאָגען ווערען פון א הארבער קשיא, וואס א חבר, א ישיבה־בחור, פלעגט איהם קומען פרעגען, דרע־הענדיג מיט'ן פינגער און שרייענדיג אויף א הויכען גמרא־ניגון.

אין א סאָד אבער, וואס אברהם פלעגט דאָס רוב דינגען אין עק גאס, ביי די גוים, פלעגט ער מיט קיינעם ניט דארפען אי־בעריג ריידען. קיין גרויס קאפיטאל האָט אברהם ניט געהאט און מעהר ווי פאר דרייסיג רובל פלעגט ער קיין סאָד ניט קענען דינגען. עס פערשטעהט זיך, אז אזא סאָד איז ניט גרויס גע־ווען, פלעגט נאָר פערמעגען א צוואנציג עפיל־בוימער, עטליכע בארנ־בוימער און א מאָל אויך א קארשען־בוים. בעזעצען זיך אין סאָד פלעגט אברהם גלייך נאָך שבועות, חאָטש דאמאָלט איז נאָך צו פריה געווען, די פרוכט האָבען נאָך זיך אפילו ניט „פערבונדען", פאר גנבים איז נאָך ניט געווען וואָס צו היטען; נאָר אברהם האָט שוין ניט געקענט איינזיצען אין זיין שטיבעלע, וואו דאָס ווייב שרייט, די קינדער וויינען, און עס איז א שטענדיגער יריד. וואס דארף ער עס האָבען? ער וויל בלייבען אליין מיט זיינע מחשבות, דמיונות און שטילע ניגונים, וואָס וועבען זיך שטענדיג ביי איהם אינוועניג און ווערען דאָרטען שיער ניט דערשטיקט... גלייך נאָך שבועות איז טאקע נאָך פריה צו געהן אין סאָד, נאָר אברהם'ן געהט עס ניט אָן. עס ציהט איהם אהין צו די שטילע בוימער, וואס קענען אזוי פיעל טראכטען, אזוי פיעל הערען און אזוי פיעל סודות איינהאלטען אין זיך.

און אברהם ציהט זיך איבער אין סאָד. ער נעהמט מיט דעם טלית און תפלין, א סדור מיט תהלים און מעמדות, די גמרות ברכות און חולין, וואס ער פערמאגט אליין, עטליכע ספרים פון די לעצטע גאונים, ספורי ירושלים, נעהמט מיט זיין ווינטערדיגען וואטאָווען בגד, א קישעלע, בינדט עס איין אין א

פּעקעל, גיט א קוש די מזוזה, זאָגט אונטער דער נאָז א גוטען טאָג און געהט אוועק אין סאָד.

אז ער קומט צו צום סאָד, הויבט איהם אָן דאָס הארץ מעכטיג צו קלאפּען פאר פרייד, ער האָט אבער א שטיקעל עיכוב גלייך אריינצוגעהן. אויפ'ן הויף, ווערכען מען דארף דורכגעהן, ליעגט א הונד. שפּעטער, אז ער וועט מיט איהם בעקענט ווערען, וועט ער איהם אפילו אין סאָד אריינגעהמען, נאָר דאָס ערשטע מאָל איז א שטיקעל סכנה, — מיט א הונד מוז מען גוט בעקאנט זיין, ווען ניט בילט ער און פאר'ן בילען האָט אברהם ערגער מורא ווי פאר'ן בייסען: עס הילכט אין די אויערן!

און אברהם ווארט, ביז וואנען דער בעל־הבית פון סאָד געהט ארויס און פיהרט איהם דורך.

— שוין געקומען! — וואונדערט זיך דער בעל־הבית און לאכט אונטער...

— וואָס דען? — גיט אברהם א מורמעל ווי פערשעמט, פיהלענדיג טאקע, אז עס איז נאָך פריה.

— וואָס וועסטו טהאָן? — פרעגט שוין ערנסטער דער בעל־הבית: עס איז נאָך קיין ביידעל ניטאָ. די פּאר א יאָה־ריגע איז שוין איינגעפאלען.

— נישקשה, נישקשה! — בעט זיך אברהם — עס וועט זיין גוט.

— נו, אז דיר ווילט זיך, געה, — דריקט מיט די פּלייצעס דער גוי און לאָזט איהם אריין אין סאָד.

אברהם לעגט גלייך אוועק דאָס פּעקיל אויף דער ערד, ציהט זיך אויס אליין אויפ'ן גרינעם גראָז און מורמעלט שטיל:

— אָט דאָ איז טאקי גוט!

און ער ווערט גלייך אנטשוויגען און הערט זיך צו צום שטילען גערויש פון די בוימער. איהם דאכט זיך, אז די בוימער וואונדערן זיך אויך אויף זיין פריה־קומען און מיט בעטענדיגע

בליקען קוקט ער זיי אָן, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— בוימער, איהר אויך? איך האָב אנדערש ניט געקענט... עס האָט מיך געצויגען...

און באַלד דאַכט זיך איהם שוין טאַקע, אַז די בוימער פערשטעהען שוין אַלץ און זיי ברומען צו:

— גוט! ביזט אַן אנגעלעגטער גאַסט!

און אברהם פיהלט זיך שוין ווי אַ היימישער אין סאַד. ער הויבט זיך אויף פון דער ערד, געהט צו צו יעדען בוים באַזונדער, ווי ער וואָלט זיך בעקענען ווע־לען, און נעהמט זיך בע־טראַכטען דאָס ביידעל, וואָס שטעהט אין מיטען סאַד. אביסעל איז זי טאַקי איינגעפאַלען, נאָר אברהם׳ן געפעלט עס נאָך בע־סער. אברהם האָט ניט איבעריגס ליעב אַ נייע זאַך, אַ שטאַר־קע. עפּעס איז איהם נעהענטער, אנגענעהמער, אַ בנין וואָס זעהט אויס ווי אַ חורבה. אזא הורבה אינוועניג איז פול מיט סודות, מיט טענער, מיט ניגונים. דאָרט וויינט זיך אין דער שטיל, דאָרט בענקט די נשמה, און וויל עפּעס, וואָס האָט ניט קיין נאָמען, ניט קיין אָרט, ניט קיין צייט....

און אברהם קריכט אַרונטער אין דער איינגעפאַלענער בייַ־דעל, וואו עס איז פינסטערליך און שמעקט מיט ריחות פון אַן אנדער וועלט. ער קנייטשט זיך דאָרט איין ווי אַ קנויל און ער בעהאַלט זיך פון דער גאַנצער וועלט...

פון דער וועלט אָבער זיך בעהאַלטען איז אברהם׳ן ניט אזוי גרינג. די ערשטע צייט קען ער עס לייכטער. איידער די פּרוב־טען ווערען צייטיג דאַרף ער קיינעם ניט און קיינער דאַרף ניט איהם. ברייננגט איהם אַ קינד אמאָל עפּעס עסען, רעדט ער מיט איהם אַ פּאָר ווערטער, פרעגט וואָס הערט זיך אין דער היים, וואָס מאַכט די מאַמע, און ער איז יוצא, בלייבט נאָך פרייטאָג צו נאַכטס און שבת פריה, ווען ער מוז אהיים געהן, אָבער דאָס קומט זיך איהם איבער. נאָכ׳ן טשאָלענט איז ער ווידער אין סאַד, לעגט זיך אוועק אונטער אַ בוים און קוקט אַריין אין

„ספורי ירושלים" און ווערט ביי די פאנטאסטישע געשיכטעס אנטשלאפען, און איהם חלומט זיך דער כותל מערבי, דער מור־טער רחל'ס קבר, די מערת המכפלה און נאך אזוינע הייליגע שטילע ערטער, וואס אין זייער לופט שוועבען אלטע מעשיות, וואס ווערען אזוי שעהן איבערגעגעבען אויף אזא גרינגען לשון קודש אין ספורי ירושלים...

אז די פירות ווערען אבער צייטיג און די בוימער הויבען זיך אן צו ברעכען אונטער זייער שווערער משא, מוז אברהם ניט ווילענדיג פערלאזען זיין רוהיגע וועלט און ווערען א סוחר. ווי דער ערשטער ווינד צושפיעלט זיך אין סאד און פערוואַרפט די ערד פון סאד מיט עפעל און בארען, לאזט זיך אברהם זיי אויפקלויבען, צעלעגט זיי אין עטליכע קופעס, סארטירט זיי און ווארט אויף די מארק־ווייבער מיט די גרויסע „מיילער", וואס צושטערען איהם די רוהיגקייט און שטילקייט פון זיין גן־עדן.

שבת וואלט ער שוין אבגערוהט, איז אבער דער מסחר פון עפעל אין די סעדער אויף אום שבת שטארק ענטוויקעלט, אמת אויף בארג, עס איז אין שטעדטעל אזא מנהג, און אברהם קען איהם ניט אבשאפען... עס קומען צוגעהן בעל־הבתישע בחורים, בעלי־בתישע מיידלעך און אין סאד ווערט א מין חתונה: מען זינגט, מען לאכט, מען רעדט, מען פלוידערט, און אברהם מוז אלץ אויסהערען, אלץ פערטראגען און ווארטען אויף דער נאכט, ווען ער וועט קענען זיך ווידער בעהאלטען אין ביידעל און קיי־נעם ניט אנזעהן, אויסער די בוימער; קיינעם ניט הערען, אויסער דעם ווינד, אמאל דעם רעגען און דעם דונער.

* * *

נאך ערגער איז אבער אסיען־צייט, ווען אלע פירות ווערען שוין איבערצייטיגט און מעהר קען ער שוין אין סאד ניט בלייבען. מיט א קלעמענדיגען הארצען זעגענט ער זיך מיט די בוימער, מיט'ןביידעל, וואו ער האט אזוי פיעל רוהיגע, שטילע

מינוטען געהאט, פיהרט איבער די עפּעל אויף דעם בעל־הבית׳ס פוהר אין א שפּייכלעריל, וועלכען ער האלט אין דער ארענדע, זינט ער האלט סעדער, פאר צעהן גילדען א חודש, און ציהט זיך איבער צוריק אין גאס אריין.

דרויסען איז דאמאָלס בלאָטיג און רעגענדיג, שטעדטעלטי־שע אידען שלעפּען זיך אום קראנק און דערשלאָגען, הוסטען און קרעכצען, אברהם קוקט זיך אום מיט שטארע אויגען און דער־קענט ניט די וועלט.

— ניט גוט! — מורמעלט ער — מאוס! — שפּייט ער — וואו טהוט מען זיך אהין?

און אברהם דערמאָנט זיך אָן די שעהנע מעשיות פון ספורי־ירושלים, אָן ארץ־ישראל. דאָרטען וויים ער, איז שטענדיג זומער, שטענדיגווארים און שעהן. און אין יעדער אָסיען הויבט עס איהם אָן צו ציהען אהין. נאָר אברהם האָט קיין מעג־ליכקייט ניט צו פאָהרען אהין. ער מוז פערקויפען די עפּעל, וואָס ער האָט פון סאָד אראָבגענומען, און מוז שפּייזען זיין ווייב און קינדער, וואס ער האָט אין חוץ־לארץ. און א גאנץ אָסיען און א שטיק אין ווינטער שלעפּט זיך אברהם אום מיט׳ן קויש עפּעל אויף דער האנד און מיט א בענקשאפט אין הארץ, און ווארט אויפ׳ן ליעבען זומער. ווען ער וועט קענען צוריק זיך בעהאלטען אין סאָד, פערשטעקען זיך אין ביידעלע און בלייבען מיט זיך אליין, ניט אָנקוקען די שטעדטעלשע בלאָטע, די פער־חמארעטע אידען און ניט הערען דעם וואָכענדיגען טומעל.

זאָל שטעהן ווי געשטאַנען.

זעלדע גרשונ'ס, א מיידעל פון א יאהר 19, האָט אָבגערעדט מיט די גאסיגע חבר'טעס איהרע, אז היינטיגען שבת זאָל מען זיך אויפקלייבען טאַנצען ביי איהר, ווייל ביי גרונע ישראל'ס, וואו מען פלעגט אלע מאָל טאַנצען, קען מען שוין יעצט ניט. זייער גרויסע שטוב האָט מען איבערגעצוימט אויף צוויי און פון איין האלבער האָט מען געמאכט א שניט־קראם. די איבריגע חבר'טעס וואהנען אין קליינע הייזלעך און עס וועט ניט זיין וואו א קעהר צו טהאָן זיך. אמת ביי זעלדען איז אויך ניט איבעריג גערוים, נאָר זעלדע האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט אזוי צוקלייבען, אז עס וועט זיין גענוג ארט אפילו פאר אן אכט־פּאָרינגען קאדריל.

אז זי איז געקומען אהיים, איז דער טאַטע שוין ניט געוועזען, ער איז אוועק אין מארק. אין שטוב איז נאָר געוועזען חייקע, די יונגערע שוועסטער, א פערצעהניעהריגע מיידעל, און די מוטער.

— מאמע! — האָט זעלדע געמאלדען אריינגעהענדיג, — היינטיגען שבת וועט מען ביי אונז טאַנצען — דו וועסט ניט שרייען?

די מוטער, א אידענע פון עטליכע און פערציג יאָהר מיט גוטע פייכטע אויגען, האָט א שמייכעל געטהאָן:

— וואס עפּעס שרייען. דער טאַטע זאָל נאָר אין דערהיים ניט זיין, טאַנצט אייך געזונטערהייד!

—דער טאַטע וועט אוועקגעהן אין שוהל הערען דעם מגיד—

האָט זעלדע פּערזיכערט, ווע‏לען מיר דעמאָלט טאַנצען. ער זוימט זיך עטליכע שעה.

— גוט — גוט! — האָט די מוטער איינגעשטימט.

זעלדע האָט גענומען בעטראַכטען די שטוב, ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען אריינגעקומען און איהר פּנים האָט זיך פאַרקנייטשט.

— איך האָב מורא, אַז עס וועט זיין ענגליך אביסעל. — האָט זי ענדליך ארויסגעזאָגט.

— איך האָב אויך מורא! — האָט די מוטער מיטגעשטימט — וואו וועט איהר זיך דאָ אויסדרעהען די „לאַנסע“.

— די לאַנסע, ווי די לאַנסע — האָט זעלדע געענטפערט — „האלב וועג“ וועט געוויס ענג זיין.

זי האָט זיך פערטראַכט.

— ווייסטו גאָר וואָס, מאמע — איז זעלדען איינגעפאַלען א אידעע און איהרע אויגען האָבען אָנגעהויבען לויכטען, ווי זי וואָלט געפינען א סגולה צו א שווערען וועהטאָג — איך וועל איבערשטעלען די בעטען נעבען אויוען, דעם קאָמאָד נעבען די בעטען און דעם קופערט...

— דעם קופערט צווישען די בעטען — האָט די מאמע גע־האָלפען דער טאָכטער מאַכען דעם פּלאַן.

— יע... — האָט די טאָכטער זיך פערטיעפט אין איהר פּלאַן.

— וועט זיין א לעדיגע שטוב... גאַנץ גוט...

— דו וועסט מיר העלפען מאמע?

— אָח, האָטש שוין.

און די מוטער מיט דער טאָכטער מיט דער אינגערער שוועסטער, האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט.

אין א האלבע שעה איז עס געוואָרען פערטיג.

— אוי, וואָס פאַר א גוטקייט! — איז חייקע נתפּעל גע־וואָרען.

— גרויסאַרטיג! — האָט זעלדע צוגעשטימט מיט פרעה־ליכע אויגען.

— שענער ווי פריהער. — האָט די מוטער איהר מיינונג געזאָגט.

— א שטוב ווי א פעלד! — האָט זעלדע ווייטער גערעדט.

— מען וועט קענען טאַנצען א זעכצעהנפּאַריגען קאַדריל, האָט די איגגערע שוועסטער געפּאַנטיזירט.

— און און אכט פּאַריגער איז דיר ווייניג?

— עס רעדט זיך אזוי! — האָט הייקע זיך פערענטפערט.

און די צוויי שוועסטער מיט דער מוטער האָבען אָנגעקוואַ־לען פון דעם נייס.

— אָבער זעה א מאָדנע זאַך! — האָט זעלדע אנגעהויבען פילאָזאָפירען, פאַר וואָס האָבען מיר זיך ניט געחאַפּט שוין לאַנג איבערצושטעלען, עס איז דאָך ליכטיג אין די אויגען געוואָרען.

— עס איז אלע מאָל אזוי, טאָכטער — איז די מוטער אין א מוסר־השכל מאָן אריינגעפאַלען — צו א גוטע זאַך חאַפּט מען זיך שפּעט...

געקומען פון גאַס אין שטוב אריין, האָט גרשון אויסגע־שטעלט די אויגען און ניט געקענט ווייטער א טריט מאַכען.

— וואָס איז דאָס?

— וואָס „וואָס איז דאָס“? האָט זעלדע דערשראָקען גע־פרעגט.

— וואָס איז דאָס? — צי איך האָב פערבלאָנדזשעט? איז ער שוין געקומען אביסעל צו זיך און האָט אָנגעהויבען רעדען מיט זיין לשון „סגיא נהור“.

— וואָס איז דען? — האָט די מוטער געפרעגט, אויך ניט אָהן שרעק.

— וואו איז דער קאָמאָד און וואו איז דער קופערט, און וואו זיינען די בעטען? עפּעס זעה איך זיי ניט? איך בין שוין אפשר בלינד געוואָרען.

— אַט שטעהען זיי דאָך... מיר האָבען איבערגעשטעלט — האָט זעלדע ווי פאַרשולדיגט געענטפערט.

— אלמאי? — האָט ער געפרעגט, כלומרשט קאַלטבלוטיג.

— עס איז שעהנער — האָט זיך די קליינע חייקע אריינגעמישט.

— עס איז גערוימער — האָט זעלדע פערריכט.

— זיין ווע‏לען דאָ שבת — טאָג...

נאָר זעלדע האָט א ווינק געטהאָן צו דער מאַמען, און יענע איז ענטשוויגען געוואָרען...

— שעהנער, גערוימער... נייעסען גאָר! — האָט זיך דער פאַטריאַרך צעהיצט, פאַר מיר איז שעהן און גערוים, ווי עס איז פריהער געוועזן — נייעסען גאָר אויפטהאָן! נאָך וואָס פעהלט אייך? שוין שטעלט איבער צוריק אויף די אלטע ערטער!...

זאָל שטעהן, ווי עס איז געשטאַנען, איהר הערט...

— וואָס אַרט דיר, אז אזוי, — האָט זיך די מאַמע געפרובט משתדל זיין.

— רייד ניט! — האָט ער זיך צוהיצט — איך וויל נישט קיין נייעסען! זאָל שטעהן, ווי עס איז געשטאַנען...

אין קריעג.

צוויי זיהן האָט דער אלטער זלמן פסח'ס, און האָט פון זיי קיין נחת ניט; ווען ניט די שטיקעלע האָפענונג, וואס נאָך זיין טויט וועלען זיי נאָך איהם קדיש זאגען, וואלט ער שוין לאנג פון זיי זיך מיאש געווען: מילא ווי זיי ווילען זיך — איך קען זיך בעגעהן אָהן זיי. שטעהט איהם אבער דער „קדיש" ווי א ביין אין האלז, און ער מוז ליידען פון זיי און האלטען זיך מיט זיי.

און דאָס גאנצע אונגליק, וואס ער האָט אביסעל געלד! ווען ניט דאָס געלד, וואלט ער אפשר פון זיי נחת געהאט, ווי אלע טאטעס פון קינדער. זיי זיינען דען שלעכטע קינדער! פערקעהרט, גאנץ גוטע, למדנים, איידעלע, עהרליכע, האָט איהם אבער נאָט געשטראפט מיט אביסעל געלד און די צוויי ברידער וואָלטען זיך אלע טאָג וועלען צוטהיילען נאָך פאר זיין לעבען מיט דער ירושה...

מילא דעם עלטערען זוהן, חיים'ען, וואס איז שוין גאָט צו דאנקען א טאטע פון אכט קינדער, האלט ער נאָך עד היום אויף זיין קעסט, און מאכט חתונה אמאָל זיינעם א זוהן, אמאָל א טאָכטער און האלט די נייע פאָר־פאָלקס ווידער אויף קעסט. וואָס דען? א תירוץ איז דאָס? וואָס? איז אבער דער צווייטער זוהן, יענקעל, אן אָרימער תבאוה־סוחר, זיך מתקנא: סטייטש! וואו איז דאָס נעהערט געווארען, אז עלטערן זאָלען אלץ א י י ן

זוהן אוועקגעבען! א קליינינקייט — אויסהאלטען אזא געזינד אויף קעסט! און אויף דעם סמך געהמט יענקיל ביים טאטען מ ז ו מ נ י ם און דער טאטע קען זיך איהם ניט אויסצאהלען פאר די קעסט, וואס ער גיעט חיים׳ען.

— וויפיעל מיינסטו איז ווערט חיים׳ס קעסט? — פרעגט דער אלטער זלמן, אז יענקיל האט צו איהם טענות.

— חיים׳ס קעסט? חיים׳ס קעסט?... אט וועל איך דיר באלד זאגען — נעמט יענקיל די בארד אין האנד, קנייטשט דעם שטערען און מאכט אזא רעכענונג:

— דריי פוד ברויט געהט ביי זיי אוועק א וואך...

— דריטהאלבען! — האקט איבער דער אלטער טאטע.

— דריי פוד, ווי א האר! — וויל יענקיל אפילו א פונט ניט אראבלאזען.

— איצטער לאמיר נעהמען פלייש! — העבט ווידער אן יענקיל צו רעכענען.

— פלייש עסען זיי זעלטען. — שלאגט איבער דער אלטער טאטע.

— טאטע! זיי עסען, זיי פרעסען! — שרייט שוין העכער יענקיל און רעכענט אויס: 5 פונט פלייש אין מיטען וואך — פינף גילדען, שבת קאסט צוויי רובעל, — היינט גרויפען, קארטאפעל, קליינינקייטען, „דאס און יענץ“, סאיע“, „טאיע“, א שוך, א בגד, שבת אן עליה — חיים איז דאך א יחסן — שלישי קויפט ער, אנדערש לויהנט איהם ניט. 10 רובל א וואך קאסט דיר חיים! צעהן רובל! — ענדיגט יענקיל דעם חשבון.

— נו, און וויפיעל קאסט דו מיך? — פרעגט זלמן.

— איך — א העלפט ניט! — פערזיכערט יענקיל.

— נו, מאך א חשבון! — הויבט אן דער אלטער: — צום יריד פאקראוועס האסטו גענומען א נייענקע הונדערטער?

— גענומען! — גיעט נאך יענקיל.

— אין א חודש ארום, געדענקסטו, ביזטו געקומען זונטאג

און געחאפט אויף א „ווײלע" 25 רובל אבצאהלען א גוי פאר א
מציאה עפעס — דיינע מציאות!

— יע! — גיט נאך יענקיל.

— צום יריד אולאס האסטו גענומען 50 רובל, אויף פסח
האסטו גענומען 25 — הײנט וואו איז — דא א צעהנרובעל־
דיגע, דא א פינף־רובעלדיגע.

— אלץ ניט קיין צעהן רובעל א וואך! — טענהט יענקיל.

— דו נעהמסט דאך אבער מיט אמאל! גזלן! ווערט שוין
דער אלטער אין כעס.

— נו, שא, שריי ניט, טאטע! געה גיעב איהם אוועק די
גאנצע געלד דיינע! דו האסט דאך איהם ליעב! גיעב איהם,
קארמע איהם, — שרייט יענקיל.

—איך גיעב דיר מעהר פאר איהם! — בייזערט זיך דער
אלטער און געהט אוועק א דערצארנטער אהיים.

אויפ'ן הארצען איז איהם שווער, עס דריקט איהם ווי א
שטיין, און טרעפענדיג זיין „אלטע", ווי ער רופט זי, אדער ווי
אלע רופען זי — זלאטע, וויל ער אויסרעדען זיך פאר איהר.
ער לאזט אראב דעם קאפ און קען ניט אנהויבען. די אלטע
אבער פערשטעהט, אז ער איז שוין מסתמא געווען ביי יענקלען
און זי הויבט אן:

— נו, וואס ווייטער?

— נחת... — מורמעלט זלמן.

— וואס? ביי יענקלען געווען? — שטויסט זי זיך שוין
אליין. — וואס וויל ער?

חיים און די הויז־געזינד, וואס געפינען זיך אין דעם זעל־
בען הויז, הערען זיך צו ביי'ן ווענטיל פון קאמער, וואס די אלטע
ריידען.

— ער פערגינט ניט חיים'ען! — קלאגט ער זיך. — אלץ,
זאגט ער, גיעב איך איהם אוועק, הייסט עס, חיים'ען.

חיים הערט אונטער און קריצט מיט די צייהן.

— און איהם גיעסטו ווייניג! — זיפצט די אַלטע.

— ער טענה'ט, אז חיים קאָסט מיר צעהן רובל א וואָך.

— צעהן מכות איהם! קען זיך שוין חיים ניט איינהאַלטען און שיסט אויס הויך.

— צעהן געשווירען איהם! — העלפט אונטער חיים'ס ווייב.

— צעהן פּלאָטירען איהם! — העלפען די קינדער.

—שא, וואס איז דאָרטען? — חאפּען זיך ארויס די אַל־טינקע פון זייער צימעריל.

דאָ גיט א שפּרונג חיים צום טאטען און א ווילדער פון כעס מאכט ער מיט די הענד:

— א י ה ם גיעסטו אוועק איינגאנצען! א י ה ם! ער וועט דיך צו דער טאָרבע ברענגען. דו וועסט זעהן, טאטע.

— ביים בעסער אָב די צונג! — מישט זיך אריין די אַל־טע.

— מיט דער טארבע וועסטו פון דיין „יענקלען" אוועק־געהן — געדענק, טאַטע! געדענק! — סטראשעט איהם חיים.

— איך האָב מורא. אז פון דיר וועל איך גיכער מיט דער טאָרבע אוועקגעהן, — זאָגט זלמן און ווייזט אָן אויף דער על־טערער טאָכטער, חאשען.

דאָ טרעפט די קויל חיים'ען אין סאמע מיט הארץ און ער געהט אוועק אין א זייט.

אין שטוב אבער רוישט נאָך און קאָכט, יעדער קינד שילט בעזונדער יענקלען און יעדער קללה לעגט זיך אוועק ביי די אַל־טע אזוי ווי א שטיין אויפ'ן הארצען.

— ניט בעשערט קיין נחת! — קלאָגען זיי זיך שטיל איי־נער פאר'ן צווייטען.

— וואָלטען מיר בעסער שטיינער געהאט, איידער געלד!

— אַח, אַח! — זיפּצען זיי פּאר זיך. — צוויי שטיקלעך קינדער און קענען זיך ניט טהיילען.

א גאַנץ יאָהר זיינען די צוויי ברידער ברוגז. גוט ווערען זיי נאָר פּורים צו דער סעודה.

עס געשיהט אזוי:

אז עס קומט פאר נאכט און ביי חיים'ען גרייט מען צו הער סעודה, געהען ארוים די „אַלטע" פון זייער קאמעריל, זעצען זיך אוועק ביי'ן טיש און טיילען אויס די קינדער פּורים־געלד. אין שטוב ווערט פרעהליך און אויפגערוימט. אלע פּנים'ער שטראַהלען. די אייניקלעך, די יונגערע, לאָסשצען זיך צו דער באָבען און צום זיידען, קריכען זיי אויפ'ן שוים און זאָגען: האַלט דער באבען, האַלט דעם זיידען... א גוטע באָבע, א גוטער זיידע!...

פון די ווארימע קינדערשע ווערטער, פון דעם געגרייטען טיש, פון דער ליכטיגקייט, ווערען די אלטע געריהרט. עס ערוועקט זיך אין זיי ביידען א ליעבעם געפיהל צו די קינדער און זיי דערמאַנען זיך אָן יענקלען, וועלכער פּראַוועט נעבעך אליין די סעודה. ווער וויים צי האָט די שנור דאָרט עפּעס געמאכט יום־טוב'דיג.

— גערארפט רופען אהער יענקלען מיט דער ווייב און קינדער, גיעט א זאָג די אלטע.

— נו, נו, אדרבא, לאָז מען זיי רופען! — חאפּט זיך אָן דער אלטער.

— וואָס זאָגסטו, חיים? — פרעגט דער טאַטע ביי'ן זוהן.

— פון מיינעטוועגען, רוף. — זאגט קאלט חיים.

— מען קען רופען! — זאָגט די שנור.

— געה אריבער, ביילינקע! — ווענדעט זיך די באָבע צו א צוועלף־יעהריגע מיידעלע — צום פעטער יענקלען און זאָג, אז מען בעט זיי צו דער סעודה.

— זיי זאָלען למען השם קומען! — פערזאָגט פון זיין זייט דער זיידע.

— גוט! — לויפט ארויס פרעהליך דאָס אייניקעל. אין א פיערטעל שעה ארום קומט זי צוגעהן א פרעהליכע און מעלדעט:

— דער פעטער האָט געזאָגט, אז ער וועט באלד קומען.

און ווירקליך קומט באלד יענקיל מיט זיין ווייב און מיט צוויי עלטערע קינדער.

— גוט פורים!

— גוט פורים!

פון אָנפאנג געהט אלעס כשורה. יענקיל מיט דער ווייב זעצען זיך ביים טיש און הייבען אָן קייען באָב, וואס איז אָנגע־שטעלט אויפ׳ן טיש אין גרויסע טעלער פון דער פולער האנד. חיים הייבט אָן מאכען א שמועס וועגען שטאָדטיגע ענינים אין וועלכע ער איז שטארק, אלס לעדיג־געהער, בקי.

— ס׳איז פארכעס! — זאָגט ער — די באָד שטעהט שוין דריי יאָהר אהן א דאך, און אין קאראָבקע ליעגט גאנצע 500 רובל און מען גיט ניט ארויס.

— טאָקי א סקאנדאל! — גיעט יענקיל נאָך, אבשיילענדיג א באָב.

די אלטע קוועלען אָן. אָט דאָס זייגען עפּעס געראָטען אויף ברידער. מען רעדט, מען פערברענגט, ווי געהעריג איז, ניטאָ קיין קנאה, קיין שנאה! פיין, אָרענטליך!...

אין א וויילע ארום שטעלט זלמן אוועק אויפ׳ן טיש א פלאש בראָנפען, גיעסט אָן די קעלישאָקעס און זאָגט:

— נעהמט, קינדער. צו ביסלעך בראנפען!

— נעהם דו פריהער, טאָטע, — זאָגט פרעהליך יענקיל.

— טאָטע נעהם דו! — לעגט פאָר פרעהליך חיים.

דער טאָטע נעהמט דעם קעלישאָק מיט א שטראַחלענדען פּנים, מיט שיינענדע אויגען, מיט טרייסלענדיגע הענד און שרייט אויס:

— לחיים קינדער!

— לחיים ולשלום! — ענטפערט יענקיל חיים׳עז.

שפעטער א ווײלע דערלאנגט מען געקאכטע יאגדעם מיט קיכלעך, מען צושטעלט די טעלער, מען צולעגט די לעפעל און דער טיש בעקומט איין אויסזעהן פון א וואהרער שמחה.

יענקיל און חיים האבען שוין אויסגעטרונקען צו עטליכע גלעזליך. די קעפ טומלען זיך און דערהויפט איז יעדערנס מויל פול מיט ווערטער, וואס בעטען זיך ארויס, חאטש עס איז א גרויסע סכנה...

— וואס, חיים! — קען זיך ענדליך יענקיל ניט איינהאלטען. — ביזט אהן איין עין הרע א בעל־הבית...

— פערגינסט מיר אפשר ניט! — לאכט פרעהליך חיים.

— ניין! אדרבא... איך מיין סתם אין דער וועלט אריין.

די אלטע בלייבען טויטע. זיי ווילען פערשטיקען דעם גע־שפרעך און ווייסען ניט, ווי אזוי.

—ניין, יענקיל, פערגינסט מיר ניט! — שרייט אויס פלוצלונג חיים, זעהענדיג, ווי יענקיל בעטראכט די עטליכע זיל־בערנע לעפיל.

—קינדערלעך, האט רחמנות! — בעטען זיך דערשראקענע די אלטע—פערשטערט ניט אונזער שמחה, איין מאל אין יאהר.

— מיר קריגען זיך ניט! — פערזיכערט יענקיל.

— חס וחלילה! — פערזיכערט אויך חיים. — די בעסטע גוטע פריינד! נאר גלאט, איך שמועס אין דער וועלט אריין, — יענקיל פערגינט מיר ניט. יענקיל וועט עס אליין מודה זיין. אמת, יענקיל?

יענקיל בעטראכט דעם רייכען טיש און שיעסט ארויס:

— אמת, ברודער!

חיים ווערט אנגעצונדען.

— וואס־זשע געהסטו צו מיר?

— טאקע א נארישקייט! — מורמעלט יענקיל.

— קינדערלעך! — האָט רחמנות... — בעטען זיך די על־טערן מיט טרעהרען.

נאָר עס פערקריכט שוין צו ווייט: די פערשטיקטע שנאה, וואָס טליעט א גאנץ יאָהר ביי יעדער ברודער אין הארצען צום צווייטען, פלאקערט יעצט אויף, נאָך דעם ביסעל בראָנפען, אין א העליש פייער.

— דו טארסט צו מיר ניט געהן! — שרייט אויס חיים.

— שדים זאָלען צו דיר געהן — ענטפערט יענקיל נאָך העכער.

— ארויס פון מיין שטוב! — שטעלט זיך חיים אויף און מעסט זיך אויף יענקלען.

— עס איז דעם טאטענס שטוב, ניט דיינע! — קוראזשעט זיך יענקעל און בלייבט זיצען.

די מחלוקת ווערט וואָס א מינוט גרעסער, עס מישען זיך אריין די ווייבער און די קינדער ביז יענקיל פערלאזט די שטוב, סטראשענדיג דעם טאטען:

— גערענק! זיי וועלען דיר צו דער טאָרבע ברענגען.

די אלטע בלייבען נאָכדעם זיצען צעמישט, ווי ארויסגעטריי־בענע פון גן־עדן געהען זיי אריין צו זיך אין צימערל. ביידענס פנימ'ער בעקומען א מינע פון נאָך תשעה־באָב ביינאכט צו די קינות.

— וואָס רופסטו איהם, דעם גזלן? — קען זיך ענדליך דער אלטער ניט איינהאלטען.

— איך רוף איהם? דו רופסט דאָך איהם! — פערענט־פערט זיך די אלטע.

אין דער אמת'ן אָבער רופען איהם זיי ביידע, חאָטש זיי וויסען פאראויס, אז עס וועט זיך אזוי ענדיגען. ווער ווייס וואס פאר א רעכנונג זיי האָבען דערביי. אפשר ווילען זיי חאָטש גע־ניסען די עטליכע מינוט נחת, וואָס זיי האָבען עהדער'ן סקאנ־דאל. ווער קען פערשטעהן עלטערנ'ס הערצער?...

פערשפעטיגט.

די ביסעלע קארן, וואס אנטאש האט אראבגענומען פון זיין שטיקעל פעלד, וואס ער האט פערמאגט, האט ער שוין לאנג צו־זאמען מיט זיין עלטערן אכצעהניעהריגען סערגייען צעדרא־שען און עס צומאהלען אין דער נאהענטער וואסער־מיהל, וואס איז געגאנגען אויף צוויי רעדער, און אויף דעם בוידעם בעהאל־טען צו ווינטער אויף ברויט. נאר איין פוד קארן האט ער אין א זעקעלע אריינגעשאטען, פערבונדען עס מיט א שטריקעלע און אין שטעדטעל אויפ׳ן מארק אוועקגעפיהרט. אויפ׳ן מארק זיינען אידען איינער נאך דעם אנדערען צוגעקומען אלע ווײלע צום וואגען, געטאפט דאס זעקעלע און געפרעגט:

— טשאהא מאיעש נא פראדאניע? — וואס פערקויפסטו?

— אויף וואס אנטאש פלעגט ניט אהן שטאלץ ענטפערען:

— זשיטא, קארען...

און די אידען האבען געדונגען און געדיינגען, געוואוינען און געוואוינען מיט זייערע בעזמענס און געבאטען פרייזען פון 40 קאפ׳ ביז א האלבען רובל, און אנטאש פלעגט די פרייזען אויסהערען, קראצען זיך אין פאטיליצע און בעטען פינף גילדען ביז ער פלעגט אראבגעהן אויף פיער גילדען. ביי פיער גילדען האט ער זיך איינגע׳עקשנ׳ט און ס׳האט ניט געהאלפען שוין מעהר קיין דינגען זיך.

— טשעטירע זלאָטע ! — האָט ער גע'טענה'ט.

פארנאכט אבער, אז די אידישע מארק־סוחרים זיינען זיך צוגאַנגען און מעהר איז שוין קיינער צו איהם ניט צוגעגאַנגען, איז ער שוין מיט זיין ביסעל סחורה אראָבגעפאלען, און האָט שוין געזוכט א סוחר פאַר א האלבען רובל.

דער איינציגער הענדלער, וואס איז אויף דעם מארק געבליבען, חנן דער קורצער, האָט שוין דאָס ביסעל מזומן, וואס ער האָט געהאט צוגעגרייט צום מארק, אויסגעגעבען, און ער האָט דערפאַר מיט א האלבען מויל געבאָטען נאָר דריי גילדען :

— טרי זלאָטיך, קאָלי חאָטשעש ?

און אנטאָש, וואס האָט געדארפט דאָס געלד אויף זעהר נויטיגע זאכען צו קויפען, אָהן וואס ער האָט א היים ניט געקאָנט פאָהרען, איז מיט הארץ־וועהטאָג מרוצה געוואָרען. דערהערט, א ער וויל שוין אוועקגעבען, האָט חנן אין דער רעכטער זייט הארצען דערפיהלט א קלאַפּ פון פרייד, וואָס איהם מאכט זיך צו קויפען א „מציאה", פון וואס ער וועט האָבען א ריינעם צעהנערעל ריוח, אין דער לינקער זייט הארצען האָט איהם אבער א קלאַפּ געטהאָן פאַר הארצוועהטאָג : גאָט ווייסט, צי די מציאה וועט א י ה ם אנקומען, ווייל זיין קאפּיטאל האָט זיך איבער'ן מארקס־טאָג אינגאנצען אויסגעלאָזט. פונדעסטוועגען האָט חנן די האָפנונג און דעם בטחון, ניט פערלוירען, און האָט געהייסען אנטאָש'ן פיהרען די סחורה צו זיין שפּייכלערל. דאָרט, ביים שפּייכלער, האָט ער געמאכט שותפות מיט א רייכערען הענדלער: יענער האָט געצאָהלט, און אנטאָש האָט בעקומען דריי זילבערנע גילדען. ער האָט זיי בעקוקט פון אלע זייטען, געפּרעגט עטליכע מאָל : „צי ניע פאלשיווע ?" און אז די צוויי שותפים האָבען איהם בערוהיגט, אז ס'איז אמת'ע גוטע געלד, האָט ער זיי אריינגעקרוקט טיעף אין בוזעם און זיך געלאָזען מיט'ן וועגעלע צו א קרעטשמע אין מארק. דאָרט האָט ער צוגעבונדען דעם

פערד צום סלופּ פון גאַניק און איז אוועק קויפן נויטיקע זאַ־כען.

ער האָט געקויפט צוויי טעפּ זאַלץ, וואָס די אַנטאַשיכע האָט איהם אָנגעזאָגט למע"ש צו ברענגען, דריי פּעקלעך צו אַבט גראָשען מאַהאָרקע, אַ פּאָר פונט זייף צו זעקס קאָפּיקעס, אַ קרענצעל בייגעלעך — אַ „גאָסטינעץ" פאַר די קליינע קינדער, און פאַר דאָס איבעריגע איז ער אין קרעטשמע אריין און גע־מאַכט אַ כוסה, מיט וועלכער ער האָט זיך גאָר דערקוויקט און האָט פרעהליך אָנגעהויבן שמועסן מיט די איבעריגע פּויערן.

— פּוד זשיטאַ פּראָדאַל! — האָט ער, כטוב לבו ביין, איינעם פון די פּויערן דערצעהלט, — אַשוקאַלי זשידי: טרי זלאָטיך דאַלי... מאַלאָ!

דער אנדערער פּויער, וועלכער איז געווען רייכער פאַר אַנ־טאָש'ן, האָט אויף איהם אַ פּעראַכטליכען בליק געוואָרפען און מיט גדלות געענטפערט:

— מ'שטאָ, פּוד זשיטאַ! יאַ דיעסיאַט פּראָדאַל... פּאָני־מאַיעש? דיעסאָט!

אַנטאָש האָט מיט קנאה אַ קוק געטהאָן אויפ'ן פּויער, גע־וואָלט עפּעס ענטפערען, נאָר זיין שוואַך קעפּעל איז שוין געווען אביסעל בערוישט, האָט ער נאָר אַ קרים געטהאָן מיט די ליפּען, ארויס פון קרעטשמע האלב פרעהליך, האלב אומעטיג, זיך גע־זעצט אויף זיין קליינער דראַבינע און זיך געלאָזט פּאָהרען אהיים אין דאָרף אריין, וואָס האָט זיך געפונען פינף ווערסט פון שטעדטעל.

* * *

עס איז פערגאַנגען אַ חודש. דער אָסיען האָט זיך אונ־טערגערוקט, די טעג זיינען געוואָרען קלענער און די נעכט גרע־סער און אין אַנטאָשס קליין שטיבעלע האָט מען שוין בעדאַרפט ביינאַכט אַ לעמפּעלע ברענען. דאָס לעהמענע פּלעשעל, וואָס אַנטאָש האָט ביי אַ טעפּער מיט דריי יאָהר צוריק געקויפט פאַר

אבט גראָשען איז אַ טרוקענע געשטאַנענע און ס'איז ניט געווען פאַר וואָס נאָפט צו קויפען. אויסער דעם איז שוין דאָס זאַלץ אויך באַלד אויסגעגאַנגען, פון די זייף, וואָס ער האָט געקויפט, איז נאָר אַ שטיקעלע געבליבען, פון די מאַכאָרקע איז נאָר געבליבען אויף אַ פּאָר טעג, און אנטאָש האָט זיך געקראַצט אין פּאַטעליצע, געשפּיים און אַלץ געוואָרטשעט:

— סאָלי ניעמא, מידלא ניעמא, מאַחאָרקע ניעמא, ני־טשעהאָ ניעמא. קעפּסקי אינטערעס.

פּערדיענען האָט אַנטאָש ניט געהאַט וואו. דער איינציגער איד, וואָס האָט אין דאָרף געוואָהנט איז אַליין זעהר אָרים געווען, און אַנטאָש האָט געהאַט נאָר איין האָפנונג: פאַר סכות אָנצוהאַקען אַ פולען וואָגען „סכך" און פיהרען עס אין שטעד־טעל אַריין און פערקויפען עס פאר אַ פּאָר פּערציגער. אַלע יאָהר טהוט ער אַזוי, זייט ער האָט דאָס פערדעל זיינס, פאַר וועלכען ער האָט אָבגעצאָהלט אויפ'ן יריד זעקס רובל.

און גלייך נאָך ראש השנה האָט ער אַלע טאָג אָנגעהויבען פרעגען דעם אידען, וואָס האָט געוואָהנט אין דאָרף: ווען איז ביי אייך סכות?

— האָסט נאָך צייט! — פלעגט איהם דער איד ענט־פערען.

— אַליע קאָלי! — פלעגט אנטאָש רוהען ניט לאָזען.

דער איד, וועלכער איז גראַד געווען צוטראַגען, האָט איהם איינמאָל אַ זאָג געטהאָן, ניט פיעל טראַכטענדיג:

— יעשטשע טידזיען! — אין אַ וואָך אַרום, הייסט עס.

אין אמת'ן אבער איז ניט מעהר געווען ווי פינף טעג צו סכות, און אַנטאָש האָט אויסגערעכענט, אַז צוויי טעג פאַר „קוטשקי" איז די רעכטע צייט צו פיהרען די סכך אין שטעדטעל: דאָס איז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום־טוב...

ער איז דעם טאָג פריה אויפגעשטאַנען, איבערגעביסען אַ שטיק גראָב, שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט געטונקט אין אַליין

צעשטויסענע זאַלץ, פּאַרטונקען מיט אַ קוואַרט קאַלט וואַסער, האָט איינגעשפּאַנט דאָס האַלב הונגעריג, האַלב פערשלאָפען פערדעל, גענומען די האַק און זיך געלאָזען אין נאָהענטען וועל־רעל.

ער האָט זיך גענומען האַקען די שטעכעדיגע צווייגען איינע נאָך דער אַנדערער. געקליבען האָט ער אַלץ געדיכטערע און לענגערע; בעסערע סחורה פערקויפט זיך גיכער! האָט ער דערביי געטראַכט. דער וואָגען איז אַלץ געוואַקסען און גע־וואַקסען, ער האָט גערעכענט לכל הפּחות לייזען פאַר זיין סחורה אַ גילדען דריי, און איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ס'איז נאָך ווייניג און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלעגט די צווייגען אויפ'ן וואָגען.

ענדליך איז דער וואָגען פול געוואָרען, אַנטאָש האָט איהם בעטראַכט פון אַלע זייטען און איז צופריעדען געבליעבען.

— דאָוואָלנאַ בודזיע! — האָט ער פאַר זיך הויך אַרויסגע־ברומט און גענומען דאָס פערד פאַר'ן צוים.

אַז ער איז אָבער אָבגעפאָהרען אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און ווידער אַ קוק געטהאָן אויף דעם וואָגען.

— אַ מאָזשע מאַלאַ בודזיע? — האָט ער זיך פלוצים דער־שראָקען, האָט אויסגעהאַקט נאָך פינף צווייגען און האָט זיך גע־נומען פאָהרען שוין אויף זיכער.

ער איז געפאָהרען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, און לאַנגזאַם, טריט ביי טריט זיינען אויך אַזוי אין קאָפּ זיינע געדאַנקען גע־גאַנגען, ווי זיי וואָלטען ניט וועלען געהן גיכער פאַר דאָס פער־דעל. אַנטאָש האָט גערעכענט, וויפיעל זאַלץ וועט ער קענען קוי־פען און וויפיעל זייף, וויפיעל „גאַזע" און וויפיעל מאַחאָרקע, פאַר דעם געלד, וואָס ער וועט אָבלייזען אין שטעדטעל ביי די אידען. ענדליך האָט איהם דער חשבון פערמאַטערט און ער האָט בעשלאָסען, אַז ער וועט האָבען די פּאָר גילדען אין האַנד, וועט

איהם גרינגער זיין צו בערעכענען, ווי אזוי אלץ איינצוקויפען, און נאך דעם בעשלוס איז פון איהם ווי א משא אראב.

* * *

אז ער איז מיט זיין וואגען אריינגעפאהרען אין אנהייב שטעדטעל און האט דערזעהן די סכות שוין בעדעקט מיט סכך, האט זיך איהם ווי עפעס אבגעריסען אינוועניג און איהם האט זיך געדאכט, אז די סכות און די הייזער — אלע דרעהען זיך און שפרינגען. ער האט זיך אבער געשטארקט און געטרייסט, אז אלע יאהר איז אזוי: א סך „זשידקעס" דעקען צו פריהער און א סך שפעטער. דערפאר איז שפעטער טייערער.

— דראזשיי וואזמו! איך וועל טייערער נעהמען... — האט ער בעשלאסען, און אנגסטען האבען איהם בעשלאגען.

ער איז געפאהרען ווייטער. אויף א גאניק זיינען געשטאנען צוויי ווייבער, איינע א יונגע און איינע אן עלטערע, זיי האבען געטייט מיט די פינגער און האבען געקייכט פאר געלעכטער.

— טשאהא ווי סמעיעטעס? — האט אנטאש מיט כעס געפרעגט.

— בא טי טאק ראנא אוזש סכך וועזעש. — האבען זיי איהם לאכענדיג געענטפערט.

— יאק טא ראנא? — האט אנטאש דאס לאכען ניט פערשטאנען.

— ראנא... ראנא... — האבען די פרויען געלאכט.

— טפו! — האט אנטאש מיט צארן אויסגעשפיגען און זיך געלאזט ווייטער, טראכטענדיג:

— יאק טא... בערקע האט אליין געזאגט — „זא טידזען". איך האב דאך אזוי גוט גע'חשבונ'ט: נאך צוויי טעג.

א קאלטער שוויים האט איהם בעגאסען, דערמאהנענדיג זיך, אז ער האט פון יענער צ״יט אן, זייט בערקע האט איהם געזאגט, אפשר ניט גוט געצעהלט. ער האט פערשפעטיגט! געוויס, געוויס! אלע סכות זיינען שוין בעדעקט מיט סכך... ער

וועט בלייבען אהן זאלץ, אהן מאהארקע, אהן זייף, אהן „נאָ־זע"...

טרויעריג האָט ער געפיהרט דאָס פערדעל, וועלכעס האָט קענטיג געשפירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דאָ שטעהט פאַר זיין בעל־הבית, און האָט זיך קוים געשלעפּט, אראָבגעלאָזען דעם מידען קאָפּ זיינעם.

דערווייל זיינען די בעלי־בתים שוין געגומען געהן ביסלעכ־ווייז פון שוהל, אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג מיט די טליתים און די מחזורים אין די הענד.

דערזעהענדיג לכתחלה דעם פויער מיט'ן וואָגען סכך, האָ־בען זיי ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָבען ער־שטוינט געקוקט איינער אויפ'ן אנדערען. נאָך זייער קוקען האָט זיך גערעכט, אז זיי האָבען זיך דערשראָקען: אפשר האָ־בען זיי א טעות געהאַט און פריהער סכות געמאַכט?...

— טשאהאָ טי וועזעש? — האָט איהם איינער א פרעג געטהאָן.

— יאק טשאהאָ? — האָט אנטאָש תמ'עוואַטע אויסגע־שטעלט די אויגען — סכך ווערו נאָ „קוטשקי". קופּיטע, האָ־לובטשיקי! קופּיטע! — האָט ער זיך גענומען בעטען מיט א וויינענדיג קול.

די אידען האָבען זיך פונאַנדער געלאַכט.

— וואָס דאַרף מען איצטער סכך? דוריען, דו! עס איז דאָך שוין יום־טוב, — האָט איהם איינער געטרייסט.

נאָר אנטאָש איז פון גרויס אומגליק ווי צוטומעלט געוואָ־רען און האָט געשריגען, קראַצענדיג זיך אין דער פּאַטעליצע און האַלב וויינענדיג:

— קופּיטע, קופּיטע! סאָל טרעבע, מידלאָ טרעבע, גאַזאַ טרעבע...

דער עולם אידען, וועלכער האָט אָנפאַנגס געלאַכט פון דער גאַנצער סצענע, איז ענדליך געריהרט געוואָרען. זיי האָבען בע־

טראכט דעם ארימען דארען פויערל, דערזעהען זיין פערצווייפעלטען פנים און א געפיהל פון מיטלייד האט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט.

— אז ארימער גוי, א ביטערער רחמנות! — האט איינער ארויסגעזאגט, פערקרימענדיג מיט וועהטיג זיין פנים.

— ער האט געהאפט, נעבאך, מאכען גאנצע גליקען פון די סכך, מיט אמאל — נא דיר! — האט א צווייטער געזאגט.

— עס וואלט געווען א יושר אבצוקויפען ביי איהם די סכך, — האט נאך איינער פארגעלעגט, — ס'איז א חלול־השם.

— אים יום־טוב, ווי אזוי? — האט א צווייטער אבגעשלאגען די פארלעגונג.

— עס איז אויף האלץ ווערט דאס געלד — האט איינער געשאצט, בעטראכטענדיג דעם פולען וואגען מיט דעם סכך.

— ווערט היינט, ווערט מארגען! אז ס'איז יום־טוב...

— סאל ניעמא, גאזא ניעמא.... מידלא ניעמא... — האט דער פויער געזונגען זיין ליעדעלע, ניט פערשטעהענדיג, וואס די אידען רעדען אויף זייער לשון, נאר פיהלענדיג, אז מען טראכט וועגען איהם עפעס גוטס.

— שא! ער דארף גאר קיין געלד ניט, ער דארף סחורה. סחורה אהן געלד מעג מען געבען אום יום־טוב אויך! — האט איינער געבוירען גאר א נייע אידעע.

דער עולם איז לעבעדיג געווארען. עס האט זיך געפונען צווישען רעדיל אידען א קרעמער, וואס האט געהאט דערביי א קראם.

— גיעב איהם, חיים, א פאר טעפלעך זאלץ מיט נאך דארטען, וואס ער דארף. גיעב איהם אויף א פאר גילדען. א רחמנות! מיר וועלען אלע ליידען דעם היזק...

— נו, נו, מהיכא־תיתי! — האט זיך ר' חיים אנגעהאפט

— אז ארימער גוי טאקי; א רחמנות...

— א מצוה, א מצוה! ווי איך בין א איד! — האט יעדע־רער פון עולם געווארעמט.

חיים האט צוגערופען דעם גוי, נאך ווערלכען דאס גאנצע רעדיל איז נאכגעגאנגען, האט געעפענט די קראם און האט איהם געגעבען: צוויי טעפ זאלץ, א שטיק זייף, א פלעשעל נאפט און צוויי פעקלעך מאחארקע.

דער פויער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן פאר שמחה, צי לאכען, צי וויינען, ער איז נאר אין שטאנד געווען צו מורמ־לען:

— דזיענקויע! דזיענקויע!

— נא טעביע יעשטשע חלה! — האט איהם פלוצלינג, אז ער האט שוין די סחורה איינגעפאקט, עמיצער אונטערגעטרא־גען א פאר „המוציאס“ — דו וועסט ברייגען אהיים.

— נא טעביע יעשטשע! — האט איהם נאך איינער דער־לאנגט נאך א שטיק חלה.

— נא יעשטשע!

— יעשטשע!

— יעשטשע!

און מען האט גענומען טראגען פון אלע זייטען חלה פאר אנטאשען. ער איז צוטומעלט געווארען און האט קוים געקאנט אויסרעדען: „דזינקויע“.

דער עולם איז געווען צופריעדען און יענקעל לייבעס, א פרעהליכער איד, וואס האט געמאכט יום־טוב פון דער פולער האנד און אראבגעבראכט א חתן צו גאסט, האט איהם ארויסגע־טראגען א גלעזעל בראנפען.

— נא פיי! אי פאיעזשאי ז׳באגאם דאמאי!

אנטאש האט אין דער גיך אריינגעגאסען דאס גלעזעל בראנפען אין האלז, פערביסען מיט א שטיקעל חלה און האט פרעהליך אויסגעשריגען:

— ניקאלי ניע זאבודו!

— איהר ווייסט, ניט קיין שלעכטער ערל... — האט איי־נער פון דעם רעדיל א זאג געטהאן.

— וואס האסטו געוואלט, ער זאל דיך איצטער שלאגען?...
האט א צווייטער א שמייכעל געטהאן — — — — —

דער עולם איז ביים ווארט „שלאגען" ווי אבהענדינג גע־ווארען, און מען האט זיך גענומען ביסלעכווייז פונאנדערגעהן.

דער רב און זיינע ספרים.

אויסער די שטענדיגע שכירות, וועלכע דער קארעלצינער רב ר' אברהם פלעגט בעקומען — פינף רובל א וואך — און קליינע זייטיגע הכנסות, וועלכע פלעגען איהם איינטראגען נאך עפעס א וואך, האט ער געהאט נאך א בעזונדערע הכנסה — שרייבען ספרים.

אמת, ער אליין פלעגט זאגען, אז די ספרים, וואס ער שרייבט און דרוקט דערנאך, זיינען ניט צוליעב פרנסה. די תורה איז, הלילה, ניט ביי איהם א „קרדום לחפור בה"; ער מיינט נאר מרביץ תורה זיין צווישען אידען. דאך האט ער אויף זיין ערשטען ספר „באר אברהם" ארויפגעדרוקט דעם מקח „א רו"ב אויסער פארטא". און כדי דער ספר זאל מעהר פערקויפט ווערען, האט ער געזאמעלט פיעל הסכמות פון בעוואוסטע רבנים. ער האט אפילו שטארק חשק געהאט, צו בעקומען חאטש א קליין הסכמה'לע אויך פון מינסקער „גדול", אבער דער גדול, עליו השלום, האט זיך אביסעל נעקווייגקעלט.

— איך גיב אמאל א הסכמה, אבער, אבער...

וואס דער „גדול" האט געמיינט מיט אט דעם „אבער", האט אונזער מחבר זעהר גוט פערשטאנען, און ער וואלט געווים שטארק אין כעס געווארען אויף איהם דערפאר, ווען ער וואלט גראד אין זעלבען ספר ניט צולאזט זיך וועגען דער עבירה פון כעס...

דעם ערשטען ספר „באר אברהם“ האט ער געשריבען נאך מיט יאהרען צוריק און אבגעדרוקט טויזענד עקזעמפלארען אין ראם'ס דרוק. קרוב פון דריי הונדערט האט ער געשיקט צו גרויסע גבירים, מיט א גרויסען „לכבוד“ אויפ'ן שער־בלעטעל. צווישען די דאזיגע גבירים איז אויך געווען דער גביר אדיר קלונימוס זאב וויסאצקי...

עס פערשטעהט זיך, אז ניט אלע האבען איהם אבגעשיקט צוריק דעם פרייז. עס זיינען אבער געווען אזעלכע, וואס האבען געשיקט דריי מאל אזוי פיעל, און איינער פון די בראדס־קים האט איהם אפילו געשיקט גאנצע זיעבען רובל, און דער מחבר, וואס האט אין זיין ספר פערענטפערט אזוי פיעל קשיות, האט בשום אופן ניט געקאנט געפינען א תירוץ אויף דער קשיא: פארוואס דוקא זיעבען און ניט ניין? ניין איז דאך מעהר אידישליך: א האלב ח"י...

אבער נאך מעהר האט ער זיך געוואונדערט, וואס ראט־שילד, צו וועלכען ער האט, פערשטעהט זיך ממילא, אויך גע־שיקט א ספר, האט איהם גארנישט געענטפערט, גלייך ווי דער ספר איז אין וואסער אריין! אויף אנדערע גבירים, וואס האבען ניט געענטפערט און ניט געשיקט קיין געלד, האט ער זיך ניט געוואונדערט. עס זיינען דא געגוג גבירים חזירים... אבער ראט־שילד! סטייטש? דו ביזט דאך געווים פון די גרעסטע מיוחסים, מיט אן איידעלען תאראקטער, און ווי מען זאגט, האלסטו דאך אויך פון אידישקייט...

נישט אנדערש, סיידען דער אפטייקער, וועלכער האט גע־שריבען די אדרעס, האט זיך טועה געווען, און דאס ווייסט דער רב, אז א טעות אין אדרעס איז גע'הרג'עט... איין סומע — דריי רובל — וועלכע איז פאר איהם אנגעקומען, האט מען געמוזט צוריקשיקען, ווייל אנשטאט זיין ריכטיגען נאמען „אברהם תאר־חורים“, איז געשטאנען „חאבחורים“, א נפקא מינה נאר אין איין „ריש“, און דאך דריי רובל פערפאלען אויף אייביג! געה

זוך, אז דו ווייסט אפילו נישט, ווער ס'האָט זיי געשיקט...

און נאָך אלעמען האָט ער גוט פערדיענט פון ספר, אפילו אהן ראָטשילד'ן און אהן די דריי רובל. אביסעל האָט ער אליין פונאַנדערגעטראָגען, אויך צושיקט די בוכהענדלער אין די גרויסע שטעדט. אמת, ער האָט זיי געגעבען א גרויסען „ראבאט", כמעט זעכציג פראָצענט, און די „פּאָרטאָ" האָט ער אויך ניט גערעכענט, דאָך האָט ער פון „באר אברהם" געהאט א שעהן ביסעל געלד, וועלכעס האָט איהם געקלעקט צו מאַכען חתונה זיין טאָכטער: גענומען א בחור מיט א „סמיכה" און איצט ווארט ער אויף א שטאָדט...

כמעט אזוי פיעל פערדיענסט האָט איהם אויך געבראַכט זיין ספר „ערן אברהם". אויך דעם „ערן אברהם" האָט ער גע־שיקט צו אלע גבירים אין רוסלאנד, דייטשלאנד און פראנק־רייך; און פערשטעהט זיך, אז וויסאָצקי'ן, בראָדסקי'ן און ראָטשילד'ן האָט ער אויך ניט פערגעסען. אבער ביים צווייטען מאָל האָט איהם שוין סיי וויסאָצקי און סיי ראָטשילד קיין געלד ניט אבגעשיקט, און איהם האָט דאָס מאָל פערדראָסען נאָר אויף וויסאָצקי'ן. אויף ראָטשילד'ן איז איהם שוין דאָס מאָל ניט געוועזן אזוי קשה: ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין אידישקייט איז ניט אזוי אי־אי־אי. אבער דו, וויסאָצקי! סטייטש?... עס האָט איהם שטארק געקרענקט, אבער קיין שאָדען האָט ער ניט געהאט; אנשטאָט וויסאָצקי'ן איז אין קארעלצין גופא אויפגעקומען עפּעס א איד, וועלכער האָט דעם רב פאר'ן „ערן אברהם" מיט'ן אויפשריפט „לכבוד הגביר המפורסים" אריינגעשיקט גאנצע צעהן קערבלעך...

און דורכ'ן „ערן אברהם" האָט דער רב חתונה געמאַכט זיין צווייטע טאָכטער, אויך גענומען א איידעם מיט „סמיכה" און מיט אן אויסקוק אויף א רבנות.

דעם דריטען ספר האָט ער שוין געשריבען די לעצטע יאָה־רען, פונקט ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קריעג צווישען

רוסלאנד און יאפאן. זיינע גוטע פריינד האבען איהם אפילו גע־ראטען, ער זאל ניט דרוקען דעם ספר אין אזא שווערע צייט, אבער דער רב, ביי וועלכען דער חשק צו דרוקען ספרים איז שוין געווען שטארק איינגעווארצעלט אין דער נשמה, האט ניט גע־פאלגט און גע'טענה'ט:

„נישקשה, אידען זיינען נאך א פאלק! אדרבא, נאר אין אזא צייט בעדארף מען דרוקען ספרים, כדי די תורה זאל ניט פערגעסען ווערען ביי אידען".

און ער האט געבארגט א ביסעל געלד פון ערשטען אייד־דעם, אביסעל פון צווייטען אידעם, פון זייער נדן, און אבגע־דרוקט דעם דריטען ספר.

אנגערופען דעם ספר האט ער ווידער אויף זיין נא־מען: „מלחמת אברהם", א רמז אויף דער קריעגס־צייט... אויך אין דער הקדמה האט ער אין חרוזים דערמאהנט די מלחמה, און געבענשט די מדינה, וואו די אידען וואוינען אונטער די פליגלען פון בארימהערציגע מלכים — מיט גליק און הצלחה, און אויסגעלאזט מיט א שטיקעל פון „הנותן תשועה".

אויסערדעם האט ער נאך א נייעם אויפגעטהאן — גע־צאהלט „צינס" דער נייער צייט, ווי לייט זאגען — דען אנ־שטאט וואס אין זיינע צוויי ערשטע ספרים האט ער ניט גע־וואוסט און ניט געוואלט וויסען פון „זנאקעס", און דאס גע־רעכענט פאר א חלול הקודש, האט ער שוין אין דעם נייעם ספר געשטעלט קאמעס נאך יעדע צוויי ווערטער און נאך יעדע פיער ווערטער — א פונקט. אזוי איז איהם אויסגעקומען דער חשבון. אויך אויף די „זנאקעס" האט ער פיעל געהאפט: נאכ־געבען אביסעל די משכילים, אפשר וועלען זיי אויך זיין בעלנים.

אבער אי דער נאמען „מלחמת אברהם", אי די חרוזים אין דער הקדמה, אי די „זנאקעס" האבען נישט געהאלפען. פון דרוק איז ארויס דער ספר א פאר וואכען פאר דעם פאסט־שטרייק; צושיקט האט ער איהם א פאר טעג פאר'ן שטרייק,

און געה וויים, וואו די ספרים זיינען פערבלאָנזשעט געוואָרען, און וואו זיי געפינען זיך ערגעץ...

ער וואָלט געשיקט צו די גבירים אנדערע ספרים, אָבער אַלע גבירים זיינען אנטלאָפען קיין אויסלאַנד; די, וואָס זיינען געבליבען, וועלען היינט געוויס ניט נעהמען קיין ספר אין האנד אריין, און וויסאַצקי איז שוין לאַנג געשטאָרבען...

דאן האָט דער רב זיך אָנגעהויבען בעטען רחמים ביי א גרויסען מוכר־ספרים אין דער גובערניע, ער זאָל ביי איהם צו־נעהמען די ספרים אין קאָמיסיאָן, אפשר וועט ער זיי ווי־עס־איז „ארויסשטופען"... דער מוכר־ספרים האָט איהם געענטפערט, אַז הגם די צייט איז איצט גאָר אַן אנדערע, נישטאָ די אמאָלי־גע יאָהרען, פונדעסטוועגען זאָל ער איהם פּרובען אריינשיקען אַ הונדערט שטיק און ער וועט, מיט גאָט'ס הילף, זיך סטאַרען, זיי אויסצוברענגען.

מיט גרויס שמחה און מיט נאָך א גרעסערער האָפנונג האָט דער רב איינגעפּאַקט הונדערט עקזעמפּליארען „מלחמת אברהם", אָבגעשיקט דורכ'ן קאָמיסיאָנער, וואָס פאָהרט יע־דע וואָך אין דער גובערניע, און ער האָט אָנגעהויבען וואַר־טען...

און אַז ער איז מיעד געוואָרען וואַרטענדיג, האָט ער אָנ־געשריבען א פּייערדיגען בריעף: סטייטש?... דאן האָט איהם דער מוכר־ספרים'ניק געענטפערט, אַז דער ספר „מלחמת אברהם" ליעגט, ווי א שטיין, וואָס קיינער קעהרט ניט איבער, „כאבן שאין לה הופכים"... די מליצה איז אפילו געפעלען דעם רב, וועלכער איז געווען א שטיקעל „מליץ", אָבער דער ענין גופא איז איהם כלל ניט געפעלען געוואָרען...

— סטייטש? וואָס הייסט? — איז ער אין כעס געוואָ־רען אויף אַלע אידען — צעהן מאָל „שלעכטע צייטען", אָבער א ספר, סטייטש? ווי קויפט מען דאָס ניט קיין ספר? בפרט נאָך אַזאַ ספר, מיט א הקדמה אין גראַמען, מיט זנאַקעס, — נאָך

יעדע צוויי ווערטער א קאָמע און נאָך יעדע פיער ווערטער א פונקט.

— עס קאָן ניט זיין! — האָט ער אויסגעשריען, אויס־צולאָזען זיין כעס. דאָס אויסגעשרייי האָט איהם אביסעל גרינ־גער געמאכט, און כדי נאָכמעהר גרינגער מאכען זיך, האָט ער אויסגעגאסען זיין גאנץ הארץ פאר זיין ערשטען איידעם, וועל־כער האָט שטארק געהאלטען פון זיין ספר.

— וואָס זאָגסטו, ישראל, הא? עס קען ניט זיין.

— פערשטמעהט זיך, אז עס קאן ניט זיין — האָט דער איידעם מסכים געווען, מעהר פון איידעלקייט וועגען, עהדער פו אינערליכער איבערצייגונג.

— על כן, וואָס זשע טהוט מען? — האָט דער רב אָנגע־הויבען פרעגען מיט א ניגון פון דער גמרא.

— איך רעכען, אז ס'איז כדאי זיך דורכצופאָהרען, אז מען קומט אליין, איז גאָר עפּעס אנדערש.

די עצה איז דעם רב געפעלען געוואָרען. פאר איהם אליין וועט דער מוכר־ספרים האָבען דרך־ארץ.

— שוין פיעל יאָהר האנדעל איך מיט איהם, — האָט ער געזאָגט צום איידעם מיט א טאָן פון א סוחר...

אין א פּאָר טעג ארום איז שוין דער רב געפאָהרען מיט א בעל־עגלה אין דער גובערניע אריין. אמת, אהין געהט אויך די באהן, אבער מיט א בעל־עגלה איז ביליגער און ער האָט זיך שוין געגונג מרבה הוצאה געווען...

אין אכסניא איז ער געקומען זייגער צעהן אין דער פריה. ותיקין האָט ער געדאווענט אויפ'ן וועג, דערום איז ער באלד, נישט אויסטרינקענדיג אפילו קיין גלעזעל ווארימס, אוועקגע־גאנגען צום מוכר־ספרים'ניק, אויספרעגענדיג זיך פריהער גוט ביים בעל־עגלה, ווי אזוי מען געהט, ער זאָל חס ושלום ניט פער־

בלאַנדזען. א קליינינקייט היינטיגע צייטען אין א גרויסע שטאָדט!

אָבער דער רב האָט ניט פערבלאָנדזעט; ער איז שוין דא געוועזן איינינגע מאָל, און א חוץ זיין שארפען קאָפּ האָט ער אויך געהאט א גוטען זכרון.

אריינקומענדיג אין קראָם האָט זיך דער מוכר־ספרים באלד אויפגעשטעלט קעגען איהם, אויסגעשטרעקט די האנד און אויס־גערופען ברייטליך: שלום־עליכם, רבי, אָט דאָס הייסט א גאסט! א גאסט! זיצט! און איהם תיכף דערלאנגט א שטוהל צום זיצען, — טאקי דעם שטוהל, אויף וועלכער ער אליין איז פריהער געזעסען.

די אויפנאהמע האָט דעם רב צוגעגעבען קוראזש און ער האָט באלד געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס מכח די ספרים?

— איהר מיינט אודאי דעם „מלחמת אברהם“? ער ליעגט ווי א שטיין — האָט דער מוכר־ספרים גלייך געענטפערט.

— וואָס הייסט ווי א שטיין? — איז דער רב צומישט געוואָרען און ניט פערשטאנען, אז „ווי א שטיין“ הייסט פונקט ווי די מליצה „כאבן שאין לה הופכין“, וואס עס איז איהם אין בריעף אזוי געפעלען געוואָרען...

— פשוט, „ער געהט נישט“ — האָט דער מוכר־ספרים ערקלערט און זיך עטוואס איינגעהאלטען, קנאַקענדיג מיט'ן פינגער און נאָך אמאָל געזאָגט: ער געהט נישט!.. איך האָב איהם געשטופּט, געוואָלט חלופ'ן, עס העלפט נישט!...

— טע־טע־טע! — האָט דער רב מאָדנע פערקרימט דאָס פּנים, אבער פערשטאַנען האָט ער שוין, וואָס מען מיינט, און שטאַמלענדיג געפרעגט:

— טאָקי גאָרנישט?

— לגמרי גאָרנישט! — האָט יענער געענטפערט קאַלט ווי א גזלן.

— קיין איין ספר ניט?

— אפילו ניט קיין האלבער ספר... ער פערנעהמט בלויז אן ארט.

דערהערט די לעצטע ווערטער, איז דער רב צוטומעלט גע־וואָרען. איהם האָט זיך געדאכט, אז באלד הייסט איהם דער בוכהענדלער נעהמען מיט זיך אהיים די ספרים און אזא חרפה וועט ער ניט אריבערטראגען. וואָס וועלען זאגען די איידעמס? וואָס וועט די רביצין זאָגען?

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן: זיצען אָדער אויפ־שטעהן און אוועקגעהן. ביידע זאכען איז איהם שווער געוועזן און ער איז געזעסען, ווי אויף הייסע קויהלען.

— אָט דאָס „געהט“ — האָט דער בוכהענדלער געזאָגט, וועלענדיג אביסעל צושטרייען דעם רב'ס טרויעריגע געדאנ־קען, און אָנגעוויזען אויף די אידישע בראָשורען, וואָס זיינען געלעגען אויפ'ן טיש.

דערהערט אזעלכע ווערטער איז דער רב אביסעל מונטע־רער געוואָרען. האָט ער די ספרים ניט פערקויפט, אבער פיה־רען צוריק וועט ער זיי ניט בעדארפען. וואָס האָט ער דאָ דער־לעגט? ער איז זיך אביסעל דורכגעפאָהרען, אביסעל דורכגע־לופטערט — א מענש איז דאָך נישט ערגער פון א ספר. ער בעדארף זיך אויך דורכלופטערן... ער האָט פריינדליך א בליק געטהאָן אויפ'ן טיש מיט די בראָשורען און נאָך מיט מעהר פריינדליכקייט געפרעגט:

— בבא־מעשות?

— דוקא ניט! — האָט דער מוכר־ספרים איבערגע־האקט — איצט איז שוין אריבער די צייט פון יענע מעשיות. היינט געהען גאָר אנדערע זאכען.

— וואָס הייסט עס? — האָט דער רב געפרעגט נעהמענ־דיג א ביכעל פון טיש און אָנגעהויבען לייענען דעם שער:

— ארטור שניצלער, — וואָס איז דאָס אזוינס?

— אזוי הייסט דער פּערפּאַסער — האָט דער בוכהענדלער געענטפערט מיט גרויסקייט פון א מומחה.

— דער פּערפּאַסער — וואונדערט זיך דער רב — דרוקט מען איהם גאָר אויבען?

— איצט דרוקט מען דעם נאָמען גאָר אויבען — ער־קלערט דער בוכהענדלער מיט'ן זעלבען טאָן — שוין צעהן יאָהר דרוקט מען אזוי.

— דאָס הייסט מיט'ן קאָפּ אראָב — האָט דער רב גע־שמייכעלט — ווער איז דאָס דער שניצלער?

— עפּעס א דייטש, אָט איהם חאַפּט מען.

— טאַקי? — וואונדערט זיך דער רב.

— פערשטעהט איהר מיך, ער קאן די מלאכה, קונסט... בחור... מיידעל... פּסיכאָלאָגיע... היינטיגע זאכען... — ער־קלערט איהם דער בוכהענדלער.

— מען זאָל ניט פאָלגען טאַטע־מאַמע... — וויל דער רב טרעפען.

— מען זאָל ניט פאָלגען טאַטע־מאַמע... אלע זיינען גלייך... און נאָך אזעלכע מעשות.

— און דאָס „געהט“? — פרעגט דער רב ניט זיכער.

— געהט און געהט, אין די טויזענדער. איך אליין האָב פערקויפט ביז צוויי הונדערט „שטיק“.

— איז, הייסט עס, איצט שניצלערס צייט? — האָט דער רב געשמייכעלט מיט קנאה.

— נאָר שניצלער? — האָט דער בוכהענדלער געזאָגט ווי צו רייצען זיך, — און וואו איז איבסען זייערע? און וואו איז די איינגענע חברה, אידישע מחברים: פּרץ און די גאַנצע חברה?

— עפּעס האָבען זיי אמאָל, האָב איך געהערט, א שמר'ן געהאט. וואס איז מיט זיינע מעשה־ביכלעך? — האָט דער רב

אַ פרעג געטהאָן צו ווייזען, אַז גאָר קיין אַלט־פֿרענקישער איד איז ער ניט...

— עט, — האָט דער בוכהענדלער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האנד — שמר אַליין איז שוין טויט און זיינע ספרים ליעגען אויך אין דער ערד.

— וואָס־זשע בעדאַרף מען זאָגען: „כן יאבדו“ אָדער „ברוך דין אמת“? — האָט דער רב געמאַכט ליצנות מיט אַ ביטערען הארצען, און אַ דאנק דער הלצה איז איהם געראָטען, ארויסגעהן באַלד פון קראַם, ניט דערמאָנענדיג מעהר זיינע ספרים...

— וואָס וואָלט איך געטהאָן, ווען ער הייסט מיר נעהמען צוריק די ספרים? — האָט ער געטראַכט אין שרעק, געהענדיג צוריק צו דער אכסניא, און האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז ניצול געוואָרען פון אַזאַ אומגליק; ער וואָלט זיך דאָך ניט געקאָנט ווייזען פאַר די איידעמס און אפילו פאַר דער רביצין אַליין...

א פארגרעבט שטעדטעל.

וואס אזוינס האט דאס שטעדטעלע געהאט צום רב איז געווען שווער צו וויסען. גאר קיין גוט לעבען האט דער רב ניט פערבראכט צווישען זיינע בעלי־בתים. אזוי האט דער רב ר' אהרן אליין געזאגט. און אז דער רב אליין, וועלכער האט פון עולם הזה בכלל ניט שטארק געהאלטען, וועלכער האט דאס דאזיגע וועלטעל נאר בעטראכט פאר א פארהויז — אז ער אפילו האט שוין געקענט ניט צופרידען זיין מיט זיין לעבען, קען מען זיך שוין שטויסען, ווי ניט גוט זיין לעבען איז געווען, איהם איז אייגענטליך ניט געגאנגען אין די שכירות, וועלכע איז זעהר קליין געווען און פון וועלכע מען פלעגט פון צייט צו צייט איהם אברייסען, א דאנק פערשידענע תירוצים. ווען ניט די רביצין, וועלכע האט יא עפעס געהאלטען פון עולם־הזה און פלעגט ליעב האבען צו באקען שעהנע חלה אויף שבת, מאכען א גוטען קוגעל, וואס ניט שטענדיג האט זי דאס געקענט אויספיהרען — ווען ניט זי, וואלט איהם אליין די אכילה גאר ניט געארט. א דירה האט ער געהאט אפילו א קליינע, און ענגע, אבער זעהר גרויס איז געווען דער אלמער מיט די ספרים. וועלכער איז געשטא־נען אין דעם חדר, וואו ער פלעגט שאלות פסק'ענען. און וואס האט ער מעהר געדארפט? די פאר ספרים, וואס איהם פלעגט פעהלען אמאל, פלעגט ער געפינען אין בית־המדרש. א שאד

נאַר, וואָס אין בית־מדרש קען מען לאַנג ניט זיצען נאָכ'ן דאַוו־
נען. ווייל אויבען איז די תלמוד־תורה געווען און די תלמוד־
תורה־אינגלעך פלעגען זיך מעהר געפינען אונטען ווי אויבען
און פלעגען פשוט דעם בית־מדרש איבערקעהרען. נעהמען ווי־
דער א ספר אהיים, האָט געהערשט אן אלטער חרם, אז מען טאָר
אַ ספר פון בית־מדרש ניט ארויסטראגען. בלייבען אין בית־
מדרש און די קינדער ארויסטרייבען איז פאַר איהם געווען אַן
אונמעגליכע זאַך. ערשטענס האָט ער די קינדער ליעב געהאַט
און צווייטענס איז א סכנה אַנהויבען זיך מיט זיי. קינדער
טהוען נאָך גרויסע און אויך די קינדער וואָלטען איהם אויסגע־
לאַכט, ווי די גרויסע, ווי די טאַטעס זייערע.

און די גרויסע זיינען געווען ניט צו פערטראגען, די גרוי־
סע האָט ער טאַקי ניט ליעב געהאַט! אויסער וואָס זיי זיינען
אלע עמי־הארצים, זיינען זיי אלע געזונטע, הויך־געוואקסענע
און שטארק־געבויטע. ווי אמת'ע גויים, זאָל גאָט ניט שטראָפען
פאַר די רייד! פון די עטליכע קצבים שמועסט מען דאָך ניט, זיי
זיינען אמת'ע פלשתים! א נס וואָס זיי קומען נאָך פרעגען אַ
שאלה מאָל אויף א שטיק. הענד און פיס טרייסלען איהם טאַקי
דעמאָלט. ס'איז נארישקייט — פסק'ענען וועט ער אודאי לויט'ן
שולחן־ערוך. אבער ביז ער פסק'ענט אָב די שאלה, איז איהם
ניט ניחא דאָס לעבען. און ניט די קצבים זיינען דען בעסער?
אלע זיינען אין שטעדטעלע קצבים. דאָס שטעדטעלע האָט
ארום זיך א „וועלט" מיט דערפער און יעדער שטעדטעלדיגער
איד קויפט א קאלב און קוילעט... פלייש בחצי חנם. ווער ווייס,
צי וואָלטען זיי אזוי שלעכט געווען, ווען ניט זייער פיעל פלייש
עסען. ער אליין עסט פלייש נאָר פון שבת ביז שבת, בלויז פון
מצוה וועגען. דערפאר איז ער קענטיג אזא רך־לב... האָט אפילו
רחמנות אויף זיין קהילה, וואָס גאָט האָט איהרע אידען גע־
שטראָפט מיט אזעלכע שטיינערנע הערצער. אפילו דער שוחט,
וואָס איז שוין יאָ א שטיקעל בן־תורה, איז אויך ניט בעסע־

פון זיי, ער איז אויף קענגען איהם. קענגען א רב!... אפילו די ווייבער זיינען קעגען איהם — קענען זיך קיינמאל ניט צוטיי־לען מיט דער רביצין.

— ס׳איז נארישקייט! — פלעגט ער אמאל טראכטען. ווען די שטעדטעלשע גראבע יונגען פלעגען איהם דער׳רגז׳ענען — איך האב בריעף פון די גרעסטע רבנים, כ׳וואלט אפשר געקענט קריגען אן אנדער שטעדטעל... נאר עס ווילט זיך ניט האבען צו טהאן. אלע זיינען אידען... די ערגסטע פון אידען זיינען פול מיט מצוות, ווי א מילגרוים...

און אזוי איז דער רב געבליבען זיצען אין שטעדטעל, צוויי־שען זיינע בעלי־בתים, וואס פלעגען איהם פון יאהר צו יאהר אראבזייסען פון די שכירות, זאגענדיג, אז אזא קהילה איז ניט בכח מעהר צו צאהלען. טאמער וויל ער ניט, זאל ער זוכען אנ־אנדער שטעדטעל...

נאר דער רב האט ניט געזוכט קיין אנדערע שטעדטלעך. אידען זיינען אומעדום אידען! האט ער געטראכט און ווען די רביצין פלעגט זיך אמאל צוואויינען אויף די רשעות פון דער קהילה און אמאל אויף דער נויט, וואס זי איז שוין צו דער עלטער ניט געווען אימשטאנד צו פערטראגען, האט ער זי ווייך געטרייסט:

— נארעלע, מען טאר ניט זינדיגען... ס׳איז גוט אזוי. איך בין גאנץ צופריעדען...

אזוי האט דער רב זיך געעלטערט אין שטעדטעל אין נויטה, אין עלענד און אומכבוד...

איינמאל אין א וואכיגען ווינטער־פריהמארגען האט דער עולם אין בית־מדרש ביים דאוונען זיך ארומגעקוקט, אז דער רב איז ניטא.

— וואו איז דאס אונזער רבי? — האט יענקיל דער דארפיגער אין א שפאס א פרעג געטהאן, און ניט בעקומענדיג

קיין ענטפער, האָט ער צוגעלעגט:

— איהם איז ביי אונז אזוי גוט, אז ער וויל שוין גאָר ניט דאוונען...

— וואָס דען? — האָט אייזיק דער שמיד צוגעבאמקעט— וואָס פעהלט איהם? זיצט אין דער ווארים און שפּיעלט זיך מיט דער רביצין....

— זיי לעבען ווי די טייבעלעך... — האָט גרשון דער סטאָליער געלאכט—איהר „דאָליע" געזאָגט געוואָרען אויף אַלע אונזערע טעכטער. א מאן זאל א ווייב קיינמאָל ניט א פּאטש געבען!... און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער אויסער א שמייכעל פון עטליכע דערביישטעהענדע, האָט ער צוגעלעגט:

— איך וויים ניט פארוואָס האָב איך איהם אזוי ניט ליעב, אונזער רב...

— אבי די רביצין האָט איהם ליעב! — האָט דער שמש וואָס האָט זיך געוואָלט אונטערחנפ'ענען זיינע שפּייזער, זיך געוויצעלט...

— ס'איז פונדעסטוועגען ניט קיין גלאטע מעשה! — האָט אייזיק דער שמיד זיך געוואונדערט — און איידער ער האָט בעקומען אַן ענטפער, האָט זיך דערהערט הינטער'ן טהיר א געוויין פון אַן עלטערער פרוי. באלד האָט זיך די טהיר געעפענט מיט האסט און די רביצין איז אריינגעלאָפען מיט פערבראָכענע הענד און מיט א געוויין, דורכגעשארט זיך צווישען די מאנסבילען, ארויף צום ארון־קודש און אויסגעבראכען אין א יללה:

— רבונו של עולם, הייליגע תורה, שענק נאָך יאָהרען מיין מאן...

— הייסט עס, ער איז קראנק! — האָט איינער פון די דאוונער שטיל אונטערגעברומט.

— נו, וואָס מיינט איהר, שוין צייט! — האָט אייזיק דער שמיד זיך ניט געקענט איינהאלטען פון א וויץ.

— שוין א זעכציגער! — האָט דער שמש א מורמעל גע־טהאָן.

— אידען! — האָט זיך די רביצין געווענדעט מיט א צו־בראכענעם קול, אויסשפרייטענדיג די הענד — דער רב איז זעהר קראנק... שענקט איהם כאָטש א פּאָר קאַפּיטלעך תהלים.

— איך האָב קיין צייט ניט! — האָט אייזיק דער שמיד דער ערשטער זיך ענטזאגט.

— וואָס קען העלפען אונזער תהלים! — האָט נחמן דער קצב טרוקען געענטפערט.

— אי, אידען, אידען! פון אייך געהט אוועק דער רב פון דער וועלט! — האָט זיך די רביצין צוויאַמערט און איז ארויס א געבויגענע פון בית־מדרש, און איהר געוויין האָט זיך נאָכדעם געהערט ווייט, ווייט פון גאַס.

— אַט איז א נייע אַנשיקעניש! — האָט אייזיק דער שמיד א מורמעל געטהאָן אויף דער רביצינ׳ס חשבון.

— נישקשה! ער וועט לעבען! — האָט נחמן דער קצב געלאכט. ער האָט זיך אודאי איבערגעפּאסט — ער איז דאָך אזא פוכלער אין תעניתים! ער עסט מעהר תעניתים, ווי מיר פלייש... א איד זאָל זיך פערגינען אלע מאָנטאג און דאנערש־טאג צו פאסטען.

אייניגע פון עולם האָבען סארקאסטיש געשמייכעלט און זיינען זיך ביסלעכווייז צוגאנגען.

וואָס אמת איז אמת — א לויה האָט דער רב געהאט א שעהנע. אפילו אייזיק דער שמיד, וואס האָט געדארפט נויטיג אַנשמידען צוויי פויערשע פערד, האָט געלאָזען די ארבייט און מיט אן עם־הארצישער שרעק נעגאנגען צו דער לויה. אפילו נחמן דער קצב, וואָס האָט געדארפט נויטיג ווי לעבען אָבשינ־דען און צורעכט מאכען צוויי קעלבער, איז נאָכגעגאנגען אזש צום בית־עולם, און געווארט, ביז וואנען מען האָט דעם רב

בעגראָבען און פערשאַטען און א קדיש אָבגעזאָגט...

אויך די ווייבער האָבען געוויינט אויף דער רביצינ׳ס בראָך און עס האָט זיך געדאכט, אז דאָס שטעדטעלשע הארץ איז ווייך געוואָרען...

געהענדיג צוריק פון דער לויה מיט ערנסטע פּנימ׳ער האָבען די שטעדטעלשע אידען, די דאָרפיגע, די קצבים, די שמי־דען מיט די סטאָליארעס זיך ביסלעכווייז צושמועסט און מען האָט דעם רב אָבגעגעבען זיינע שבחים.

— מילא געשטאָרבען — געשטאָרבען! — האָט נחמן דער קצב אָנגעהויבען צוגעהן צום עיקר: וואו וועט מען איצט נעה־מען א רב?... ווער וועט וועלען אָנגעהמען ביי אונז איצט די רבנות...

— דאָס האָב איך שוין אויך געקלערט — האָט נאָך א קצב געענטפערט.

— איך וויים גאָר ניט, וואָס וועל איך היינט טהאָן מיט די צוויי קעלבער? — האָט נחמן דער קצב שטארק פערזארגט גע־רעדט ווי צו זיך אליין. — זיי האָבען, דאכט זיך „סרכא׳ס“.

עס איז טאַקי זעהר ניט פרעהליך! — האָט זיך אריינגע־מישט נאָך איינער. צווישען אונז גערעדט האָט ביי אונז דער רב קיין האָניג ניט געלעקט... וועלכער נאָר וועט איצט וועלען קומען צו אונז, זיין א רב ביי אונז...

— הערסטו, אָט דאָס האָב איך דאָך טאַקי מורא — האָט נחמן דער קצב מיט שטארק ערנסטער מינע געזאָגט.

— הייסט עס, בלייבען מיר אָהן א רב... — האָט איינער ווי האלב אין שפּאַס, האלב אין ערנסט א מורמעל געטהאָן.

— ס׳איז טאַקע א ביטערע מעשה... מיר קענען בלייבען אָהן א רב...

געהענדיג אזוי פון דער לויה שטארק פערטראכט און פער־זאָרגט, איז קענען זיי אָנגעפאַהרען א פוהר, אויף וועלכער עס

זיינען געזעסען צוויי אידען. דער עלטערער — א איד פון א יאהר 50, דער צווייטער א יונגער מאן פון א יאהר 28 מיט א דאר געל פנים, אויף וועלכען עס האבען לוסטיג געטאנצט א פאר לאנגע געקרייזעלטע פאות.

— וואס זיינען דאס פאר אורחים? — האט נחמן דער קצב א פרעג געטהאן.

— ווער קען וויסען? — האט אייזיק דער שמיד געענט־פערט — מען דארף צוגעהן און א פרעג טהאן.

באלד אבער איז פון וואגען אראבגעקראכען דער עלטערער איד איז צוגעגאנגען צו דעם איבערגעבליעבענעם עולם און גע־פרעגט:

— וואו קען מען ביי אייך פערפאהרען ערגעץ אויף אן אכסניא?

— ווער זייט איהר? — האט נחמן דער קצב נעפרעגט און בעטראכט די צוויי פארשוינען פון קאפ ביז די פיס.

—איך אליין בין א איד פון א גאנץ יאהר — האט דער איד עניו׳דיג געענטפערט, — נאר דער יונגערמאן איז א רב, דאס הייסט שוין, א פאר יאהר, אז ער האט סמיכה שוין, מיי־נער אן אידים טאקי...

— אידען, ס׳איז שוין דא א רב! — האט נחמן דער קצב פרעהליך אנגעזאגט. נאר כדי דער שווער זאל זיך ניט אי־בערנעהמען צו פיעל, האט ער קאלט און טרוקען געענטפערט:

— איך פערשטעה ניט, וואס איז דא די בייזע איילעניש,
— מיר נעהען דאך ערשט פון דער לויה...

— מיין אידים וועט איהם טאקי מספיד זיין, — האט דער שווער הארציג גערעדט — ער איז טאקי צוליעב דעם גע־קומען. דערהערט, אז אייער רב האלט ביים שטארבען...

— נו, נו, מיר ווייסען... — האט נחמן דער קצב שטרענג זיך געווענדעט. — איהר פערפאהרט דערווייל צו יענקעל ארענ־

דאַר און איך דאַרף נאָך געהן אבשינדען אַ פּאָר קעלבער...
און צום שמיד האָט ער זיך געווענדעט:
— נו, זעהסטו, אבי מורא געהאַט... מען קריגט די סחורה...

אין אַ וואָך אַרום זיינען געזעסען ביי יענקעל דעם אָרענ־דאַר פּיער רבנים. די קהילה האָט זיך אבער ניט געאיילט מיט'ן אויסקלייבען. נחמן דער קצב האָט געוואָרענט, אַז מען זאָל זיך ניט איילען, וואָרום מיט אַ רב אַז מען פאַלט אַריין, איז ערגער ווי מיט אַ ווייב...
— אַ רב, ברידער, — האָט ער געוואָרענט — איז ניט קיין קלייניגקייט.

דער פּוילישער גלח.

נאָך מנחה, ווען דער שבת פלעגט זיך פּאקען אין וועג אריין, און די אידען פון שטעדטעל פלעגען ארוים אויפ'ן גאס, ווי זיי וואָלטען וועלען איהם בעגלייטען, פלעגען די גלעקער פון די צוויי קלויסטערם — פון'ם רוסישען און פון פּוילישען — אָנהויבען צו קלינגען אויף חגא.

דאָס קלינגען פלעגט די שטעדטעלשע אידען דערמאָהנען דעם מאָרגענדיגען מארק־טאָג און אנדערע, מיט מינעם פון שטערנזעהער, פלעגען פעררייסען די אויגען צום הימעל און נביאות זאָגען, וואס פאר א וועטער מאָרגען וועט זיין, צי עס וועט זיין א „גרויסער מארק" צי נים.

און דעם „מארק" האָבען די שטעדטעלשע אידען געדארפט האָבען נויטיג ווי דאָס לעבען. דאָס גאנצע שטעדטעל האָט גע־צויגען די חיונה פון דעם זונטאגדיגען מארק. נישט נאָר קרע־מער און הענדלער, אפילו שניידער, שוסטער און אנדערע בעלי־מלאכות פלעגען אָהן דעם מארק נים קענען אויסקומען. שטיינס געזאָגט, וואָס מען קען פון א אידען פערדיענען.

און די מערק זיינען טאקי גרויסע געוועזען. אויסער אין רע־גענדיגע אָדער שנייעדיגע טעג פלעגען פון ווייטע דערפער גוים נים קומען צו פאָהרען, און די אידען פון שטעדטעל פלעגען מוזען פאר ליעב אָננעהמען א קליינעם מארק, האָפענדיג אויף דער קומענדיגער וואָך.

אמת, ביז 12 א זייגער פלעגען די קראמען און די שענקען מוזען זיי פערמאכט. „די „מאַליטווע״ געהט אַן אין קלויס־טער״, פלעגט דער בעקאנטער סאטסקי ערקלערען זיינע אונ־טערטעניגע — „מען טאָר נישט!״... נאָר קיין גרויס בייז פלעגט ניט זיין, ווען א קרעמער, צי א שיינקער פלעגען אויך ביז צוועלף חאפּען לייזען עטליכע גראשען, דען חאטש דער סטאַט־קי איז א פרומער גוי געווען, האָט ער אבער געריכערט א ליול־קע און געטרונקען, און פלעגט צוליעב די ביידע שוואכקייטען זינדיגען אמאָל קעגען דער אמונה און קוקען ווי דורך די פינגער אויף דעם פדיון, וואס עס פלעגט בשעת „מאַליטווע״ פארקו־מען.

וואָס טהוט ניט א סאָטסקי צוליעב א פעקעל מאכארקע און א ביסעל בראָנפען?

און די אידען פון שטעדטעל זיינען געווען צופריעדען מיט דעם סאָטסקי און מיט דעם זונטאג און האָבען גאָט געדאנקט, וואָס ער האָט בעשאפען א סך פעלקער, ווי פראוואסלאווע און קאטאָליקען, וואָס האָבען צו בעזונדערע קלויסטער, וואוהין זיי קומען אלע זונטאַג צו פאָהרען „מאַליען״ זיך, אַנקויפען נוטיגע זאכען און טרינקען.

איינמאָל שבת נאָך מנחה ווען די שטעדטעלשע אידען זיינען געשטאַנען אין דרויסען, און אנדערע, ווי שטערענזעהער, האָבען געקוקט אויפ׳ן הימעל, צי עס וועט זיין מאָרגען א שענער טאָג, און האָבען בעשלאָסען אויף יאָ, און האָבען פאר צופריע־דענהייט געריבען א האנד אָן א האנד, און פרום געגלאָצט די אויגען, און הארציג אונטערגעזיפצט, — האָט זיך פלוצלונג איין איד, חיים דער קרעמער, אָנגערופען מיט א געלעכטערל:

— דער פוילישער קלויסטער, וואָלט איך שווערען, קלינגט היינט ניט.

— פארוואס זאָל ער עפּעס ניט, קלינגען ? — האָט גע־פרעגט נאָך א קרעמער.

איינינגע פונ׳ם רעדעל אידען וואָס זיינען אויף דער גאס גע־שטאַנען, האָבען אָנגעשטרענגט דעם חוש השמיעה, און אין א ווײַלע ארום האָט איינער בעשטעטיגט :

— יאָ, דער רוסישער קלינגט און דער פּוילישער נישט.

און ווירקליך האָט זיך געהערט א שטאַלץ קלינגען פון רו־סישען קלויסטער אליין, ווי ער וואָלט זיין צופריערען, וואָס זיין רייך רוסישער „בים־באָם“ צומישט זיך ניט מיט דעם פּוילישען, וועלכען ער האָט ניט בעזאָנדערס ליעב.

— דאָס איז ניט קיין גלאטע מעשה ! — האָט איינער פון דעם רעדעל, וואָס האָט אלץ געקוקט אויפ׳ן הימעל און גאָר אנגעקוואָלען פון דעם שענעם קומענדיגען טאָג, זיך אָנגערופען — איך בין א בעלן אריבערצוגעהן צום קלויסטער און געוואהר ווערען.

— וואָס דארפסטו געהן. אָט געהט אנופרי, ער איז א קאטאָליק, וועלען מיר איהם פרעגען.

אנופרי, א הויכער קריסט, מיט גרויסע וואָנצעס איז פער־ביינעגאנגען.

—דאָברי וועטשער ! — האָט איהם איינער פון רעדעל פערהאלטען.

— נאָר רייד ניט קיין נארישקייטען, — האָט מען דעם אידען געוואָרענט — דו ווייסט דאָך, זיי זיינען האָנאָראָוואטע, די פּוילישע...

— אויף מיר מעגסטו זיך פערלאָזען... — האָט יענער מיט גדלות געענטפערט, און האָט זיך ווידער געווענדעט צו אנופרי׳ען :

— וואוה ; געהט דער יעגאָמישטש ? אודאי אין קלויס־טער ?

אנופרי האָט א זיפץ געטהאָן און האָט יאוש׳דיג א מאַך געטהון מיט דער האנד.

דאָס רעדעל האָט זיך גלייך דורכגעדרונגען מיט אַנופרי׳ס שטימונג און האָט געווארט אויף אַנ׳ערקלערונג, אונטערזיפצענ־דיג.

— נישטאָ קיין קלויסטער . . . נישטאָ קיין גלח . . . האָט ער ווי אַנ׳אבל גערעדט.

— וואָס, וואָס ? האָבען זיך די אידען אלע אויפגעכאפּט ווי פון א בים.

— מען האָט היינט ביינאכט צוגענומען דעם גלח און פער׳חתמ׳עט דעם קלויסטער, — האָט אנופרי מיט אַנ׳אָבלדי־גען קול דערצעהלט.

— סטייטש פאוואָס ? האָבען די אידען אין איין קול אויסגעשריגען.

— פארוואָס ? דערפאר, וואָס מען דריקט אונז, — האָט דעיר פּאָליאק געענטפערט, — דער גלח האָט געפיהרט די תפלה אויף אונזער לשון, האָט מען איהם גע׳מסר׳ט...

— אי־אי־אי ! — האָבען די אידען מיטגעפיהלט. און האָבען ניט געוואוסט, ווי אזוי צו טרייסטען איהם.

אָנופרי איז מיט אן אראָבגעלאָזטען קאָפּ אוועקגעגאנגען. און די אידען האָבען זיך גענומען קראצען אין די פּאָטילניצעס שווייגענדיג א קורצע צייט.

— איהר ווייסט, אידען, אז דער גלח וועט אונז מעהר פעהלען ווי זיי . . — האָט זיך איינער פלוצלונג אנגערופען :

— וואָס הייסט ?

—דאָס הייסט אז זונטאג וועלען זיין קליינע מערק. די קאטאָליקען וועלען פּאָהרען ערגעץ אנדערש . . .

— דער איד איז גערעכט, ווי איך בין א איד ! — האָט איינער פּאָטאקעוועט און געביסען די צונג.

— אַ מאוס׳ע מעשה ! — האָט נאָך איינער אונטערגע־ברומט.

— אַ היבשע חתונה ! — האָט אַ דריטער געזאָגט, — סטייטש, ווי אַזוי איז ער אַזאַ נאַר און „זאָגט“ די מאַליטוועס אויף אַ לשון, וואָס איז על פּי זאקאָן פערבאָטען ?

—איהר ווייסט ! — האָט איין איד פּלוצים זיך אַנגערו־פען ווי מיט שמחה, — אונז איז שוין כמעט בעסער פאַר זיי — מיר מעגען דאַוונען, ווי מיר ווילען. מיר איז דאָס טאקע אַ חידיש . . .

— נו, נו . . . האָט אַ צווייטער בייז איראָניזירט — מיר וועלען זעהן, וואָס וועסטו מאָרגען זאָגען, אַז די קאַטאָליקען וועלען פאָהרען צום מאַרק אין אַנ׳אַנדער שטעדטעל, און דו וועסט אַ גראָשען ניט לייזען . . .

— יאָ, יאָ, דאָס ביזטו גערעכט !

אין דערזועלבער צייט האָט די דאָזיגע קהלה געפיהרט אַ מחלוקת וועגען אַ מתנגדישען רב. דער קלענערער חלק מתנגדים אין שטעדטעל האָט געוואָלט נעהמען עקסטראַ נאָך אַ רב, אַ מתנגדישען, און עס האָט שוין געהאַלטען ביי פּעטש אין בית־המדרש. אָבער די פּאָסירונג מיט׳ן פּוילישען גלח האָט אַזוי פער־דרעהט די קעפּ ביי די שטעדטעלשע אידען, אַז זיי האָבען פער־געסען ווער עס איז אַ מתנגד.

פעראייניגט האָט זיי יעצט איין ציעל : אַ פּוילישער גלח. זיי מוזען זעהן אַראָבערענגען אַ פּוילישען גלח ! ווען ניט וועט דאָס שטעדטעל אונטערגעהן. וואָס אַ זונטאָג איז דער „מאַרק“ אַלץ קלענער און קלענער געוואָרען, אַלע קאַטאָליקען פאָהרען ער גיץ אַנדערש צום מאַרק.

— וואָס וועט זיין, אידען ! — האָט איינמאָל איינער פון די מתנגדים, וואָס האָט ניט אַנדערש אַמאָל געוואָלט נאָר בע־זונדער אַ מתנגדישען רב, זיך אויפגעשטעלט שבת נאָכ׳ן דאַוו־

נען אין בית־המדרש, — עס איז דאָך ניט קיין שכל... מען מוז דאָך זעהן זיך ארומקוקען וועגען א פּוילישען גלח . . . עס איז דאָך געקומען עד הנפש. מען לייזט ניט א זונטאָג קיין צעהנטחלק, וואָס מען האָט געלייזט.

— ער איז גערעכט ! — האָט נאָך איינער אונטערגעהאַלטען, — איך זאָג אייך, אז איך ווער בדלות, זינט דער פּוילישער גלח איז ניטאָ. א קליינינקייט ! אַלע קאטאָליקען פאָהרען ערגיץ אנדערש. מען מוז דאָך זעהן עפּעס טוהן !

— א „פּראָשעניע" צום גובערנאַטאָר ! — האָט איינער אויסגעשריען.

— צום „אלחיריי" ! — האָט נאָך איינער געדונערט.

— אין סענאַט ! — האָט א דריטער געהילכט.

— מען דאַרף זיך לאָזען קאָסטען. עס איז ניט קיין תירוץ, עלעהיי א רעוויזאָר, צי א פּריסטאַוו, — האָט שוין א בעל־הבית פון מזרח־וואנד בעל־הבתיש געווענדט זיך צום רב, — ווי מיינט איהר, רבי ?

—די מעשה איז אזוי . . . — האָט דער רב פרום געזיפצט.

און דאָס שטעדטעל האָט געקריגען א שגעון: א פּוילישען גלח.

קומט צופאָהרען ווער אין שטעדטעל, שטעלט אָב א אידען, שטעקט איהם אָב שלום, און פרעגט : — וואָס מאכען עפּעס אידען ? בעקומט דער אורח גלייך אנ'ענטווער :

— זעהר ניט גוט, — מיר האָבען קיין פּוילישען גלח ניט!

—וואָס דאַרפט איהר דעם פּוילישען גלח? פרעגט יענער פערוואונדערט און גלאָצט די אויגען.

— וואָס רעדט איהר ? וואונדערט זיך צוריק דער שטעדטעלשער. עס איז צוליעב דעם קיין מערק ניטאָ! מען לייזט ניט!

— אהא ! — בעגרייפט גלייך דער אורח און ענטפערט :

— טאַקי ניט גוט. וואָס־זשע טהוט איהר דערצו ?

— אט דאָס איז דאָך דאָס אומגליק, וואָס מען טהוט ניט!

אַם דאָס טענה איך דאָך, אַז מען טהוט ניט, — צוקאַכט זיך דער שטעדטעלשער איד און ווערט אַש להבה אויף דער גאַנצער קהלה.

און די קהלה האָט געזיפצט, געקרעכצט און געבענקט נאָך אַ פּוילישען גלח . . .

ווענען צווייטען רב האָט מען לחלוטין פערגעסען....

אַ פּוילישער גלח איז זיי גוויטיגער געווען...

דער אלטער מגיד.

מיט א פעקעל אויף די דארע פלייצעם און מיט די זעקס דרשות אין קאפ, פלעגט ער געהן פון שטעדטעל צו שטעדטעל און בעשענקען יעדע אידישע קהלה מיט א פאר דרשות פון די זעקס, פאר וואס דער שמש פון יעדען שטעדטעלשען בית־המדרש פלעגט ביים טיר פון בית המדרש אוועקשטעלען א קערה און יע־דער צוהערער פלעגט אהיין א גראשען, א קאפיקע און א דרייערל אריינווארפען.

אין אזא קערה פלעגט ער שטענדיג געפינען צוויי־דריי גלאטע מטבעות. זיין דאר פנים פלעגט זיך פערקרימען, דער שטערען פלעגט זיך קנייטשען און די לאנגע בארד פלעגט זיך וואונדערן: סטייטש! פאר תורה זאל מען מיט גלאטע מטבעות צאהלען! ער פלעגט זיי נאך מעריב דעם שמש בעווייזען, אפשר וועט יענער אויסגעפינען, אז זיי זיינען גוטע, נאר זע׳טען ווען עס פלעגט זיך טרעפען אזא נס. דאס רוב זיינען די שמשים געוועזען גרויסע מחמירים און פלעגען קיין גלאטע מטבע ניט וועלען כשר מאכען. דעמאלט פלעגט דער מגיד א טיעפען זיפץ נעבען, וואס אידען זיינען אין גלות אזוי צולאזען געווארען, פלעגט צונעהמען צוריק די מטבעות פון שמש, אריינלעגען זיי אין א בעזאנדער בייטעלע, וואו אלע גלאטע מטבעות האבען זיך געקליבען, כדי זיי זאלען זיך ניט צומישען מיט גוטע מטבעות און ער זאל חלילה ניט נכשל ווערען אליין, געבענדיג אזא מטבע וועמען עס איז. די גוטע מטבעות פלעגט ער אין

א צווייטען בייטעלע אריינלעגען, טיעף ביידע בייטעלעך אין בוזעם־קעשענע בעהאלטען און זיך נעהמען זים אידישליך אונ־טערזיפצען, ביז ער פלעגט טאקע אזוי איינשלאפען אויף דער באנק.

ווי געזאגט, האט ער געהאט אין קאפ נאר זעקס דרשות, אבער זעלטען ווען ער פלעגט די גאנצע סחורה זיינע אין איין שטעדטעל אויספאקען. דאס איז נים, חלילה, ווייל ער איז גע־ווען א שלעכטער סוחר און האט נים געוואלט פאר זיין סחורה ל״יזען. ער וואלט אודאי אין יעדען שטעדטעל זיין גאנצע סחורה אויספערקויפט. פערקעהרט, עס וואלט פאר איהם א גרויס גליק געווען. פאר זעקס דרשות וואלט ער א רובל צוועלף געלייזט. נאך אזא פדיון וואלט ער שוין אין צווייטען שטעדטעל נים דארפען געהן צו פוס, ער וואלט זיך געדונגען א פוהר און צונעפאהרען מיט א ברייטקייט צום בית־המדרש פון דעם צוויי־טען שטעדטעל, און אפשר נאך אויף אנ׳אכסניא פערפאהרען און ווען ער וואלט זיך אזא מותרות ערלויבט, וואלט ער אין דעם צווייטען שטעדטעל פאר יעדער דרשה טייערער גענומען. עס איז פארט א נפקא־מינא פון א מגיד א פוס געהער ביז א פערד־מגיד. וואס העלפט עס אבער ? די שטעדטלאך, וואוהין ער פלעגט קומען צו פוס, זיינען אלע ארימע קהלות געווען און האבען מעהר ווי פאר איינע, העכסטענס פאר צוויי דרשות נים געקאנט בעצאהלען, און אויפ׳ן דריטען טאג פלעגט ער נעהמען זיין פעקעל אויפ׳ן פלייצע, א טאפ געבען דעם שטערן, צי עס ליעגט דארטען אלע זעקס דרשות, צי האט ער די צוויי חלילה אין שטעדטעל נים פערגעסען, און פלעגט זיך לאזען פאמעלעך געהן איבער פעלדער און וועלדער. זומער ביי שען וועטער טאקע ערגיץ אין פעלד אדער אין וואלד איבערנעכטי־גען; ווינטער אבער — אי׳ן א אידישער קרעטשמע, וואו ער פלעגט אויסער א גוטער ישובה׳שער וועטשערע אויך א גוטע נדבה קריגען.

אין דעם צווייטען שטעדטעל פלעגט ער אנדערע צוויי דרשות אויספּאקען. ערשטענס, האָט ער צוליעב פערשיעדענ־אַרטיגקייט אליין געוואָלט איבערבייטען די דרשות און צווייטענס, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער געפינט זיך גראָד אין בית־המדרש א איד פון יענעם שטעדטעל, וואו ער האָט ערשט פריהער גע׳דרשנ׳ט. אין פערלויף פון פיעל יאָהרען האָט ער זיך אזוי איינגעוועהנט אין די זעקס דרשות, אז ער פלעגט זיי זאָגען ווי אן אויטאָמאַט. ער פלעגט אָפט אויפ׳ן בימה שטעהן און קלערען פון דער היים, פון זיין ווייב, פון דער עלטערער טאָכטער, וואָס עס איז שוין לאנג צייט זי חתונה צו מאַכען, און די דרשות פלעגט זיך, ווי אָהן זיין ווילען, גיסען, גיסען בי׳ן סוף, ביז ובא לציון גואל. אמאָל פלעגט זיך נאָך טרעפען, אז ער פלעגט די דרשה ענדיגען, און זייענדיג שטארק פערטיעפט אין אייגענע מחשבות, פלעגט ער ניט וויסען, אז ער האָט שוין געענדיגט, און פלעגט בלייבען שטעהן אזוי פערטראַכט אויפ׳ן בימה — וואָס ביים עולם איז דאָס זעהר משונה׳דיג אויסגעקומען, ביז וואנען די יתומים פון בית־מדרש פלעגען איהם ניט אויפוועקען פון זיינע מחשבות מיט זייערע קליינ־געגדע קדישים. דאן פלעגט ער זיך דערשראָקען א חאַפּ טהון, א קוש געבען דעם פּרוכת פון אָרון־קודש און שטיל אראָבגעהן און נאָך שטילער הינטערן בימה זיך אוועקזעצען.

*   *   *

צייטענווייז פלעגט איהם אריינפאלען א געדאנק אין קאָפּ, אויסצולערנען נאָך א פּאָר דרשות. איבערהויפּט האָט דאָס פּאַסירט אין די לעצטע יאָהרען, ווען ער האָט שוין צו עטליכע מאָל יעדעס שטעדטעל בעזוכט און אלע זיינע דרשית צו צוויי־דריי מאָל איבערגעזאָגט. אמת, ער האָט געוואוסט, אז די קליינ־שטעדטעלדיגע אידען, וואָס האָבען גרויס קאָפּ־דרעהעניש פון דאגות פּרנסה, וועלען געוויס ניט געדענקען, וואָס ער האָט דאָ מיט א יאָהר אָדער צוויי יאָהר צוריק געזאָגט אָבער אויף

א נס פערלאזען זיך קען מען נים. אויסערדעם האבען אין אנ־ ־ע״ע שטעדטלעך צוויי פון זיינע דרשות שוואך גענומען גילטען. דאס זיינען געווען די דרשות וועגען פאלשע וואג און מאס, ווייל דארט האבען די אוריאדניקעס — זעהר בייזע גוים — אליין שטארק דערויף אכטונג נעגעבען, האבען פיעל אקטען די ארימע קרעמער געמאכט און די וואג איז דארט געווען גע׳חתמ׳עט. און פאר יענע שטעדטלעך וואלט טאקע אודאי זעהר צייטיג געווען צוויי נייע דרשות, אנשטאט די צוויי דרשות וועגען פאלשע וואג און מאס...

אבער ברענגען זיין רעיון בפועל איז איהם זעהר שווער געווען. א מיעדער, א פערמאטערטער פלעגט ער אריינפאלען אין א שטעדטעל, פלעגט קומענדיג אין בית־המדרש, וואו זיין אכסניא איז שטענדיג געווען, זיך מוזען ארומוואשען; זומער — אבריינינען דעם שטויב פון זיין לאסטענער קאפאטע, פון זיין היטעל, יארמאלקע און שטיוועל, אסיען־צייט — טריקענען די קליידער און ווינטער — ווארימען זיך ביים אויווען.

נאך אזא שווערען וועג פון איין שטעדטעל אין צווייטען און נאך אזא רעפעראציע אין בית־המדרש פלעגט ער זיך מוזען אויסציהען אויפ׳ן באנק און אברוהען, אמאל טאקע כאפען א דרעמעל און אנשלאפען ווערען, ביז דער שמש פלעגט איהם נים גאר איידעל א וועק טהאן:

— ר׳ מגיד! איהר דארפט זיך שוין מכין זיין, — דער עולם קומט שוין באלד דאוונען און איהר שלאפט.

און אזוי האט ער זיך געמוזט מיאש זיין פון אויסלערנען נייע דרשות, טראכטענדיג: איך וועל שוין מיין וועלטעל אויספיהרען מיט די אלטע דרשות, פערפאלען!

עס איז אבער געקומען א צייט ווען דער ארימער אלטער מגיד האט זיך אויף דער עלטער געמוזט לערנען א נייע דרשה, דרשה, וועלכע האט זיך איהם קיינמאל נים גע׳חלום׳ט. זועל־

כע איז איהם געווען שווערער ווי אָנהויבען שטודירען דאָקטאָר אין אַנ׳אוניווערזיטעט.

וואָס זאָל מען אָבער טהון מיט דער היינטיגער וועלט! אַלץ וויל זי נייעס, מאָדעס, אפילע אין מגידות, — א זינ־דינגע וועלט.

דערגאנגען איז ער פון דער נייער סאָרט דרשה. קומענדיג אין א קליין שטעדטעל, און טרעפענדיג אויף די טירען פון בית־מדרש א מאָדנעם צעטעל אויפגעקלעפּט. עפּעס איז דאָס יאָ ווע־גען א מגיד און ניט וועגען א מגיד. הויבען הויבט זיך אָן ווי דער שטענדיגער נוסח: היום, אָבער אנשטאָט ידרוש שטעהט יטוף, אַנשטאָט המגיד שטעהט המטיף. עפּעס מערקיש . . . „אודות ציון״. וואָס הייסט עס אודות ציון? ווידער, צום סוף צעטעל, וואו עס דאַרף שטעהן : ולהשומע ינעם ותבוא עליו ברכה טוב, שטעהט נאָר א מגן־דוד און א חתימה מיט א פאָר־נאָמען און פאַמיליע־נאָמען. עפּעס גאַרנישט אידישליך.

איהם איז בעפאַלען א שרעק. ער האָט דערפיהלט א שאר־פען קאָנקורענט ; קאָנקורענטען מגידים פלעגט זיך איהם אפילו אָפט טרעפען. ביים טרעפען זיך מיט נאָך א מגיד פלע־גען זיי ביידע ווארפען גורל, ווער עס זאָל דער ערשטער „זאָגען״ און דעריין איז ער געווען א שטיקעל בר־מזל; דער גורל פלעגט שטענדיג אויספאַלען אויף איהם. מיט דעם נייעם סאָרט מגיד, האָט ער אָבער געפיהלט, וועלען אזוינע קונצען ניט אַנגעהן : ער וועט איהם מוזען אָבטרעטען די בימה אָהן א גורל.. — דאָס הארץ זאָגט איהם.

און דאָס אומגליק וואָלט ניט אזוי גרויס געווען, ווען ער זאָל נאָר דאַסמאָל דארפען איהם די בימה איבערלאָזען. ווע־ניג שטעדטלעך איז דען דאָ אין דער גרויסער וועלט? מילא, האָט ער אָנגעלעגט אימזיסט עטליכע וויאָרסט. דער אלטער מגיד האָט אָבער דערפיהלט, אז ער וועט דעם נייעם סאָרט מגיד, אָדער ווי ער הייסט, „מטיף״ מוזען אָבטרעטען אלע

בימות און וועט מוזען אָנטהון א פשוטע טאַרבע און געהן פון שטוב צו שטוב . . . א שוידער איז איהם דורכגעגאַנגען, אין קאָפּ זיינען איהם דורכגעפלויגען שטיקלאַך פון זיינע זעקס דרשות און האָבען, דאַכט זיך, געלאַכט פון איהם, געלאַכט און געשטעלט איהם צינגער און געריסען זיך פון איהם, ווי זיי וואָלטען איהם וועלען פערלאָזען אליין . . .

מנהה־צייט איז זיין שרעק גרעסער געוואָרען. אין בית־מדרש האָבען זיך גענומען קלויבען אידען איינער נאָך דעם אנדערען, אין אַ פיערטעל שעה איז אין בית־מדרש ענג געוואָרען. ער אליין האָט אזא עולם קיינמאָל ניט געהאַט, און אלע זעהען אזוי ערנסט אויס. קענטיג זיי זיינען געקומען עפּעס הערען וויכטיגע זאַכען.

און אָט הערט דער מגיד, ווי עס ווערט אַ גערויש. דאָס איז דער נייער מגיד אריינגעקומען. דער עולם מאַכט איהם אַ וועג. דער אלטער מגיד אליין רוקט זיך אויך אָב מיט דרך־ארץ און לאָזט איהם דורכגעהן, בעגלייטענדיג איהם מיט פארשענדע בליקען, און וואָס זעהט ער ? א יונגערמאַן פון א יאָהר דרייסיג מיט א שוואַרצען בערדעל, א ביסעל צוגעפוצט (ער וואָלט שווערען, אז געשאָרען), אין א ווייסער מאַנישקע, מיט א האלב־לענגליכען ראָק... הוא האלהים! וויל ער א געשריי טהאָן: אָט דער וועט דאָס דרש׳נען ? איהם וועט מען עס אויפ׳ן בימה ארויפלאָזען ? ער קען עס ניט פערשטעהען, עס קאָכט אין איהם זיין כעס. „אפּיקורס !" ווילט זיך איהם אויסשרייען, נאָר ער האלט זיך איין, ער וועט הערען, וואָס וועט ער זאָגען...

און אָט זעהט ער, ווי דער נייער מגיד געהט ארויף אויפ׳ן בימה, בעטראַכט שטאָלץ דעם עולם, און הויבט אָן צו שי־טען פונקען פייער. און וואונדערליך, ער רעדט אויך פון ארץ־ישראל. שאַ ! — טראַכט דער מגיד, עס איז דאָך נאָך אהן סכנה. וועגען ארץ־ישראל האָט ער דאָך אויך זעהר א פיינע דרשה; ער זאָגט זי שטענדיג אין שטעדטעל רעבזעוויט׳ש,

ווייל צוויי דאָרטיגע אַלטע אידען זיינען אַוועקגעפאָהרען אהין שטאַרבען איז עס דאָרטען מעניני־דיומא. ער הערט אַבער ווייטער זיך צו און פיהלט, אַז עס איז גאָר אַן אַנדער מין דרשה.

„דער חלף ליעגט אויפ׳ן האַלז, און איהר וואַרט אויף משיח׳ן . . .“

אי, ער איז דאָך אַן אפּיקורס! וואָס שווייגט איהם דער עולם, סטייטש? ער מערקט אָבער, ווי דער עולם שטעהט צוגעשמידט צו די ערטער און הערט צו מיט התפּעלות, מיט בעגייסטערונג.

„שטאַרבען פאָהרט איהר אין ארץ־ישראל — ניין, ארץ־ישראל איז פאַר אונז צום לעבען געגעבען געוואָרען. לעבען ווילען מיר!“

און דער נייער מגיד רעדט אָהן משלים, אָהן פּסוקים, אָהן בן־מלכ׳ם און בת־מלכה׳ס, נאָר אַזוי ריכטיג, אַזוי אמת, אַז מען קען איהם ניט אָבלייקענען. און דער אַלטער מגיד פיהלט, ווי זיין וועלט איז אויס. ער האָט ניט די יכולת אַזאַ דרשה קיינמאָל אויסצולערנען, און עס דריקט איהם דאָס האַרץ.

אַ דערשלאָגענער איז ער אויף מאָרגען פריה צו פוס אין אַ צווייט שטעדטעל אַוועק. דאָרט האָט ער אפילו קיינעם פון די „נייע“ ניט געטראָפען, און ער וואָלט אפשר יענעם נייעם מגיד אינגאַנצען פערגעסען און וואָלט ווייטער געגלויבט, אַז די וועלט איז נאָך אַ וועלט און אידען זיינען נאָך אַ פאָלק, ווי גאָט האָט געבאָטען, זיינען איהם אָבער, סאַמע מנחה־צייט, ווען ער האָט זיך מכין געווען אַ דרשה צו זאָגען, זיינע האָפנונגען ווידער צו־שלאָגען געוואָרען. צו איהם איז צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, גע־געבען איהם אַ ברייטען שלום און געפרעגט:

— איהר זענט אַ ציוניסט?

— אַ וואָס? — האָט ער דערשראָקען אויסגעשטעלט די אויגען.

— איך מיין, צי קאָנט איהר עפּעס זאָגען וועגען ציוניזם?

— האָט דער יונגערמאַן שמייכלענדיג ווידער געפּ־ענט.

— ציוניזם... — האָט ער זיך קריינקליך פערקרימט. וואָס? אַן אפּיקורס בין איך? איך זאָג תורה, ניט קיין אפּי־קורסות.

ער האָט אָבער אין זיינע אייגענע ווערטער ניט געגלויבט.

ער וואָלט זעהר וועלען זאָגען עפּעס פון ציוניזם. מהיכא תיתי, אַז עס געהט אַן בעסער ווי די אַלטע דרשות, פאַר וואָס ניט? נאָר ווי אַזוי לערנט מען זיך אויס? יענער יונגער מגיד האָט אַזוי שעהן גערעדט, אַזוי בעהארצט... ער וועט אַזוי רעדען קיינמאָל ניט קענען! קיינמאָל!

און ער האָט געמוזט זיך נעהמען ווידער צו זיינע אַלטע דרשות, און האָט זיך געטומעלט פאַר שרעק. איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דער יונגערמאַן, וואָס האָט איהם געפרעגט, צי ער איז אַ ציוניסט, שטעהט איהם אַנטקעגען און לאַכט פון איהם...

וואָס ווייטער זיינען אידען אַלץ צולאָזענער געוואָרען און האָבען אַלץ מעהר זיך אָנגעהויבען צוצוהערען צו די נייע מגידים, צו די ציוניסטען, און איהם דעם אַלטען מגיד וויל אפילו קיינער ניט הערען. איהם האָט זיך שוין געטראָפען צו בלייבען אַליין אויפ'ן בימה און זאָגען נאָר פאַר'ן שמש, וועל־כער האָט נעגענאַיבער איהם נעדרעמעלט און פאַר'ן רב, וועל־כער האַלט זיך פאַר אַ למדן און האַלט בכלל ניט פון קיין דרשות און קוקט דעמאָלט אין אַ ספר אריין. אין די קערות האָט מען וואָס ווייטער אַלץ ווייניגער מטבעות געוואָרפען, און דעם אַלטען מגיד איז פאַרגעשטאַנען מאַכען אויף זיינע זעקס דרשות אַן אויספּערקויף און לאָזען זיך איבער דער וועלט מיט אַ טאָרבע.

נאָר ניט אַזוי גיך האָט זיך דער מגיד אונטערגעגעבען. זיין לאַנגע באָרד מיט די שוין פיעלע ווייסע האָהר וואָס האָט איהם צוגעגעבען דאָס אויסזעהן פון אַ תלמיד־חכם און די

שווארצע אטלעסענע, חאטש שוין צוהאקטע קאפאטע, האבען איהם דערפון אבגעהאלטען. ער האט געזוכט אנדערע מיטלען. דאס ערשטע מיטעל איז געווען אויסלערנען זיך, עס מעג די וועלט אונטערגעהן, א נייע דרשה וועגען ציון. ער האט זיך שוין עטליכע מאל געפרובט פאר זיך אין דער שטיל א פראבע מאכען און זאגען אזא דרשה. נאר ביי איהם איז עס ניט געגאנגען; עס האבען איהם, ערשטענס, די פיעל נייע ווערטער פון די נייע מגידים געפעהלט. צווייטענס, האט ער קיין געהעריגען ניגון ניט געפונען — און דער אלטער ניגון האט אהער ניט געפאסט. און דריטענס, האט ער אליין ניט געגלויבט אין דער נייער דרשה... איהם האט זיך געדאכט, אז שטעלענדיג זיך אויף דער בימה און אנהויבענדיג דרשה'נען, וועט דער עולם זיך גלייך חאפען, אז ער זאגט ליגען, אז ער אליין גלויבט ניט אין דעם, וואס ער זאגט.

און א פערצווייפלונג, געמישט מיט א ברענענדיגען כעס, האט אנגעצונדען זיין ברוסט. ווען ער וואלט אימשטאנד געווען, וואלט ער די אלע נייע מגידים, די ציוניסטען, אבגעמעקט פון דער וועלט און וואלט פון זיי קיין זכר ניט לאזען. נאר ער איז קעגען זיי אלט, שוואך, זיין געוועהר, די זעקס דרשות, זיינען טעמפ געווארען, און ער קען שוין מיט זיי ניט מלחמה האלטען.

ער מוז זיך דאך אבער ראטעווען, ער מוז קריגען א נייע געוועהר. צום גליק איז ער דערגאנגען, אז נאט צו דאנקען ניט אלע אידען זיינען נאך פערפיהרט געווארען פון די שקצים, די ציוניסטען. עס זיינען נאך דא פיעל שטעדטלעך, איבערהויפט אין פוילען, וואו די אידען רופען זיי אן אפיקורסים און ווילען זיי מחרים זיין. און דער אלטער מגיד האט זיך אן די נייע קהלות אנגעהאפט, ווי איינער, וואס טרינקט זיך, פאר א שטרוי. די שאנה, דער כעס אויף די נייע מגידים, וואס ווילען איהם זיין ברויט אוועקנעהמען, האבען איהם ענדליך געהאלפען זיך אויס־

לערנען א זיעבעטע נייע דרשה, וועלכע ער האָט גענומען זאָגען אין פיעל שטעדטלעך, בייזערענדיג זיך אויף די נייע מגידים, אויף די אפיקורסות, וואָס זיי פערשפּרייטען צווישען אידען.

אָפּטמאָל האָט איהם אפילו וועה געטהאָן דאָס הארץ, ווער ווייסט, צי פערשפּיעלט ער ניט יענע וועלט מיט אזא דרשה? סטייטש! ער רעדט קעגען ארץ־ישראל, קעגען בעזעצען אידען אין הייליגען לאנד, וואו יעדער וועט זיצען אונטער זיין פייגענ־בוים און בינשטאָק און רוהיג לעבען, ניט דארפען דרעהען דעם קאָפּ, ניט דארפען זוכען קיין נייע דרשות צו פערדיענען א שטיקעל ברויט... ער האָט זיך אָבער בערוהיגט מיט דעם גע־דאנק, אז פיעל רבנים זיינען אויך אין כעס אויף די ציוניסטען; מסתמא ווייסען זיי דאָך פון דער גמרא, אז אידען דארפען נאָך זיין אין גלות, און ער האָט זיין דרשה ווידער געהאלטען. ניט לאנג אָבער איז די זיעבעטע דרשה אָנגעגאנגען, אריינפאלענדיג עפּעס ערגעץ אין א שטעדטעל און שטעלענדיג זיך נאָך מנחה אויף דער בימה און אָנהויבענדיג די זיעבעטע דרשה זיינע, האָט ער בעמערקט, ווי דער בית־המדרש רודערט זיך. ער האָט דער־פיהלט, אז דאָ איז זיין סוף געקומען. דער עולם איז ניט צו־פריעדען פון זיין זיעבעטער דרשה. און מיט דעם לעצטען ביסעל כיראזש, וואָס איהם איז נאָך געבליבען, האָט ער א געשריי גע־טהאָן מיט א ניגון, מיט וועלכען ער פלעגט אלעמאל מסביר זיין דעם גהינום:

„די היינטיגע הולטייעס ווילען משיח'ן מיט גוואלד אראָב־ברענגען; זיי געהען אין מאנישקעס, שערען די בערד"...

נאָר ער האָט ניט געענדיגט. דער שמש איז צו איהם צו־געגאנגען און האָט בייז ארויסגעזאָגט: רב מגיד! דער עולם פערלאנגט, אז איהר זאלט אויפהערען זאָגען.

ער איז בלייך געווארען, די צונג האָט איהם ווי אָבגענומען. ער האָט מיט א פערקלעמט הארץ זיך אומגעקעהרט צום ארון־קודש, א קוש געטהאָן דעם פּרכות און איז א דערשלאָגענער

אראָב פון בימה, פערלאָזענדיג אויף שטענדיג די זעקס אלטע און די זיעבעטע נייע דרשה...

און מיט דער צייט איז איהם דער כעס אויך פערשוואונ־דען. ער האָט זיך מישב געווען, אז צוליעב דעם, וואָס ער דאַרף האָבען ברויט, זאָלען אידען זיצען אין גלות, איז ניט קיין יושר... אמת, ער דאַרף חתונה מאכען די יונגסטע טאָכטער, ווען זיי וואָלטען נאָך ווארטען מיט די נייע דרשות עטליכע יאָהר !... אָבער מסתמא וועט גאָט העלפען, און אידען זיינען, האָטש זיי הערען נייע דרשות, נאָך אלץ א גאנץ גוט פאָלק; וואו ער געהט אריין, זאָגט מען איהם ניט אָב, יעדער גיט א גראָשען, א קאָפּיקע. אדרבא, אין א פרט איז עס נאָך בעסער! אונטער די אויגען אין קערה פלעגט מען איהם פיעל גלאטע מטבעות אריינוואַרפען, און איצט, אז ער געהט אליין איבער די הייזער, גיט ער גוט אכטונג, און זעלטען ווען מען רוקט איהם אריין א שלעכטע מטבע.

דער ברית חדשה.

אויסער דער אידישער אמונה, האט אהרן־לייב געוואוסט, זיינען דא נאך צוויי אמונות: די גוי'אישע און די טאטרשע. גע־וואוסט האט ער דאס, ווייל אין שטעדטעל האבען געוואוינט גויים און טאטערן. פון דער גויאישער אמונה האט ער נאר גע־וואוסט, אז שבת איז ביי זיי פרייטאג. ניט געהאלטען האט אהרן־ליב פון ביידע אמונות. נאר די טאטערשע אמונה איז, דאכט זיך, כיט מעהר שכל... ערשטענס זיינען זיי מל זייערע קינדער, אמת צו דרייצעהן יאהר, און צווייטענס עסען זיי ניט קיין חזיר. דאס אליין איז שוין גענוג, אז די טאערשע אמונה זאל שטעהן העכער פאר דער גוי'אישער. און אהרן־לייב האט טאקע צו די טאטערן געפיהלט מעהר אכטונג, ווי צו די גויים, האטש פרעמד זיינען ביידע פעלקער איהם געווען.

אהרן־ליב איז געווען א איד א למדן. ווייבער פון גאס פלעגען אפילו קומען צו איהם פרעגען א גרינגע שאלה; ער האט זיך געמאכט כלומרשט. אז ער האט ניט קיין רעכט צו ענט־פערן, אבער ער פלעגט יא פסק'ענען, ווייל געוואוסט האט ער טאקע ניט ערגער פאר'ן רב... אבער וועגען די אנדערע אמונות האט ער גארנישט געוואוסט. וועגען נוצרי ווערט עפעס יא דערמאהנט אין גמרא, נאר אזוי ווייניג, אז ער האט גיט געהאט פון איהם מעהר השגה ווי זיין ווייב ציפע, וואס

האָט דערצעהלט איהרע קינדער, אז דעם „יוזעל“ האָט מען פערוואָרפען מיט קעפּלעך קרויט.

אהרן־ליב האָט נאָר געוואוסט, אז גויים זיינען אידען די גרעסטע שונאים, און אידען זיינען ביי גויים אין גלות, און אז משיח וועט קומען וועלען אלע פעלקער ווערען אידען.

צווישען די גוי'אישע שכנים האָט אפילו אהרן־לייב גע־קענט איינעם אנופרי, וואָס האָט געהאט א ידיעה אין זייערע שווארצע פינטלעך. אנופרי פלעגט אמאָל וועלען פערפיהרען א שמועס מיט אהרן־ליב'ן וועגען אמונות, וועגען דער אידי־שער און זייערער, הייסט עס. אבער אהרן־לייב פלעגט זיך אין אזא שמועס ניט וועלען אריינלאָזען. ערשטענס האָט ער דעם לשון ניט געקענט און צווייטענס איז טאָקי א מורא: ווי וועט ער געהן דערצעהלען מעשיות וועגען „יויזעל“! אנופרי איז אפילו א גוטער גוי, אבער א גוי בלייבט אלעמאל א גוי. אהרן־לייב וועט זיך ארויסחאפּען מיט א שלעכט וואָרט, קען דער גוי איהם נאָך מסר'ן און ער וועט נאָך, חלילה, פערפוילט ווערען אין טורמע.

האָט אהרן־לייב אזוי אָבגעלעגט ביז א יאָהר עטליכע און פערציג, ניט האָבענדיג קיין שום ידיעה וועגען דער גוי'אישער אמונה.

טשיקאווע איז ער אָבער אלעמאל געווען צו וויסען, וואָס איז דאָס אזוינס פאר אן אמונה. „מען קען דאָך ניט זאָגען, אז א וועלט מענשען איז אזוי משוגע“ — פלעגט ער אמאָל א טראכט טהאָן. און כאָטש דער געדאנק האָט געשמעקט מיט גרויס אפּיקורסות, פון וואָס אהרן־לייב איז זעהר ווייט געווען, פלעגט ער, ווי אויף צו להכעיס, זיך אריינטראכטען אין דעם דאָזיגען ענין טיעפער און טיעפער... איבערהויפּט אין זייערע אן ערב־חגא, ווען די גלעקער פון שטאָדטישען קלויסטער פלע־

גען מרה־שחורה׳דיג קלינגען און פּלעגען אויפוועקען מאָדנע פראַגען ביי אהרן־לייב׳ן אין קאָפּ.

קומט איינמאָל אהרן־לייב אין בית־מדרש אינדערפריה, ווי זיין שטיינער איז, — קיין מנין איז נאָך ניט געווען — הערט ער נאָר ווי אַ פּאָר אידען און דער שמש אין מיטען שטעהען ביים בימה און שמועסען עפּעס. געהט ער צו און הערט זיך איין. ערשט מען רעדט וועגען אַ גוואַלדיג נייס.

— געקומען עפּעס איינער געכטען פאַרנאַכט אין שטעדטעל און האָט געבראַכט אַ גאַנצען קאַסטען מיט תנכ׳ן, אין שוואַרצען איינבונד, און טיילט עס אומזיסט...

דערהערט תנכ׳ן אומזיסט, דערמאָהנט זיך אהרן־לייב, אַז ער דאַרף טאַקי האָבען אַ תנ״ך. ער וואָלט זיין אַ בעלן צו נעה־מען אַזאַ תנ״ך. און אהרן־לייב פרעגט נאָך:

— וואו איז דער דאָזיגער איד?...

לאַכט דער שמש:

— ער איז אַזאַ איד, ווי איך בין אַ גוי...

— וואָס דען איז ער? — פרעגט אהרן־לייב, שטאַרק פער׳חדושט.

— אַ משומד... אַן אמת׳ער משומד, ימח שמו.

— צו וואָס־זשע טיילט ער די תנכ׳ן?... — פרעגט אהרן־לייב פערחדושט און האָהר און נעגעל שטעלען זיך איהם אויף...

— חי־חי־חי! — לאַכט דער שמש — איהר, ר׳ אהרן־לייב, זאָלט עס ניט וויסען! דאָס זיינען מיסיאָנערישע תנכ׳ן... איהר פערשטעהט? אַלץ איז דאָרטען ווי אין אמת׳ן תנ״ך, נאָר איין פּסוק איז אַביסעלע אַנדערש און אָט אין יענעם פּסוק שטעקט די גאַנצע קונץ...

און דער שמש נעהמט אַרויס פון אַלמער אַן אַלטען צוריסענעם תנ״ך, בלעטערט און געפינט דעם פּסוק:

— והנה העלמה הרה... איהר זעהט, אט אין דעם פסוק מאכען זיי דעם גאנצען שווינדעל... איהר פערשטעהט. היינט גנעה נעהם אזעלכע תנכ'ן...

אהרן־לייב קען גיט רעכט בעגרייפען, וואס פאר א שווינ־דעל קענען זיי מאכען אין דעם פסוק, אז עס זאל שטעקען דע־רין אזא סכנה, נאר גים וועלענדיג ארויסווייזען זיין עם־הארצות אין דעם דאזיגען ענין, שווייגט ער און ענדליך מורמעלט ער ארויס:

— אזא מעשה, אזא מעשה...

— וואס פרעגט איהר, — זאגט דער שמש צופרידען פון זיין טיעפער ידיעה אין דעם דאזיגען ענין — זיי האבען אויך סעפ... נאר אלץ להכעים...

— איז ער, הייסט עס, א משומד?... — פרעגט אהרן־לייב, און הענד און פיס ציטערן איהם פאר נייגיריגקייט...

— וואס דען איז ער? — ענטפערט דער שמש, — א איד וועט דען טיילען תנכ'ן אומזיסט?... און דוקא תנכ'ן?... ער טיילט נאך עפעס, זאגט מען, אומזיסט...

— וואס נאך? — ווערט אהרן־לייב שטארק פעראינטע־רעסירט.

— אך, זאל גאט שומר ומציל זיין! יענס ספר'ל איז סכנות... דאס איז דער ברית חדשה... אלץ וועגען „יוזעל".

— טע־טע־טע! — פערוואונדערט זיך אהרן־לייב, — זאגט זשע מיר, איך בעט אייך, טאקי אלץ אויף לשון־קודש?...

— מען זאגט, — ענטפערט דער שמש, — ווערליג דער נאמען, איז עס אויף לשון־קודש...

דער בית־מדרש ווערט דערווייל פולער מיט נייע אריינגע־קומענע דאווענער. דער שמועס ווערט ברייטער און טיעפער. איי־נער א יונגערמאן, וואס איז געווען אין א גרויסער שטאדט א מלמד, איז מסביר דעם ענין אינגאנצען: — דאס איז גאר א פשוטע זאך. עס איז דא אזא חברה, וואס לאזט זיך קאסטען

נאלד אויף אויס׳שמד׳ן אלע אידען, אלע אידען ביז איינעם... זיי האָבען מיליאָנען מיליאסען געלד... מען זאָגט, אז די מלוכה גיט אויך דערויף געלד... נו, קודם ווילען זיי פערנארען מיט׳ן תנ״ך... עס איז דאָך עפעס א אידישע זאך... אבער דער תנ״ך איז געפעלשט... איהר פערשטעהט? אין ישעיה האָבען זיי צוגעמאכט צרות, איבערהויפט ביי דער העלמה הרה... נאָר אין תהלים אויך; זיי ווילען דאָרט אויפווייזען, אז „ער" שטאמט פון דוד המלך...

— אזש פון דוד המלך!... — פערחדושט זיך אהרן־לייב.

דערווייל קומט אָן דער רב.

דער עולם מאכט א ווארע. דער רב, א הויכער מאָגע־רער איד, אויף וועלכען די זופיצע הענגט ווי א שווארצער זאק, געהט דורך, שעפטשענדיג דעם פסוק „מה טובו" און ווענדט זיך ענדליך צום עולם.

— וואָס, אידען, מען איז געקומען אונז אבשמד׳ן?... — זאָגט ער אין א געלעכטער.

— הי־הי־הי! — לאכט צוריק דער שמש, — יאָ, אָב־שמד׳ן...

און דער גאנצער עולם לאכט פון רב׳ס וויץ...

— זאָגט עס ניט, — ווערט דער רב ערנסט — א סכנה איז דאָס... היינטיגע צייטען, די אמונה איז שוואך... דאָס אפיקורסות איז נתרבה געוואָרען... איך רעכען אויסרופען א חרם, אז מען זאָל ניט נעהמען די תנכ׳ן, וואָס ער טיילט אומ־זיסט....

— דאָס איז זעהר נויטיג, — רופט זיך אָן אהרן־לייב — א קשיא אויף א מעשה...

און נאָכ׳ן דאווגען איז אויסגערופען געוואָרען א חרם...

אהרן־לייב איז געקומען אהיים אינגאנצען צודולט... דער

מיסיאָנער האָט איהם שטארק פעראינטערעסירט. ווער ווייס וואָס ער וואָלט געקענט דערגעהן ביי איהם, ווען ניט דער חרם...

אויף מאָרגען איז ער געקומען אין בית־מדרש פריהער ווי אַלעמאָל. ער האָט געוואָלט דערגעהן וועגען דעם מיסיאָנער און איבערהויפּט וועגען דעם „ברית חדשה“... וואס קען דאָרט אזוינס שטעהן, וואָס זאָל איהם, אהרן־לייב'ן, קאַליע מאכען.

אין ווינקעל פון מזרח־זייט איז געזעסען חנן דער פּרוש, א איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט שטרענגע קלוגע אויגען און געקוקט שטום אין א גמרא.

אהרן־לייב איז צו איהם צוגעגאנגען.

— וואָס זאָגט איהר, ר' חנן, אויפ'ן מיסיאָנער? — האָט אהרן־לייב געפרעגט מיט א הארץ־קלאַפּונג.

— וואָס איז דאָ צו זאָגען? — האָט דער פּרוש קאַלט געענטפערט — א נאַר גיט און א קלוגער נעהמט...

— וואָס הייסט א קלוגער נעהמט? — האָט אהרן־לייב אויסגעשטעלט די אויגען.

— אָט איך האָב גענומען א תנ"ך און א „ברית חדשה“.

— וואָס רעדט איהר?... — האָט אהרן־לייב זיך אָנגע־חאַפּט, — איהר?

— וואָס, איהר האָט מורא, איך וועל מיך שמד'ן... שטותים!

אהרן־לייב איז צו זיך געקומען:

— גערעכט זייט איהר... אדרבה, איך מיין טאַקי פּער־קעהרט... ס'הייסט, מען דאַרף וויסען, וואָס און ווען...

ער האָט זיך אָבגעהאקט און ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפּער האָט ער שטיל געבעטען:

— קענט איהר מיר ניט געבען אריינקוקען דערין, איך מיין, אין „ברית חדשה“. עס איז א טשיקאַווע זאַך...

— איך קען אייך געבען... איך האָב עס אינדערהיים. קומט

ארײַן צו מיר פּאַרנאַכט... נאָר פֿויקט עס ניט אויס פּאָר קײ־נעם. דאָס זײַנען דאָך בהמות. זײ מײנען, אַז מען לױפֿט זיך גלײַך שמד'ן....

נאָך מעריב איז אהרן־לייב געגאַנגען פֿון חנן דעם פּרוש און אין טאַש האָט ער געהאַט דאָס קלײנע שװאַרצע ביכעלע...

העגד און פֿיס האָבן איהם געציטערט געהענדיג. קו־מענדיג אַנטקעגען דעם קלויסטער, װעלכער איז געשטאַנען הויך און ריזיג און געקוקט מיט זײַנע גאָלדענע צלמים אין הימעל אַרײַן, האָט אהרן־לייב'ן דער שרעק שטאַרקער אָנגענומען. גע־דאַכט האָט זיך איהם, אַז פֿון די קלײנע קלויסטער־פֿענסטער־לעך קוקען אַרויס שװאַרצע געשטאַלטען און װילען איהם פֿער־לאַקען אין דער געדיכטער פֿינסטערניש אַרײַן.

ער האָט שוין געװאָלט דאָס ביכעלע אַרויסװאַרפֿען פֿון טאַש, נאָר די הענד האָבען איהם דערצו ניט געדיענט און ער איז קוים דערגאַנגען אַהײם.

אַרײַנגעהענדיג אין שטוב, איז ער געװען בלאַס װי קרײַד. דאָס װײַב, אַ שװאַכע און אַ קרענקליכע, האָט איהם אָנגעקוקט פֿערװאָנדערט:

— אהרן־לייב, װאָס איז מיט דיר?...

— גאָרנישט... איך האָב מיך דערשראָקען... אַ הונד...

— שמענדיג אבער דערשרעקט ער זיך פֿאַר אַ הונד! — האָט זי זיך געמאַכט בײזערן װי אַ מאַמע אויף אַ קינד, — װאָס טהוט דען אַ הונד... שוטה... אַ הונד בילט און הערט אויף...

„היינט גײה דערצעהל איהר, אַז עס איז ניט קײן הונד"... — האָט אהרן־לייב, שוין רוהיגער װערענדיג, געטראַכט. — „װאָס װײס אַ אידענע פֿון אַזױנע ענינים"...

אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז אַלע אין שטוב זײַנען שוין געשלאָפֿען, האָט אהרן־לייב אַרויסגענומען מיט ציטערנדע הענד דאָס שװאַרצע ביכעלע פֿון טאַש, געמאַכט גרעסער דאָס פֿײַער

אין לאמפ, אוועקגעזעצט זיךביים טיש און זיך גענומען לייע־נען...

ער האט געלייענט ווארט ביי ווארט, געזוכט דארט עפּעס א טיעפען סוד און ניט געקענט פערשטעהן.

און מעהר פאר אלץ האט איהם געוואונדערט:

— וויבאלד דאס איז די גוי'אישע אמונה, היינט צו וואס דארף מען קלויסטערס און צו וואס דארף מען די אלע גאריש־קייטען, און פארוואס האבען די גוים פיינט אידען?...

ער האט עס געוואלט פרעגען אנופרי'ן, זיין שכן דעם גוי, אבער ער האט מורא געהאט:

אנופרי קען איהם זיכער מסר'ן, און ער וועט נאך פער־פוילט ווערען אין טורמע...

די ערציהונג

די סדרה איז געווען אַז אומעטיגע, איבערהויפּט די הפטורה. חנה האָט זיך בײַם טײַטש־חומש גוט אויסגעוויינט. אַז זי האָט געענדיגט די סדרה, איז געוועזן דרײַ אַ זייגער. חיים איז שוין אַוועק אין שוהל הערען דעם מגיד, די עלטערע קינדער אויפ׳ן שפּאַציר, נאָר די זיבעצעהן־יעהריגע טאָכטער, ביילקע איז געזעסען בײַ אַ פענסטעריל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום הויף, און האָט געלייענט אַ מעשה־ביכעל, פאַר וועלכעם זי האָט בעצאָהלט בראַקאַט־געלד צוויי קאָפּיקעס. דער פינפטהאַלבען־יעהריגער האַצקעלע, וועלכען מען האָט שוין אויף ווינטער גערעכענט אָבצוגעבען אין חדר, איז געזעסען אויף דער ערד און האָט זיך געשפּיעלט מיט אַ בלוי שמיקעל פּאַפּיר.

— ביילקע! גיב אַכטונג אויף דער שטוב! איך וויל אַ ווײַלע אַרײַנגעהן צו דאָבע־ריוועך.

און איידער ביילקע האָט בעוויזען צו ענטפערן, האָט זיך דער קליינער האַצקעלע, ווי אַ שפּאַרבעריל, אַ הויב געטהאָן, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די צוויי דינע פיסלעך און מיט אַ געוויין אויסגעברומט:

— איך אויך געהן...

— נײַן, דו בלײַב דאָ! — האָט חנה אָנגעשריען, — ניטאָ וואוהין צו געהן.

חאצקעלע אבער האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער מאַמעס קלייד, ווי ער וואלט זיך וועלן צוקלעפּען, און געשריען:

— איך אויך געהן...

— נעהם איהם אויך! — האָטביילקע פאַרגעשלאָגען.

— נעהם איהם אויך! — האָט חנה איבערגעקרימט — מיינע שונאים זאָלען אזוי לעבען, ווי מען קאָן מיט איהם אין אַ שטוב אריין! ווי נאָר מען געהט מיט איהם ערגעץ אריין, גלייך — מאמע עסען! דאָס פּנים פלאַמט מיר.

— ניט בעטען, מיינע נאמנות! — האָט חאצקעלע שטאַר־קער פערזיכערט.

— געדענק זשע! — האָט חנה געסטראַשעט מיט׳ן פינ־גער — טאָמער בעטסטו דאָרט עסען, וועל איך דיך דער׳הרג׳ע־נען...

— ניט בעטען, מיינע נאמנות! — האָט חאצקעלע פער־זיכערט.

שבועה, האָט חנה אָבגעשניטען אַ קליינע „המוציא“ פון דעם שבועה, האָט חנה אָבגעשניטען אַ קליינע „הומציא“ פון דעם איבערגעבליבענעם שטיקעל חלה פון שבת׳דיגען ווארעמס און האָט איהם דערלאנגט:

— עס אַ שטיקעל חלה, וועסטו ניט זיין הונגעריג. עס אויף גיך, איך וועל ווארטען.

אַ פרעהליכער פון דעם, וואָס ער געהט צו דאָבע־ריוועז, וואו עס זיינען דאָ אַ סך קינדערלעך, לויט ער געדענקט נאָך פון אמאָל, ווען ער איז דאָרט געווען, און טאקע פון דער „המוציא חלה“, וואָס ניט אזוי אָפט בעקומט ער עס, איז חאצקעלע אזש אונטערגעשפּרונגען.

פארטיג געוואָרען מיט דער „המוציא“, — האָט איהם די מאַמע אָבגעווישט די ברעקלעך פון מויל, אויסגעשנייצט דאָס נעזעל, פערזאגט און ווידער פערזאָגט איהם, אז ער זאָל ניט

בעטען עסען און אפילו, אז מען וועט איהם דאַרטען עפּעס גע־
בען, זאָל ער אויך ניט נעהמען.

— ניט נעהמען! — האָט חאצקעלע פערזיכערט.

און זיי זיינען ארויס.

ראַבע־ריווע, א יוסטע בעל־הבית'טע, איין א נעדריכטען
פּארוק אויפ'ן קאָפּ, אונטער וועלכען עס האָבען ארויסגעקוקט
צוויי גרויסע, שווארצע אידישע אויגען, מיט א פול פּנים, איז
געזעסען אויף איבער'ן טייטש־חומש און ניט האָבענדיג קיין
צובראָכען הארץ, ווי חנה, האָט זי ניט געוויינט, נאָר אויס
פרומקייט געזונגען מיט א געמאכטען טרויעריגען נגון.

איבערגעריסען האָט איהר חנה'ס ברייטער גוט־שבת!

— גוט־שבת! גוט־שבת! — האָט ראַבע־ריווע זיך גלייך
אויפגעהויבען פון אָרט און איז געגאנגען חנה'ן אנטקעגען —
אקוראט ענדיג איך די הפטורה... נו, אביסעל א הפטורה היינט!
א שטיין קאַן צוגעהן! האָט זי צוגעגעבען מיט א מינע פון א
רביצין, וויסענדיג, אז חנה איז א גרויסע געלערנטע.

— היינטיגע גאנצע סדרה איז ווערט גאָלד! — האָט חנה
ארויסגעזאָגט איהרע מבינות מיט אן אויטאָריטעטען־טאָן. נאָר
באַלד האָט זי זיך פערחאַפּט:

— דוקא היינטיגע? און פאראכטאָגיגע און פארצווייוואָ־
כעדיגע?....

— אבי די מאנסבילען לאָכען פון אונזער טייטש־חומש...
האָט ראַבע־ריווע גוטהערציג געשמייכעלט...

— היינט לאָכען שוין ברוך השם ניט נאָר די מאנסבילען,
די מיידלעך לאָכען שוין אויך... — האָט חנה זיך ערנסט גע־
קלאָגט. מיין ביילקע זאָל געזונד זיין, וועט קיינמאָל ניט נעהמען
דעם טייטש־חומש אין האנד אריין, אלץ די מעשה־ביכלעך, און
די מעשה־ביכלעך!

— איך וויים טאקע ניט, וואס פאר א מין כשוף שטעקט

אין די מעשה־ביכלעך. — האָט דאָבע־ריווע געדריקט מיט די פליִיצעס — מיין גאָלדע איז אויך אַזוי — אַלע פרייטאָג מוז זי נעהמען אַ ביכעל אויף שבת און וויינט איבער איהם פּונקט ווי אויף אַ תחינה... „מיינער" וואָלט זי אויפגעגעסען דערפאַר. מיר אַרט דאָס שוין ניט אַזוי — מילאָ, זאָל זי לייענען...

— יאָ — האָט חנה מודה געווען — קיין אומגליק איז דאָס ניט. היינטיגע צייטען מוז מען דאָס אויך...

נאָכדעם ווי דער פּאָדים פון דעם דאָזיגען שמועס האָט זיך צוריסען, האָט דאָבע־ריווע שבת׳דיג אַ געניץ געטהאָן, ווי איהר שטייגער איז געווען, און אַ קוק טהוענדיג אויף חאַצקע־לען, האָט זי געגעצענדיג צוגעגעבען:

— דאָס איז, דאַכט זיך, דיין חאַצקעלע... שוין אַ בחור!

חאַצקעלע האָט זיך פערשעמט, האָט אַראָבגעלאָזט די אוי־געלעך און זיך געטוליעט צו דער מאַמען...

— אַ צולאָזענער! — האָט חנה פער׳מסר׳ט...

— אַ קינד! — האָט דאָבע־ריווע פערטיידיגט...

— ווילסט אפשר, חאַצקעלע, עסען? — האָט דאָבע־רי־ווע פריינדליך זיך געווענדעט צו חאַצקעלען...

חאַצקעלע האָט אויפגעהויבען די אויגעלעך אויף דער מאַ־מען ווי פערגעסענדיג זיין „וואָרט". די מאַמע האָט איהם בגנבה אַ קניפּ געטהאָן און אָנשטאָט איהם געענטפערט:

— זאָל ער אַזוי זיין הונגעריג דאָס גאַנצע לעבען! —

פאַר אוועקגאַנג האָט ער אָבגעגעסען אַ שטיק חלה מיט אַן איי.

חאַצקעלע האָט געוואָלט אַ געשריי טהאָן בייז: אַ ליגען: אָהן אַן איי! די מאַמע האָט איהם אָבער מיט איין האַנד אַזוי שטאַרק געקניפּען, אַז ער האָט פערשטאַנען, אַז מען טאָר דאָס איי ניט אָבלייקענען, אַז אַ מאַמע זאָגט, איז געזאָגט, און ער האָט געביך געשוויגען, אין האַרצען בייז טראַכטענדיג: די מאַ־מע איז אַ ליגנערין...

דאָבע־ריווע האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי איהר שיטה,

אז א קינד, אז עס געהט זיך דורך אביסעל, וויל עס באלד־עסען, און ניט ווארטענדיג אויף חנה׳ס מיינונג וועגען דעם. איז זי צוגעגאנגען צום שפייז־אלמעריל.

חנה האט זיך אנגעצונדען:

— אסור זאל אייך זיין, דאבע־ריווע, אויב איהר וועט איהם עפעס געבען...

און גלייך האט זי זיך אומגעקעהרט צו חאצקעלען, שרייענדיג:

— זאלסט ניט נעהמען! איך וועל דיך ממית׳ן.

חאצקעלע האט געשווינגען. עס האט געהייסען, אז ער וועט זיך נאך מיישב זיין...

דערווייל האט דאבע־ריווע אנגעשמירט א שטיק חלה מיט אזא מין סאק, וואס צייט חאצקעלע לעבט האט ער אזוינס ניט געזעהן... ער האט אויסגעשטעלט זיינע גרויסע אויגעלעך, בעמענדיג צו דער מאמען, ווי געזאגט:

— הײם נעהמען!...

נאר דאבע־ריווע האט אנשטאט איהם, זיך אליין צו חנה׳ן געווענדעט און פריינדליך געזאגט:

—היים איהם, חנה, נעהמען . . .

חנה איז געווען רויט ווי צונטער, איהרע ווינקלען ביי די ליפען האבען געציטערט:

— אויב ער וויל .. .

— ווילסט, חאצקעלע? — האט דאבע־ריווע אויסשטעקענדיג די „המוציא", אנגעשמירט מיט דעם סאק, געפרעגט.

— וויל . . . — האט חאצקעלע אויסגעשטאמעלט און געקוקט אויף דער מאמען, צונעהמענדיג די „המוציא" . . .

— זעהסט — האט דאבע־ריווע ווי א זיגערין געזאגט— א קינד. אז עס געהט זיך דורך, וויל עס באלד עסען...

זאָג חאָטש א דאנק ! — האָט חנה זיך ווייטער געוואָרפען צו חאצקעלען.

נאָר חאצקעלעם מויל איז צו פערנומען געווען און אפילו קיין דאנק האָט ער אויך ניט געזאָגט.

און חנה איז געזעסען ביי דאָבע־ריווען, ווי א בעגראָבענע, טראכטענדיג :

-- ער פערשווארצט מיר די אויגען, דער בעטלער ! . . .

די כלי־זמר

ביי חנה־דאָבען אין קליינעם שטיבעל האָט געהערשט א גע־רויש און א גערודער. עס איז געווען א פרייטאָגדיגער פריה־מאָרגען, און חנה־דאָבע, וואָס איז גראָד שפּעט אויפגעשטאַנען, איז געווען שרעקליך פערהאוועט ביים אויוועז, וואו זי האָט גע־באַקט חלה: באַלד קומט שוין לייזער פון בית־המדרש און די בולקעס זיינען נאָך ניט פאַרטיג.

אין שטיבעל זיינען נאָך די בעטען ניט געווען פערבעט. די טירלעך פון אַלמער, וואָס מען נעהמט אַלע נאַכט אַראָב צו אימפּראָוויזירען א בעט פאַר די קלענערע קינדער, זיינען נאָך צוריק ניט אויפגעהאַנגען געוואָרען, און חנה־דאָבע פּלעגט זיך פאַר גרויס איילעניש אָן זיי אַלע ווײַלע פערטשעפּען און שיער ניט גע׳מזיק׳ט ווערען:

— א ניכפּה זאָל אייך חאַפּען! — האָט זי אַלע ווײַלע גע־שאָלטען, מיינענדיג די צוויי קליינע קינדער, א אינגעלע און א מיידעלע פון זעקס און אכט יאָהר, וואָס האָבען זיך געדרעהט אונטער די פיס, און אַלע ווײַלע אריינגעקוקט אין אויווען זע־הען, צי עס איז שוין פאַרטיג די חלה, — א ניכפּה זאָל אייך חאַפּען! דרעהט זיך ניט ארום, וואָרים איך וועל אייך ממית׳ן!

נאָר די קינדער, ניט האָבענדיג זיך וואוהין צו טהאָן, זיינען ארומגעשפּרונגען, און חנה־דאָבע איז געוואָרען אַלע ביי־

זער, ביז זי האָט זיי אויפ׳ן הויף אַרויסגעטריבען.

— געהט אין דער ערד !

נאָר אַט איז פון דאַוונען געקומען לייזער, א הויכער מאָ־גערער איד, מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט גרויסע פייכטע קעלבערנע אויגען און מיט א קליין ציגען־בערדעל. ער האָט שווער אָבגעאָטעמט פון דער גרויסער משא, וואָס ער האָט גע־טראָגען פון בית־המדרש ביז אהיים — דעם טלית־און־תפילין מיט׳ן סדור „עץ־חיים“, וואָס איז באמת געווען ניט נאָך זיינע כחות, — האָט אויסגעזוכט א טאַבורעטקעלע, וואָס איז געשטאַ־נען הינטערן אַלמער, זיך פּאַוואָליע אַוועקגעזעצט און, אויסהוסטענדיג זיך, האָט ער שטיל געזאָגט:

— חנה־דאָבע, שוין פאַרטיג דער אָנבייסען? מיר ציהט אין הארצען!

— האָסט קיין צייט ניט? — האָט זיך חנה־דאָבע אָנגע־צונדען, ווייל איהר האָט זיך געדאַכט, אז די צוויי בולקעס, וואָס זיצען פון פאַרענט האָבען זיך אונטען צוגעברענט. זי האָט גלייך געכאַפּט די לאָפּעטע און פערצווייפעלטע זיי אַרויס־געהאָפּט קונציג שנעל. זי האָט זיי בעטראַכט מיט גרויס זאָרג־פעלטיגקייט און דערזעהענדיג, אז זיי זיינען ניט פערברענט, איז זי ווייכער געוואָרען, האָט א גוטמוטיגען זיפץ געטאָן און געווענדט זיך צו לייזערן.

— קענסט זיך געהן וואַשען; צוויי בולקעס איז שוין פאַרטיג.

לייזער האָט זיך שוין אויפגעהויבען פון אָרט און איז גע־ווען גרייט צו געהן וואַשען זיך, נאָר דאָ האָט חנה־דאָבע זיך מישב געווען, אז זי וועט שוין וואַרטען ביז די חלות וועלען אויך פאַרטיג ווערען.

— איך וועל זיך פערדרעהען מיט דיין אָנבייסען און וועל נאָך חלילה פערזעהען די חלות, און זיי וועלען פערשרפה׳ט ווערען.

און אזוי ווי לייזער איז ניט געווען קיין גרויסער וולל וסובא, האָט ער מסכים געווען צו ווארטען.

און כדי צו פערטרייבען דעם הונגער, האָט ער געמאכט א שמועס מיט חנה־דאָבען :

— ווען האָבען מיט וואָס צו קאָנטשען דעם שבת ? — האָט ער זי ווייך געפרעגט.

חנה־דאָבע האָט א זיפץ געטאָן און געענטפערט :

— ווייס איך... עס איז נאָך דאָ צוויי גילדען, וועט איין גילדען אוועקגעהן פאר די שמשים און אנדערע צדקה און א גיל־דען וועט זיין גענוג אויף קליינינקייט....

נאָר דאָ האָט זי זיך פערטראכט א ווײלע און באלד זיך געווענדט צו לייזערן :

— איך ווייס גאר ניט, וואָס מען טהוט מיר דער היינטי־גער חתונה ?

— וועלכע חתונה ? — האָט זיך לייזער דערשראָקען.

— האָסט שוין פערגעסען ? מיר האָבען דאָך היינט א חתונה; זלמן דער גארבער מאכט היינט חתונה די טאָכטער.

— א שיינדעל אין דער משפחה ! — האָט זיך לייזער, וואָס איז געווען א יחסן, פערקרימט.

— נו, וואָס זאָל מען טהאָן ? — האָט חנה־דאָבע געזיפצט — פאָרט אייגענע מענשען; זלמן דעם גארבערס באָבע מיט מיין זיידען, עליו השלום, זיינען געווען לייבליכע שוועסטער און ברידער.

—איז וואָס איז ער דיינער ? — האָט לייזער פערקנייטשט דעם שטערן און זיך גענומען אויסצורעכענען מאטעמאטיש דעם יחוס.

און אבטומלענדיג זיך עטליכע מינוט, האָט ער אויסגע־רעכענט, אז די כלה, דאָס הייסט זלמנ׳ס טאָכטער, איז חנה־דאָבעס א גליעד־גליעד־שוועסטער־קינד.

— א ווייטע קרובה! — האָט ער ענדליך מבטל געווען די גאַנצע חתונה.

— פונדעסטוועגן דאַרף מען שיקן א טאָרט! — האָט חנה־דאָבע פערזאָרגט געענטפערט, — זיי האַלטען זיך פאַר נאָהענטע קרובים.

— וואָס קאָסט א טאָרט? — האָט לייזער, ניט זייענדיג אלס מאַנסביל קיין בקי אין די זאַכען, געפרעגט.

— א געפילטער טאָרט דאַרף קאָסטען א גילדען.

— און ניט קיין געפילטער?

— א גריוונע!

— טו שיק טאַקע ניט קיין געפילטען! — האָט לייזער בעפוילען — די מחותנים וועלען אויפעסען ניט קיין געפילטען.

— עס פּאַסט ניט! — האָט חנה־דאָבע ניט געוואָלט מסכים זיין.

— נו, מ'וועט זעהן, מ'וועט זעהן! — האָט לייזער גע־ברומט בייז אויף דער איבעריגער הוצאה — גיב שוין עסען!

חנה־דאָבע האָט זיך אָנגעהויבען מכין זיין ארויסצונעה־מען פון אויווען די חלה מיט די בולקעס.

— גאָלדעלע! — האָט זי געשריען דורכ'ן פענסטער צו דעם אכט־יעהריגען מיידעלע — געה אריין צו דוואָשען און נעהם אויף גיך די גרויסע לאָפּעטע; מיינע איז צו קורץ פאַר די חלות.

גאָלדעלע, וואָס האָט זיך געשפּיעלט אויפ'ן הויף מיט'ן זעקס־יעהריגען ברודערל חיימ'ל און האָבען געבאַקט אויף דער זון חלות פון זאַמד, האָט זיך א לוסטיגע גלייך אויפגעהויבען און לויפענדיג צוגערופען צום ברודערל:

— זעה, די חלות זאָלען ניט פערברענט ווערען! איך געה נאָך א לאָפּעטע.

אין א ווײַלע ארום איז זי א פרעהליכע אריין אין שטוב מיט א גרויסער לאָפּעטע און אויסגעשאָפּטען אין איין אָטעם:

— מאמע, קלעזמער געהען! זאל איך אזוי געזונד זיין! קלעזמער!...

דער קליינער חיים'על איז אויך ארייגגעלאפען און, פרעה־ליך פאטשענדיג מיט די הענטלעך, האט ער זיך צוזונגען:

— מאמע, טלעזמער! טלעזמער געהען! טלעזמער!

— וואו? וואו? — האט זיך חנה־דאבע דערשראקען און צונעלאפען צום פענסטער.

— אוי, וועה איז מיר! — האט זי פערצווייפעלט פער־בראכען מיט די הענד, — זיי האבען דאך אונז געשיקט די כלי־זמר, א „גוט־מארגען" שפיעלען!

— וואו זיינען זיי? — האט לייזער נאך פערצווייפעלטער אויסגעשריען.

ער איז צוגעלאפען צום פענסטער און האט דערזעהן געהן די גאנצע קאפעליע שטעדטעלשע כלי־זמר מיט בעניע דעם בדחן בראש!

און איידער ער האט געהאט צייט עפעס פארצונעהמען, איז שוין דער בדחן, א לוסטיג אידעל מיט לויפענדיגע אייגע־לעך, געשטאנען ביים טיר און, ווענדענדיג זיך צו דער קאפעליע, האט ער הויך אויסגערופען:

— לכבוד דעם מחותן א פיינם גערעדט!

חנה־דאבע איז געשטאנען מיט דער לאפעטע און גע־שריען:

— לאזט מיך די חלה ארויסנעהמען!

נאך איהרע ווערטער האט פערדעקט א חוואליע מוזיק, מיט וועלכער די קאפעליע האט אנגעפילט דאס קליינע שטי־בעל.

— אוי, א וועהטאג איז מיר! — האט חנה־דאבע געברא־כען מיט די הענד, — די חלות וועלען פערברענט ווערען.

און מיט גרויס איספעט האט זי זיך גענומען ארויסנעה־

מען די חלות פון אויוועז. און ביי יעדע חלה ארויסנעהמען האָט זי מיט דער לאָפּעטע דערלאנגט דעם קאָנטראבאס.

— די אידענע לאָזט ניט שפּיעלען! — האָט דער קאָנטראַ־באסיסט, א בייז פערשלאָפען אידעל, געוואָרטשעט, רייבענ־דיג די סטרונעס.

געענדיגט דעם „מארש“, האָט דער בדחן נאָך לוסטיגער ווי פריהער, זיך צוזונגען:

— און איצט א פיינעם צושפּיעל לכבוד דעם מחותן ר׳ אליעזר ברבי...

לייזער האָט מיט א טרויעריגען קול, ווי צו אל מלא רחמים, אונטערגעזאָגט זיין טאטענס נאָמען:

— ברבי יצחק!

און די כלי־זמר האָבען זיך ווידער גענומען צו די כלים, נאָר שוין אָהן דעם קאָנטראבאס, ווייל חנה־דאָבעס לאָפּעטע האָט איהם איינגאנצען חרוב געמאכט, און ער האָט געדארפט האָבען א גרויסען תיקון...

— לאָזען זיי שוין געהן, — האָט לייזער געוואונקען צו חנה־דאָבען...

— געה אין דר׳ערד מיט זיי אינאיינעם! — האָט חנה־דאָבע שרעקליך אויפגערעגט אבגעענטפערט און האָט זיך שיער ניט צעוויינט פאר עגמת־נפש.

די מוזיק איז אנטשוויגען געוואָרען, דער בדחן האָט ווידער זיך צוזונגען:

— מזל טוב! גאָט זאָל געבען אויף אייערע קינדערס חתונות...

און ער איז געבליבען שטעהן ווי א גענעראל, די קאפעליע מיט די אינסטרומענטען — ווי זיינע חילות.

לייזער האָט א שושקע געטהאָן חנה־דאָבען:

— דו מוזט זיי בעצאָהלען!

חנה־דאבע איז מיט א פערדריקט הארץ צוגעגאנגען צום קוימען, ארויסגענומען פון א פערזשאווערטער קוואָרט צוויי גילדען און האָט דערלאַנגט דעם בדחן...

דער בדחן האָט זיך ווידער צוזונגען און אין גראמען אָנ־געוואונשען אלדאָס גוטס...

— מיט דעם רעכטען פוס! — האָט ער לוסטיג צו דער קאפעליע א קאָמאַנדעווע געטהאָן.

די כלי־זמר זיינען לאַבענדיגע ארוים. דער קאָנטראַבאַס האָט זיך ביים ארויסגעהן פערטשעפעט אָן דער לאָפּעטע; זי איז אומגעפאלען מיט א גערויש און טומעל...

— אָט איז דיר א חתונה! — האָט חנה־דאָבע געבראָ־כען מיט די הענד.

— דיינע קרובים! — האָט לייזער געברומט, — מען זאָל האָבען א עצה שיקען די כלי־זמר! וואָס גראבע יונגען קענען..

חנה־דאָבע איז געשטאַנען א פערצווייפעלטע און געבראָ־כען מיט די הענד.

-- צוויי בלוטיגע גילדען און די חלות זיינען פערברענט געוואָרען! — האָט זי זיך צעוויינט אויפ'ן קול...

די צוויי קינדער, חיימ'קע און גאָלדעלע, זיינען געשטאַ־נען און פערוואונדערט אָנגעקוקט די מאמע:

— מען האָט אזוי שעהן געשפיעלט, און די מאמע וויינט...

און חיימ'קע האָט זיך צוזונגען:

— שעהנע טלעזמער, שעהנע טלעזמער....

— שווייג, ממזר! — האָט לייזער זיך געוואָרפען אויפ'ן קליינעם חיימ'על, וועלכער איז אזא נאַריש קינד און פער־שטעהט ניט דאָס אומגליק. ער איז א פערצווייפעלטער ארוים אויפ'ן הויף. דער הויף איז געוועזן בעלאַגערט פון א מחנה קינ־דער און עלטערע אידען.

דעו זעהענדיג לייזער'ן, איז חנן דער תבואה־הענדלער צו איהם ברייטליך צוגעגאנגען און געזאָגט:

— איהר זענט, הייסט עס, היינט א מחותן? מזל־טוב אייך!

און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער פון לייזערן, איז ער ניט נתפעל געוואָרען און ווידער זיך געווענדעט צו איהם:

— וואָס איז מיט אייך זלמן דער גארבער, אפנים א נאָ־הענטער קרוב?

לייזערן איז דאָס גאַנצע בלוט אריין אין פנים, און ער האָט פאר כעס אויסגעשאָסען:

— זלמן דער גארבער איז מיינער אן עלטער־פעטער. איהר פערשטעהט — אן עלטערפעטער!

און ביין פאר שאנדע, איז ער אריין צוריק אין שטיבעל, זיך אוועקגעזעצט מיט אן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ אין א ווינ־קעל, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטען ביים אויסטאָן די שיך און זעצען זיך שבעה...

אין א צווייטען ווינקעל איז געזעסען חנה־דאָבע און שטיל אָהן כחות געקרעכצט:

— נא דיר נאָר כלי־זמר, וועה איז מיר!...

טעכטער

1.

טעכטער סתם זיינען א קללה פון גאָט, בפרט אזוינע טעכ־טער, ווי לייבע דעם שניידערס.

און אין ווענען האָבען זיי זיך „איינגעגעבען“, קען לייבע מיט זיין שניידערשען שכל ניט משיג זיין. ער אליין איז דאָך ניט שייך — א איד, וואָס האָט קיינמאָל א פליג אויף דער וואנד ניט פערטשעפּעט, און ווען ניט די אלטע נייה־מאַשין, אויף וועלכער ער פלעגט אמאָל אבשטעפּען א נאָט, וואלט מען קיינמאָל איהם ניט געהערט.

די מאַשין איז טאַקע אַן אלטע שרייערין, נאָר וואס איז ער שולדיג? ער האָט זי דען אויסגעטראַכט?

נאָר צוליעב דער מאַשין וואָלט אין שטוב די רוה זעל־טען געשטערט געוואָרען. לייבע איז פון יענעם סאָרט שניידער, וואָס האָבען אַרבייט איינמאָל אין א שמיטה, און דאָס ביסעל אַרבייט, וואָס ער בעקומט, איז אויך מעהר האַנד־אַרבייט, ווי מאַשין־אַרבייט; ניט אלע לאַטעס לאָזען זיך שמעפּען, און אפילו אַז ער בעקומט א נייעם בגד ביי א רייכען בעל־הגוף, איז דאָס געוואנד אזוי דיק, אַז די מאַשין וועט עס קיינמאָל ניט ביי־קומען; ער קען נאָך די נאָדעל צוברעכען, און קויפען א נייע מאַשין־נאָדעל איז ניט פאַר לייבעס מצב

אבער אין פערגלייך מיט דעם טומעל וואָס זיינע דריי טעכטער מאַכען אין שטוב, איז די נייה־מאַשין, ווען אפילו זי אַרבייט, ווי א פּלייט קעגען צעהן באַראַבאַנעס....

און דער טומעל הויבט זיך אָן אין דער פריה, ווי זיי הויבען זיך אויף פון די בעטען. די ערשטע הויבט זיך אויף לאה, וואָס האָט א צונאָמען „די קאַץ", דערפאַר וואָס אין א שטוב־געשלעג דראַפּעט זי זיך מיט די נעגעל און לאָזט וויכטיגע סמנים אויף די צוויי שוועסטערס פּנים'ער. אז לאה, די יונגע־רע, הויבט זיך אויף, פערדריסט איהר, וואָס חאשע, אָדער מיט איהר צונאָמען „דער מענה־לשון", ליעגט נאָך; געהט זי צו צו איהר און שלעפּט זי פאַר די צעפּ. חאַפּט זיך אויף יענטע, די על־טערע, מיט'ן צונאָמען „די פערזעסענע" (חאָטש זי איז נאָך ניט אזוי אַלט). אין איין העמד און מיט צופּודעלטע האָהר וואַרפט זי זיך אַרויף אויף די צוויי שוועסטער. זי וויל, הייסט עס, א שלום מאַכען. און דער שלום קומט ערשט, ווען די „קאַץ" צודראַפּעט ביידע פּנים'ער ביז בלוט און זי אַליין בעקומט טרוקענע קלעפּ מיט די הענד, אָדער מיט די שטעקענס, וואָס געפינען זיך אין שטוב גראָד לרוב.

דער שלום געדויערט אבער ניט לאַנג. באַלד הויבט זיך אָן א מחלוקת וועגען בולבעס שיילען. די „פערזעסענע" הייסט, אז דער „מענה־לשון" זאָל שיילען, דער מענה־לשון" הייסט, די „קאַץ" זאָל שיילען, און די „קאַץ'' זאָגט:

— זאָלט איהר אזוי ביידע דערלעבען געהן צו דער חופּה ווי איהר וועט עס דערלעבען, אז איך וועל שיילען.

ביז זיי נעהמען זיך אַלע שיילען. די פּשרה מאַכט די מאַ־מע; חאָטש קיין גרויסע דעה האָט זי ביי זיי ניט, נאָר זיי דער־זעהען, אז באַלד הייצט זיך אוים דאָס אויוועלע, און זיי ווע־לען בלייבען הונגעריג.

און פאַר הונגער ציטערן די דריי שוועסטער מעהר ווי פאַר דראַפּעניש, קללות און קלעפּ...

און אזוי נעהמט אריבער דער גאנצער טאָג, און אזוי איז דער מאָרגען, דער איבערמאָרגען, דער פרייטאג, דער שבת.

און לייבע, וואס הערט אלע טאג בין מנחה למעריב „עין יעקב“ און איז דערפאר ניט קיין עם־הארץ, זיפצט אויף לשון־קודש:

— צרת הבת! צרת הבת!...

און די מאמע, גרונע, א אידענע פון טייטש־חומש, זיפצט אויף עברי־טייטש:

— א פערשאָלטענער בויך ביי מיר געווען...

2.

אז עס איז דאָ א גן־עדן אויף יענער וועלט, גלויבט לייבע זיכער ווי גאָלד. שייך א גן־עדן! צי וועט ער ווען עס איז נרייכען אהין, ווייס ער נישט. „עין יעקב“ הערט ער אפילו אלע טאָג. וועגען תהלים שמועכט מען דאָך נישט, — אלע טאָג א יום, שבת — דעם גאנצען, און ראש השנה — זעקס מאָל הין און צוריק! נאָר ווער ווייס, צי דאָס אליין קלעקט! מען דארף האָבען נאָך מעשים טובים, — האָט ער זיי? גאָט ווייס!

אבער אז עס איז דאָ א גן־עדן אויף ד ע ר וועלט, ווייס לייב נאָך זיכערער: ער פיהלט איהם, ער זעהט איהם, ער האָט איהם א חודש אין יאָהר. ווי אזוי? — הערט א מעשה!

קיין „טאלענט“ האָט ער ניט געקענט אויסלערנען די טעכ־טער: שניידעריי איז אין שטעדטעל אין דר׳ערד. אין א קראָם אָבגעבען וואָלט אודאי גוט געווען, נאָר זיינע טעכטער האָבען א שם פאר צולאָזענע, ווילדע, און קיין בעל־הבתי־שער קרעמער וואָלט זיי נישט גענומען.

אבער איינס — וועלנערן האָבען זיי געקענט.

ווי לייבע איז אָרים געווען, האָט ער דאָך „אויף שבת“ ווי עס איז „געקריגען“, און אלע דאָנערשטאג פלעגט מען ביי איהם אין שטוב וועלנערן א בלאט לאָקשען, און א דאנק אָט דעם

בלאט לאקשען האט לייבע זוכה געווען צו געניסען דעם גן־עדן אויף ד ע ר וועלט.

וועלגערינס זיינען זיינע טעכטער איינע אין א מדינה, און פאר אזוינע געראטענע וועלגערינס איז דאס שטעדטעל צו קליין; זיי דארפען א כרך, וואו זייער ארבייט פערשטעהט מען און וואו זייער ארבייט ווערט גוט בעצאהלט.

און גלייך אויף מארגען נאך פורים לאזען זיך די דריי שוועסטער אין דער נאהענטער גרויסער שטאדט אריין וועלגערן מצה.

און דא הויבט זיך אן פאר לייבען דער גן־עדן...

ער בלייבט איינער אליין אין שטוב. אפילו דאס ווייב איז אויך נישטא אינדערהיים; זי קנעט אין א פאדריאד אין שטעדטעל גופא.

און לייבע זיצט ביי דעם ביסעל גוי'אישע ארבייט, וואס ער האט אויף זייער „פסח" בעקומען, און טראכט: ווי גוט איז אויף דער וועלט, אז מען האט ניט קיין ווייב און קיין דריי טעכטער.

א גן־עדן, א גן־עדן!

3.

א צוויי טאג פאר פסח קומען די טעכטער צוריק. הערענדיג זייערע שטימען נאך אויף די וועגענס, בלייבט לייבע דערשראקען. אויס גן־עדן! דער גהינום איז געקומען.

ער איז זיך אבער טועה. עס לאזען זיך אריין די דריי שוועסטער, פרעהליכע, ליעבליכע און גוטע, — טראגענדיג יעדע אין די הענד צו פעקלעך.

לייבע דערקענט זיי, דאכט זיך, ניט: זיינען דאס זיינע טעכטער?

— נו, וואס מאכסטו, טאטע, — רופט זיך אן מיט א ליעבען שמייכעל „די קאץ".

די פראגע איז אזוי אונערוואַרטעט ווייך, אזוי בנעימות־דיג, אז לייבע פערשעמט זיך, און א טרעהר שטעלט זיך איהם אין אויג.

— יענטע! — רופט זיך אָן ווידער „די קאַץ“ — די פסח'דיגע שמאלץ האָסטו אראָבגעטראָגען?

— יאָ! — ענטפערט יענטע.

— ווער איז דאָס די יענטע? — פערקלערט זיך לייבע.

א גאַנץ יאָהר הערט ער ניט דעם נאָמען.

— אהא, דערמאָנט ער זיך, דאָס איז „די פערזעסענע!“

— חאַשע, לאָמיר אויספּאקען די טוקעווע שמאלץ! — רופט זיך אָן יענטע.

— ווער איז די חאשע? — פערקלערט זיך לייבע.

— אהא! דערמאָהנט ער זיך — דאָס איז דער „מענה לשון“.

לייבע וואָלט זיך ניט געשעמט, וואלט ער גענומען אלע דריי טעכטער, צונויפדריקען זיי אין זיינע שוואכע אָרימס און קושען זיי.

אין א שעה ארום נעהמט יעדע טאָכטער ארויס איהר פערמעגען.

ביינאכט קומט אויך די מאמע פון פאָדריאַד אָן אָבגע־רעבענטע.

מען בע'חשבונ'ט דעם איינענם — איבער פיערציג רובל.

— עס וועט זיין א פסח כיד המלכות! — זאָגט די מו־טער.

די טעכטער זיצען מיט דרך־ארץ און שווייגען.

— איך האָב אויך עפּעס פערדיענט! — זאָגט לייבע ארויס מיט א שוואכען קול און קראצט אויס פון בייטעלע צעהן גילדען.

— און א רובל קומט מיר נאָך פון סטעפאנען פאר דעם קאפטאן, ס'איז גוט געלד! — גיט ער צו.

— גבירים! — לאכט לאה.

— יענטע! — רופט זיך אן חאשע — לאמיר, מיין גאלד, זיך נעהמען צו וואשען אויף פסח.

— נו־נו! — שטימט איין יענטע.

— איך וועל אייך אויך העלפען! — זאגט לאה.

און די דריי שוועסטער נעהמען זיך ראמען די שטוב און דערצעהלען מעשיות פון דער גרויסער שטאדט און קוועלען אז... און לייבע קוקט, הערט און פערשטעהט גארנישט...

4.

פסח מאכט מען ביי לייבען פון דער פולער האנד.

די טעכטער זיינען זאט און בעקליידט, נעהען זיי ארוים דעם ערשטען טאג נאכ׳ן גוטען מיטאג אלע דריי שפאצירען.

— ווער זיינען דאס די דריי מיידלעך? — פרעגט איינע פון א קופקעלע ווייבער, דערזעהענדיג זיי אין גאס.

— דאס זיינען דאך לייבעס „מיילער“.

— וואס זאגט מען צו זיי? — וואונדערט זיך די ערשטע.

— כ׳האב גאר זיי נישט דערקענט!

— זיי האבען זיך אין פאדריאד אויסגעאיידעלט! —לאכט אן אנדערע אידענע.

— זיי האבען פסח וואס צו עסען, זיינען זיי שטיל! — לאכט נאך איינע.

— און וואס מיינט איהר, — זאגט שוין ערנסט ווידער די ערשטע, — אז מען האט וואס צו עסען, קריענט מען זיך ניט, שעלט מען זיך ניט. א גאנץ יאהר איז דארט א דלות, אז גאט זאל רחמנות האבען.

— אלץ קומט פון ארימקייט! — זיפצט נאך א אידענע.

און די שוועסטער זיינען שוין אונטער׳ן שטערטעל, זיצען

אויפ'ן גרינעם גראָז, דערמאָהנענ זיך די שעהנע, גרויסע שטאָדט און שמועסען ווי דריי טייבעלעך.

אַזוי געדויערט ביז נאָך פּסח.

אָבער מיט דעם ערשטען פעררארמען שטיקעל חמץ, וואָס מען טראָגט אראָב פון בוידים צוריק, קומען די קללות און קריעג צו לייבען! וויעדער אין שטוב אריין.

און „די קאַץ" און דער „מענה-לשון" און די „פערזעסע־נע" קענען זיך ווידער ניט צוטיילען, און מען שעלט זיך און מען דראפּעט זיך...

און לייבע זיפצט ווידער אויף לשון־קודש:

— אוי, צרת הבת!...

חתן־כלה בריעף

חיים איז ענדליך געוואָרען אַ חתן.

ער איז זעהר צופריעדען. — „אַ סוף זאָגט ער, נעפּטר׳ט אנ׳עסק, עס איז מיר נמאס געוואָרען ארומצושלעפּען זיך אָנ־קוקען כלות!" צוויי יאָהר איז ער זעלטען אין דער היים געווען, ער איז מעהר געלעגען אין בויד ביי יענקעל בעל־עגלה, וועלכער פלעגט איהם פיהרען אין פיעל ארומיגע שטעדטלעך, וואו לייבעל דער שדכן פלעגט נאָר אָנשמעקען אַ שטיקעל כלה... איצטער וועט ער זיך ערשט אָברוהען! —

דער שדוך איז איהם אפילו ניט גאָר אינגאנצען געפעלען: עס איז צו ווייניג געלד — דריי הונדערט רובל. אמת, די כלה איז אַ „מענש", וועט טוינען צו אַ געשעפט, און דאָס איז דער עיקר...

— קיין מאוסע, דאכט זיך, איז זי ניט, — טראכט ער און ער וויל פארשטעלען איהר געשטאלט פאר זיך אליין, ווי ער וואָלט זי וועלען נאָך אמאָל זעהען, נאָר עס געהט ניט ארויס בולט; ער געדענקט עפּעס ניט. וואס פאר אַ פּנים זי האָט, ער האָט זי טאַקע גאָר ווייניג אָנגעקוקט. דאָס ערשטע מאָל ביים „קנין" איז מיט איהם מעהר געזעסען און גערעדט דער מחותן אליין. האָט איהם געוואָלט נעהנטער בעטראכטען און איבערהויפּט אָנטאָפּען איהם, צי איז

ער קיין עס ־ האָרץ ניט. ווייל ער האָט אַלץ געוואָרפען פסוקים, און נאָך יעדען פסוק פלעגט ער טיעף אין די אויגען איהם אריינקוקען, ווי ער וואָלט געפרעגט: פער־שטעהסט, התולעב, פירוש המלות? ביי די תנאים, ווידער, איז נאָך ווענינער צייט געווען צו ריידען מיט דער כלה און אָנצו־קוקען זי, ווי עס געהער צו זיין. דאָס דינגען זיך וועגען נדן, וועגען מתנות און וועגען „גאַרדעראָבע" האָט צוגענומען די גאַנצע נאַכט. עס איז איהם קוים געבליבען איינינע מינוטען ליידיגע צייט דורכצוגעהן זיך מיט „איהר" אין גאַס, וואו עס איז גע־ווען זעהר פינסטער. דאָך, אז ער שטרענגט אָן שטאַרק זיין כח הדמיון, שטעלט זי זיך פאַר איהם פאַר און זי קומט ארויס „א גאַנץ שעהנע". ער געדענקט נאָר ניט, וואָסערע אויגען זי האָט.

ער זידעלט זיך אליין: ווי זעה איך דאָס ניט איהרע אוי־גען! א קליינינקייט אויגען!...

„דאַכט זיך שוואַרצע" — פרובט ער צו טרעפען. ער דער־מאָנט זיך אָבער, אז ביים מחותן, איהר טאַטען, זיינען גרויע (אָ, דעם מחותנ׳ס אויגען האָט ער נאָך צו פיעל געזעהן!) מסתמא איז ביי איהר אויך אזעלכע. ער וואָלט שוין וועלען, עס זאָל שוין וואָס גיכער קומען די צייט, אויף וועלכע מען האָט אָבגעלעגט די חתונה.

„אָ, דאַמאָלס, טראַכט ער, וועל איך זי ריכטיג אָנקוקען, איך וועל זעהען אפילו, וועלכע ברעמען זי האָט!"

און וואָס מעהר ער טראַכט וועגען איהר, אַלץ מעהר ווערט ער צופריעדען פון דעם שדוך.

— א גאַנץ גוטער שדוך — לויבט ער פאַר זיך אליין — בעסערס וואָלט איך ניט געפונען, אז איך וואָלט זוכען נאָך דריי יאָהר...

ער הויבט אָן צו בענקען, עס פערוויילט זיך איהם ריידען מיט דער כלה.

און אז עס געהט איבער די ערשטע וואך נאך די תנאים, בעשליסט ער זיך צו שרייבען איהר א בריעף.

זיי האבען זיך טאקע פערשפראכען ביז דער חתונה זיך דורכצושרייבען, און דער רעיון וועגען בריעף בעהערשט איהם אינגאנצען. אבער עס איז פאר איהם א שווערע אויפגאבע; שריי־בען אפילו, קען ער גאר גוט, זיין „האנדשריפט“ איז גאר א פיינע. זיין טאטע פלעגט זיך שטענדיג בעריהמען מיט זיין חיים׳ס שרייבען: איהר זעהט א כתב! — פלעגט ער אפט אנווייזען אויפ׳ן זוהנס א שטיקעל אנגעשריבענעם פאפיר, — איהר זעהט אותיות — געדרוקט! אמת, פלעגט דער טאטע אויסלאזען מיט גדלות, — ער האט מיר געגוג געקאסט: דריי „זמנים“ איז ער געגאנגען צו משה טשערטאק — דער בעסטער לעהרער!...

וואס העלפט עס אבער: כתב אליין איז ווייניג, מען דארף האבען ווערטער — א „געדאנק“. צו א כלה שרייבען קען מען דאך ניט שרייבען ווי צו א קרעמער א צעטעלע: „ידידי, שיקט מיר צעהן פונט קמח לבן“... מען דארף דאך וויסען, וואס צו שרייבען, דער שכן און דער טאטע האבען איהם אנגעגעבען פאר א וואויל געלערנטען: — „וואס ווייסט איהר, וואס פאר א „קענער“ דאס איז! — האט דער שדכן געלויבט פאר׳ן מחותן. א קליינינקייט! — האט דער טאטע אונטערגעהאל־פען, — מיין חיים שרייבט אויסגעצייכענט, זיינע בריעף גע־העהן קיין אמעריקא“... און וואס צו שרייבען ווייסט חיים ניט.

דאך פרובט ער זיך. ער זעצט זיך אוועק שפעט ביינאכט ווען אלע שלאפען שוין און הויבט אן צו שרייבען:

„צו מיין טייערסטע כלה“...

ער שטעלט זיך אב און שפייט אויס: פוי, וואס איז דאס פאר א מין שרייבען — „צו“! א מיידעל שרייבט אזוי.

„כלה“ געפעלט איהם אויך ניט.

א דאנק וואס ער האט אמאל געלעזען שמר׳ס ראמאנען, דערמאהנט ער זיך, אז כלה קאן מען פערבייטען אויף „ברויטע“.

מיט דעם ניי־געפונענעם ווארט איז ער העכסט צופרידען.

וואס איז אבער די פעולה, אז ער ווייס ניט ווי צו טי־טולירען.

„טייערסטע“, ווייסט ער זיכער, איז ניט שעהן. נאך א סך קלערעניש, נאך א סך אומגעהן איבער'ן צימער, קנייטשענדיג דעם שטערן, צומאכענדיג די אויגען און ברומענדיג „ברויטע, ברויטע, ברויטע“, — געלינגט איהם צו דערמאהנען זיך א גאנצע פראזע. ער זעצט זיך בערוהיגט אוועק און שרייבט:

„אדעל געבוירענע און האכגעשעצטע ברויטע“.

ער לעזט עס דורך און עס געפעלט איהם: — אמת'ע דייטשעשע ווערטער! ער הויבט אן ווייטער צו קלערען, נאר קיין שום ניי ווארט קומט איהם ניט ארויף אויפ'ן געדאנק, ווי ער וואלט אין א פרעמדער שפראך געדארפט שרייבען.

פונדעסטוועגען שרייבט ער צו נאך א גאנצע שורה: „אין אנפאנג קום איך אייך צו בענאכריכטען, אז איך בין פאלקאם געזונד, גיעבע גאט דאס געמליכע פון איהנען צו בעקאממען“.

ער הויבט עס אן איבערצולעזען. די ווערטער געפעלען איהם, כמעט אלע דייטשעשע, נאר צו א כלה שרייבט מען ניט אזוי: אזוי שרייבען ווייבער צו מאנען, קינדער צו עלטערן, אבער ניט חתנים צו כלות...

ער פערמעקט עס מיט צוויי גראבע שטריכען, נעהמט א צווייטען בויגען פאפיר און הויבט אן ווייטער צו טראכטען. עס פליהען איהם דורך אין מח אלערליי ווערטער, אלערליי רעיונות, דאך דער רעיון, וואס זאל האבען שייכות צו א כלה, פעהלט איהם.

עס פלאצט איהם ענדליך די געדולד, ער גיט מיט כעס א ווארף די פעדער.

— וואס געהסטו ניט שלאפען, חיים? — פרעגט דער טאטע הוסטענדיג אין בעט.

— שלאף, שלאף, ניט דיין דאגה! — ענטפערט חיים צו־

רייצט. — ער איז אין כעס, וואָס דער טאַטע האָט איהם ניט געגעבען לערנען נאָך צו א בעסערן לעהרער.

— שלעכט! — ברומט ער מיט פערדראָס, — איך וועל קיין בריעף ניט אָנשרייבען — איך וויים אפילו ניט ווי אזוי מען הויבט אָן.

„אפשר עמיצען בעטען? — לויפט איהם דורך אין מח.

מיט גרויס שמחה כאַפּט ער ארויף אויפ'ן פּלאַן. איצט איז זיין מח איינגאַנצען פערנומען מיט דער פראגע: וועמען בעט מען?...

— גרינפעלד! גרינפעלד! — שרייט ער כמעט אויס.

— ווי אזוי האָב איך דאָס פערגעסען אָן גרינפעלד'ן, איך וואָלט דאָך פערשפּאָרט אזוי פיעל דעם קאָפּ צו ברעכען!

גרינפעלד איז א יונגער לעהרער. א פרעהליכער יונג, שפּיעלט מיט בעלי־בתּישע טעכטער אין „ליעבעס", לייענט א סך ראָמאַנען און שרייבט אמאָל אין בלאט וועגען א „שרפה"...
אויף מאָרגען געהט חיים אוועק צו איהם.

— עס איז מאוס צו דערצעהלען, — קלאָגט זיך, כלומרשט שמייכלענדיג, חיים פאר איהם — איך דארף אָנשרייבען צו דער כלה א בריעף און איך האָב עפּעס ניט קיין רעכטען גע־דאנק.

— נישקשה! — טרייסט איהם דער לעהרער, ווי א דאָק־טאָר זיין פּאַציענט — דאָס איז חלילה ניט קיין סכנה, דאָס טרעפט אָפט ביי חתנים. אָט האָב איך יענע וואָך אויך פאר א חתן אָנגעשריבען א בריעף, ער גענומט דריי טויזענד רובל נדן...

— וואָס וועט איהר פאָרט שרייבען? — האָט חיים ניי־גיריג געפרעגט.

— דאָס וועט איהר שוין הערען! — האָט גרינפעלד מיט גדלות געענטפערט. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש־קעסטעל,

ארויסגענומען פּאַפּיר און אַ נייע פעדער און ער איז שוין גע־וועז גרייט צו שרייבען.

— זאָגט מיר נאָר, ווי הייסט די כלה? — האָט ער גע־פרעגט מיט אַ טאָן פון אַ דאָקטאר, וואָס ווענדט זיך צום חולה, ער זאָל בעווייזען די צונג.

— רייזעלע, — האָט חיים שעמעוודיג געענטפערט.

— ראָזע! — האָט פערריכט גרינפעלד — אָך, זעהר גוט, זעהר גוט! אזא נאָמען ניט שטאָף צום שרייבען. א נאָמען אין א בריעף צו א כלה איז ניט קיין קלייניגקייט, דאָס איז דער הויפּט־העלד אין אַ ראָמאַן, איהר פערשטעהט?

חיים האָט אפילו געלעזען אמאָל ראָמאנען, נאָר די לעצ־טע צוויי יאָהר, זייענדיג פערדרעהט מיט שדוכים, זיינען איהם ארוים די גאנצע ראָמאנען פון קאָפּ. דאָך האָט ער געענט־פערט:

— איך פערשטעה.

גרינפעלד האָט אָנגעהויבען צו שרייבען און אין אַ האַלבע שעה ארום איז געווען פארטיג א לאַנגער בריעף.

גרינפעלד האָט דעם בריעף הויך געלייענט פאר חיימען און יעדען דייטשען וואָרט האָט ער שטארק צונעדריקט, ווי ער וואָלט וועלען געבען אָנצוהערעניש, אַז אַזוינע דייטשע ווערטער קאָסטען ניט ביליג... חיים האָט עס געפיהלט און ער האָט די גאנצע צייט, בשעת גרינפעלד האָט דעם בריעף געלעזען, געהאַלטען די האַנד אין טאַש, וואו דאָס געלד איז גע־לעגען.

— „מאַנד" איז, דאַכט זיך, דער הימעל אויף דייטש? — האָט חיים געפרעגט, ווען גרינפעלד האָט געענדיגט לעזען דעם בריעף.

— ניין! מאַנד איז די לבנה! — האָט גרינפעלד ער־קלערט. אין יעדען בריעף צו א כלה מוז זיין מאַנד.

— עס איז א דין, צי א מנהג? — האט חיים כלומרשט געלאכט.

ער האט איהם בעצאהלט פאר דעם בריעף און איז גע־שווינד ארויס.

אז ער האט דעם בריעף ביינאכט איבערגעשריבען מיט זיין אייגענער האנד, האט ער איהם פארגעלעזען פאר דעם טאטען און דער מאמען. דער טאטע האט מיט גרויס מבינות געלויבט די דייטשע ווערטער און האט זיך געוואונדערט, וואו האט עס זיין חיים זיך אויסגעלערנט. די מאמע האט זיך גע־קרימט און געמורמעלט:

— אזא בריעף, אזא בריעף! געדארפט נעהמען פינף הונ־דערט רובל נדן!... נישקשה, זיי וואלטען געגעבען די חזרים!...

א שטעדטעל אהו ווייבער

(דערצעהלט פון א רייזענדען).

איך בין דאמאלס געוועזן אן אגענט פון א געוויסער פירמע — עס איז געוועזן א קורצע צייט נאך מיין חתונה. מיין ווייב, וועלכע איך האב אויך איצט געגוג ליעב, האב איך דאן נאך ליעבער געהאט און האב געוואלט וואס מעהר פערדיענען. אין אויסזוכען נייע ווינקלען פאר מיין סחורה בין איך געוועזן זעהר ערפינדעריש — אן אמת'ער קאלומבוס! און אט בין איך איינמאל אויף אזא אופן אריינגעפאלען אין א פערווארפען קליינשטעדטעלע אין דער ליטא.

אנגעקומען בין איך אהין א זייגער איינס ביינאכט. דער פוהרמאן, א פויער, וועלכען איך האב גענומען ביי דער באהןסטאציע, האט מיך צוגעפיהרט צו עפּעס א הייזעל, וואס לויט איהר גאניק מיט די סלופעס, וועלכע האבען ארויסגעקוקט פון דער פינסטערניש, האט געזאלט זיין די שטערטעלשע קרעטשמע.

דער פויער האט אנגעקלאפּט אין טיר, איינמאל, צוויי מאל — קיינער האט זיך ניט אנגערופען. א דריטען מאל האב איך שוין אנגעקלאפט פיעל שטארקער. עס האט זיך דערהערט א שארכען, און באלד האט א הייזעריגע, פערשלאפענע מענערשטימע געפרעגט אויף גוי'איש:

— חטא העטא?

— עפּענט! — האָב איך געענטפערט אויף אידיש.

די טיר האָט זיך באלד אויפגעעפענט און א איד אין די מיטעלע יאָהרען, מיט א צושויבערטען קאָפּ געדיכטע האָהר, מיט א צופּלאָנטערטער באָרד, האָט זיך בעוויזען און ווי מיט א גע־וויין געפרעגט:

— וואָס דארפט איהר? ווער זענט איהר?

— איך וויל בלייבען א פּאָר טעג ביי אייך אין שטעד־טעל. קען איך ביי אייך איינשטעהן?

דער איד האָט מיך אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און, ניט געפינענדיג אין מיר קיין שום פּסול, האָט ער, נאָך אליץ פערשלאָפען, געענטפערט:

— מילא, קומט אריין. מהכא תיתי...

איך בין אריין אין א גרויסער שטוב, וועלכע איז געוועזן בעלויכטען פון א קליין לעמפּעל, וואס האָט מעהר געדויכערט, ווי געברענט. אויסער דעם גרויסען הילצערנעם טיש מיט צוויי הילצערנע לאנגע בענק ארום די טונקעלע ווענד, איז געשטאַ־נען אין א ווינקעל א ווייסע הילצערנע קאנאפּע.

— אָט דאָ וועט איהר קענען שלאָפען, — האָט דער איד מיר געמאָלדען. — איך וועל אייך באלד אויסבעטען.

איך האָב בעצאָהלט דעם פוהרמאן, וועלכער האָט מיך זעהר שטארק בעדאנקט און איז ארוים.

איך האָב בעטראַכט מיין גרויסען חדר, און עס איז מיר געפעלען געוואָרען. „געבענשט זיינען די קליינשטעדטעלדיגע! — האָב איך געטראַכט, — ס'ארא רחבות! א שאָד וואָס שוין צו ווייניג מעבעל“. איך האָב געבענקט נאָך א גרויס־שטאָדטי־שען ווייכען שטוהל.

דערווייל האָט זיך דער בעל־הבית גענומען פּאָרען אין א דערנעבענדיגען חדר. באלד האָט ער זיך געוויזען מיט צוויי גרויסע קישענס, א ליילעך און א קאָלדרע.

— אט בעט איך אייך שוין אוים, טאקי אויפ'ן קאנאפע, און אין זיין שטימע האט עפעס מוטערליכעס געקלונגען.

— וואס עפעס איהר? — האב איך איהם פריינדליך געפרעגט, — פארוואס ניט די בעל־הבית'טע?

— די בעל־הבית'טע? הם... — האט ער איבערגעפרעגט

— וואס מאכט עס אוים. אט בין איך די בעל־הבית'טע... אז מען דארף, איז דער בעל־הבית די בעל־הבית'טע... עס איז אלץ איינס...

זיין חקירה איז מיר מאדנע געפעלען געווארען. א וואויל אידעל! — האב איך געטראכט און געוואלט איהם עפעס זאגען. נאר באלד האט זיך דערהערט פון א דערבייאיגען חדר א פישטשען פון א קליין עופעלע...

דער איד האט געלאזען אין מיטען בעטען די קאנאפע און איז מיט א ניגון פון מאמע, וואס פערווינגט א קינד, אוועקגע־לאפען:

— א־א־א־א... ליו־ליו־ליו...

און באלד האב איך דערהערט א סקריפען פון א וויגעלע...

אין א פאר מינוט ארום איז ער אריין צוריק, געמאכט דאס בעט און געזאגט:

— איהר קענט געהן שלאפען...

איך האב דערשפירט הונגער, און מורא האבענדיג ניט צו קענען א הונגעריגער איינשלאפען, האב איך גאנץ איידעל און ניט אהן אינערליכען פחד געפרעגט:

— אפשר קריעגט מען עפעס עסען?

— עסען? — האט ער איבערגעפרעגט, און האט גענומען גלעטען די בארד... — עסען? וואס קען איך אייך איצט אזוי שפעט געבען?... סיידען אן אייער־שפייז מאכען?...

— זאל זיין אן אייער־שפייז! — האב איך מסכים געווען.

דער איד איז שנעל, ווי א בריה א בעל־הבית'טע, אוועק־

געלאָפּען אין קיך אריין. איך האָב דערהערט א קלינגען פון א טעלער און א פּאַן.

באלד איז ער אריין צוריק און געגרייט דעם טיש.

— איהר קענט זיך געהן וואשען, — האָט ער בתמימות געמאָלדען.

איך האָב א שמייכעל געטהאָן, און בין זיך געגאנגען וואַשען אין קיך אריין. ער איז נאָך מיר נאָכגעגאנגען און פאַר אײנגעוועגס מיטגענומען די אייער־שפּייז.

איך האָב זיך געזעצט עסען, און אזוי ווי עס האָט מיר ווירקליך גוט געשמעקט, האָב איך איהם געריהמט:

— איהר זענט ווירקליך א בריה...

— מען לערנט זיך אויס! — האָט ער ווי מיט א זיפץ געענטפערט.

„אן אלמן געבעך!" — האָב איך איהם טיעף אין האַרצען בעדויערט... „שוין לאנג?" — האָב איך איהם געוואָלט פרעגען, נאָר דערמאָהנענדיג זיך אָן דעם וויינענדיגען קינד, האָב איך פערשטאנען, אז דאָס אומגליק האָט איהם ניט לאנג געטראָפען. פון קינפּעט — האָב איך מיך משער געווען.

איך האָב אויך א זיפץ געטאָן און פון אנ'ארומיגען וועג גענומען ריידען:

— מילא, וואָס קען מען העלפען. עס טרעפט . . .

— יאָ, ביי אונז אין שטעדטעל איז עס ניט קיין נייעס — אלע אזוי... אָט ווי איהר זעהט א הויז — איז נישטאָ קיין בעל־הבית'טע....

„ווער איז מיר!" בין איך פערציטערט געוואָרען: „א שטעדטעל מיט אלמנ'ם! אלע ווייבער אויסגעשטאָרבען — א מגפה, הייסט עס, אויף ווייבער... דאָס איז דאָך שוין טאַקי אינטערעסאנט... פאַרוואָס־זשע איז דאָס אין די צייטונגען ניט געשטאנען?

— ווי אזוי איז דאָס געשעהן — אזא אומגליק? האָב

איך שטיל נעפרעגט און עס האָט מיך נעשווידערט . . .

— אנ׳אומגליק ? — האָט דער איד א מאך געטאָן מיט דער האנד — אז מען וויל, איז דאָס גאָר קיין אומגליק ניט.

איך בין א פערציטערטער געבליבען. וואָס הייסט ניט קיין אומגליק? — אַ שטעדטעל מיט ווייבער שטארבען אויס, און ביי דעם אידען איז עס גאָרנישט...

— פארוואָס איז דאָס, אז מען וויל, קיין אומגליק ניט ?

— דאָס שטעדטעלע איז ארים, קיין פרנסה איז נישטאָ... איהר פערשטעהט, צי ניין ? — האָט דער איד מיר קאלטבלוטיג מסביר געווען...

„הייסט עס, זיינען זיי פון הונגער אויסגעשטאָרבען"... האָב איך מיר געוואָלט ערקלערען דאָס אומגליק. נאָר באלד איז מיר קשה געוואָרען: וואָס עפּעס דוקא די ווייבער, פארוואָס ניט די מאנסבילען אויך ?... איך האָב גאנץ דיפּלאָמאטיש א פּרעג געטאָן :

— און פאר וואָס ניט די מאנסבילען ?...

— די מאנסבילען ? האָט ער געלאכט, — וואָס רעדט איהר? ערשטענס ווילען ניט די מאנסבילען, עס פּאסט ניט פאר אונז, און צווייטענס וויל זיי דער „מלאך־המות" ניט נעהמען...

איך בין פאר ערשטוינען און שרעק שיער ניט אומגע־פאלען. הענד און פיס האָבען מיר אנגעהויבען ציטערן : „גאָט מיינער ! —האָב איך געטראכט — וואו בין איך דאָס אריינ־געפאלען?"

איך האָב מיך אומגעקוקט — א שטוב ווי אלע שטיבער אין א קליינשטעדטעל. דער איד אליין, אבוואָהל די צושויבערטע האָהר פון קאָפּ און באָרד איז א ביסעל אבשרעקענדיג, אָבער די אויגען און דער גאנצער אויסדרוק פון פּנים איז זעהר מילד און ווייך... ניין ! דאָ מוז עפּעס שטעקען וואָס אנדערש.

— זאָגט מיר. איך בעט אייך, — האָב איך צוטומעלט געפרעגט, — א סך ווייבער ?...

— וואס הייסט א סך ? — אלע, אויסער צוויי אלטע אידינעס; זיי האבען אויך געוואלט געהן, נאר דער „מלאך־המות“ האט זיי ניט געוואלט נעהמען...

עס האט מיך א שוידער געטאן און איך האב מיט שרעק אויסגערופען:

— וועלכער מלאך־המות ? ... אום גאטעס ווילען — איהר שרעקט דאך מיך ביז טויט איבער !

—אך, האט ניט קיין פאראיבעל, — האט דער איד גוטמוטיג געלאכט, — איך האב גאר פערגעסען, אז איהר ווייסט ניט פון קיין מעשה. דער „מלאך־המות“ — דאס הייסט ביי אונז דער פאבריקאנט פון דעם „גוט“, וואס געפינט זיך ניט ווייט... זעהר א שלעכטער מענש, און די ווייבער אונזערע רו־פען איהם דער „מלאך־המות“...

— הייסט עס אייערע ווייבער לעבען ? — האב איך ווי מיט פרייד אויסגעשריען.

— וואס הייסט ? אודאי לעבען זיי... וואס פאר א קשיא, צי זיי לעבען ?... זיי ארבייטען דאך טאקע א גאנצע וואך אין פאבריק.. איהר פערשטעהט...

איך האב פרייער אבגעאטעמט ; די געהיימנים האט זיך פאר מיר אזוי איינפאך בענטפלעקט.

ניט ווייט פון שטעדטעל האט זיך מיט א פאר יאהר צוריק א פאבריק געעפענט. מען האט געדארפט האבען בילינער ארבייטער, האט מען דערצו גענומען ווייבער, ווייל פאר די מאנסבילען האט עס ניט געפאסט. ארבייטען אלע ווייבער אין פאבריק א גאנצע וואך, און די מאנסבילען פיהרען די הייזער און ניאנטשען די קינדער...

אויף מארגען בין איך ארוים אין שטעדטעל. בעגעגענט האב איך בלויז מאנסבילען. זיי זיינען געגאנגען ווער מיט קינ־דער אויף די הענד, ווער האט א מולטער געטראגען, ווער א

דייזשע נעקייקעלט... איך האָב מיט אייניגע גערעדט און גע־פרעגט. ווי אזוי זיי פיהלען זיך.

—גאָט צו דאנקען ! — האָט מיר א געל אידעל געענט־פערט, — מען קומט אוים. שבת מאכען איז אפילו שווער פאר אונז, אָבער מען טרעפט... פרייטאָג צו ליכט־בענשען קומען זיי דאָך... חי־חי־חי ! הייגט וואָס מאכט עס אוים . . . מען קומט דורך....

איך האָב זיך ארומגעדרעהט אין דעם דאָזיגען קליינ־שטעדטעלע א פּאָר שעה און בין אוועקגעפאָהרען.

זאָגט איך וואָס איהר ווילט, איך האָב ניט ליעב קיין שטעדטעל אָהן ווייבער. איך האָב שוין געזעהען א סך אָרימע, טרויעריגע שטעדטלעך אין דער ליטא, נאָר אזא אומעט, ווי אין יענעם שטעדטעל האָט געהערשט, האָב איך נאָך אין ערגעץ ניט געפיהלט...

אידישע מטבעות

די גרויסע אידישע געלעהרטע און היסטאָריקער ברעכען זיך די קעפּ וועגען די אידישע מטבעות פון דער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען זעלבסטשטענדיג אין זיין אייגען לאַנד. ס'איז דאָ סברות און השערות, אַז נאָך אין אברהם אבינו'ס צייטען האָבען שוין די „עברים" געהאַט זייערע מטבעות. איך וויל אַזוי ווייט ניט געהן. איך בין ניט קיין היסטאָריקער און קיין ארכעאָלאָג אודאי ניט. אָבער אַז די אידען האָבען געהאַט אייגענע מטבעות און דוקא אין גלות, דערויף קען איך אליין עדות זאָגען. אַזוינע מטבעות האָבען עקזיסטירט ביז מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק אין פיעלע אידישע שטעדטלעך און זיי זיינען „געגאַנגען" ווי די מטבעות פון אַ רעגיערונגס־קאָזנאַטשיי, האָבען געהאַט דיזעלבע מאַכט און דעם זעלבען ווערט, אַזוי אַז עס פלעגען זיך געפינען אפילו אַזוינע לייט, וואָס פלעגען די מטבעות נאָכמאַכען, פאַר וואָס די קהילה פלעגט זיי זעהר האַרט בע־שטראָפען.

ערפונדען די מטבעות האָט מען אַ דאַנק די פיעלע מחנות אָרימע־לייט, וואָס פלעגען בעפאַלען דאָס שטעדטעל אין אַ יקרות־יאָהר. ברויט איז דאַמאָלס געווען אַ שאָד צו געבען. דאָס קלענסטע שטיקעל ברויט איז ווערט געווען אַ קאָפּיקע; נעבען נוידער די אָרימע־לייט אַנשטאָט ברויט געלד, — איז די קלעג־

כטע כּמבע געווען א האלבער גראָשען, און אין שווערע צייטען איז דאָס פֿאַר די שטעדטעלשע אידען א צו גרויסע מטבע געווען. אַט ביי די דאָזיגע שווערע עקאָנאָמישע אומשטענדען. ווי מען דריקט זיך היינט אוים וויסענשאַפטליך, איז ערפונדען געוואָרען די מטבע — די פרוטה.

א פּרוטה האָט געהאט דעם ווערטה פון אַן אכטעל קאָפּיקע, א פיערטעל גראָשען, הייסט עס. בעשטאַנען איז זי פון א קליין פיערקאַנטיג שטיקעל בלעכעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט צוויי בוכשטאַבען, א „צ" מיט א „ל"; דאָס האָט געהייסען צדקה לעניים, צדקה פאַר די אָרימע־לייט.

די ערשטע צייט, אז די דאָזיגע מטבע איז ערפינדען געוואָרען, האָבען די אָרימע־לייט געמאַכט א ויצעקו: עס האָט זיי, הייסט עס, ניט געטויגט דער עסק; זיי האָבען דוקא געוואָלט ברויט, ווייל ברויט, ווי געזאָגט, איז דאַמאָלס געווען גראָד טייער, עס זיינען געווען יקרות־יאָהרען. טייל אָרימע־לייט, עקשנים, האָבען זיך איינגעשפּארט און קיין פרוטה ניט געוואָלט נעהמען, און ווען די גאַנצע חאָפּטע אָרימע־לייט וואָלט געמאַכט יד־אחת, קען זיין, וואָלטען זיי אויסגעפיהרט ; מען קען מיט א וועלט אָרימע־לייט ניט איינרייסען. זיינען אָבער צווישען די אָרימע־לייט געווען אויך אריסטאָקראַטען, וואָס האָבען ניט ליעב געהאט צו שלעפּען די טאָרבע, — אריסטאָקראַטען זיינען, ווי עס איז ידוע, תמיד פויל, — און אַט די דאָזיגע אריסטאָקראַטען זיינען דוקא מיט די פרוטות געווען צופרידען : עס איז פּאָרט שענער — א רייכערע פרנסה, הייסט עס : אָהן א טאָרבע !...

די קאַזנאַטשייסטווע, וואו די פרוטות זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט זיך געפונען אויפ׳ן שוהל־הויף. דער קאַזנאַטשיי איז געווען זרח דער מלמד, וואָס האָט צוליעב זיין אַלטקייט פערלאָרען דאָס קנעלונג, און די קהילה האָט איהם געמווזט פערזאָרגען מיט פרנסה... ביי דעם דאָזיגען אַלטען מלמד איז געווען שטענדיג פול דאָס שטיבעל מיט אָרימע־לייט און בעלי־בתים:

די ערשטע פלעגן קומען אויסבייטען די פרוטות אויף מזומנים, און די צווייטע — קויפען פאר מזומנים פרוטות... דער אלטער זרח, א בייזער איד, פלעגט אפט וועלען א פרוטה קאנפיסקירען :

—דער „צדיק" — פלעגט ער הייזעריג טענה'ן — איז ניט דערזעלבער „צדיק" פון זיין פורים ! ער וואלט שווערען, אז דאס איז א פאלשע פרוטה... כף־הקלע וועט איהר אוועק־נעהן ! — פלעגט ער דראהען די ארימע־לייט.

נאר אויספיהרען פלעגט ער ניט. ער פלעגט אויף די דאזיגע כלומרשט געפעלשטע, מוזען אננעהמען, כדי ניט אריינ־רייסען צופיעל מיט די ארימע־לייט, וועלכע האבען אין יענער צייט נעהאט א גרויסע מאכט און האבען געקענט איהם מאכען פאר אוים קאזנאטשיי...

אסיען־צייט, אז אין שטעדטעל פלעגט זיך „אוועקשטעלען" די גרויסע בלאטע און צום מלמד איז שווער געווען צוצוקומען, פלעגען פיעל בעל־הבתים און בעלי־הבית'טעס קויפען די פרוטות ביי די ארימע־לייט אליין : פאר א קאפיקע אכט פרוטות.

נאך שפעטער, אז די פרוטות האבען זיך שטארק פער־שפרייט און זיינען געווארען מעהר ווי דאס געלד, וואס טייל בעלי־בתים האבען פערמעגט, האט מען די פרוטות גענוצט אנ־שטאט געלד : פאר צוויי פרוטות פלעגט א בעל־הבית'טע קוי־פען א פאר ציבעלע, אביסעל זאלץ אין קרעמעל און שאר ירקות. און וואס איז געווען טאקע די נפקא מינה ? — ווייבאלד אז עס געהט ווי געלד ניט נאר ביי די ארימע־לייט, וואס געהען איבער די הייזער, נאר אויך ביי די קרעמער.

איבער דעם לאנגען אסיען פלעגט זיך אויף אזא אופן אנקלייבען ביי די בעלי־הבתים א סך פרוטות. און אזוי ווי די ארימע־לייט פלעגען אין א קורצע צייט ארום אבציהען אין אנ־דערע מקומות, אויסבייטענדיג די פרוטות אויף מזומנים, איז וואס ווייטער אלץ ווניגער מזומן געלד געווארען אין שטעדטעל.

און אין איין העלען פריהמארגען האבען זיך פיעל בעלי־

בתים ארומגעזעהן, אז ביי זיי האָט זיך אָנגעזאמעלט צו גרויסע סומען פּרוטות. עס איז שוין געווען אין אָנהויב פריהלינג, דער שניי האָט געלאָזט, און דער וועג איז געווען זעהר א שלעכטער; קיין אָרימע לייט האָבען זיך ניט געוויזען. מען איז געלאָפען צו זרח דעם קאזנאטשיי אויסצובייטען די פּרוטות אויף מזומנים, נאָר דאָ האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער חשבון שטימט ניט: זרח דער מלמד האָט לויט'ן חשבון געקענט אויסטוישען קוים די העלפט; אין דער אנדער העלפט איז ער געבליבען הינטער־שטעליג: מעהר איז קיין געלד אין קאזנאטשייסטווע ניט געווען.

די בעל־הבית'טעם זיינען געשטאַנען מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דאָ האָט זרח דער מלמד זיי געטרייסט: —

— איהר ווייבעלעך, דערצעהלט קיינעם קיין מעשיות ניט; איהר קענט פאר די פּרוטות קויפען אין אלע קראָמען, וואָס איהר דאַרפט, און אם ירצה השם נאָך פּסח וועט דער וועג ווערען בע־סער, אָרימע־לייט וועלען זיך מיט גאָטס הילף ווייזען, וועט אַלץ זיין גוט, מיט גאָטס הילף, פּרוטות זיינען גוט געלד. הלואי זאָלט איהר זיי נאָר האָבען א סך, וואָלט איהר שוין ניט געדאַרפט זאָרגען, וואו אויסצוגעבען זיי... בפרט, אז אם ירצה השם נאָך פּסח קומען צוריק די אָרימע־לייט, מיט גאָטס הילף.

און געטרייסטע זיינען די בעל־הבית'טעם אוועק אהיים.

און די פּרוטות זיינען געגאַנגען פון האנד צו האנד ווי געלד. פאר אבט פּרוטות האָט מען געקויפט א בינטעל חריין אויף פּסח און דוקא ביי די שטעדטעלשע פּויערטעס — אויך זיי האָבען די פּרוטות אָנגענומען פאר געלד.

און וואָס איז געווען טאַקע די נפקא מינה — וויבאַלד אַז גענומען האָט עס יעדערער, און פון דעם, וואָס די קאָנגאָמשיים־טווע איז באַנקראָט, האָבען ניט אַלע געוואוסט, און עטליכע ווייבער, וואָס האָבען יאָ געוואוסט, האָבען עס געהאַלטען בסוד.

קאַלט

די צוויי פענסטער מיט די זעקס שויבען, וואָס קוקען ארויס אין גאַס, זיינען פערפרוירען, פערדעקט גראָב מיט אייז און קוקענדיג אויף די פאַנטאַסטישע קאַלטע בלומען, וואָס זיינען אויסגעמאָלט אויף די שויבען, דאַכט זיך, אַז דער פראָסט האָט דאָ זיין גאַנצען טאַלאַנט אוועקגעלעגט. — אין דעם קליינעם שטיבעלע איז קאַלט און די קעלט איז אַ דריקענדע, עס נאָגט און שרעקט דאָס האַרץ פון די, וואָס געפינען זיך אין שטיבעלע. פריידע, די ווירטהין פון שטיבעלע האָט אפילו אין דער פריה געהייצט, דער פראָסט איז אָבער צו שטאַרק, אַז פאַר די עטליכע דינע שייטלאַך האָלץ, וואָס פריידע האָט אויסגעברענט, זאָל ער זיך דערשרעקען, און אריינלעגען מעהר האָלץ האָט זי ניט געקענט — פערשווענדען די האָלץ טאָר זי ניט. איהר רעכנונג וויים זי גאַנץ גוט : זי האָט נעכטען פריה איבערגעצעהלט, איז געוועזן 25 שייטלאַך (אייגענטליך איז געוועזן 26 נאָר 2 זיינען געווען אזוי דין, אַז פריידע האָט זיי גערעכענט פאַר איינע) האָט זי נעכטען אין דער פריה אריינגעלעגט 5 שייט, דאָס האַרץ האָט איהר אזוי וועה געטון. היינט פריה אַז דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, האָט זי אריינגעלעגט 6 שייטלאַך און צוגעוואָרפען שפּעטער מיט אַ טיעפּען זיפץ נאָך אַ דין שייטעל. טאַקע איינע פון די צוויי דינע, און היינט איז ערשט מיטוואָך.

דארף זי נאך דאנערשטאג פריה הייצען, פרייטאג חלה באקען און ביי טאג הייצען אויף טשאלענט....

גאט ווייס, צי עס וועט אפילו קארגענדיגערהייט קלעקען. וועגען הייצען אויף דער נאכט איז גאר ניטא וואס צו רעדען.

און חיים דער בעל־הבית פון שטיבעלע, איז א איד א „צע־בראכענער", אהן לייב און אהן לעבען. פאר א ווארעם אויוועלע וואלט ער דאס חיות אוועקגעגעבען. און צו ווארעמקייט איז ער שטארק געוואהנט. אמאל, אז ער איז נאך אינגער, געזונטער גע־ווען און מען האט נאך אזוי ניט געוואוסט פון זיין „שלים־מזל", האבען איהם קרובים „ארייגעמאכט" צו ר' בערע וואלפזאהן אין וואלד פאר א „מענשען". און דאמאלס פלעגט ער ערשט האבען ווארימקייט! די „מענשען" פלעגען דארט קיין האלץ ניט זשאלע־ווען! מען פלעגט אנ־„קאטעווען" אן אויווען מיט האלץ, אז מען פלעגט זיך נאכ'ן הייצען צום אויווען ניט קענען צושטעקען — דאס איז שוין געווען אבער לאנג, מיט יאהרען צוריק... אויף דער שטעלע האט מען איהם לאנג ניט געהאלטען. דער סוחר האט אלץ געווארטשעט, אז חיים איז צו עהרליך און ווארטשענ־דיג האט ער איהם ענטזאגט. חיים האט דעם סוחר מיט דער שטעלע לאנג שוין פארגעסען, ער האט שוין עטליכע שטע־לעס אנדערע געהאט און ער האט זיי אויך פערגעסען, איצטער זיצט ער גאר אהן א שטעלע און פערגעסט דאס אויך . . . דאס אויוועלע אבער דארט אין וואלד קען ער ניט פערגעסען, דעם גאנצען קאלטען ווינטער שטעהט זי איהם פאר די אויגען; א ווארעמע, א פרעהליכע שמייכעלט זי דאכט זיך...

און זיצענדיג ביים טישעל און ציטערנדיג פאר קעלט, מאלט זיך פאר זיינע אויגען יענעם אויוועלע. ער פער־טיעפט זיך אין אלטע דמיונות און מורמעלט ניט ווילענדיג ארויס:

— איצטער האבען יענע אויוועלע! א דערקוויקעניש!

פריידע דערהערט דאס מורמלען, זי ווייס שוין וועלכע

אױװעלע ער מײנט. ניט אײן מאָל האָט זי שױן געהערט פֿון איהם, װינטער צײט זײנע התפּעלות פֿון איהר, פֿרײדע פֿער־דריסט זײן לעדיג זיצען און זי קרימט איהם איבער:

— יענע אױװעלע, יענע אױװעלע!... װאָלסט בעסער האָ־בען יענע שטעלע, װאָלטען מיר דאָ געהאַט אַ װאַרעם־אױ־װעלע...

חײם מאַכט זיך, װי ער הערט ניט, ער גיט נאָר שטיל אַ זיפֿץ און ענטפֿערט ניט. ער האָט ניט װאָס צו ענטפֿערען. זי איז אפשר גערעכט! באַלד אָבער הױבט ער זיך אױף, רײבט די פֿערפֿרױרענע הענט און רעדט ארױס פֿעסט מיט בטחון:

— דער פֿראָסט װעט לאַנג ניט האַלטען: ער טאָר ײאַנג ניט האַלטען! ער װעט אין גיכען פּלאַצען, צום מולד מ ; ז ער פּלאַצען...

— יאָ, פּלאַצען װעט ער! װיל פֿרײדע ניט אײנשטימען — ער קען נאָך האַלטען און האַלטען

אײגענטליך האָפֿט פֿרײדע אױך, אַז דער פֿראָסט װעט אין גיכען פּלאַצען; טאָמער אָבער, אַ קשיא אױף אַ מעשה, װעט דער אױבערשטער קײן רחמנות ניט האָבען און ער װעט נאָך יאָ האַלטען, װײל זי זיך שױן צוגעװאָהנט צום טרױעריגען גע־דאַנק.

אין שטיבעל װערט װידער שטיל, עס הערט זיך נאָר דאָס קנאַקען פֿון פֿראָסט. חײם קוקט צום קאַלטען אױװען, נעבען װעלכען עס שטעהט אַ קלײן־אינגעלע, דאָס מוזיניקעל.

— װאו ביזט דו, בערעלע? — פֿרעגט דער טאַטע.

— איך שטעה בײם אױװען — קלינגט אױס אַ הײזעריג־קינדעריש קול׳כעל.

— בײם אױװען? — פֿרעגט איבער חײם, װי ער װאָלט זיך בעלעקט נו, װאָס? עפּעס אַ װאַרעמער אױװען?

— א י י ן שטיקעלע נאָר, אין מיטען, איז װאַרעם... — אָט דאָ בײם פּלײצע...

דער טאַטע הויבט זיך אויף פון טיש, שטעלט זיך אויף און קוקט דאַרשטיג אין יענער זייט וואו דער אויוועז שטעהט.

— דיר איז קאַלט, טאַטע? — פרעגט דאָס קינד — נעה וואַרעם זיך!

— ניין, — זאָגט דער טאַטע פערשעמט ווערענדיג — איך וויל נאָר זעהן, צי עס איז וואַרעם...

ער מאַכט א טריט נעהנטער, ביז ער געהט צו צום אויוועלע, טאַפּט אָן דאָס שטיקעלע וואַרעמע אָרט און רעדט ארויס מיט התפעלות:

— טאַקע וואַרעם... וואָס זאָגט איהר דערצו?... אויב דו ווילסט, מיין זוהן, לאָז דער מאַמען זיך אביסעל אָנוואַרעמען.

— איך בין דיר מוחל! — ענטפערט פריידע בייז, ווי זי טהוט אלע מאָל, ווען חיים איז גוט צו איהר — איך בין דיר מוחל, איך ווער ניט דערפרוירען.

— גערה, מאַמע, גערה! — לעגט בערעלע פּאַר דאָס אָרט.

— שטעה מיין זוהן שטעה. דיר איז נעבעך קאַלט.

חיים געהט אוועק אומעטיג צום טיש און לאָזט ארויס א טיעפען זיפץ צוזאַמען מיט א קאַלטער פּאַרע פון מויל...

* * *

אין א שעה ארום איז דאָס קינד שלאָפען געגאַנגען. פריידע איז ארויס ערגעץ צו א שכנה, וועגען א טעפּעל און חיים האָט זיך מיט אַן אימפּעט צוגעהאַפט צום אויוועז. ער האָט געטאַפּט, געטאַפּט מיט די פערפרוירענע פינגער, געזוכט דאָס שטיקעלע וואַרעמע אָרט, נאָר ער האָט איהם שוין ניט געפונען. דאָס אויוועלע איז שוין געווען אינגאַנצען קאַלט, ווי אייז..

— שוין ק א א ל ט!... — האָט ער פערצווייפעלט ארויסגערעדט, וואַרפענדיג א צומישטען בליק אויף די פערפרוירענע פענסטער...

איוב

ער האָט געהייסען חיים דער מלמד און זיין „צונעמעניש“ איז געוועזען איוב.

זיין ווייב איז געוועזען א שטענדיגע קראנקע; איהר הוסט פלעגט זיך הערען, ווי אן אבקלאנג פון א לעדיגען פאס. ווען אן אומבעקאנטער, פרישער מענש זאל אמאָל שטעהן דערביי, ווען זי פערהוסט זיך, וואָלט ער זיך זיכער דערשראקען און וואָלט געמיינט, אז אָט, אָט עקט זיך איהר שוין דאָס לעבען, אָבער חיים אליין פלעגט גאנץ רוהיג און קאלט־בלוטיג אויס־הערען איהר „הארץ־מוזיק“: ער איז שוין געוועזען געניט — זינט ער געדענקט הוסט זי אזוי און נאָכ׳ן אויסהוסטען זיך ווערט זי וויעדער „געזונד“ און האָט נאָך גענוג כח צו שרייען און צו שעלטען, ווען ער ברענגט איהר קיין געלד ניט אויף דער הוצאה.

ער אליין איז אפילו אויך א „חלוש“, ווי ער דריקט זיך אליין אויס; נאָר א מאנסביל איז ניט קיין אידענע — איז דאָס ניט אזוי קענטיג, אגב האָט ער צו זיין הוסט א רפואה: די ליולקע... „די ליולקע — זאָגט ער — צעשלאָגט מיר די ליחות און איך ווער גענעזען“...

א קראנקער טאטע, א קראנקע מוטער, — זיינען די קינ־דער אודאי קראנק; נאָר די הויפט חולה איז די עלטערע טאָכ־

טער, געלע, א הויכע, א דארע, דאָס פּנים איהרם איז ווי א וואקס און די אויגען זיינען מיט א טויטען טרויער פערצווי־גען. אויף דער טאָכטער איז חיים אליין מודה, אז זי איז ניט „אין גאנצען“ און האָטש ער גלויבט ניט אין „חכמת הרפואה“, דאָך זיפצט ער אמאָל אונטער, קוקענדיג אויף איהר טויטען גע־זיכט: „געלע האָט טאקע בעדארפט האָבען א דאָקטאר“!.. נאָר דאָס זאָגט ער סתם אין דער וועלט אריין, פּונקט ווי ער זאָגט אמאָל, ווען עס איז ניטאָ קיין ברויט אין שטוב: איצט האָט מען געדארפט האָבען אין שטוב א דריירובעלדיגע...

אזעלכע „גוזמאות“ פלעגען ארויסרופען א ביטערן שמייכעל ביי די הויזיגע און דאָס ווייב, אויב זי פלעגט אין דער מינוט ניט פערהוסטען זיך, פלעגט זיך צעבייזערן:

— ער הויבט שוין אָן זיינע חכמה׳לעך!... עס איז גאָר ניט אזוי פרעהליך אויפ׳ן הארצען...

תלמידים האָט ער געהאט אכט — אלע אָרעמע קינדער. די רייכע עלטערן האָבען איהם זייערע קינדער ניט געוואָלט אבגעבען, אויס מורא, זיי זאָלען זיך ניט „אָנשטעקען“, און אזוי איז חיים זיין גאנצ׳ן־לעבען אין א רייכען הויז ניט אריינגעגאנגען און האָט שטענדיג פאר זיינע אויגען געזעהן נאָר אָרעמ־קייט, דחקות און קראנקהייט!...

— דאָס לעבען איז ניט ווערטה קיין ביטערע ציבע־לע! פלעגט ער אָפט זאגען פאר זיין איינציגען נאָהנטען מענ־שען — פאר׳ן פּרוש פון בית־המדרש, מיט וועלכען ער פלעג־ליעב האָבען ארייגלאָזען זיך אמאָל אין א שמועס וועגען הויכ־ענינים. פאר דעם זעלבען פּרוש האָט ער אמאָל אויסדערצעהלט זיין גאנצען לעבען, ווי אזוי ער האָט זיך צו 12 יאָהר אוועקגע־לאָזט אין ישיבות „לערנען“, ווי אזוי ער האָט זיך געוואַלגערט אין אלערליי קלייזלעך, געשלאָפען אויף הארטע בענק און געלי־טען הונגער, קעלט און קלעפּ, אומזיסטע ניט־פערדיענטע קלעפּ...

— עס, האָט ער אויסגעלאָזט זיין לעבענס בעשרייבונג— ס'איז דאָס גאנצע לעבען א נארישקייט, הבל הבלים!... און צייט איך בין שוין פאר זיך א בעל־הבית מיינט איהר לעב איך? פרעגט מיך ווען האָב איך פון נאָך מיין חתונה אָן אכּאָל זאָט אָבגעגעסען — וועל איך ניט געדענקען... היינט מיין דירה... איהר זענט ווען ביי מיר געוועזן?...

זיין דירה איז געווען אין א „זעמליאנקע“: דאָרט האָט ער זיך געגעצט און געפּרוּוירען צייט נאָך דער חתונה. אלע נאָך סוכות אפילו בעשליעסט ער זיך פעסט ארויסציהען פון דעם „קבר“, אבער נאָכ'ן פעסטען בעשלוס דערמאָהנט ער זיך אָן זיינע „מעבעל“ און ער האָט זיך מורא צו ריהרען פון אָרט מיט זיי: ווען מען זאָל די צוויי בעטען, דעם טיש און דעם קאסטען ריהרען פון אָרט וועלען זיי גלייך צעפאלען אויף שטיקלעך. „די סברא איז מחייב, אז זיי וועלען צעפאלען — פלעגט ער אויסווייזען זיין ווייב — פערשטעהסטו מיך, האַלץ, אז עס נעצט זיך צוואנציג יאָהר מוז צעפוילט ווערען.. דאָס האָט שוין אזא טבע“...

זיין לעבען וואָלט קיין ביטערע ציבעלע אויך ניט ווערטה געוועזען ווען ער וואָלט ניט געהאט קיין צוויי תענוגים, וואָס ער האָט זיי געקענט גרייכען...

דער ערשטער תענוג איז די ליולקע. אלע וואָך געהט ביי איהם אוועק א פעקעל מאחאָרקע פאר אכט גראשען; דאָס איז ביי איהם א מין שכרות רחמנה ליצלן, און דאָס ווייב וואָרפט איהם טאקי פאָר: דו פער'שכורסט אויף דער ליולקע דיין גאנצע פרנסה. ער פיהלט אליין, אז די ליולקע איז ביי איהם טאקע א מין כשוף: עס האָט איהם אמאָל ביי נאכט פערפעהלט אין ליולקע אביסעל מאחאָרקע האָט ער געמיינט, אז ער ווערט משוגע און צו א גוי א שכן איז ער אריין בעטען לייהען אביסעל מאחאָרקע... ער זאָגט, אז דער רויך, אויסער וואס ער צושלאָגט איהם די ליחות, צעשלאָגט איהם אויך די רעיונות... און רעיונות

האָט ער זעהר שווערע. ער קלעהרט וועגען גאָט, וועגען זיין „השגחה", „מדוע דרך רשעים צלחה" און דער גוטער מענש. דער עהרליכער מאן ווערט אזוי אויסגעריסען, ליידט אזוי פיעל!... קלעהרענדיג אזוי פאלט ער אמאָל אריין אין ספקות, אין מוח גיט איהם א קלאַפּ, ווי מיט א האמער, א פראזע פון אן אפיקורס: עס איז אלין על פי דרך הטבע און עס איז שוין ניטאָ קיין קשיות... ביי דעם רעיון פערלירט ער זיך אין גאנצען, אין קאָפּ הויבט זיך אָן מישען, אין די אויגען פינטעלט... ער מאכט מיט די הענד, ווי ער וואָלט זיך געראנגעלט מיט עמי־צען, טרייבט די בייזע געדאנקען און... פערדרויבערט די ליולקע, און גלייך מיט'ן ערשטען רינגעלע רויך פון דער ליולקע פער־שווינדען די מחשבות זרות, די נשמה בערוהיגט זיך און ער פיהלט, אז ער ווערט ווידער א מענש, ווי גאָט האָט געבאָטען...

דער צווייטער תענוג זיינער איז צו לערנען מיט זיינע תלמידים „איוב" און דאָס אין זיין העכסטעם, ערהאָבענסטעם פערגעניגען, זיין ליכטיגער גן־עדן אין דעם פינסטערן גהינום...

ווען אָנהויב זמן קומט צו איהם אָן א נייער תלמיד אין חדר אריין, פרעגט איהם חיים די ערשטע זאַך:

— וואו האלטסטו שוין, אינגעלע, אין תנ"ך?

— ישעיהו, — ענטפערט דער נייער תלמיד.

— און ביי מיר וועסטו אָנהויבען „איוב"... פערשטעהסט. איוב... א פיינער תנ"ך איוב... גאָר א פיינער...

דאָס אינגעלע דערשרעקט זיך לכתחילה; ער האָט געהערט פון עלטערע אינגלעך, חברים, אז דאָס שווערסטע פון תנ"ך איז איוב און היים־„איוב" „רעדט אויס" דאָרט זעהר א סך. ווי אָבער עס קומט צום לערנען פערלירט זיך דעם אינגעלס שרעק; אנשטאָט שרעק נעהמט איהם דורך אַ געפיהל פון א זיסען טרויער, פון רחמנות אויף איוב'ן און אויף דעם רבי'ן, וואָס ווייזט אויס, לערנענדיג, ווי איוב אליין!... דעם ערשטען קאַ־פּיטעל לערנט דורך חיים איילענדיג, אזוי ווי אן הקדמה, וואָס

איז עפּעס ניט אזוי נויטהיג. איוב׳ס עשירות, איוב׳ס הצלחה אין די ערשטע יאָהרען ווייזען איהם אויס, ווי א ניט געשטוי־גענע, ניט געפלויגענע מעשה, ווי א בייקע, וואס עס קאָן גאָר קיינמאָל ניט טרעפען... ווי ער קומט אבער צום שטן, צו איוב׳ס יסורים, ווי אזוי איוב קראצט זיך מיט א שארבען, דאמאָלס געהט ערשט חיים אריין אין זיין אמת׳ער ראָליע און אין א פלאם־פייערדיגע התלהבות געהט ער אריין אין קאפּיטעל ג׳:

— אחר כן פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו — און חיים טייטשט עס אב מיט געפיהל: און נאָך דעם האָט איוב גע־עפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוי־רען...

און אָט אזוי צעבייזערט ער זיך און לערנט א פּסוק נאָך א פּסוק. זיין טרויעריג הייזעריגער ניגון גיעסט זיך, גיעסט זיך און פילט אָן דעם ענגען חדר מיט שוידערהאפטע קלאנגען, מיט „קלאָג־ליעדער" אויף דעם קראנקען אָרעמען לעבען, אויף דעם אייביגען צער און וועהטאָג... חיים׳ען ארט ניט בשעת לערנען, צי די תלמידים זאָגען־נאָך גוט, צי מיט גרייזען, — עס דאכט זיך, אז ער איז גאָר קיין מלמד ניט: דאָס לערנט ער גאָר איוב פאר זיך... און ער קלאָגט און יאָמערט, בייזערט זיך און פּראָ־טעסטירט... ער לערנט א קאפּיטעל נאָך א קאפּיטעל; ער הערט אויס קאלטבלוטיג די טרייסט־רעדער פון איוב׳ס גוטען פריינד אליפז התימני, וואס איז איהם געקומען דולען א קאָפּ מיט זיינע נארישע נחמות, און ענטפערט ווידער בייז, קרעכצענדיג, פּראָטעסטירענדיג.....

אזוי לערנט ער אָב עטליכע קאפּיטלעך, ביז ער ווערט מיעד. די זיסקייט פון ניגון, דאָס טיעפע געפיהל, נעמט איהם דאָס חיות ארויס.

ער רוהט זיך אב, פערדרויכערט די ליולקע און פערטראכט זיך... און ארויסלאָזענדיג געדיכטע שטיקער רויך פון מויל געהט דורך אין זיין מוח זיין גאנץ ביטער־פערשאָלטען־לעבען.

דאָס ווייב איז קראנק, די קינדער קראנק, פיער, פינף קינדער (ער געדענקט שוין אליין ניט) זיינען פאר קעלט און הונגער אויסגעגאנגען, שוין לאנג... ער אליין קוים וואָס ער לעבט, די ברוסט טהוט איהם אזוי וועה, די ביינער דאַרען שוין, האָבען שוין קיין זאפט ניט... א טיעפער טרויער געהמט דורך זיין קראנקע נשמה, שרייען ווילט זיך איהם, שרייען און שעלטען אזא לעבען...

און ער הויבט אָן אויף דאָס נייע איבערצו׳חזר׳ן פון קאַפּיטעל ג׳: אחר כן פתח איוב את פיהו ויקלל את יומו, און נאָך דעם האָט איוב געעפענט זיין מויל און האָט געשאָלטען דעם טאָג פון זיין געבוירען!...

צוריק אויף דער שטעל

דריי יאָהר איז יענקעל ליעבערמאַן געווען אין וואַרשוי; אין זיין שטעדטעל האָט מען איהם כמעט שוין פערגעסען. נאָהנטע בעקאַנטע האָבען נאָר געוואוסט, אז ער איז אין וואַרשוי און לויט ווי מען זאָגט „מאכט" ער דאָרטען גאַנץ גוט.

אָט איז ער געקומען א היים צו זיינע עלטערן, אָרעמע בעלי־בתים אין א קליין שטעדטעל.

— איז וואָס מאכסטו פאָרט? — האָט איהם געפרעגט דער טאַטע, אז ער האָט זיך בערוהיגט אביסעל נאָך זיין זוהן'ס פּלוצליכען קומען.

— ניש־קשה... — האָט זיך יענקיל געשטאַרקט מיט שטאָלץ צו ענטפערן — גאַנץ גוט!...

דער טאַטע האָט אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען און יענקלען האָט זיך געדאַכט, אז דער טאַטע ווייס שוין אלץ, אז דער טאַטע קלערט: אי, ביזטו א גאַרנישט! און יענקעל האָט געפיהלט, אז אויב ער וועט ניט אַנרעדען עטליכע שטאַרק'ע ליגענס, וועט ער זיין זעהר ניט קיין שעהנער גאַסט, וועט דער טאַטע איהם זאָגען מיט א שמייכעלע פון א חכם: „וואָס האָב איך דיר פאַר דריי יאָהרען געזאָגט? — פאָהר ניט! סדנא דאַרעא חד הוא, אומעטום איז תהו ובהו, אומעטום זיינען גע־שעפטען אין דער ערד, וואָס איז מיר וואַרשוי, וואוהין

פליהסטו״? און איידער צו הערען די ווערטער פון טאטען איז יענקלען ליעבער דער טויט און ער הויבט אן, נאך דעם טאַ־טענס אלערליי שאלות, געמאכטערהייט זיך צו היטצען:

— עט, טאטינקע...? וואס דערצעהלט מען דיר און ווי דער־צעהלט מען דיר, עס איז דאך ווארשוי... פערשטעהסטו מיך, עס איז דאך ווארשוי... דארטען איז...

און יענקעל וויל פארשטעלען וואס ווארשוי איז, ווי גליק־ליך מען איז, אז מען פאלט אריין אהין: בולווארען, טעא־טערן, גערטנער, קאנדיטארייען, קארעטען, ווי אזוי מען לעבט דארטען א גוטען טאג... נאר די נאוואליפיע גאס מיט זיין פינסטערן צימער׳ל, וואו ער האט געוואהנט, לויפט איהם דורך פאר זיינע אויגען און די צונג קען זיך ניט קערעווען אויסצורעדען ווייטער א ווארט...

— נו, דערצעהל, דערצעהל! — טרייבט איהם דער טאַ־טע.

נאר יענקעל שטאמעלט נאך א פאר ניט דייטליכע ווער־טער און ווערט ענדליך ענטשוויעגען.

די מוטער שטעהט אין א ווינקעל און בעטראכט איהר יענקלען מיט אומעטיגע בליקען. עפעס געפעלט איהר ניט זיין גאנצער הילוך: דער הוט איז משונה הויך און ערטערווייז צובויגען, דער סורדוט הענגט אויף איהם ווי ניט פאר איהם גענעהט... איהר ווילט זיך זעהר פרעגען איהם, צי איז אין ווארשוי בילינ אלטע קליידער? זי פיהלט אבער, אז דער זוהן קען זיך דערפון בעליידיגען און ניט־ווילענדיג רייסט זיך ביי איהר ארויס נאר א בעמערקונג:

— יענקעל איז געבעך חשך, ווי די ערד!...

— א מת... — פעררריכט דער טאטע.

יענקעל ווערט פון די בעמערקונגען נאך מעהר חשך. די אויגען ווערען איינגעגראבענער. צום אנפאנג פערליערט ער זיך, נאר באלד ענטפערט ער:

— דאָס איז פון דער רייזע. דריי טעג אז מען פאָהרט אין ענגשאפט — א קליינינקייט ווארשוי — א וועלט פאָהרט!..

— ס'טייטש, פון ווארשוי געדויערט דאָך נאָר א טאָג דאָס פאָהרען? — בעמערקט דער טאַטע פערוואונדערט.

יענקעל ווערט רויט, אין קאָפּ גיט איהם אַ קלאַפּ: מיאוס אריינגעפאלען! עס געלינגט איהם אבער גלייך צו פערבעסערן:

— יאָ, דאָס פאָהרען געדויערט טאַקע נאָר איין טאָג, אבער דאָס צוקלויבען זיך...

אין שטיבעל ווערט שטיל. אלע פיהלען זיך ווי פערשול־דיגט, ווי זיי וואָלטען א מיאוסע זינד בעגאנגען, וואָס איינער וויים פון דעם צווייטען און מען שעמט זיך אויפצוהויבען די אויגען איינע אויף די אנדערע.

— בתי מדרשים זיינען דאָרטען פאַרהאן עפּעס א סך?

— פרעגט פּלוצים דער טאַטע, ווי ער וואָלט וועלען צעשטערען די שטילקייט, וואָס דריקט אזוי.

יענקעל ווערט פרעהליכער און שטאָלצער. דאָ וועט ער קענען רעדען דעם ריינעם אמת און איהם זאָל עס ניט שאַ־דען... ער גלייכט זיך אוים, מאכט א טריט צום טאַטען נעהנ־טער און צעהיצט זיך:

די מעשה איז אזוי... שוהלען איז דאָרטען א סך פאר־האן... א קליינינקייט ווארשוי! נאָר זייערע שוהלען זיינען ניט ווי ביי אונז. ביי זיי איז „שטיבלעך“, חסידישע שטיבלעך: דאָרטען זיינען דורכאוים חסידים, משוגעים, ממש משוגעים! געהען אין לאנגע קאפּאָטעס, אין שטריימלעך און אין גארט־לען.

און יענקעל רעדט א סך; ער דערצעהלט, ווי אזוי מען רעדט דאָרטען און ברענגט לדוגמא א פּאָר ווערטער: „ענקער“, „יאך“, „סארנע“, „עטע“: ער דערפיהלט אבער ענדליך, אז דער טאַטע הערט גאָר ניט, אז דער טאַטע וויל נאָר וויסען דעם עיקר, צי האָט ער פערדיענט דאָרטען געלד, צי האָט ער געבראכט

געלד און וועגען די בתי מדרשים, די חסידים און וועגען דאָר־
טיגען לשון איז א שפּעטעריגע זאָרג...

נאָר רעדען וועגען זיך אליין האָט יענקעל ווי מורא, און אין שטיבעל ווערט ווידער שטיל... אלע פיהלען זיך ניט גוט, נאָר ערגער פאַר אלעמען פיהלט זיך די מוטער. זי וואָלט וועלען צו־געהן צו יענקלען גאָר נאָהנט, אריינקוקען איהם טיעף אין די אויגען און פרעגען: וואָס מאכסטו? דערצעהל! זי מערקט אָבער אז יענקעל בעהאלט זיך עפּעס, וויל עפּעס ניט אויסזאָ־גען; און איהר מוטערליך הארץ שרעקט זיך: פערשיעדענע מיאוסע פּרנסות אין א גרויסער שטאָדט לויפען איהר דורך אין קאָפּ; און קוקענדיג לאנג אויף יענקעל'ס משונה'דיגען הוט דאכט זיך איהר, אז ער איז געוועזן דאָרטען א קאַטערינטשיק...

אויף מאָרגען, נאָכ'ן אָרעמען פריהשטיק, איז יענקעל ארויסגעגאַנגען אין גאַס, און געהענדיג האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. צי זאָל ער פערשפּילען דעם פּאַלטאָ און דער ראָק זאָל זיך ניט זעהן, אָדער פערקעהרט; ער האָט ניט געקענט משער זיין, וואָס קומט אויס מעהר ניי — דער ראָק, צי דער פּאַלטאָ. ער האָט זיך פערשפּילעט און אָבגעשפּילעט, ווייטער פערשפּילעט און ווידער אָבגעשפּילעט, ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ביידע, סיי דער ראָק, סיי דער פּאַלטאָ זעהען אויס אלט און אָבגעטראָגען און ער זעהט אין זיי אויס ווי אַן אָרעמער פראַנט, וואָס ווערט אזוי אויסגעלאכט ביי זיי אין שטעדטעל. דעם גאַנצען וועג האָט ער אויף זיך געבעס'ט דערפאַר, וואָס ער איז געקומען אהיים אין אזוינע בגדים און אז דער שווארץ יאָהר האָט איהם שוין אהער געטראָגען. טאָ וואָס איז ער אזוי שוואך און קען ניט גובר זיין זיך אליין: ער ווייס דאכט זיך גאַנץ גוט, אז אָרעמקייט איז קיין שאנד ניט,— פערקעהרט א כבוד! אלע עהרליכע מענשען זיינען אָרעם. ער האָט זיך ניט געוואלט פערקויפען פאַר געלד, און דאָך ווי געפּי־

איז ער און קנייפּט די באַקען מען זאָל מיינען, אַז ער האָט יאַרטען גליקליך געלעבט. וואָס טהוט ער דאָס? צוליעב וואָס?
און געהענדיג אזוי און זידלענדיג זיך אליין, האָט ער דער־זעהן, ווי קעגען איהם געהט פעררויסען דעם קאָפּ אַ ל י ה ל י י ב ע ס אַ „בעל־הבתישער בחור“ זיינער אַן אמאָליגער הבר. יענקעל האָט איהם אלע מאָל פיינד געהאַט פאַר זיין פּוסטקייט, פאַר זיין נאַרישען פּראַנטעווען, און דערזעהענדיג איהם איצטער אין אַ נייעם שוואַרצען הוט, אין אַ שוואַרצען פּאַלטאָ, האָט ער צו איהם נאָך מעהר פעראַכטונג געשפּירט און ער האָט איהם געוואָלט אויסווייכען, נאָר יענער האָט איהם גלייך בעמערקט, האָט איהם אָבגעשטעלט און אויסשטרעקענדיג איהם די האַנד, האָט ער פרעהליך אויסגעשריען:
— אַ סאַר אַ גאַסט! יענקעל, וואָס מאַכסטו?
נאָכהער האָט ער יענקלען בעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט אָבשאַצען, וויפיעל ער איז ווערט. און דערזעהענדיג, אַז די בגדים זיינען אַלט און יענקעל אליין איז הושך, האָט ער איהם טיעף אין די אויגען, ווי אַ „סלעדאָוואַ־טיעל“ אריינגעקוקט און ניט ערוואַרטענדיג פון יענקלען קיין ענטפער, האָט ער מיט אַ רחמנות־פּנים אליין געענטפערט:
—אַ פּנים ניט אזוי גוט... הא?...
יענקעל איז רויט געוואָרען, ער האָט זיך דאָך געשטאַרקט צו ענטפערן:
— נ נ נ... ניש־קשה... גאַנץ גוט!...
דער חבר האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געזאָגט: עפּעס ניט קענטיג, און ער האָט ווייטער גע־פרעגט:
— זאָג מיר, גוטער ברודער. וואָס טהוסטו דאָרטען?
— „אי, זאָל ער ליעגען אין דר׳ערד“, האָט יענקעל אין האַרצען געשאָלטען און האָט קויב, צווישען די ציינהגער, אַרויס־געזאָגט:

-- אין א פאבריק פון היט.

— ווי קומסטו אהין? — האָט דער חבר מיט פאַרשעגדע בליקען געפרעגט. — יענקיל האָט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און האָט צורייצט געענטפערט:

—איך קום! וואָס מאכט עס אוים ווי אזוי.

דער חבר איז געבליעבען שטעהן, ניט געפינענדיג מעהר קיין ווערטער. ער האָט נאָר א קוק געגעבען אויף יענקעל'ס פאַלטאָ, נאכהער אויף זיין אייגענעם. אין מח צוגעגלייכט וועלכער איז בעסער, א שמייכעל געטהאָן, און שמייכלענדיג צופריעדען, האָט ער יענקל'ען אויסגעצויגען די האנד און קאלט געזאָגט:

— א גוטען! מיר וועלען זיך נאָך זעהן!...

— אדיע, אדיע! — האָט יענקעל הכנעהדיג זיך פערנייגט און פרייער אָבגעאָטהעמט...

וויפיעל בעקאנטע יענקעל האָט דעם טאָג ניט בעגעגענט האָט ער יעדערן אויף זיין פראגע, וואָס מאכסטו? גענטפערט:

— „ניש-קשה... גאנץ גוט“. און פאר יעדער'ן א בעזונדער ליגען אויסגעקלערט.

— נו, אביסעל ליגענס פאר א טאָג אָנגעזאָגט! — האָט ער צוריקגעהענדיג געטראכט — פוי, האָט ער אויסגעשפּיעט, דערמאָהנענדיג זיך, ווי פאר איינעם האָט ער זיך אזוי צעהיצט מיט זיין גליקליכקייט דאָרטען, אז ער האָט זיך ארויסגעכאפּט, אז ער איז דאָרט בוכהאלטער ביים גרעסטען גביר ישעיהו קאָטלאָווער. צום אונגליק האָט יענער געהערט פון דעם ישעיה קאָטלאָווער, אז ער לאָזט צו זיך קיין ליטוואק אויפ'ן שוועל ניט ארויף... „ווי מיאוס, ווי מיאוס!“

האָט איהם נעקלאַפּט אין קאָפּ — „איך קען אפילו קיין גלאַטען ליגען ניט זאָגען!“...

און געהענדיג האָט ער זיך געפּיהלט ווי שווערע שטיינער וואָלטען זיין הארץ צופּרעסען. איהם האָט זיך געוואָלט געפּינען האָטש איין מענשען און דערצעהלען איהם דעם אמת, אז ער האָט דאָרט קיין שטעלע גאָר קיינמאָל ניט געהאַט, אז ער האָט די גאַנצע דריי יאָהר זעהר שלעכט געלעבט, אז ער האָט דאָרט געהונגערט און געפראָרען, ניט געהאַט צייטענווייס וואו צו נעכטיגען און פלעגט בלאָנזשען דאָן א גאַנצע נאַכט איבער די גרויסע לאַנגע גאַסען... אז פאר די דריי יאָהר איז ער אפילו איינמאָל אין טעאַטער ניט געווען, אפילו אין גאָרטען ניט, ווען די מוזיק פלעגט שפּיעלען און מען פלעגט דאַרפען צאָהלען פאר'ן ארייננאַנג; אז דאָרטען זיינען פאַרהאַן א סך אַזעלכע, ווי ער, און מיט זיי פלעגט ער זיך געפינען און צוזאַמען ליידען, טהיילען זיך מיט'ן לעצטען ביסען... אז ער האָט אזוי פיעל צרות צו דערצעהלען! ער האָט זיך אזוי פיעל אָנגעזעהן — נוים, הונגער, עלענד!... נאָר ווי אזוי דערצעהלט מען דאָס? יעדער, וואָס פרעגט איהם: וואָס מאַכסטו, ווי לעבסטו? דאַכט זיך איהם, ווייל הערען נאָר א גוטען ענטפער, אז ער לעבט דאָרטען גליקליך, ניט חלילה פאר גוטע פריינדשאַפט ווענען, נאָר ווייל מים א גליקליכען מענשען איז פרעהליכער צו רעדען, ליעבער צו פערברענגען און אן אונגליקליכער מענש אַרט קיינעם ניט און איז קיינעם ניט אינטערעסאַנט, אפילו די אייגענע טאַטע־מאַמען ניט...

און קלערענדיג אזוי איז ער אין כעס געוואָרען: אין כעס געוואָרען אויף זיך, אויף די בעקאַנטע און אויף די עלטערן, וואָס האָבען איהם נעפּרעגט וועגען זיין לעבען. „וואָס ווילען זיי פון איהם, וואָס איז זייער דאגה?... און פאר כעס האָט ער זיך בעשלאָסען צו דערצעהלען פון היינט אָן דעם אמת.

וואָס האָט ער זיך וואָס צו שעמען? ער וועט אלץ דער־

צעהלען! ער וועט זאָגען, ווי דער טאַטע האָט איהם טאקע אמאָל געזאָגט: אז „סדנא דארעא חד הוא“ אז אומעטום איז תהו ובהו, נויט, דלות, עלענד; אז אומעטום זיינען די שלעכטע רייך און גליקליך, און די גוטע — אָרעם און אומגליקליך.... אז ער וועט שוין צוריק ניט פאָהרען — ער וועט בלייבען דאָ און וועט שלום ווערען מיט'ן לעבען און רוהיג טראגען דעם יאָך פון אָרעמקייט... עס וועט פון איהם א בארג אראָב!...

אז ער איז אָבער אהיים געקומען און דער טאַטע האָט איהם נאָך א לאנגען שווייגען געפרעגט: „נו, וואָס קלערסטו, יענקעל, דו בלייבסט שוין אפשר א היגער? — האָט ער גלייך ניט געקלערטערהייט, ווי ארויסגעריסען די ווערטער פון מויל:

— ניין, איך פאָהר צוריק אויף דער שטעלע... אין וואר־שוי...

און אין קאָפּ האָט איהם געקלאפּט און דאָס הארץ האָט אין איהם געוויינט, און א קול האָט אין איהם געשריען:

— גמוואלד, וואָס שעהם איך מיך? וואָס דערצעהל איך ניט דעם אמת? חאָטש פאר א י י ן מענשען, חאָטש פאר'ן איינענעם טאַטען?...

די חברה כּלי־זמר

די חברה כלי־זמר אין׳ם שטעדטעלע ביעלינאָוקע האָט געהאַט זעהר ניט קיין שעהנעם „נאָמען“, און א שטעדטעלשער בעל־הבית פלעגט צו זיי נאָר אָנקומען אין אן עת צרה, ד. ה. ווען ער פלעגט חתונה מאכען א טאָכטער. איז אויך ניט צו אבי וועמען פון דער חברה, נאָר צו לייזער דעם צימבלער — שוין א מענש אין די יאָהרען מיט א ווייסליכער באָרד, וואס האָט איהם צוגעגעבען אן אויסזעהן פון א געזעצטען אידען... די איבריגע פון דער „קאפּעליע“ זיינען אלע געווען יונגע־חברה און האָבען זיך געפיהרט אזוי, אז די שטעדטעלשע בעלי־בתים האָבען מיט די שטרענגסטע אזהרות פערבאָטען זייערע קינדער צו האָבען מיט זיי חלילה א מגע ומשא. די כלי־זמר האָבען אלע נעשטאַמט פון זעהר נידריגען שטאַנד. בערעל דער ערשטער פידלער, למשל, אן אויסגעוויקסטער בחור אין א שווארצען האַר־טען קראגען, וואָס האָט שטאַלץ אונטערגעשפּארט זיין לאנגען נאָרגעל,—איז געווען יענקעל דעם טשעסלער׳ס א זוהן און יענ־קעל דער טשעסלער, ווייסט א מינדסט־קינד אין שטעדטעל, בויט קייזער און שלעפּט די שווערע בריוסעם, ווי אן אמת׳ער גוי... אוודאי איז דאָס ניט קיין גרויסער יחוס... לוי, דער צווייטער פידלער, א הויכער און א דאַרער בחור אין א בלאַה העמדעל, פערנאַרטעלט מיט א רויטען שנור, איז נעווען חיים־לייב דעם

שניידערס א זוהן, און חיים־לייב דער שניידער, ווייסט א מינדסט קינד, אז ער נעהמט קליידער אפילו פאר פראסטע גוים און שעמט זיך ניט אראבנעהמען א מאס פון א שיקסע... גרונם באס איז געווען חנן דעם בעדער'ס א זוהן און חנן דער בעדער האלט שוין 20 יאהר די באד און ער האט שוין פערגעסען דעם טעם פון א שבת'דיגער שלישי און פון א רעכטען פסוק אין אתה הראית...

אהרציק קלארענטיסט האט נעהאט א טאטען, וואס איז נאר מיאוס אויפ'ן מויל ארויפצוברענגען — אן ערדגרעבער און א מאמען — א וועשעריין, וואס פלעגט זיך ניט שעמען שלעפען דעם גרויסען פאק גרעט סיי זומער, סיי ווינטער צום טייך און נאכדעם פאנאנדער טראגען עם די שעהנע בעלי הבית'טעס, וועלכע פלעגען אליין, פערשטעהט זיך, ניט וואשען קיין גרעט.

אויסער וואס די חברה כלי־זמר האבען געשטאמט פון אזוינע נידריגע עלטערן, זיינען זיי אליין געווען אהן א ברעקעל שטאט און דרך־ארץ, האבען ניט געמאכט קיין חילוק פון עלטער ביז יונגער, פון ארעם ביז רייך... זיי זיינען געווען גרויסע עזות־פנים'ער, נבול־פה'ניקעס, וואס אויפ'ן לונג, דאס אויפ'ן צונג; דערצו פלעגען זיי אין די לעדיגע צייט, ווי ספירה, דריי וואכען, ווען מען טאר ניט שפיעלען קיין חתונות, זיך ארומשלעפען מיט מיידלעך הינטער'ן שטעדטעל... פערשטעהט זיך, די מיידלעך זיינען אויך ניט געווען בעסער פון זיי און פון קיין שעהנערע יחוס האבען זיי אויך ניט געשטאמט. יענקעל דעם וואוכערניקס טאכטער, צי לייבע, פון בקור חולים, דעם נאמן'ס טאכטער, וועט מיט זיי אודאי ניט ארומשפאציערען. איבערהויפט האט זיך די חברה כלי־זמר ארויסגעוויעזען, ווי ניט לייטיש זי איז, אויף א חתונה: זיי פלעגען שפאטען און חוזק מאכען פון די שעהנסטע בעלי בתים, פון בעלי־בתישע זיהן און טעכטער, און גרונם באס האט גלאט ליעב געהאט אויף יעדער חתונה זאגען דעם מחותן א שטאך ווארט, וואס דאס האט אויף

כלי־זמר לשון געהייסען: ארייגלאָזען א שפּילקע: פערשטעהט זיך, אז אזא יחוס, אזא אויפפיהרונג האָט שטארק אויפגערייצט די רוהיגע סטאַטעטשנע קליינשטעדטעלדיגע בעלי־בתים און ניט אומזיסט האָט קיינער מיט זיי ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא...

בעקאנט און אפילו שטארק אויפגעטראָגען מיט זיי, איז געוועזען נאָר איינער פון שטעדטעל. דאָס איז געוועזען יאָסעל דער „שרייבער". מען דארף איהם ניט פערבייטען מיט דעם שריי־בער פון יער „דומע", וואָס איז אין שטעדטעל אויך געוועזען א איד, און איז געוועזען שטארק אָנגענומען ביי די בעלי־בתים. אָנ־גענומען אזוי, אז מען פלעגט פאר איהם אזש מורא האָבען. יאָ־סעל דער שרייבער אָבער האָט זיך נאָר בעשעפטיגט מיט לעהר־נען די שטעדטעלדיגע מיידלעך שרייבען א אידישען בריוועל, א חשבון ביז כפל און אין די הייזער וואו די ציוויליזאציע האָט שוין אריינגעשיינט, האָט ער אויך געלערנט אן אדרעס שריי־בען.

ע ר אליין איז געוועזען כמעט פון איין יחוס מיט די כלי־זמר! זיין מוטער איז געוועזען אן אָרעמע עגונה. זיין טאַטע, א שניידער, האָט נאָך אין די ערשטע יאָהרען, ווען דער פּראָס־טער עולם האָט אָנגעהויבען פאָהרען אין אמעריקע, זיך אהין אוועקגעלאָזט. לויט ווי מען האָט דערצעהלט איז ער אין דער „דריטער אמעריקע" און האָט דאָרט א דייטשקע גענומען און פון דער ווייב און זיין קינד האָט ער ניט געוואָלט הערען.

עס פערשטעהט זיך, אז יאָסעל האָט קיין גרויסע געלדער ניט פערדיענט פון זיינע שטונדען וואָס ער האָט געגעבען. דאָס רוב האָט ער געלעהרנט די אָרעמע מיידלעך און ער האָט זיך קוים דורכגעלעבט מיט זיין אָרעמער מוטער.

ער איז געוועזען פון איין וואוקס מיט די כלי־זמר, א הויכער און א דאַרער, מיט א לאנגליכע שמאָלע נאָז. זיינע שוואַר־צע אויגען זיינען איהם געוועזען טיעף אין שטערן אריינגעגראָבען

און פון דאָרט האָבען זיי געקוקט טרויעריג, פער'חלום'ט און פערטראַכט, ווי ביי אַן אמת'ן פּאָעט.

און ער האָט טאַקע לידער געשריעבען, אָדער ווי אין שטעדטעל האָט עס געהייסען: ער מאַכט לידער און דאָס האָט איהם ביי די בעלי־בתים אין די אויגען נאָך חוזק'דיגער געמאַכט.

— עס איז אַ ווילדע בריאה! האָבען זיי וועגען איהם גע־רעדט. דערפאַר אָבער האָבען די נעהטאָרינס, שניידערינס און דיענסט־מיידלעך שטאַרק געהאַלטען פון זיינע לידער און פלעגען זיי ביי דער ארבייט שטענדיג זינגען, צומאַכענדיג איי־גענע טרויעריגע מעלאָדיען... שטאַרק בעוואוסט און בעריהמט איז געווען ביי זיי דאָס ליעד פון דער ליעבע, וועלכעס זיי פלעגען זינגען מיט גרויס געפיהל, דאָס ליעד האָט זיך אָנגע־הויבען אזוי...

איך וועל געהן אַ קוק טהאָן
וואָס מיין מיר'על מאַכט,
אין דער לאַנגער, שוואַרצער,
ווינטער־נאַכט.

פערשפּרייטען זיינע לידער צווישען די מיידלעך פלעגען די „כלי־זמר", וועלכע ער פלעגט יעדעם ליעד גלייך טראַגען און פאָרלעזען, ווערענדיג דערביי דאָ רויט דאָ בלאַס פון אויפרע־גונג, וואָס וועלען „זיי" זאָגען דאַרויף. די כלי־זמר זיינען גע־ווען גוטע קריטיקער, פּאָעזיע האָבען זיי זעהר ליעב געהאַט, זיי זיינען געווען שטאַרק בעלעזען אין דער אידישער ליטעראַ־טור: מיכל גאָרדאָן, גאָלדפאַדען, בערענשטיין און אנדערע האָבען זיי געוואוסט אויף אויסענווענינג און די מעלאָדיען פלע־גען זיי אויסשפּיעלען אויף זייערע אינסטרומענטען. די חברה האָט שטאַרק געהאַלטען פון יאָסעל'ס טאַלאַנט און זיי פלעגען איהם זאָגען, אז מיט דער צייט וועט פון איהם ארויסוואַקסען אַ גרויסער לייט.

און יאָסעלס הארץ פלעגט פאַר שמחה אָנהויבען שטאַרק

קלאפּען, זייגע באַקען פּלעגען בלייך ווערען, די אויגען פּייכט און מיט א ציטעריגען קול פּלעגט ער זיך ווענדען צום ערשטען פידלער:

— בערעל, שפּיעלט עפּעס!

בערעל פּלעגט א שמייכעל טהאָן: יאָסעל'ס קוק איז אבער געווען אזוי דורכגעדרונגען מיט בקשה, אז בערעל פּלעגט ערנסט ווערען, אראבנעהמען די פידעל פון וואנט, אנשטעלען זי און פרעגען:

— וואָס זאָל איך דיר שפּיעלען, יאָסעל? וואָס ווילסטו?

— איך וויל — פלעגט יאָסעל ענטפערן, געריהרט פון בערעל'ס גוטסקייט, איך וויל עפּעס אן אומעטיגע זאַך, אויף דער גראָבער סטרונע. טהי־טהי... טהי... איהר ווייסט דאָך וואָס איך מיין.

— אויף דער גראָבער סטרונע?... טהי־טהי־טהי?... וואָס מיינט ער דאָס אזוינס? — פלעגט זיך בערעל פערטראַכטען זוכענדיג דעם ניגון אויפ'ן באַלקען.

— ער מיינט דעם וואָלאַך! — פלעגט אהרציק דער קלארנעטיסט ערקלעהרען.

— ער איז ניט קיין נאר, ער ווייסט וואָס גוט איז! — פּלעגט דער ערשטער פידלער גוטהערציג שמייכלען.

—ער איז א מבין אויף מוזיקע, פלעגט אהרציק לאכען און א קלאַפּ געבען יאָסלען איבער'ן פּלייצע.

און די גאנצע חברה כלי־זמר וועלכע פלעגט זיך ביים ערשטען פידלער פערזאמלען, אויסער דער עלטערער צימבלער, פלעגען אַנהויבען שפּיעלען, געבען קאָנצערט פאר דעם איינציגען פערעהרער אין שטעדטעל — פאר יאָסעל דעם שרייבער...

יאָסעל פלעגט אריינלאָזען די אויגען זיינע אין בערעל'ס פידעל, פון וואנען עס האָבען זיך געגאָסען ריהרענדע ווייכע טענער, תחנונים ובקשות... ער פלעגט קוקען אין די שפּאַלטען

פון פידעל אזוי ווי ער וואלט וועלען זעהן, צי זיצט דאָרטען גיט עפּעס אַ מענש און וויינט אזוי זיס...

אז די חברה פלעגט אבשפּיעלען, פלעגט יאָסעל ווערען בע־גייסטערט, פלעגט אויסשטעלען ווי פערוואונדערט די אויגען, פערטראַכטען זיך און קנייטשענדיג זיין שטערן ווי ער פלעגט זיך עפּעס דערמאהנען, פלעגט ער מיט פייער אויסשיסען:

— הערט ברידער, לאָכט זיך אויס פון זיי! פאַלגט מיך, לאַכט זיך אויס!...

— פון וועמען? — פרעגען די כלי־זמר.

—אַט פון אלע בעלי־בתים, אַט פון אלע יחסנים, אַט פון אלע רייכע! פון דאָס גאנצע שטעדטעל!... איך וועל ניט ביי־טען אייער נאָגעל אויף זיי אין גאנצען. דאָס זיינען גאָר קיין מענשען ניט! גאָר קיין מענשען ניט!! — פלעגט ער שוין העכער שרייען — דאָס זיינען חיות, מיאוסע חיות!... אוי, האָב איך זיי פיינט! טפו!

די חברה כלי־זמר פלעגען נאָך אזא „דרשה“ שמייכלען צופריעדען און אהרציק קלאַרנעטיסט, ווערט צוקאָכט אויף גלייך מיט יאָסלען, גיט אַ קלאַפּ איבער'ן טיש און שרייט אויס:

— ווי איך בין אַ כלי־זמר — ער איז גערעכט! יאָסעל! דו ביזט איינער אין שטעדטעל... זיי זיינען אלע ווילדע פּראים, כהמות! יאָלדעס!...

— ווער שטעהט אַן זיי? — רופען זיך אָן די איבריגע פון דער חברה...

— ניין! עס ברענט מיר ווי אַ פייער, שרייט אויס יאָ־סעל — מענשען זאָלען ניט האָבען קיין ברעקעל געפיהל אין קיין זאַך. אַ כלי־זמר זאָל ביי זיי זיין טריף! — פאַר וואָס, פאַר ווען?... וואס ווילען זיי פון אייך, פרעג איך, וואָס ווילען זיי? ווען ניט איהר וואָלט דאך אין שטעדטעל אַן אומעט געווען.

— לאָמיר איהם נאָך עפּעס שפּיעלען! — פלעגט אהרציק־קלאַרנעטיסט שמייכלען, קלאַפּענדיג יאָסלען איבער'ן פּלייצ־

ער איז ווערטה, ער פערשטעהט מוזיק.

— ווייל ער שרייבט ליעדער, פערשטעהט ער מוזיקע — ערקלעהרט ערנסט בערל פידלער. מוזיקע און פאעזיע איז אלץ איינס — דאס איז טענער און יענס אין ווערטער. דער וואס איז אבער א מבין, הערט אין פידעל אויך ווערטער. דאס פידעלע רעדט...

— אוי, אמת! — כאפט זיך יאסעל אן. — ביי אייך בעט זיך עפעס די פידעל: האט רחמנות, וויינט זי...

די כלי־זמר לאכען און הויבע זאן שפיעלען נאך א זאך, אן אומעטיגע, א ריהרענדע. יאסעל לאזט אראב דעם קאפ און הערט מיט גרויס געפיהל, און אז די חברה ענדיגט קאן ער זיך וויעדער ניט איינהאלטען און שרייט אויס:

— פאלגט מיר, ברידער, לאכט זיך אויס פון זיי — איהר האט נשמות און זיי ניט...

און יאסעל בלייבט שוין ביי די כלי־זמר ביז שפעט אין דער נאכט. די חברה לעגט זיך צונויף און מען שיקט נאך א ביסעל בראנפען און מען פערבייסט מיט שווארץ ברויט מיט זאלץ... נעהמענדיג אביסעל בראנפען, נאר צו די ליפען, ווערט יאסעל מוטהיגער און דרייסטער צו טהאן דאס, וואס עס ווילט זיך איהם די גאנצע צייט, זיצענדיג ביי די כלי־זמר. ער נעהמט יעדען ארום מיט גרויס ליעבשאפט און קושט יעדען שטארק, שטארק... די חברה פיהלט איהם מיט, פערשטעהט איהם, און עס ווערט ביי זיי אן אמת'ע ברידערשאפט. אהן קנאה, אהן שנאה, אהן רכילות און לשון הרע און ווען די שטעדטעלשע בעלי בתים וואלטען עס צוגעזעהן, וואלטען זיי זיך ווער ווייסט, אפשר פערטראכט און ארויסגערעדט:

— וואס וויל מען פון זיי טאקע האבען? גאנץ וואוילע מענשען, די חברה כלי־זמר, מיט יאסעל שרייבער!... גאנץ גוטע, גאנץ עהרליכע מענשען...

נאר די בעלי־בתים שלאפען שוין לאנג...

די געשיכטע פון א קראם

די קראם, וואס האט זיך געפונען אין דער מיט פון דעם פיערטען קליינעם צייל קראמען אין מארק, איז געווען געבויט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די אלע אנדערע. דער זעלבער גאניק פון דריי שטיינער, אויסגעלעגט ווי א סגל, א שטיקעל סגולה צו דער שטענדיגער בלאטע, וואס האט זיך ניט געוואלט פאר קיין פאל אין דער וועלט טריקענען. דיזעלבע אויסגעהאקטע לאך, וואס האט געהייסען „טהיר" און זיך פערמאכט ביי נאכט מיט גרויסע קונצען און געעפענט זיך מיט נאך גרעסערע; דיזעלבע שווארצע פאליצעם, וואס קיינער געדענקט ניט ווען און ווער האט זיי געמאכט, און אפילו דיזעלבע גרוים. און דאך האט די דאזיגע קראם געהאט א טרויעריגען אויסזעהן און האט געשראקען. אז מען פלעגט אריינקוקען אין דער דאזיגער קראם און דערזעהענדיג דעם קרעמער, צי די קרעמערין אינגוועניג, פלעגט זיך דאכטען, אז ניט מיט זייער גוטען ווילען זיצען זיי דא, דאס האט עפעס א ניט־גוטער זיי פער'משפט צו זיצען א צייט פאר עפעס זעהר א הארבע עבירה...

אבגעשיידט האט זי זיך פון אלע אנדערע קראמען אויך מיט איהר נאמען. אין שטעדטעל האט אלץ און יעדערער געהאט א נאמען, קראמען אבער ניט. דער נאמען פון א קראם איז געגאנגען אויפ'ן בעל הבית פון קראם. למשל: אברהם יוסף'ס

קראָם, האָבן ניטעל'ס קראָם, מאַטלע ניטעל'ס קראָם. די דאָ־זיגע קראָם אָבער האָט געהאַט אַ נאָמען — „די מזל'דינע" האָט זי געהייסן.

דאָס איז געווען אַ בייסענדיגער „סגי נהור"־לשון, אַ איראָניע, וואָס האָט אַ סך איהרע אַלטע לעבעדיגע בעלי־בתים דערמאָהנט זעהר אומעטיגע, לאַנגע טעג און נאָך אומעטיגערע, לענגערע אָווענטען...

און די „מזל'דיגע קראָם" האָט געהאַט אַ סך בעלי־בתים. ווען מען וואָלט וויסען ווי אַלט די קראָם איז, וואָלט מען בערך געקענט אויסרעכענען וויפיעל קעפּ זיינען אין איהר געווען. וויפיעל אויגען האָבען דורך איהר טהיר אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה און שיער ניט בלינד געוואָרען קוקענדיג און שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען וואַרטענדיג. אויסרעכענען וואָלט מען עס געקענט דערפאַר, ווייל דורכשניטליך איז דאָרט קיין קרעמער ניט געזעסען מעהר ווי אַ האַלב יאָהר, און אויב די קראָם איז אַלט געווען צוויי הונדערט יאהר, האָבען זיך אין איהר אַכט הונדערט אויגען געמוטשעט... עס איז אָבער אַ סברא אַז די קראָם איז נאָך עלטער פאַר צוויי הונדערט יאָהר, עס דאַכט זיך, אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען משׁשת ימי בראשית, און דער גרעסטער סטאַטיסטיקער וועט ניט ביכולת זיין אויסרע־כענען וויפיעל בעלי־בתים זי האָט געהאַט.

די, וואָס מען געדענקט, איז אָבער אויך גענוג.

פון די ערשטע, וואָס מען געדענקט זיי און מען זעהט זיי נאָך אין שטעדטעל, איז — חיים דער אַלטער. ער האָט זי געדונגען ביי דער אופּראַווע, צו ווען זי געהערט, פאַר 20 רובעל אַ יאָהר און בעטראַכטענדיג מיט שכל דעם פּלאַץ, וואָס אַרום דער קראָם געפינט זיך, האָט ער בעשלאָסען, אַז די קראָם דאַרף זיין גוט פאַר דזיעגאַכטס מיט מאַזש.

און אַ גאַנץ האַלב יאָהר איז געשטאַנען אויפ'ן צר־פוילטען פּאַל פון קראָם, אַרויסגערוקט צום טהיר, אַלס שילד,

א שווארצער עמער מיט דזיעגאכטס, מיט שווארצע קוואַרטען, האַלבע קוואַרטען און קוואַרטירלעך. און א קעסטעל מיט שווארצע שטיקער מאַוש, מיט א שווארצען מעסער, צו שניידען עס. חיים אליין, אויסגעשמירט אין גאַנצען אין זיין סחורה מיט אן אויסזעהן פון א זומערדיגען פּאַרנאַכטיגען שאָטען, איז געשטאַנען פארביי די טהיר, די הענד צוזאַמענגענומען אין די אַרבעל און האָט געקוקט...

א וואָך האָט ער אזוי געקוקט, און איינמאָל אין א רעגענדיגען זונטאָג איז געקומען א אָבגעריסענער מוזשיק אין א פּאָר צוריסענע שטיוועל, האָט געקויפט א קוואַרטירעל דזיעגאַכטס פאַר פיער גראָשען און האָט טאַקע אין קראָם גופא מיט זיינע אייגענע פינגער אויסגעשמירט די שטיוועל פון אויבען ביז אַראָב. חיים'ן איז אַביסעל פרעהליכער געוואָרען. די האָפנונג מיט די חנ'עוודיגע אויגלעך האָט איהם א ווינק געטהאָן: ניט געזאָרגט, חיים, וועסט לייזען געלד! און חיים, גיט קיין נאַרישער איד, דאַכט זיך, פערשטעהט גוט א שטיקעל רש"י מיט תוספות, האָט זיך איינגעהערט און געשמייכעלט, ווי גערעדט: איך גלויב דיר!

אין א האַלב יאָהר איז דער עמער מיט דזיעגאַכטס געוואָרען אביסעל ווענינער. חיים האָט פאַר הארצוועהטאָג פערגעסען פיעל קוואָרט ער האָט פערקויפט. פון די מאַזש האָט געפעהלט נאָר א קליין שטיקעל, דאַכט זיך א האַלב פונט. ער האָט אויף דעם עמער דזיעגאַכטס מיט דעם מאַזש געמאַכט אן „אויספערקויף", געלאָזען פאַר א דריטעל פון קרן, צוגענומען די שליסלען און מיט א קללה אנטלאָפען געוואָרען אהיים און געמאַכט אויף זומער א קנעלונג...

די קראָם איז געבליעבען אן אָפענע. עלענדע הינד און ציגען האָבען דאָרט געפונען א בעשיצונג פון שלעכטען וועטער. אבער ניט לאַנג. די שטאָדטישע בעלי־בתים האָבען געוואָר־

פען אויגען אויף דער קראַם, אויפ'ן געשעפט וואָס מען קען דאָ מאכען, און איינער, לייבע טעוויעס, אַ איד מיט אַ קאַפּי־טאַל פון הונדערט רובל, וואס האָט ניט געוואלט עס קיינעם פערלייהען, האָט זי נערונגען פאר אכצעהן רובל.

— איהר וועט זעהן, אידען, — האָט לייבע טעוויעס געזאָגט: אז איך וועל פון דער קראַם מאכען אַ „לייט", זי וועט מ י ר טראָגען צוויי־דריי רובל אַ וואָך.

— דהיינו, וואס פאר אַ מין סחורה רעכענט איהר צו האַלטען? — האָט מען ביי איהם געפרעגט.

נאָר לייבע טעוויעס האָט ניט אזוי גיך ענטדעקט דעם מין סחורה. צי דערפאר ווייל ער האָט מורא געהאט מען זאָל ביי איהם דאָס ניט אויסחאַפּען, אָדער ער האָט מורא געהאַט, אז מען זאָל פון איהם ניט לאכען, — דאָס האָט ער אליין ניט געוואוסט.

אין אַ וואָך ארום איז דער סוד ענטפּלעקט געווארען. לייבע טעוויעס האָט געמאכט אַ קראַם פון מילכיגס, איבערהויפּט איז דאָרט געווען אַ סך „שאַטען־קעז".

וויסענדיג גוט דעם אַנגאַנג פון שאַטען־קעז אין שטעדטעל, האָט לייבע טעוויעס ניט אומזיסט געהאט האָפנונגען. ביז אהער, ד. ה. ביז איהם איז אין שטעדטעל ספּעציעל אזא קראַם ניט געווען און שאַטען־קעז האָט נאָר געהאט יענע בעל־הבית'טע, וואָס האָט פערמאָגט אן אייגענע בהמה. די אָרעמע לייט אָבער האָבען געמוזט אָנקומען צו די בעל־הבית'טעס פון די בהמות. דעריבער האָט לייבע טעוויעס גערעכענט, אז ווען ער וועט אויפקויפען ביי אלע בעל־הבית'טעס פון די בהמות די מילכיגס, און דער עיקר טאקי די שאַטען־קעז, — וועט ער לעזען פיין געלד.

און באלד האָט מען די קראַם אויסגערייניגט מיט אַ גרויסען בעראָזעווען בעזים, מיט וועלכען מען האָט אויף די ציע־גען ארויסגעטריבען, און מען האָט צוגעקליבען די קראַם ווי גע־

הערינג איז, מען האט אוועקגעשטעלט צוויי גרויסע סריץ זויער־מילך, א קריגעל סמעטענע, צוויי גרויסע קעז, אנשטאט א שילד, אויף א ברעט, האלב ארויסגערוקט אין דרויסען, און א גרויסען צעבער מיט שאטען־קעז.

געזעסען אין קראם זיינען די ערשטע טעג ביידע: אי לייבע טעוויעס אי זיין ווייב שיינע. דעם ערשטען טאג האבען זיי געלעז׳ט פאר א האלב פונט שאטען־קעז — צוויי גראשען, דעם אנדערן טאג, פאר א קווארטירל זויער מילך — א גראשען, און אויפ׳ן דריטען טאג האבען זיי ערשט פארנאכט געלעזט פון א תלמוד־תורה אינגעל פאר א גראשען ווייסען קעז.

— נעהם בעסער שאטען־קעז, — האט לייבע טעוויעס פארגעלעגט: שאטען־קעז ועסטו האבען מעהר, נארעלע. ביז דאך אן ארעם אינגעל, ווייסער קעז איז פאר דיר צו טייער.

נאר דער תלמוד־תורה אינגעל איז געווען ניט זעהר קיין ארעמער; זיין טאטע איז געווען א שוסטער, וואס האט פערדיענט דריי רובל די וואך, און ער האט זיך פערגונען צו עסען ווייסען קעז.

— פע, שאטען־קעז! — האט ער זיך געקרימט.

— געה, שגץ! — האט לייבע טעוויעס גע׳כעס׳ט — ווי זאגט מען יאָ אויף שאטען־קעז „פע“?

נאך דער תלמוד־תורה אינגעל איז ניט נתפעל געוואָרען, וואס לייבע טעוויעס האט נעביך א גאנצען צעבער מיט שאטען־קעז, און ער האט ווידער געזאגט:

— פע, שאטען־קעז...

און לייבע טעוויעס האט נאכ׳ן אינגעלס אוועקגאנג געזאגט צום ווייב:

— אין דער אמת׳ן, וואס דארף מען האלטען אזוי פיעל שאטען־קעז?

— איך ווייס? — האט דאס ווייב געענטפערט: וואס דען וועסטו האלטען?

* * *

און אַז לייבע טעוויעס האָט אין אַ האַלב יאָהר אַרום אויך פערמאַכט די קראָם, אַרויסגעהענדיגג מיט 40 רובעל היזק, האָט די קראָם זיך פערצווייפעלט, זי איז דאַכט זיך נידריגער, איינגעבויגענער געוואָרען און האָט אויסגעזעהן, ווי אַ חורבה.

די שטעדטעלדיגע בעלי־בתים אָבער האָבען געזוכט געשעפט און האָבען געוואָרפען אויגען אויף דער קראָם, טראַכטענדיג אַלין פון נייע מינים סחורות.

— דאָ וואָלט גוט געווען צו האַלטען מעהל, און נאָר מעהל! אַזוי האָט זיך מישער געזען חייקעל דער תבואה הענדלער, וואָס פון תבואה־האַנדעל אַליין האָט ער ניט געקענט האָבען חיונה און האָט געזוכט נאָך געשעפטען.

ער האָט זיך געוואָלט מכח דעם מיט וועמען עס איז אַן עצה האַלטען, נאָר ער האָט מורא געהאַט: טאָמער איז עס טאַקע גוט און מען האַפּט זי איהם אויס!

און חייקעל האָט געריזיקירט און האָט געדונגען די קראָם און אַריינגעשטעלט אין איהר פינף זעקלעך ווייסע מעהל, דריי — קאָרענע מעהל און אַ זעקעל גרויפּען. שפּעטער, האָט ער גערעכענט, וועט ער דאָ האַלטען באָב און אַרבעס.

נאָר צו באָב און אַרבעס האָט די קראָם ניט זוכה געווען, און חייקעל האָט מיט חרטה, וואָס ער האָט זיך ניט געהאַלטען פריהער קיין עצה מיט קיינעם, פערלאָזען די קראָם, און האָט פערקויפט די זעקלעך מעהל צו אַ גרעסערן מעהל־קרעמער מיט פינף רובעל היזק און האָט גענומען זוכען צום תבואה־האַנדעל אַן אַנדער געשעפט.

און די קראָם איז ווידער געבליעבען פוסט, און ווידער ניט אויף לאַנג. זרח דער סופר האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און האָט זיך מתחייב געווען צו געבען דעם יונגען פּאָרפאָלק אַ יאָהר קעסט מיט אַ געשעפט, און דאָס יונגע פּאָר פּאָלק

האָט מען טאקע אריינגעזעצט אין דער קראַם. — געהאַלטען האָבען זיי דאָרטען שניט.

און אין א האלב יאָהר ארום האָט דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק אָבגעשניטען מיט די שניט און דער יונגער־מאַן האָט זיך אויס־געלערנט סופרות, שרייבען תפילין און מזוזות, און די קראַם איז ווייטער געבליעבען אָן עגונה...

און אַזוי האָט זיך עס לאַנגע, לאַנגע יאָהרען געצויגען און די קראַם האָט צוגעצויגען בעלי־בתים און אַוועקגעטריבען, צו־געצויגען און אַוועקגעטריבען, ביז מען האָט איהר א נאָמען גע־געבען די „מזלדיגע" קראַם, און גרונם שניידער א שטאָדטי־שער חכם, פּלעגט קוקענדיג אויף איהר זאָגען:

— געדענקט, אידען, מיינע ווערטער: די קראַם איז טאקע א מזל'דיגע, נאָר ניט פאַר אידען; א גוי דאַרף זיך אין איהר אריינזעצען, נאָר א גוי, אַזוי זאָגט מיר עפּעס דאָס הארץ.

און ער האָט טאקע געטראָפען. שוין עטליכע יאָהר, אז די דאָזיגע קראָם איז העכער געוואָרען, גרעסער און ליכטיגער, אין קראַם זיצט א גוי מיט גרויסע בלאָנדע בייזע וואָנסען, רעדט טיעף רוסיש, און לייזט אפשר הונדערט רובל א טאָג. אידען גע־הען פערביי, קוקען נעביך אריין אינוועניג און ווערען צו־פּלאצט: „אָט איז א מין מזל! מיר האָבען דאָ געפינסטערט און געפינסטערט... בדלות געוואָרען"...

נאָר ווער קען זיך גלייכען צו א גוי'ס מזל?... בפרט אז די קראַם איז די „מאָנאָפּאָל" און מען פערקויפט דאָרט בראַנ־פען. א קלייניגקייט א קראַם פון בראָנפען... א גרויסער קונץ צו לייזען געלד....

אינהאלט:

פערלארען דעם קול — — — — — — — — — — 7
ווייבערשער שרעק — — — — — — — — — — 18
אויף מבינות — — — — — — — — — — 29
דער קוש — — — — — — — — — — 36
דער גמילות חסד — — — — — — — — — — 44
ביים ראוונען — — — — — — — — — — 59
שכר למוד — — — — — — — — — — 65
די גרויסע סוכה — — — — — — — — — — 75
די צוויי ברידערלעך — — — — — — — — — — 93
דער אריסטאקראט — — — — — — — — — — 103
אין סאד — — — — — — — — — — 111
זאל שטעהן ווי געשטאנען — — — — — — 117
אין קריעג — — — — — — — — — — 121
פערשפעטיגט — — — — — — — — — — 129
דער רב און זיינע ספרים — — — — — — 139
א פארגרעבט שטעדטעל — — — — — — 149
דער פוילישער גלח — — — — — — — — 157
דער אלטער מגיד — — — — — — — — 164
דער ברית חדשה — — — — — — — — 175
די ערציהונג — — — — — — — — — — 183
די כלי־זמר — — — — — — — — — — 189
טעכטער — — — — — — — — — — 197
חתן־כלה בריעף — — — — — — — — — 204
א שטעדטעל אהן ווייבער — — — — — — — 211

אידישע מטבעות	218
קאלט	223
איוב	227
צוריק אויף דער שטעל	233
די חברה כלי־זמר	241
די געשיכטע פון א קארב	250

פיערטער באַנד:

אין שטאָרם

אין שטאָדט.

דער ליגען.

פריעדמאן, א יונגער מענש פון א יאהר 25, א לעהרער, איז געגאנגען פון זיין לעצטער לעקציאן, וואס ער האט גע־האט ערגעץ אין א פערוואָרפען שטיל געסעל און האט געהאט בדעה אריינגעהן אין דער נאָהענטער קאפע־הויז עסען אבענד־ברויט און דורכלעזען, ווי זיין שטייגער איז, די טעגליכע בלע־טער, וואס געפינען זיך אין דעם קאפע־הויז. איידער ער איז דערגעגאנגען ביז צום קאפע־הויז, האט ער דערפיהלט א ריהר פאר'ן פלייצע. ער האט זיך אומגעקוקט און פאר איהם איז גע־שטאנען זיין בלייכער חבר זעלווין.

— וואוהין געהסטו? — האט פריעדמאן געפרעגט, בע־טראכטענדיג איהם פון קאפ ביז די פיס.

— איך געה — איך... איך מוז האָבען א רובעל... ער האט זיך אָבגעהאקט, ווי איהם וואָלט אָטהעם פערפעהלט און האט באלד ווי דערשראָקען צוגעגעבען:

— לייה מיר, פריעדמאן א רובל... איך מוז האָבען...

פריעדמאן האט ווי מאַשינאל אריינגערוקט די האנד אין טאש, וואו ער האט אָנגעטאפט דעם איינציגען זילבערנעם רובל, וואס איז דאָרט געלעגען און האט געשווינד ארויסגערעדט:

—איך האָב ניט, אויף נאמנות!

—אומגליקליך! — האט זעלווין שמערצליך פערקרימט דאס געזיכט — איך וואוין אויף א קווארטיר, וואו ס'איז א

דלות — זאָל דער אויבערשטער זיך מרחם זיין און איך קום נאָך דאַרט אַ רובל צום חודש... שוין דריי טעג, אַז איך פיהר זיי, איך וועל גאָר ניט קענען געהן אהיים היינט נעכטיגען אָהן אַ רובל... חאָטש נעכטיג אויפ'ן גאַס.

„איך האָב איהם געדאַרפט לייהען דעם רובל — אַ רחמנות" — האָט פריעדמאַן שוין חרטה געהאַט, ער האָט עס אָבער ניט געקענט פערכאַפּען און האָט זיך געלאָזט געהן ניט וויסענדיג וואוהין, זעלווין איז איהם נאָכגעגאַנגען.

דאָס קאַפּע־הויז זיינען זיי שוין איבערגעגאַנגען און פריעדמאַן האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך אָבצושעפּען פון זיין חבר, אויף וועלכען ער האָט זעהר רחמנות געהאַט...

— אומגליקליך! אומגליקליך! — האָט זעלווין אַלץ גע־חזר'ט, פּונקט ווי די צוויי ווערטער צו חזר'ן איז געווען אַ מין סגולה צו קריגען דעם נויטיגען רובל.

פריעדמאַנען האָט דער פערצווייפעלטער טאָן געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער איבער'ן קאָפּ, און ער איז געווען אין כעס אויף זיך און אויפ'ן חבר.

— ווייסטו גאָר וואָס! — האָט פּלוצלונג זעלווין אויסגע־רופען, — איך וועל היינט געהן נעכטיגען צו דיר... איך קען ניט געהן אויף דער וואוינונג... איך קען ניט!..

פריעדמאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין חבר און האָט געזעהן, ווי זיין פּנים איז פערקנייטשט און די אויגען פער־צווייפעלט און זוכען הילף, ניט האָפענדיג צו געפינען עס. ער, פריעדמאַן, קען איהם יעצט העלפען, ער דאַרף נאָר אָבזשאַלע־ווען דעם רובל, וועלכער איז איהם אפילו זעהר נויטיג און אָב־שעמען זיך און זאָגען, אַז ער האָט יאָ אַ רובל; און ער האָט נאָך אַ קורצע מלחמה מיט זיך אַליין שוין געעפענט דאָס מויל און געוואָלט אויסרופען: נאַ דיר דעם רובל, נאָר אין מח האָט עפּעס אַ בליץ געטהאָן אַ שטיקעל רעיון און ער האָט געזאָגט:

— קום צו מיר נעכטיגען... מיט'ן גרעסטען פערגעניגען. מיר וועלען שלאָפעןביידע.

זעלווינס געזיכט איז ווי גלאַטער געוואָרען, זיינע אויגען האָבען זיך אויסגעלייטערט, און פיהלענדיג זיך ערגרינגערט. ווי איינער וואָס האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך א שווערע משא, האָט ער זיך צערעדט:

— צום שוואַרץ יאָהר! ווי עס קומט אָן שווער דאָס דירה־געלד! עסען האָט מיך קיינמאָל ניט אזוי געדריקט ווי דאָס נעכטיגען. זינט איך בין דאָ אין דער גרויסער שטאָדט, פיהל איך מיך עפּעס ווי א בראָדיאגע, וואָס איז ניט זיכער, אז ער וועט ביינאכט האָבען וואו דעם קאָפּ אנידער צולעגען.

פריעדמאַן האָט דערויף גאָר נישט געענטפערט, ער האָט נאָר געהאלטען די האנד אין טאַש און געחזר'ט אין געדאנק, אז „ער האָט ניט", ער זאָל חלילה ניט פערגעסען און זיך ארויסכאַפּען מיט א וואָרט... און אָנריהרענדיג דעם רובל מיט די שפּיצען פינגער, פלעגט זיך איהם דאכטען, אז ער האלט עפּעס א שמוציגע זאַך, וואָס פערפלעקט איהם אויף אייביג און ער פלעגט די האנד מיט שרעק ארויסכאַפּען און בעשליסען, ער זאָל שוין מעהר די האנד צוריק ניט אריינלעגען אין טאַש און פערגעסען אָן גאנצען רובל. אז זעלווין פלעגט אָבער אָנהייבען ריידען וועגען נויט, פלעגט ער, ווי זיך אליין צורייצען, ווידער אריינלעגען די האנד אין טאַש, און איהם פלעגט זיך דאכטען, אז אָט באלד פערגעסט ער זיך און כאַפּט ארויס דעם רובל און זעלווין דערזעהט עס, — און עס פלעגט איהם בעפאלען א שרעק.

— אָט אזוי איז דאָס! — האָט זעלווין אויסגערופען ווי צופריעדען, וואָס ער האָט ענדליך געפונען א מקום מקלט אויף היינטיגער נאכט, אריינקומענדיג צו פרידמאַנען אין צימערל.

— יאָ, יאָ! — האָט פרידמאַן ווי פערטראכט נאָכגעגעבען... ער האָט די האנד ווידער אריינגעלעגט אין טאַש און

ניט גלויבענדיג זיך אליין, אז ער וועט האבען בכח זיך איינהאַל־טען און ניט ארויסכאפּען פון טאַש דעם רובל, האָט ער איהם שטילערהייט, פערקוועטשענדיג אין האנד, ארויסגענומען פון טאַש און אין דער פינסטער, איידער ער האָט א ליכט אין צי־מער אָנגעצונדען, דעם רובל אריינגעלעגט אין שוף...

נאָך דער אָפּעראציאָן איז איהם, ווי א שטיין פון הארצען אראָב. איצטער איז ער זיכער, אז ער וועט זיך ניט ארויסכאַ־פּען מיט'ן רובל, אין קאמאש וועט ער ניט קריכען אלע ווייל, ווי אין טאַש. ער איז פרעהליכער געוואָרען, האָט א פּאַטש גע־טהאָן זעלווינען איבער'ן פּלייצע און געזאָגט:

— ניט געזאָרגט, זעלווין; עס וועט נאָך זיין גוט אויך. די וועלט איז נאָך א וועלט.

זעלווין, וועלכער האָט שוין לאנג ניט געהערט קיין פרעה־ליך ווארט פון זיינע חברים, איז עפּעס ווי שטאָלצער געוואָ־רען, האָט זיך אויסגעגלייכט און געהענדיג הין און צוריק אי־בער'ן צימערל, האָט ער געענטפערט:

— גלויב מיר, ברודער, אז איך זאָרג גאָר ניט. וואָס איז געלד? בלאָטע! מיר האָבען אידעאַלען!

— וואָס דען? — האָט פריעדמאַן נאָכגעגעבען — געלד איז נאַרישקייט, מיט געלד לעבט מען ניט...

— מען דארף געוועהנליך האָבען צום לעבען, — האָט זעל־ווין זיך קענטיג דערמאָנט אן די דירה־געלד — אבער ניט דאָס איז דער עיקר.

— דער עיקר איז דער מענש! — האָט פריעדמאַן מיט שטאָלץ צוגעגעבען. — מיר זיינען ריינע מענשען...

זעלווין האָט זיך געפיהלט אינגאַנצען בערוהיגט. אין דער אמת'ן, וואָס איז איהם אַזוי שלעכט? ער געפינט זיך אין א קליין אָרעם צימערל צוזאַמען מיט א חבר, וואָס פערשטעהט איהם, וואָס פיהלט מיט, און וואָס איז עהרליך און גוטהערציג.

ער האָט זיך צוגעלעגט אויף פריעדמאַנס בעטעל און האָט

זיך פֿערטראַכט. אַ זיסע מידינקייט האָט זיך צעגאָסען איבער אַלע זיינע גליעדער, ער האָט פֿערגעסען די דירה־געלד, די אַרי־מע בעל־הבית׳טע, זיין צעבראָכען אייזען בעטעל מיט די ברודי־גע בעט־געוואַנד אין ווינקעל צו דער נאַסער וואַנד. ער האָט זיך געפֿיהלט ווי אַ מאָל אינגעלוויז אין דער היים, קומענדיג ביי דער נאַכט פֿון חדר...

— דו וועסט אפשר עפּעס אַ ביס טהאָן? — האָט איהם פֿריעדמאַן געפֿרעגט.

— דו האָסט דען וואָס? — האָט זיך זעלווין פֿערוואונ־דערט.

— יע, איך האָב פֿון דערפֿריה אַ פּאָר זעמעל, טהעע און צוקער געפֿינט זיך ביי מיר שטענדיג. אַ מאַשינקעלע האָב איך אויך.

— ביזט דאָך נאָך אַ בורזשוי, — האָט זעלווין געלאַכט אַנקוועלענדיג פֿון זיין גוטען חבר.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבען די חברים אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען טהעע און האָבען זיך צוגעקליעבען געהן שלאָפֿען.

פֿריעדמאַן, פֿערגעסענדיג אָן גאַנצען רובל, האָט גענומען אַראָבציהען די שיך, רעדענדיג מיט זעלווינען.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלונג.

— אוי, אַ רובל! — האָט זעלווין ווי מיט שמחה אויסגע־שריגען.

פֿריעדמאַן האָט אַ ציטער געטהאָן, און איז שיער ניט אומ־געפֿאַלען.

בערמערקענדיג פֿריעדמאַנ׳ס שרעק, איז זעלווין צו זיך געקומען, דערמאַנט זיך אָן פֿריעדמאַנס ענטזאַגונג און האָט אַראָבגעלאָזען די אויגען און זיי ניט געקענט אויפֿהייבען...

—ווי קומט צו מיר אַ רובל?... — האָט פֿריעדמאַן קוים געקענט אַרויסרעדען...

— עס פערוואלגערט זיך אמאָל... — האָט זעלווין ווי פערשולדיגט געענטפערט.

— איך ווייס גאָר ניט... — האָט פריעדמאַן געשטאַמעלט און האָט דעם רובל ניט אויפגעהויבען.

אין צימערל האָט אַ דריקענדע שטילקייט געהערשט.

— חע — חע — חע... — האָט פּלוצלונג זעלווין ווי היסטעריש זיך פונאַנדערגעלאכט, אַ קוק טהוענדיג אויפ'ן חבר...

— חע—חע—חע... — האָט פריעדמאַן אויך געלאכט און עס האָט זיך געהערט עפּעס מאָדנע טרעהרען אין געלעכטער, דאָס געלעכטער האָט ווי געבריהט זייערע פּינמ'ער און עס האָבען געפלאַקערט זייערע באַקען.

און דער רובל איז געלעגען אויף דער ערד ווי אַן עדות אויף מענשליכע קליינקייט און האָט איראָניש געקוקט אויף די צוויי לאַכענדיגע חברים און האָט ווי גערעדט:

— אהאָ! אַלץ איבער מיר... אַלץ איבער מיר!...

אין א זומער מאנטעל.

(מאָנאָלאָג פון אַן אונבעקאַנטען)

איהר זייט ווען געגאנגען ווינטער אין א זומער־מאנטעל? ניין. גלייך נאָך סכות, און אמאָל נאָך פאר סכות האָט איהר שוין א ווינטער־מאנטעל אָנגעטהאָן? הא? אָ, איהר ציטערט דאָך פאר קעלט, קאלטע נשמות! איבער אייך, האָבען מיין הארץ, מיין לעבען, מיין יוגענד, מיינע האָפנונגען, מיינע גליקען געפלאצט... איבער אייך! ווען איהר וואָלט אזוי פאר קעלט ניט געציטערט און וואָלט זיך גלייך אין וואַרימע בגדים ניט אָנגעפּעלצט, וואָלט איך דאָך ניט קראנק געוואָרען. ווייל קראנק געוואָרען בין איך ניט פאר קעלט, נאָר פאר חרפה, — איך האָב זיך געשעמט!

צו אלע צרות איז נאָך מיין מאנטעל איין עכט־זומערדיגער געווען — א העלער, און אפילו מענשען אין ברילען פלעגען גלייך דערקענען, אז איך בין משנה דעם סדר פון דער וועלט, און פלעגען אויף מיר קרום קוקען און לאכען...

ווען איך וואָלט ניט געווען קיין פערשאָלטענער מרה־שחורה'ניק, וואָלט איך א פרעהליכער יונג געקענט ווערען — א קלייניגקייט — אלע לאכען! א העלער זומער־מאנטעל אויף איין אָרימען מענשען אין א ווינטער־טאָג, מאכט אלעמען לאַכענדיג... און מרה־שחורה'ניקעס זאָגען נאָך, אז די וועלט טרענקט זיך אין טרעהרען און עס איז קיין עצה ניטאָ... אָ, זאָ־

לען אלע מענשען אום ווינטער אָנטהאָן זומער־מאנטלען און העלע, דוקא העלע מאנטלען, — וועט די גאַנצע וועלט לאַכען... איך בין דערין איבערצייגט... אז מען טראָגט ווינטער א העלען לייכטען מאַנטעל, מוז מען לאַכען; עס איז טאַקע לעכערליך...

איך בין אָבער דערפון קיין פרעהליכער יונג ניט געוואָרען, פערקעהרט, מיין מרה־שחורה האָט געשטייגט פון טאָג צו טאָג, און געהענדיג אין גאַס אין מיין זומער־מאַנטעל (פערגעסט ניט, אז ער איז העל געווען), פלעג איך טראַכטען: דאָ איז מיין סוף געקומען...

און מיינט איהר, אז איך האָב זיך ניט געטרייסט, ניט געפונען קיין קולא'ס, אז עס איז רעכט אום ווינטער צו געהן אין א זומער־מאנטעל? פערקעהרט, מיין מח האָט נור אין דער דאָזיגער ריכטונג געארבייט. איך האָב ביי זיך פועל געווען, אז „אז וואהל און גוט" וואָלט דער גאנצער וועלט געווען, ווען אלע וואָלטען אין זומער־מאנטלען ווינטער געגאנגען, עס וואָלט ניט געווען קיין קנאה, קיין שנאה, און מענשען וואָלטען זיך ברידערליך איינע די אנדערע געוואָרעמט... אויך האָב איך א ראיה גענומען פון ציגיינער: זיי וואַלגערן זיך נעבעך אויף פעלדער אין אזוינע לייכטע בגדים, די קליינע קינדערלעך זייערע געהען נאַקעט און באָרוועס און פונדעסטוועגען לעבען זיי אזוי פרעהליך... ווידער פלעג איך זיך דערמאָנען אָן א וויסענשאַפטליך ביכעל, וואָס איך האָב געלייענט. דאָרטען פערזיכערט דער פערפאַסער, א פראָפעסאר פון לייפּציגער אוניווערזיטעט, אז א מענש קען זיין קערפּער „פערהארטעווען", ער קען זיך געוועהנען צו געהן אויף אייז אין סאמע שבט, און איהם זאָל עס ניט שאַדען... פערקעהרט, ער וועט נאָך געזינטער זיין. אזא יאָהר אויף מיר, ווי דער פראָפעסאָר איז גערעכט... נור פערהארטעווען דעם קערפּער! דאָס איז איין סגולה פאר די מענשהייט, און איך אַלס אָנהענגער פון יענעם פראָפעסאָר מאַך א וויסענשאַפטליכען „פּרואוו": איך געה טאַקע אין א לייכטען זומער־מאַנטעל און

אויב א האָר זאָל עס מיך אָרעז ! גאָר נישט; ווי ניט מיך מיינט מען !... „פערהארטעוועט זיך !“ ווייזט זיך מיר אויסשרייעז, בע־גענענענדיג היים טרענבבאך דעם גביר, איז ווארעמען פוטער — „פערהארטעוועט זיך !“ — גאָר רעד מיט איהם, אז ער איז ווייט פון דער וויסענשאפט, אז אויסער זיינע געשעפטען ווייסט ער ניט.

און פון מיינע נחמות, ווערט אש...

וואָס דאַרפט איהר א בעסערע נחמה ?

ביי אונז אין שטעדטעל, ווען איך בין נאָך א אינגעל געוועז, האָט געוואוינט א באָראָן, אן אמת'ער באָראָן, זאָל איך אזוי געזונד זיין. אַלע האָבען געוואוסט ! אָט דער באָראָן פלעגט געהן שטענדיג אין א זומער־מאַנטעל... וואָס וועט איהר זאָגען. אז א באָראָן איז אויך אן אָרימאַן... דאָס קען דאָך ניט זיין ! אַהאָ ! א באָראָן ! א באָראָן, איז דאָך אזוי גרויס, היינטיגע צייטען גיט מען שוין גאָר אזעלכע טיטלען ניט. אוים !.. היינט, ווער דאַרף דאָס וויסען, ווער איך בין ? אפשר בין איך אויך א באָראָן און איך האָב אין דער היים טויזענד פוטערס, נאָר פון גוט וואהלקייט וועגען בין איך קאַפּריזנע און וויל געהן דער נאַטור אויף צו להכעיס — דוקא אין א העלען זומער־מאַנטעל... טאָ, וואָס־זשע לאַכט איהר ? פּראַים !...

נאָר עס העלפט ניט, אַלע קאָנען מיך, אַלע ווייסען, אז איך בין אן אָרימאַן, אז איך האָב ניט געקענט מאַכען אויף ווינטער קיין מאַנטעל, און אַלעמען דאַכט זיך, אז איך פריהר... נאָר איך שווער אייך בנאמנות, אז איך האָב פאַר קעלט א האָר קיין מורא ניט ; פערקעהרט, איך האָב ליעב די קעלט, עפּעס פּיחל איך מיר, אז דער פראָסט נעהמט מיך ארום און גלעט מיך און קושט מיך און איז מיך מחיה... נאָר געה טענה מיט פראַים, וואָס פער־שטעהען גאָר נישט. די באָבע יאחנע האָט זיי געזאָגט, אז ווינ־טער איז קאַלט און מען מוז טראָגען א ווארים בגד, גלויבען זיי און היטען עס. געהן ווייטער פון דער באָבע יאחנען קענען זיי ניט. אוי, מאוסע רעאַקציאָנערען, וואָס קענט איהר ניט פאַר־ווערטס געהן, וואָס פערגעסט איהר אין וואָס פאַר א צייט מיר

לעבען, וואָס פערגעסט איהר, אז היינטיגע צייט איז קיין ברויט ניטאָ, און אייך ווילט זיך נאָך וואַרימע בגדים?... מיט דער צייט לעבט!...

אָט האָט מיך אָבגעשטעלט מיינער א בעקאַנטער, וואָס איז אָנגעטהאָן אין א וואַרימען בגד. ער רעדט מיט מיר, דאַכט זיך, פון הויכע ענינים און די אויגען נעהמט ער ניט אַראָב פון מיין העלען מאַנטעל... דאָס בלוט געהט מיר אין קאָפּ און עס איז מיר הייס... היים, און דער פּראַ־אדם מיינט, אז עס איז מיר קאַלט און ניט מיך א פרעגע:

— דו האָסט נאָך גאָר קיין ווינטער־בגד ניט?

— ניין! — ענטפער איך און מיר ווערט נאָך מעהר הייס.

— קאַלט, הא? — פרעגט ער.

— א האָר אויך ניט...

ער קוקט אויף מיר און לאַכט, דאַכט זיך. איך קען מעהר מיט איהם ניט שטעהן, איך האָב איהם פיינט, ווי א שפּין. א מענש, וואָס קען אפילו ניט פערשטעהן, אז ווינטער קען מען געהן אין א זומער־מאַנטעל. איך געה גיך, גיך און וואַרף מיט די אויגען, טאָמער וועט גאָט מיר צושיקען א מענשען, וואָס איז אָן אָנהעננגער פון מיין אידעע, וואָס געהט אויך אין א העלען זומער־מאַנטעל — חאָטש א בראָן... נישקשה, איך וואָלט מיט איהם שוין בעקענט ווערען... בראָנען זיינען איידעלע לייט. אונזער בראָן, האָט מען דערצעהלט, איז געווען זעהר אַן איידעלער מענש, ער פלעגט אפילו מיט א פּראָסטען אידען זיך אָבשטעלען רעדען....

איך בעגעגען אָבער קיינעם ניט... אַלע האָבען זיך דער־שראָקען פאַר'ן ווינטער און האָבען זיך אָנגעפּעלצט ווי די חיות אין וואַלד... אמת'ע חיות... נאָר איך איינער, א מענש, איך געה נאָך זומערדיג און מען קוקט אויף מיר, ווי אויף א ווילדען...

דאַרף מען האָבען מעהר אָרימאַן, ווי אָט דער טרעגער, איך קען דאָך איהם, ער געהט אויך אין א וואַרימען בגד. אמת, די

וואַטע זעהט זיך אַרוים, אָבער פּאָרט איז זיין בגד אַ ווינטערדי־גער. קיינער וועט ניט האָבען די העזה פון איהם חלילה צו לאַ־כען, ער טהוט, ווי אַלע גוטע פרומע לייט טהוען: ווינטער געהט ער אין אַ ווארימען בגד. אַ טרעגער — אָבער מעשה־מענש! די וועלט האָט צו איהם קיין טענות ניט...

און וואָס האָבען זיי צו מיר? וואָס קוקען זיי אויף מיר? זיי האָבען דען רחמנות? אַז איך דאַרף ניט זייער רחמנות. אַז מיר איז בעסער פאַר זיי. איך לאַך פון זייערע בגדים! איך טראָג פייער אין האַרץ, מיר איז וואַרעם... איך וועל זיי שווערען מיט מיין עולם־הבא, אַז מיר איז וואַרעם... אַז מיר אַרט גאָר ניט די קעלט... מיר אַרט נאָר די חרפה... עס איז עפּעס ניט שעהן!... פאַר וואָס ניט שעהן? ווייס איך אַליין ניט! איך בין טאַקע אַ נאַר! אַ קלוגער, דערהויפּט אַ שטאַרקער, וואָלט אויף די אַלע קליינע מענשעלעך מיט די קליינע קעפּעלעך אַ שפּיי געטהאָן און אויסשרייען: איך שטעה העכער פאַר אייך, איך בין העכער פאַר קעלט, אָדער ווי אַ ניי־מאָדנער פילאָזאָף זאָגט: אויף יענער זייט פון קאַלט און וואַרים... נאָר יענער פילאָזאָף איז, דאַכט זיך, משוגע געוואָרען... אַ שאָד, וואָס קלוגע מענשען ווערען משוגע און נאַרען בלייבען ביי זייער שכל און מאָהנען: אַ ווינ־טער־בגד! איהם וואָלט שוין ניט געאַרט, וואָס איך געה אין אַ זומער מאַנטעל; ער וואָלט מיר געווים געלויבט:

„מאָלאַדיעץ! — וואָלט ער מיר אַ קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע — דו ביזט אַן איבער־מענש“...

* * *

שאַ!... אָט געהט איינער אין אַ זומער־מאַנטעל, ווי איך בין אַ איד, אין אַ לייכטען העלען זומער־מאַנטעל, פּונקט ווי מיינער. אוי, אַ געזונט אין איהם. ווער איז ער? איך וועל איהם געהן קושען... ער האָט דאָך מיר געראַטעוועט... ווער קען ער זיין! אפשר אַ באַראָן! אָט געה איך צו אַ קוק טהאָן... ס'אַנאַר ער איז! וואָס

גנעהט ער פונאַנדערגעשפּילעט! עס איז דאָך קאַלט... ניין! איך האָב אַ טעות! קאַלט איז ניט — עס איז הייס... זעהר הייס... נאָר גלאַט עס איז ניט שעהן! צו פיעל זומערדיג — פונאַנדערגעשפּילעוועט!... אַט, געה איך איהם זאָגען, ער זאָל זיך, ווי איך, פערשפּילען... זאָלען לייט ניט קוקען און לאַכען. עפּעס פון איהם לאַכט מען נאָך מעהר ווי פון מיר... הא? וואָס איז דאָס? אי איך ווייס שוין! דאָס איז דאָך לייבקע שכור... פּע, מאוס, מאוס... איך בין דאָך אָבער קיין שכור ניט! איך וועל מיך נאָך אויפנעהען אַ בגד... אויף נאַמנות! גלויבט מיר! ווארט נאָך אַ חודש, זאָל נאָר דער קריזיס פּלאַצען! הייגט איז זעהר ענג — איך האָב נישט! די צייט וועט זיך אָבער פערבעסערן... זי מוז זיך פערבעסערן, איך וועל מאכען אַ טהייערען פוטער, ווי איהר האָט ליעב... לאָזט מיר צורוה! מיר איז ניט קאַלט... מיר איז הייס!...

אַך, ווי הייס!...

די קאַלטע האַנד.

אין דער הויף איז געווען דאָס צימעריל, וואו עלענדמאַן האָט געוואָהנט, אין דער הויף, אויפ'ן פינפטען שטאָק. דאָס צימעריל איז געווען א פינסטערס. נאָר דאָס האָט ניט אזוי שטאַרק עלענדמאַנען געאַרט. איהם האָט זיך געדאַכט, אז דאָס צימעריל איז עקסטרא פאר איהם געמאַכט געוואָרען, כדי ער זאָל זיך דאָ קענען בעהאַלטען פון דער גרויסער וועלט... שלעכט האָט נאָר געווירקט אויף איהם די נאַסע וואַנד פון צימעריל, און שטענדיג, אפילו זומער איז דאָרט קאַלט געווען און ער האָט געהאַט ניט זעלטען אַ וואונש: איינהייצען דאָס אייוועלע, זיך זעצען ביים פייער און זיך דערמאָנען אָן עפּעס, וואָס איהם איז ליעב און טייער. עפּעס זעהר אַן אַלטען, נאָר ליעבען פערלאַנג האָט ער תמיד געהאַט, נאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, ווי דער פערלאַנג הייסט און אין וואָס ער בעשטעהט.

אַלט איז ער געווען 25 יאָהר. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט שווארצע האָר, די אויגען שווארץ און גרויס און זיי האָבען שטענדיג געקוקט מיט אַ בעננשאַפט, מיט צער און וועהטאָג... דאָס פּנים איז געווען לאַנגליך און דער אויסדרוק האָט דער־צעהלט פון אַ קאַלטען עלענדען לעבען..

ער האָט אין דער גרויסער וועלט קיינעם ניט געהאַט, אויסער אַ פעטער ערגעץ טיעף אין רוסלאַנד. דער פעטער פלעגט

זיך איהם שטענדיג חלום'ן, און אז ער פלעגט געהן אין גאס און בעגעגענען די בריעפטרעגער מיט די גרויסע פּאָרטפעלען אָנגע־פאקט מיט בריעף, פלעגט איהם שטארקער קלאפּען דאָס הארץ, און איהם פלעגט זיך דאַכטען, אז היינט־מאָרגען וועט א בריעפ־טרעגער איהם אָבשטעלען און וועט איהם אָבגעבען פון פעטער א בריעף...

נאָר זיין פאנטאזיע פלעגט איהם אָבנארען. עס זיינען אוועק פיעל „היינט'ס“ און „מאָרגען'ס“, די פּאָרטפעלען ביי די בריעפטרעגער זיינען אלע טאָג גרעסער געוואָרען, נאָר פאר עלענדמאנגען איז דאָרט קיין בריעף קיינמאָל ניט געלעגען...

די רווישענדע גאס האָט איהם זיין עלענד דערמאָנט, די הונדערטע שפאצירענדע האָבען איהם דערצעהלט, אז ער האָט קיינעם ניט. דאָס לאכען, דאָס גערויש האָבען איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז אין זיין וועלט איז שטיל ווי אין א קבר... דאָך פלעגט ער אָפט געהן אין גאס, געהן און אריינקוקען מיט נע'גנב'טע בליקען אין יעדען פנים, אפשר וועט איהר ווער אָבשטעלען און זאָגען: דאכט זיך א בעקאנטער, און וועט איהם אויסשטרעקען א האנד, א ווארעמע מענשליכע האנד. ער וואָלט זי אזוי געדריקט!...

און אָפט פלעגט זיך טרעפען, אז געהענדיג צווישען דער נעדיכטער מאסע, צווישען פרעהליכע אויסגעפוצטע הערען און דאמען, פלעגט זיך זיין האנד אָנריהרען אָן א פרוי'ס א ווארע־מע האנד. די ווארימקייט פלעגט זיך צוגיסען איבער זיין גאנ־צען קערפער און א גאנצע נאכט איז ער גליקליך געווען. ער פלעגט ליעגען אין דער פינסטער און די ווארימקייט פון דער האנד איז איהם פערבליעבען אין געדאנק און ער האָט א גאנ־צע נאכט עס געפיהלט און געהאָפט אויף טאָג.

און אויף מאָרגען פלעגט ער בענקען נאָך א ווארימער האנד. ער פלעגט אריינגעהן אין א געוועלב, וואו א מיידעל

זעצט, פלעגט קויפען ביי איהר עפּעס א קליינינקייט און פלעגט זיך בעמיהען, אז צונעהמענדיג פון איהר די סחורה זאָל זיך זיין בימעהען, אז צונעהמענדיג פון איהר די סחורה זאָל זיך זיין האנד אָנריהרען אָן איהרער... נאָר איהם פלעגט זיך עס זעלטען איינגעבען. דאָס רוב פלעגט דאָס מיידעל „די סחורה" אוועק־לעגען אויפ'ן סטויקע, און ער פלעגט ארויסגעהן פון געוועלב מיט מעהר עלענד, ווי ער איז אריין...

אמאָל פלעגט ער ביי־נאכט אין גאָרטען געהן. פארביי איהם פלעגען זיך ציהען פרעהליכע פּאָרליך. ווער עס פלעגט פרעהליך און אויפ'ן קול לאכען, אנדערע פלעגען זיך אזוי שושקען, און דאָס פלעגט נאָך מעהר זיין עלענד פערגרעסערן. אלע האָבען צו זיך חברים, חבר'טאָרינס, נאָר ער האָט קיינעם קיינעם ניט.

איינמאָל אין אָנהויב פריהלינג איז עלענדמאן ארויס פון זיין ענגען צימעריל. עס איז געווען פארנאכט, אין גאס האָט גערוישט, מענשען זיינען פארבייגעגאנגען מיט יום־טוב'דיגע, פרעהליכע געזיכטער און עס האָט אויסגעזעהן ווי זיי גרייטען זיך אויף עפּעס א פרעהליכען באָל, וואו אלע, אלע צוזאמען וועלען זיך פערוויילען און לעבען, נאָר עלענדמאנען לאָזט מען איבער אליין, איהם וויל מען ניט נעהמען. און ער האָט זיך געלאָזען גיכער געהן, ווי א בעליידיגטער, ווי א פערלאָ־זענער...

ניט בעמערקטערהייט איז ער צוגעקומען צום קליין פאָלקס־גערטענדיל. דאָרט האָט אויך יום־טוב'דיג אויסגעזעהן, נאָר עפּעס ניט אזוי שרייענדיג, ווי אין גאָס. עס איז דורכגעגאנגען צווישען די אלעען אן עלענדער סאָלדאטיל, אן אָרימער טרע־גער, א דיענסט מיט א קינד.

עלענדמאן האָט געזוכט א באנק צו זעצען זיך. אלע בענק זיינען פערנומען געווען, נאָר אין דער לעצטער אלעע איז אויף

א ברעג באנק געזעסען א מיידעל איבערגעדעקט א האלב פּנים מיט א פאטשיילע.

עלענדמאנען האָט א ציה געטהאָן, שטארק א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען און ער האָט זיך געבען איהר אוועקגעזעצט...

א וויילע איז ער געזעסען און ניט אויפגעהויבען די אויגען, אין הארצען, האָט זיך איהם געדאכט, זיצט עמיצער און זינגט איהם אן אלט־זים ליעדעל. און עס ווערט איהם עפּעס אנגענעהם און עס ציהט איהם און עס ווילט זיך איהם רעדען...

ער קעהרט אָב דעם קאָפּ צו דער זייט, וואו דאָס מיידעל זיצט און ניט א קוק.

זיינע בליקען בעגעגענען זיך מיט איהרע. צוויי שווארצע אויגען מיט א טרויריגען גלאנץ. זיי רעדען, דאכט זיך, אָהן ווערטער.

„זי איז אן עלענדע! טראכט ער, „איך וועל מיט איהר אנהויבען צו רעדען".

— איהר זענט... — הויבט ער אָן, — און עס פערפּעהלט איהם מוטה.

ניין, רעדען וועט ער ניט, ער וועט נאָר קוקען אויף איהר. זי איז אן עלענדע...

און פּלוצלונג בעהערשט איהם א חשק אנצונעהמען זי פאר די האנד און א דריק טהאָן.

דאָס הארץ קלאַפּט איהם. ער קוקט אויף איהר און יעדער קוק איהרער דערצעהלט איהם עפּעס.

— וואָס זענט איהר אזוי אומעטיג? — רייסט זיך ארוים א פראגע פון זיין מויל, און איהם דאכט זיך, אז ער האָט די וועלט איינגענומען...

— איך בין גאָר ניט אומעטיג! — דערהערט ער א שטילען ענטפער.

— וואָס זיצט איהר אַזוי שטיל? — פרעגט ער ווידער און נעהמט ניט אראָב די אויגען פון איהר.

— וואָס זאָל איך שרייען? — שמייכעלט זי ביטער.

ער בלייבט שטום און קוקט אויף איהר, און אין קאָפּ ענבערט דער געדאנק: נעהם זי אָן פאר די האנד, נעהם!

און עס ציהט איהם א געוואלדיגע קראפט.

— איהר זענט א היגע? — פרעגט ער.

—ניין! — הערט ער און ענטפער.

— איך בין אויך אין דער פרעמד דאָ, — לאָזט ער ארויס מיט א זיפץ.

ער וויל נאָך עפּעס רעדען, נאָר ער קען ניט. דער פער־לאנג אָננעהמען זי פאר די האנד לאָזט איהם ניט רעדען.

— שענק מיר אויף א ווײַלע דיין האנד, לאָז מיר א ווײַלע האלטען זי, איך בעט דיך...

ער זאָגט דאָס אָבער ניט, דאָס איז פאר איהם צו שווער און ער בעגנוגענט זיך נאָר מיט׳ן קוקען אליין.

און דאָס הארץ זיינס ציהט און ציהט און זיין האנד שלעפּט דאכט זיך עמיצער...

און אָט גיט זי אויף איהם א קוק. ער דערפיהלט עפּעס נאָהענטעס, עלענדעס, בעטענדעס און זיין האנד ריהרט ענדליך אָן איהרע.

זי שווייגט און לאָזט אראָב די אויגען.

און א ווארימער שטראָם לויפט איהם דורך איבער׳ן האר־צען. ער דריקט וואָס א ווײַלע איהר האנד פעסטער און פעס־טער.

— עס טהוט אייך ניט וועה? — פרעגט ער.

— ניין! שמייכעלט זי.

און ער לאָזט די האנד ניט ארויס, ער האלט זי פעסט.

איהר האנד איז אָבער קאַלט...

עס פערדריסט איהם. ער וואָלט וועלען האָבען שוין דאָס

גאנצע גליק — דריקען א ווארעמע האנד. קאלט איז איהם...

— פאר וואס איז ביי אייך אזא קאלטע האנד? — פרעגט ער און האט באלד חרטה.

זי ענטפערט ניט און וויל ארויסנעהמען איהר האנד...

— ווער זענט איהר? — פרעגט ער און דריקט איהר האנד און לאזט זי ניט אפ.

— איהר ווילט זיין מיט מיר בעקענט? הא, איהר ווילט?

ער קוקט אויף איהר, דריקט די האנד איהרע און אין קאפ רוהט ניט דער געדאנק: פאר וואס איז איהר האנד אזא קאל־טע?... דאך רעדט ער ווייעדער צו איהר:

— איך וועל קומען צו אייך, איהר צו מיר. איך וועל מיט אייך שעהנע ביכלעך לעזען... איהר ווילט?

„פאר וואס איז ביי איהר אזא קאלטע האנד?"... — זי שווייגט.

— נו, איהר ווילט? — פרעגט ער ווייטער.

— איך דארף האבען געלד דערפאר... — זאגט זי ארויס, ווי צווישען די ציינער... — פאר געלד וועל איך צו אייך קומען... זאגט זי שוין דרייסטער...

ער לאזט פלינק ארויס איהר האנד, גיט אויף איהר א קוק און ווערט ענטשוויגען...

א שטומער זיצט ער נאך א ווייל, הויבט זיך נאכדעם אויף און לאזט זיך געהן, ניט וויסענדיג וואוהין.

— א קאלטע האנד! — רעדט ער אלע ווייל ארויס פאר זיך און עס נעהמט איהם דורך א קעלט...

פער׳משכנ׳ט זיך אליין.

עס איז געווען אָנהייב פריהלינג. א פריהמארגען פון יע־נע פריהלינגס פריהמאָרגענס, וואָס זאָגען צו גילדענע בערג, און דער מענש לאָזט זיך פערפיהרען און לויפט אין גאַס א דער־פרישטער, און אָנגעפּאקטער מיט האָפענונגען אויף א גוטען פרעהליכען טאָג, אויף גרויסע גליקען...

און וועלוויל קלינגער, א אידישער לעהרער, א 25־יעהרי־גער הויכער ברונעט, האָט שוין אראָבגעוואָרפען דעם צוריסע־נעם וואטאָווען ווינטער־מאנטעל, וועלכען ער האט מיט דריי יאָהר צוריק אָנקומענדיג אין ווארשוי פאר דריי רובל געקויפט, האָט גוט אויסגערייניגט די קאמאשען, מיט די צוויי לאטעס, אזש זיי האָבען פרעהליך געגלאנצט, איינגענעהט מיט דער איינענער האנד צוויי קנעפּלעך אין אלטען רעקיל, גוט פער־קאמט די לאנגע האָר, וואָס ער האלט שוין אויפ׳ן קאָפּ ביי א יאָהר, און איז ארויס פון זיין צימערל, וואו ער האָט געוואָהנט מיט נאָך צוויי חברים, לעהרער אהן שעה׳ן, — אויף דער ליכטינער וועלט....

— א שעהנער טאָג! — האָט ער אין געדאנק גערעדט— און האָט אָנגעהויבען געהן גיכער און שטאָלצער, פּונקט ווי ער וואָלט געקאָנט ערגיץ טראָגען פערקויפען די שטראהלען, וואָס

האָבען זיך גענאָסען אויף איהם, און נעהמען דערפאר כאָטש עטליכע מטבעות אויף פריהשטיק...

און א פריהשטיק וואָלט איהם זעהר נויטיג געווען — עס איז שוין געווען צוועלף א זייגער. ווען געמען גאָט העלפט, עסט מען שוין א צווייטען מאָל...

קלינגער איז אָבער אזוי צופריעדען געווען מיט דער ליע־בער ווארימקייט, מיט דער העלער ליכטיגקייט, מיט וועלכער די גאנצע גאס איז געווען פערגאָסען, אז ער האָט פערגעסען, אָדער בעסער גזאָגט, זיך בעמיהט ארויסצושלאָגען פון קאָפּ דאָס מאוסע עסען...

— ליכט! ליכט! — האָט ער גערעדט הויך — ליכט! ליכט!

און ער האָט זיך דערמאָהנט, אז ער האָט ניט לאנג גע־לייענט, אז געטהע איז געשטאָרבען מיט די ווערטער: „וואָס מעהר ליכט!“ און ער איז שטאָלץ געוואָרען, וואָס ער און געטהע האָבען איין פערלאנג..

אמת, אזא פּאָעט, ווי געטהע איז ער ניט געווען, אָבער ליעדער האָט ער אויך געשריבען, און ווען די רעדאקטאָרען וואָלטען ניט געווען אזעלכע שלעכטע, וואָלט ער שוין לאנג בעוואוסט געוואָרען ביי אלע אידען, ווייל צייט האָט ער א גאנץ ווינטער געזאָט און האָט זעהר פיעל געשריבען... מען האָט אָבער ניט געדרוקט!

פערטיפענדיג זיך אין אזעלכע רעיונות, האָט ער אָן פריה־שטיק ווירקליך פערגעסען. אין קאָפּ האָט זיך ביי איהם אנגע־הויבען וועבען א גאנצעס ליעד וועגען פריהלינג, ער האָט שוין געהאט א סך פארטיגע גראמען, ווי: געזיכט—ליכט, היינט—שיינט. פארבייגעהענדיג אָבער נעבען דעם בעקאנטען קאפע־הויז, וואו ער און זיינע איבעריגע בעקאנטע לעהרער, פּאָע־טען, קריטיקער און סתם לעזער, געפינען זיך, ווען עס איז נאָר דאָ א גראָשען אין קעשענע — האָבען די גראמען מיט דער

גאנצער פּאַטישער שטימונג זיינער, ווי ארויסגע׳גנב׳עט זיך פון קאָפּ, און אַנשטאָט זיי האָט זיך אריינגעכאַפּט א פרישער געדאנק, וואָס האָט איהם א זאָג געטהאָן, ווי אין דער וועלט אריין:

— דאָ קענסטו אויסטרינקען א גלאָז טהיי און אויפעסען א פּאָר זעמעל — עס וואָלט ניט געשאַדט.

דאָס וואָלט טאַקע א יושר געווען! — האָט קלינגער זיך געלאָזט איינרעדען, און ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך פערטראַכט.

און טראַכטען האָט ער געהאַט וועגען וואָס: ווי אזוי געהט מען אריין, עס איז ניטאָ א גראָשען אין קעשענע, און ווי אזוי געהט מען ניט אריין, אז עס ווילט זיך שוין גוט עסען?...

און ער דערמאַנט זיך, אז אָפּטמאָל געפינט מען דאָ א בעקאַנטען, וואָס קען אויסלייהען עטליכע קאָפּיקעס, אָהן א וועקסעל און אָהן א שום שטר־חוב, נאָר פּשוט א גמילות־חסד, וואָס דאָס איז עהנליך אביסעלע צו א נדבה...

און דערמאָנענדיג זיך אזא מאוס וואָרט, געהט ער אוועק עטליכע טריט ווייטער פון קאַפע־הויז און וויל זיך איינשמו־סען, אז אין אזא שעהנעם טאָג דארף מען זיך שטעלען העכער פון עסען און טרינקען, מען דארף ניט זיין קיין חיה.

— „א גלאָז טהיי מיט א פּאָר זעמעל“ — לויפט איהם נאָכדעם דורך אין קאָפּ, און ער לאָזט זיך געהן צוריק, הערט אויף צו טראַכטען און געהט אריין אין קאַפע־הויז.

דאָס קאַפע־הויז בעשטעהט פון צוויי קליינע צימערן. ארום קליינע מאַרמאָרנע טישעלעך זיצען געסט פון פערשיעדענעם עלטער, קלאַס און רייכקייט. א טייל זיצען און לעזען צייטונ־גען, אנדערע טרינקען און עסען.

קלינגער זעצט זיך אוועק אויף א ליידיגען אָרט, וואַרפט די בליקען אויף אַלע געסט און זוכט א בעקאַנטען. אַלע פּנים׳ער

זיינען איהם אָבער פרעמד און קוקען אזוי בעז און ענגאָאיס־טיש — קאַלט.

„עפּעס מאוסע מענשען!“ — פאַלט קלינגערן איין, און ער קוקט מיט עקעל אויף איינעם, וואָס עסט מיט גרויס אפּעטיט, אריינלאָזענדיג זיינע צוויי גרויע אויגען אין דעם גלאָז מילך, פון וועלכען ער האָט געטרונקען, נאָך יעדען ביסען בולקע.

— ווי אַ מענש האָט זיך דאָס אזוי פערטיעפט אין דער אכילה! — ווערט קלינגער שוין אויפגערעגט און וויל זיך אויפהויבען און אוועקגעהן. נאָר ער שעמט זיך שוין ארויס־געהן אזוי. די ווירטהין וואָס זיצט ביי דער קאַסע, ווייס ער, וועט איהם ביים טהיר אָבשטעלען און פרעגען:

— איהר האָט גאָר נישט גענומען?...

ער זיצט און קוקט אויף די ווירטהין. זי זעצט נעבען דער קאַסע און וואַרפט אויגען אויף די געסט, און קלינגער דערמאָנט זיך, אז זיין מאַמע, ווען ער איז נאָך אין דער היים געווען, פלעגט אזוי אכטונג געבען אויף די מוזשיקעס, בעת זיי פלעגען זיך אמאָל צונויפקומען צו זיי אין שטיבעלע אין אַ מאַרק טאָג אַנווארעמען.

— עס איז גנב און גזלן, — בעשליעסט ער מיט כעס — יעדער ציטערט פאר זיין פעל, מען האָט אלץ מורא, מען זאָל ניט בע׳גנב׳ענען, מען היט איינער דעם אנדערן — גנבים!... שרייט ער אויס אין געדאנק, און זיין בלאַס פּנים פערקרימט זיך.

— איהר ווילט עפּעס? — שלאָגט איהם איבער די גע־דאנקען דאָס מיידעל פון קאַפע־הויז, אוועקשטעלענדיג זיך קע־גען איהם אין איהר ווייסען פארטוך, מיט ליידיגע גלעזער אין האנד.

קלינגער׳ן בעפאַלט אַ פּחד און צוטומעלטערהייט ענטפערט ער.

— א גלאז מילך.

— מיט בולקעלעך? — פרעגט דאס מיידעל ווייטער.

— מיט בולקעלעך... — שטאמעלט ער ארויס און דאס הארץ פאלט איהם שיער ניט ארויס פון שרעק...

„וואס טהוט מען איצטער? מיט וואס וועל איך בעצאה־לען?" פיקט איהם אין מוח, און עס ווערט איהם הייס און קאלט, די אויגען קוקען ווילד אויף אלעמען, ווי ער וואלט נאר וואס א מענשען גע'הרג'עט, און האט מורא מען זאל איהם ניט דערקענען...

דאס מיידעל האט איהם גלייך צוגעטראגען א גלאז מילך מיט עטליכע בולקעלעך אויף א טעלער און איז אוועק צו אן אנדער טישעל.

— מילא, וואס ווערט דערפון — בערוהיגט ער זיך — מען דארף עסען, עס וועט אפשר באלד אריין א בעקאנטער, דאס שווארץ יאהר וועט זיי דאך ניט נעהמען.

ער הויבט אן עסען און קוקט צום טהיר, וועלכע עפענט זיך אלע וויילע, און עס ווייזען זיך אלערליי מינים פארשוי־נען — נאר אלץ ווילד פרעמדע געזיכטער.

דאס הארץ שרעקט איהם אלץ מעהר און מעהר. ער איז דא זעהר מאוס ארייננעפאלען — ווי אזוי וועט ער איצטער ארויסגעהן? און יעדער ביסען שטעלט זיך איהם אין האלז און ווערגט איהם...

נאכ'ן עסען בעפאלט איהם נאך א גרעסערע שרעק. די טהיר עפענט זיך און פערמאכט זיך, און אויף צו להכעיס קומט קיינער ניט אריין פון בעקאנטע, ווי זיי וואלטען אלע אויס־געשטארבען, עס הויבען איהם שוין אן וועה צו טהאן די אוי־גען, קוקענדיג צום טהיר, און ער בעשליסט אויפהערען חאטש עטליכע מינוט צו קוקען — ממה נפשך, וועט וועך אריין, וועט ער דאך צוגעהן צו איהם. אז ער דערהערט אבער דאס גע־רויש פון טהיר, קען ער זיך ניט איינהאלטען און קוקט, און

זיין געדולד פּלאַצט — קיינער קומט ניט. די אַלע וואָס גיין אַריין זיינען איהם אַזוי פיינדליך, אַזוי עקעלהאַפט!... ווי רוהיג זיי בעוועגען זיך, ווי רוהיג זיי זעצען זיך אַוועק ביים טיש, ווי רוהיג זיי בעצאָהלען נאָכדעם ביי דער קאַסע!... צופריעדענע, מאוסע מענשען!...

פאַר לאַנגווייליע נעהמט ער אַ בלאַט צו לעזען. ער הויבט אָן פון די טעלעגראַמעס און לעזט איבער, אַז פון סאַלאָניקי מעלדעט מען, דאָס די דריי בולגאַרען, וואָס האָבען געשיקט צום עסטרייכישען קאָנסול אַ פּאַסקוויל, אַז זיי ווילען איהם הרג'ענען, האָט מען אַרעסטירט...

— אָט וועלען זיי איצטער האָבען, — טראַכט זיך איהם, און איהם שטעלט זיך פאָר דריי בולגאַרען הויכע און שוואַרצע מיט לאַנגע בלאַנקע מעסער אין די הענד...

באַלד אָבער הויבען פאַר איהם אָן די אותיות צו שפּרינגען, דער קאָפּ דרעהט זיך, אין ברוסט קאָכט עפּעס אַ זעהר אונאַנגענעהמעס פייער, און עס ציהט אַזוי אויפ'ן גאַס...

איהם שטעלט זיך פאָר איצט די גאַס אין אַ הערליכען אויסזעהן. די זון שיינט אַזוי אַנגענעהם, מענשען גיין און פאָהרען, איצט וואָלט גוט געווען צו שפּאַצירען, — זאָט איז ער דאָך!

און ער פיהלט זיך, ווי ער וואָלט זיך אַליין אַרעסטירען. ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט איהם אויסקומען צו זיצען אין דעם אַסטראָג!

אַ שוויים בעגיסט איהם, די אויגען שפּרינגען איהם שיער ניט אַרויס. ער קוקט מיט אָנגעשראָקענע בליקען אויף דער ווירטהין, וועלכע זיצט ביי דער קאַסע און היט די געסט.

— אַ רוח אין איהר, ווי זי היט דאָס! — ווערט ער אויפגעבראַכט און קען פון איהר די אויגען ניט אָברייסען.

און אָט בעגעגענט ער איהרע בליקען. איהם דאַכט זיך, אַז זי ווייס, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו בעצאָהלען, און מיט

שרעק ווענדעט ער די אויגען ווידער צום טהיר.

שוין דריי דער זייגער! קיינער פון די בעקאנטע איז ניטאָ.

קלינגער קוקט אין פענסטער אריין צום הויף, צו דער טהיר איז איהם שוין נמאס געוואָרען קוקענדיג. די זון שיינט נאָך אזוי טריי און ווארים און רוהיג, פונקט ווי מיט איהם וואָלט גאָר ניט געשעהן... דער כעס, וואָס האָט איהם געברענט, איז אריבער אין א טרויער, ער דערמאָנט זיך, אז אויף דעם ליכטי־געז טאָג האָט ער אזוי לאנג געוואַרט, — עס איז ביז איצט אזוי קאַלט און טרויריג און הונגעריג געוועזן!...

און אז ער האָט זיך אויף איהם שוין דערוואַרט, דאַרף ער זיצען בערשפּאַרט, פער׳משכנ׳ט פאַר עטליכע קאָפּיקעס אין אַן ענגען, דושנעם קאַפע־הויז און וואַרטען, ביז וואַנען א גוטער צרימער ברודער וועט קומען איהם אויסלייזען...

אין די אויגען שטעלען זיך איהם טרעהרען און ער קלערט:

— דאָס לעבען איז אזוי קורץ, שעהנע טעג זיינען אזוי ווייניג, און דאָס ביסעלע, וואָס עס איז דאָ, רויבט מען אַוועק... פאַר וואָס? פאַר וואָס?...

און איהם פאַלט איין צו צוגעהן צו דער ווירטהין צו דער קאַסע און זאָגען איהר:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך האָב זיך פערגעסען, אז איך האָב קיין קליינ־געלד ניט און בין אזוי ארויסגעגאַנגען, איך וועל אייך שפּעטער בעצאָהלען...

דאַכט זיך, א גליכע זאַך, און ער וועט בעפרייט ווערען און וועט זיך לאָזען ווידער אין דער פרייער גאַס, וואו עס איז אזוי ליכטיג און גוט...

ער גיט אָבער א קוק אויף די ווירטהין און קען זיך פון אָרט ניט אויפהויבען...

— ניין! איך וועל נאָך וואַרטען! — בעשליסט ער — מילא, מאָרגען וועט דאָך אויך זיין א שעהנער טאָג!

ער דערמאָנט זיך אָבער, אז עס איז מאָוס אזוי לאנג צו

זיצען, די קעלנערין קוקט שוין, דאכט זיך, אויף איהם מיט חשד. אז זי געהט פארביי זיין טישעל דאכט זיך איהם, אז אט־אט זאגט זי ארוים:

— וואס זיצט איהר דא אזוי לאנג, עס איז אזוי אויך ענג — בעצאהלט און געהט אייך...

ער האט שוין אמאל אזא סצענע בייגעוואוינט. אמת, דאס האט געטראפען מיט אן אלטען ארימען אידען, וואס איז דא א ווינטער־טאג אבגעזעסען. איהם, קלינגער'ן, וועט מען ניט טשע־פען, זיי זעהען דאך, אז ער איז ניט אבי ווער... מאוס איז דאס אבער... און ער בייט איבער דאס ארט: ער געהט איבער אין צווייטען צימער. אין צווייטען צימער קען ער אבער לאנג ניט איינזיצען, די טהיר זעהט זיך ניט, און ער האט מורא טאמער וועט עמיצער אריין, וועט אויסטרינקען א גלאז טהיי און וועט אוועקגעהן און ער וועט דא בלייבען ניט קיין אויסגעלייזטער...

ער געהט איבער צוריק אין ערשטען צימער און בעשליעסט פעסט צו ווארטען רוהיג, ביז ווער פון די בעקאנטע וועט אריין; און כדי די צייט זאל גיכער איבערגעהן, וועט ער אנהויבען א בלאט לעזען פון אנהויב ביז'ן סוף.

און ער הויבט אן ווייעדער צו לעזען. ער לעזט עטליכע מאל א שורה, וויל עפעס בעגעהמען, נאר די ווערטער געהען אריין אין קאפ און גנבה'ענען זיך גלייך ארוים, ווי זיי וואלט דארטען ענג געווען, ווי איהם אין דעם קאפע־הויז...

ער הערט אויף צו לעזען און דערשפירט הונגער.

מיט דעם נייעם געפיהל פון הונגער דערפרעהט ער זיך. ער מאכט א רעכנונג, אז שוין פער'משכנ'ט זיך, זאל זיין כאטש אין א גרעסערע סומע..

און אז דאס מיידעל געהט צו צום טישעל וואו ער זיצט, ווענדעט ער זיך צו איהר מיט אן אמת'ען שטאלץ:

— דערלאנגט, פריילין, א גלאז טהעע מיט א פאר פו־טער־ברויט...

און קלינגער ווערט דערשראָקען פאר זיינע איינענע ווער־טער. ער געפינט אז ער האט דאָ ווידער געמאכט א פעה־לער, טאָמער וועט קומען אפילו א בעקאנטער, וועט ער דען וועלען איהם אויסלייזען אויב די סומע וועט זיין צו גרויס.

און אז ער עסט אָב, ווערט ער נאָך מעהר געפאלען און קוקט מיט מעהר שרעק צום טהיר.

עס ווייזט זיך אבער קיינער ניט, אויסער פרעמדע געזיכ־טער, וואָס פון קלינגערס וועגען האָבען זיי גאָר ניט געקענט געבוירען ווערען אפילו... וואָס דאַרף ער זיי?...

—שלעכט! — ברומט ער, ארויסגעהענדיג פון געדולד,

— א פערשאָלטענער טאָג, היינט וועט קיינער ניט קומען...

זיין נשמה הויבט אין איהם זיך אָן צו רייסען, ער קען מעהר ניט איינזיצען, עס איז איהם ענג. ער וויל זיך אליין בייסען, קנייפען, שלאָגען... וואָס איז ער אריין אהער? ער וואָלט בעסער הונגערען, אָבער פריי געווען — און ער הויבט אָן זוכען מיטלען, ווי אזוי צו ראטעווען זיך.

די מיטלען זיינען ווילד, און ער וועט זיי קיינמאָל ניט טהאָן, נאָר דער מוח ארביים.

און אָט פאלט איהם איין ארויסצושפּרינגען דורך דעם אָפע־נעם פענסטער, און אז ער דערשרעקט זיך פאר'ן געדאנק, חאפּט ער זיך אָן א צווייטען מיטעל: ער וועט צוגעהן דאָ צו וועמען עס איז, דערצעהלען די גאנצע מעשה און וועט בעטען באָרגען 20 קאָפּיקעס.

דאָס איז אָבער אויך ניט קיין מיטעל: דאָ זיצען אלע שלעכטע מענשען, זיי וועלען קוקען ווילד אויף איהם און יעדער וועט ארויסברומען: כ'האָב ניט...

און אז די קעלנערין געהט פארביי, פאלט איהם גאָר איין צו ווענדען זיך צו איהר און זאָגען:

— הער, אויב דו באָרגסט מיר אביסעל געלד, האָב איך מיט דיר חתונה — דו ווילסט דאָך חתונה האָבען, דו ביזט

דאָך שוין אַלט און אויסגעהאַרעוועט, ווער וועט דיך נעהמען ?...

און די טהיר עפענט זיך, עפענט זיך און פערמאכט זיך און קיינער פון די בעקאַנטע געהט ניט אריין...

און דער טאָג איז אזא ליכטיגער, — ווי גוט איז איצט אויפ׳ן גאס... ווי ענג איז איצט אין קאפע־הויז, וואו ער האָט זיך פער׳משכנ׳ט פאר צוואנציג קאָפּיקעס...

— גאָט מיינער ! — וויינט אין איהם דאָס הארץ — א טאָג „לעבען" איז דאָך ווערטה מיליאָנען, מיליאָנען ! גזלנים, לאָזט מיך ארוים !...

און די ווירטהין זיצט ביי דער קאסע און היט, ווי א שטרענגער זשאנדארם... און קלינגער רייסט זיך און זוכט מיט־לען ווי צו אנטלויפען, ווי צו אויסגעלעזט ווערען פון דעם אַסטראָג...

ערשט זיעבען א זייגער איז געקומען א בעקאַנטער. קלינ־גערן האָט א פינטעל געטהאָן אין די אויגען און פאר שמחה איז ער צוטומעלט געוואָרען, האָט זיך א חאַפּ געטהאָן פון אַרט און א געשריי געטהאָן:

— ברודער ! דו האָסט מיך געראַטעוועט...

יענער האָט איהם קאַלט דערלאַנגט די האנד און חאָט גע־פּרעגט:

— וואָס איז מיט דיר די שמחה ?

— וויפיעל בין איך ווערט ? — האָט קלינגער אַנשטאָט צו ענטפערן, געפרעגט.

— אין מיינע אויגען א גראָשען אויך ניט...

— אי, שלעכט ! — האָט קלינגער געסטאַרעט זיך צו זיין פרעהליך. איך וועל שוין דאָ מוזען בלייבען, איך בין דאָ איצט פער׳משכנ׳ט אין 20 קאָפּיקעס...

— איז וואָס ווילסטו, איך זאָל דיך אויסלייזען ? — האָט דער בעקאַנטער געפרעגט האַלב שמייכלענדיג, האַלב ערנסט...

— לייז אויס, ברודער, לייז מיך אויס — איך האָב שוין קיין כח ניט צו זיצען.. אַזאַ שעהנער טאָג!...

און דער חבר האָט איהם אויסגעלייזט...

קלינגער איז אַ בעפרייטער אוועק צום קאַסע, האָט אָב־געצאָהלט און זיך געשווינד ארויסגעכאַפּט, ניט געזעגענענדיג זיך אפילו מיט'ן אויסלייזער...

אויפ'ן גאַס איז שוין דונקעל געווען, דער הימעל איז גע־ווען פערדעקט מיט שווארצע וואָלקענס, אַ קליין רעגענדעל האָט צוגעקאַפּעט און קלינגערן האָט וועה געטהאָן דער ליכטי־גער טאָג, וואָס איז אין תפיסה אוועק און איהם האָט זיך גע־דאַכט, אז דער הימעל העלפט איהם צו בעוויינען דעם פער־שפּיעלטען טאָג...

דער מאָרגענדיגער טאָג איז אַ קאַלטער, אַ נאַסער און דונקעלער געווען, און קלינגער איז אַ הונגעריגער אין דער היים געזעסען און האָט געבענקט נאָכ'ן נעכטיגען טאָג...

דער בוכהאלטער.

11 א זיינער ביינאכט.

ער איז נאָר וואָס געקומען פון קאַנטאָר, וואו ער דיענט אלס בוכהאלטער. ווי דערשלאָגען איז ער אנידערגעפאלען אויפ'ן איינציגען שטוהל, וואָס האָט זיך געפונען אין קליין צי־מערל. ער האָט מיט דער רעכטער האַנד א שטאַרקען פיהר געטהאָן איבער'ן קאָפּ און נאכהער איבער'ן גאַנצען פּנים, ווי ער וואָלט וועלען „עפּעס" אראָבנעהמען פון דאָרטען און פער־ווארפען עס ווייט, ווייט, נאָך וואָס איהר וואָלט אזוי לייכט, אזוי גוט געוואָרען...

נאָר דאָס אומפיהרען מיט דער האַנד האָט איהם גרינגער ניט געמאכט. פאר זיינע אויגען איז אלץ געשטאַנען די קאָנ־טאָרקע מיט די קאסע־ביכער און ער האָט זיך געקרימט און גערונצעלט דעם שטערן, ווי איהם וואָלט אויסקומען אויסרע־גולירען א פערפּלאָנטעטע רעכנונג...

— פוי! — האָט ער אויסגעשפּיגען — צום שווארץ יאָהר!

און איהם האָט זיך געדאכט, אז אלץ וואָס ער זעהט פאר זיך אין צימערל: דאָס בעטעל, דאָס טישעל, דאָס פייער אין לאָמפּ דורך דעם פערראויכערטען גלאָז, די וועגד אויסגעקלעבט

מיט טונקעלע טאָפּעטעז, אַז דאָס אַלץ ברומט אוגצופריעדען:
„צום שווארץ יאָהר!“..

און וואָס אַ מינוט מעהר בּעהערשט איהם אַלץ שטאַרקער דער אומעט.

ער דרעהט זיך אום מיט׳ן פּנים צום פענסטער און מיט אויסגעשטעלטע אויגען קוקט ער ווייט, ווייט, ווי ער וואָלט עפּעס ווען דערזעהן... שטילע, לאַנגזאַמע געדאַנקען ציהען זיך איהם דורך אין מוח. ער וויל יעדער געדאַנק פערהאַלטען, אָבּשטעלען, בּערעכענען איהם, נאָר דער געדאַנק שפּרינגט אוועק און עס קומט אָן אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פיערטער. ענדליך צושפּרינגען זיי זיך אַלע און אין מוח שטעלט זיך בּיי איהם אוועק אַ דייטליכע פראַגע מיט גרויסע שווארצע בּוכשטאַבּען, מיט אַ לאַנגען פראַגע־צייכען:

— וואו איז מיין לעבּען אוועק?...

און עס ווילט זיך איהם עפּעס דערמאַנען. צעהנדליגער געשטאַלטען הויבּען אָן צו קריכען פויל און שלעפעריג איינס נאָך דאָס אַנדערע, אָהן אַ צוזאַמענהאַנג, אָהן אַ סדר און די פראַגע דריקט און נעהמט אַדורך זיין גאַנצע זעעלע:

— וואו איז מיין לעבען אוועק?

פּלוצלונג פאַלט איהם איין צו טהאָן עפּעס אַן אַרבּייט.

ער הייבּט זיך אויף פון שטוהל, בּעטראַכט אַרום און אַרום זיין צימערל, און זיין בּליק פאַלט אויפ׳ן קאַסטען, וואו עס ליגען אַלע זיינע זאַכען, וואָס ער האָט פון דערהיים געבּראַכט, און וואָס ער האָט שוין דאָ ערוואָרבּען.

ער קוקט איהם אָן קרום, נעהמט פויל אַרויס פון טאַש אַ שליסעל און עפענט איהם אויף.

עס געפעלט איהם עפּעס ניט דער סדר אין קאַסטען, איהם דאַכט זיך, אַז יעדע זאַך ליעגט ניט אויף איהר אָרט.

ער הייבּט אָן איבּערלעגען.

צום ערשטען פאַלט איהם אַריין אין האַנד אַן אַלטער

תנ"ך. ער גיט א בליעטער און זיין בליק שטעלט זיך אב אויף די ווערטער: „אב במחתרת ימצא הגנב„. ער טייטשט אב אין מוח יעדעס ווארט און שרעקט זיך צו האט ער קיין טעות ניט געהאט... עס וואקסט פאר איהם אויס א דארער איד מיט אן אפען הארץ בעוואקסען מיט האר. „פויער! — שרייט ער, „זאג! אם במחתרת ימצא הגנב. נ נ נ נו!..." ער גיט א מיש ווייטער, ווייטער: „בנים גדלתי ורוממתי" — א שווערער פסוק, געדענקט ער. דא איז געווען א הארבע אויסרעדעניש... ער וויל זיך עפעס דערמאנען און קוקט אויף די אותיות... נאך באלד גיסען זיי זיך צוזאמען און עס שווימט פאר איהם ארויס, ווי פון א נעבעל, א נידריגע פינסטערע שטוב. ארום א גרויסען טיש זיצען דערשראקענע אינגלעך און רייסען זיך צום פענס־טער, צום גאס... א דארע ביינערנע האנד לאזט זיך אראפ אויף די קינדערשע פלייצעס איינציגווייז און די בלויע ליפען צעבייזע־רען זיך נאך שטארקער: זאגט זשע „בנים גדלתי ורוממתי". און די אינגלעך צעשאקלען זיך מיט א גוואלד: „קינדער האב איך געהאדעוועט און דערהויבען"...

ער זיפצט שווער אב און לעגט דעם תנ"ך אוועק אונטען אין קאסטען.

ער האלט אין האנד א צווייט ביכעל.

— א, די גראמאטיק! קלערט ער. — ער בלעטערט זי דורך און יעדעס בלעטעלע פערצעהלט איהם עפעס, ברענגט איהם טרויריגע גריסען... עס שטעהט אויף פאר זיינע אויגען א הויכער יונגער מאן מיט א בייזען בליק אונטער א פאר פענ־סנע. ער דרעהט איהם דעם אויער, נעהמט ארויס א בליי־שטיפט און צייכענט אויף יעדער בלאט בעזונדער:

— וואט נא זאווטרא, דא סיך פאר נאאיזוסט! סלישיש?

ער לעגט אוועק די גראמאטיק. ער בלעטערט נאך א ביכעל — אן אריפמעטיק. נאך א ביכעל — א כרעסטאמאטיע — א דייטשעס ביכעל...

עס בעווייזען זיך אַלערליי געשטאַלטען אין שווארצע רעק, און פענסנע, מיט א שטענדיגער בעזער פראזע:

— וואַט נא זאווטרא דאַ סיך פאַר נאאיזוסט!

„שווער געוועז", לויפט איהם דורך אין קאָפּ...

ער האלט וויעדער אין האנד א פּאַק פּאַפּיערען.

— א, יעקב מארק'ס בוכהאלטעריע! — שמייכעלט ער ביטער, דער טאטע האָט פאר איהם א תכלית געזאָרגט...

— און וויפיעל האָט דאָס דעם טאַטען געקאָסט! זיינע לעצטע קרעפּטען האָט ער פאר מיר אוועקגעלעגט.

מיט א שווערען זיפץ לעגט ער די ביכער צוריק אוועק, נאָר נעהמען אין האנד נאָך עפּעס קען ער ניט. לאנג שטעהט פאר זיינע אויגען דאָס טרויריגע געשטאלט פון טאַטען. נאָכ־הער בעווייזען זיך אנדערע געשטאַלטען. ער דערזעהט שוועס־טער און ברידער אלע מיט פערזאָרגטע טרויריגע פּנים'ער. דער זעלביגער קאסטען שטעהט אין דער היים אין מיטען שטוב ארומגעבונדען מיט א שטריק... די מאמע קושט איהם... דער טאַטע דריקט איהם די האנד און זאָגט איהם ווייך: „דו פאָהרסט אין דער פרעמד, זיי דאָרט א מענש, היט א קאָפּיקע, זיי גינציג דעם בעל־הבית... וועסט פערדינען געלד וועסט טהאָן א שדוך און וועסט זיין לייטען גלייך"... דער קליינער ברו־דער'ל דרעהט זיך ארום קאסטען און שרייט:

„ברוך, שיק מיר פון דער גרויסער שטאָדט א ביקסע־לע"...

דאָס הארץ הייבט איהם אָן דריקען, שרעקליך וועה טהאָן... נאָר ער הייבט אָן ווייטער איבער צו לעגען.

ער האלט שוין אין האנד דעם נייעם קאָסטיום, וואָס ער האָט זיך דאָ שוין אליין געמאכט פון די שכירות... ער פער־טראכט זיך קוקענדיג אויפ'ן ראָק, און עס ציהען זיך פאר איהם לאנגע, טרויריגע טעג... א שמוציגער קאנטאָר, דורכגעפּיהלט מיט א זויערען שווייסיגען ריח... אין די אויערען קלינגען עפּעס

מאָדנע ווילדע ווערטער: פּרימאַ דע פּרימאַ, באַנקראָט, ביר־זשע, קורס, געהויבען, געפאַלען... עס וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגען דער ווירטה ה׳ גרינבערג, א בייכיגער מענש מיט גרויהע קאַצען־אויגען. אָט געהט ער צו צו איהם מיט א בעזען בליק און פרעגט מיט זיין גראָבען קול: „עס שטימט?“... ער ענט־פערט שטיל און דערשראָקען „דאַכט זיך, א קליינער טעות“... און ווייטער רעכענען... ציפער, און ציפער, אָהן אַ אָנפאַנג, אָהן א סוף...

ער לעגט אַוועק דעם אָנצוג, בלייבט שטעהן פערטראַכט און רעדט אַרויס קוקענדיג אין קאַסטען.

— מעהר, דאַכט זיך, גאָר נישט?!...

און די פראַגע הייבט איהם אָן מיט איהר ערשטער מאַכט צו דריקען.

— וואו איז מיין לעבען אַוועק?

און מיט שטאַרע בליקען קוקט ער אין קאַסטען אַריין...

די סאפקע.

געוואָהנט האָט שמעון שטענדיג אין צימערלעך, וואָס זייי־נען בעשטאַנען פון איין פענסטער, א בעטעל, א טישעל און איין שטוהל. א גוטע בעל־הבית'טע פלעגט אמאָל געבען צוויי שטוהלען. אין אַזאַ צימערל פלעגט שמעון וואָהנען לענגער. ניט אזוי צוליעב דעם איבריגען שטוהל, נאָר צוליעב די גוטס־קייט פון דער בעל־הבית'טע. פון גרעסערע צימערן האָט שמעון קיינמאָל ניט גע'חלום'ט. מעהר, ווי זעקס רובל פאַר א צימערל קען ער ניט צאָהלען, נעהמען ווידער א גרויסען צימער פאַר 12 רובל און וואָהנען זאַלבענאַנד האָט שמעון ניט געוואָלט. כאָטש שמעון איז געווען בכלל א מענש פון דער געזעלשאפט, און האָט פון דער אינדיווידואַליסטישער טעאָריע ניט געוואוסט, איז ער דאָך געווען, ניט וויסענדיג עס אליין, א שטיקעל אינדיווידו־אַליסט. ער האָט גאַנץ אָפט איבערהויפּט ביי נאַכט, ליעב גע־האַט צו בלייבען אליין מיט זיך, אונטערזינגען אלטע לידעלעך, וואָס ער האָט אין דער היים געהערט, ניגונים פון יום־נוראים, זמירות פון שבת, וואָס דאָס אַלץ בעווייזען פאַר א זייטיגען מענשען וואָלט ער ניט געקענט. ווייל קיין קול האָט ער ניט געהאַט און זיין זינגען וואָלט געווים ארויסרופען ביי א צו־הערער א געלעכטער. אויסער זינגען פלעגט ער סתם ליעב

האָבען צו טראַכטען פון העכערע ענינים, און דערצו מוז מען האָבען יחידות.

אויב פון גרעסערע צימערען האָט שמעון ניט גע׳חלומ׳ט, האָט ער אָבער געהאַט א שטאַרקען פערלאַנג, אַז אין זיין צי־מערל זאָל זיך געפינען א סאָפקע. און ביים דינגען א נייעם צימער פלעגט ער מיט א מאָדנעם ביינקענדיגען שמייכעל פרעגען דער בעל־הבית׳טע:

— אפשר וואָלט איהר מיר געקענט ארייגשטעלען אין צימער א שטיקעל סאָפקע...

ביי זיינע בעל־הבית׳טעס פלעגט זיך קיין איבעריגע סאָפ־קעס ניט געפינען. שמעון האָט עס גוט געוואוסט, אבער פרע־גען פלעגט ער מוזען, און בעקומענדיג אַן ענטפער, אַז ניין, וועלכען ער האָט אייגענטליך ערווארטעט, פלעגט ער ווי מיט א זיפץ ארויסמורמלען:

— אַ שאָד, א שאָד! איך האָב אזוי ליעב א סאָפקע...

אַן אנדער בעל־הבית׳טע פלעגט מיט א שמייכעל איהם ווי טרייסטען:

— איהר וועט אם ירצה השם חתונה האָבען וועט איהר זיך קויפען א סאָפקע.

אָבער אזוי ווי שמעון האָט אויף חתונה האָבען קיין מאָל ניט געהאָפט, פלעגט ער ביטערליך נאָך דער בעל־הבית׳טעס ברכה א שמייכעל טהאָן און פלעגט זיך פון א סאָפקע מיאש זיין אין גאנצען...

נאָר איינמאָל, די לעצטע צייט, אז שמעון האָט גענומען ווידער א נייעם צימערעל מיט דעם זעלבען מעביל, ווי די פריהערדיגע צעהנדליגער צימערלעך, נעמליך: איין בעט, איין טישעל און איין שטוהל, און ניט האָבענדיג אפילו אין געדאנק צו פרעגען מכח א סאָפקע, רופט זיך צו איהם אַן די בעל־הבית׳טע:

— אויב איהר ווילט, קען איך אייך אריינשטעלען א סאַפּקע.

פון דער דאָזיגער פארלייגונג איז שמעון געוואָרען אזוי איבערראשט, אז ער האָט א וואָרט ניט געקענט אויסריידען, קומענדיג אבער אין אַ ווייַלע ארום וויעדער צו זיך, האָט ער מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט איבערגעפרעגט:

— וואָס זאָגט איהר?... א סאַפּקע...

— יאָ, אויב איהר ווילט — האָט די בעל־הבית'טע קאַלט געזאָגט — אין שטוב ביי מיר פערנעמט זי נאָר אַן אָרט. איך האָב צוויי.

דאָ האָט שוין שמעון פערשטאַנען אין גאנצען און ער האָט אביסעל דיפּלאָמאַטיש געענטפערט:

— וואָס הייסט, אויב איך וויל... איך מיין, וואָס קען זי מיר שאַדען... עס וועט זיין גוט ביי טאָג אמאָל, מיין איך, צוצושפּאַרען זיך.

און באַלד איז געשטאַנען אין שמעון'ס צימערעל א סאַפּ־קע, אַן אמת'ע סאַפּקע, אויף וועלכער ער האָט זיך, ווי נאָר די בעל־הבית'טע איז ארויס, א וואָרף געטהאָן מיט'ן פּנים צום באַלקען און האָט גליקליך געשמייכעלט.

דאָס גליק איז אבער געווען צו גרויס, אז שמעון זאָל קע־נען רוהיג איינשלאָפען. ער איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען, עטליכע מאָל איבערגעפיהרט מיט דער האנד איבער דער שווארצער סאראַטע פון דער סאַפּקע און האָט געלויבט:

א זעלטענע סאַפּקע.

דאָס גליק איז אָבער געווען צו גרויס אליין עס צו פער־טראָגען. און שמעון איז ארויס אויפ'ן גאס צו טיילען זיך מיט זיין גליק מיט נאָך עמיצען...

בעגעגענט האָט ער דעם ערשטען, — בעריל פישמאַן, א יונגער מאַן, וואָס האַלט ניט פון דירות און זאָגט, אז א מענש

דארף לעבען ווי א פויגעל.. בעגעגענדיג דעם דאָזיגען חבר, האָט ער פערגעסענדיג יענעם'ס מיינונג וועגען דירות, איהם אָבגע־שטעלט און א פרעהליכער איבערגעגעבען:

— נו, ברודער, האָב איך זיך היינט אריינגעצויגען אין א דירה!...

— איז זי א פאלאץ! — האָט פישמאן איראָניזירט.

— א פאלאץ ניט קיין פאלאץ — נאָר א סאָפקע איז פאראן! פערשטעהסט, א סאָפקע.

—טייערע מציאה... — האָט פישמאן גע'חוזק'ט: פון וואָס א מענש ווערט נתפעל, אָט האָב איך אפילו קיין בעט ניט, און גאָר נישט... נאָר פון דעסטוועגען דאַרף מען געהן אָנקור־קען.

— אָח, קום! — האָט שמעון זיין גאסטפריינדליכקייט ארויסגעוויזען.

אריינקומענדיג אין צימערל, האָט בעריל פישמאן ניט ארויסזאָגענדיג זיין מיינונג אויף דער דירה, זיך א וואָרף גע־טהאָן אויף דער סאָפקע און ליעגענדיג שוין, געזאָגט:

— איך בין שטארק מיעד... איך וועל כאפען א דרע־מעל...

— א דרעמעל.... האָט זיך שמעון דערשראָקען... וואָס הייסט א דרעמעל... איך רעכען, אז די בעל־הבית'טע וועט ניט וועלען ליידען... זי האָט פערזאָגט, אז...

— עט, לאָך פון איהר באָבען, וועסט קריגען אן אנדער צימער.

און מעהר האָט פישמאן ניט גערעדט. לעבענדיג ווי א פייגעל, האָט ער די פאָריגע נאכט ניט געשלאָפען, און ער איז גלייך איינגעשלאָפען...

שמעון האָט געקוקט אויף דעם שלאָפענדיגען חבר און האָט ניט געוואוסט וועלכע מיטלען אָנצונעהמען. וועקען איהם האָט ער קיין הארץ ניט געהאט, לאָזען איהם אזוי ליעגען

וואָלט ער גאָר אליין זיך אָביסעל אָבגערוהט — דאָס ערשטע מאָל אויף אַ סאָפקע... און ער איז געשטאַנען און געקוקט, ווי עמיצער רויבט ביי איהם זיין גליק אַוועק.

ענדליך אָבער האָט ער זיך בערוהיגט און זיך געטרייסט:

— מילא, אַ מענש וויל זיך אָברוהען, זאָל ער זיך אָברוהען. די סאָפקע בלייבט דאָך ביי מיר.

עס איז אָבער געווען אַ פאַלשע נחמה. אמת, פישמאַן איז אין אַ פּאָר שעה ארום אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעגענעצט הויך און בשעת געגעצען געזאָגט:

— גאַנץ וואָהל זיך דורכגעדרעמעלט — מען דאַרף געהן. נאָר אַ זייגער עלף ביי נאַכט, אז שמעון איז געלעגען אין די בגדים אויף דער סאָפקע און געפאַנטאַזירט וועגען זעהר גוטע זאַכען, וואָס עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, האָט איהם אַ קלאַפּ אין טהיר פון קאַמערל אויפגעוועקט פון זיינע דמיונות און אז ער איז אראָבגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער, האָט ער פאַר זיך דערזעהן ווידער בעריל פישמאַן....

— אזוי שפּעט ? — האָט ער אויף איהם אָנגעשטעלט די אויגען.

— איך וויל ביי דיר היינט נעכטיגען. איך האָב נאָך אַלץ קיין דירה ניט.. ווּעסט דאָך מסתמא ערלויבען.

— נעכטיגען ? — האָט שמעון ארויסגעשטאַמעלט — ניט יוסענדיג וואָס ווייטער צו זאָגען...

— יאָ, איבערנעכטיגען... — האָט פישמאַן בעשטעטיגט.

— עס איז דאָך אָבער ניטאָ קיין קישען... האָט שמעון געפּרופט ראַטעווען זיך...

— עט, ביזט אַ שוטה... איז פישמאַן שוין אין זיין ראָלע אריין, וואָס זיינען מיר עפּעס בורזשוקעס... אַ סאָפקע האָסטו, וואָס דאַרף מען בעסער ?

און פישמאַן איז געבליעבען נעכטיגען און דאָס ערשטע

מאָל, נאָך זעהר א לאנגע צייט, האָט שמעון ניט געזונגען פאר׳ן שלאָף...

אויף מאָרגען, אז שמעון איז אויפגעשטאנען, איז שוין פישמאן ניט געווען. ווייסענדיג, אז קיין פריהשטיק וועט ער ביי שמעון׳ען ניט קריגען, איז ער עס אוועק זוכען ערגעץ אנדערש.

שמעון איז צוגעגאנגען צו דער סאָפקע און האָט זיך דער־מאָנט, אז אויסער פישמאנען האָט ער נאָך צעהנדליגער חברים, וואָס האָבען ניט קיין דירות און אז זיי וועלען זיך דערוויסען, וועט ער האָבען אלע נאכט א פארשוין אויף שלאָפען. אבזאָגען וועט ער ניט קענען. ווי אזוי זאָגט מען אָב, אז עס שטעהט אין א צימער א סאָפקע א נאכט ליידיג?... געה דערצעהל דעם עולם א מעשה, אז דו האָסט ליעב יחידות, אז דו קענסט ניט זינגען פאר א צווייטען...

און שמעון האָט געקוקט אויף דער סאָפקע און עס האָט איהם אנגענומען א שרעק... אין מח האָט שוין געארבייט א גע־דאנק:

— זוכען א נייע דירה, וואו עס איז פון קיין סאָפקע קיין זכר ניטאָ...

דער מאָרנער.

(געווידמעט ל. נ.)

דער פּאַלטאָ, וואָס זיסעל טראָגט שוין דעם צעהנטען ווינ־טער, איז אייגענטליך ניט געוועזן קיין ווינטערדיגער אין פולען זין פון דעם וואָרט. אויסער דעם, וואָס ער איז געוועזן העל, האָט ער אויך ניט געהאט קיין וואַטע. אבער קיין זומערדיגער האָט ער אויך ניט געקענט הייסען. דער געוואַנד פון איהם איז געוועזן גראָב און האָריג און דאָס האָט איהם צוגעגעבען א חאַ־ראַקטער פון א הערבסט אָדער פריהלינגס־מאַנטעל. זיסעל אַליין האָט איהם אָבער גערופען מיט א וויצעלע „דער פּאַרע־זוער מאַנטעל". און האָט ערקלערט, אז מיט'ן שכל, דאַרף ער אזוי הייסען, ווייל אזא מאַנטעל קען מען טראָגען אין אַלע פיער צייטען פון יאָהר און אפילו צודעקען זיך מיט איהם איז אויך ניט שלעכט. אז דער מאַנטעל דעקט אין א קאַלטער נאַכט זיס־לען צו, זעהט עס טאַקע אויס ווי אן עכטע קאָלדרע. אמת, די פּאָר ארבעל שטערען דער אַלגעמיינער האַרמאָניע, נאָר ווער דאַרף עס אזוי נאָהענט צוגעהן בעטראַכטען? דער עיקר איז דאָך, ווי אזוי די זאַך זעהט אויס פון דער ווייטען...

עס פערשטעהט זיך, אז אזא מאַנטעל מיט אזוינע מעלות. האָט זיסעל געוואוסט ווי צו שעצען. טאָמער פלעגט איהם אמאָל איינער פון זיינע בעקאַנטע בעמערקען:

— שוין צייט אייך, פאני זיסעל, א נייעם מאנטעל צו מאכען.

פלעגט זיסעל א קוק טהאן אויף זיין מאנטעל, אויפהויבען דעם קאלנער, וואס איז געווען זעהר א הויכער, ארייגלעגען איין ארבעל אין צווייטען און מיט א זיעגערישען טאן ענטפערן:

— וואס? א שלעכטער מאנטעל? —

יענער פלעגט א שמייכעל טהאן און געפינען, אז דער מאנטעל איז ווירקליך גוט.

— דאס געלד, וואס א נייער מאנטעל דארף קאסטען האב איך וואו אהין צו טהאן — פלעגט נאכדעם זיסעל צוגעבען מיט א גוטמוטיגען טאן און מען האט געוואוסט, אז זיסעל, אט דער אלטער בחור, אט דער „מאדנער“, וואס ארבייט ערגעץ פאר א פירמע און פערדיענט פיעל געלד, טהוט מיט מענשען גרויסע טובות און אויף זיך אליין קוקט ער גאר נישט.

און דאך האט זיך געטראפען מיט זיסלען א סיבה און ער האט געפעלשט אין זיין מאנטעל און אנגעטהאן א פוטער...

— ווי קומט צו אייך, פאני זיסעל, א פוטער? — האט איהם יעדער בעקאנטער, דערזעהענדיג דאס ערשטע מאל אין פוטער, פערוואונדערט געפרעגט — איהר זענט שוין צום שכל געקומען?...

און זיסעל האט מיט א פערשעמטען שמייכעל גערארפט דערצעהלען א מעשה, וועלכע איז איהם געווען זעהר ניט איינגענעהם. עפעס איינער, זיינער א ווייטער בעקאנטער, וועלכער האט נויטיג גערארפט געלד, נאר בארגען ביי איהם האט זיך יענער געשעמט, האט איהם פערקויפט דעם פוטער, מיט א תירוץ, אז ער איז אויף איהם ענג.

— איך האב איהם געמוזט קויפען... איהר פערשטעהט?

— האט ער זיך פערענטפערט.

די בעקאנטע האבען פערשטאנען און זיינען געווען זעהר צופריעדען, וואס ענדליך האט גאט געהאָלפען און זייער גוטער זיסעל איז געווארען א מענש...

— גוט א פוטער, הא, וואס? — האבען זיי איהם גע־פרעגט.

— גוט איז גוט — האט דער אלטער בחור מיט א נאאי־ווען קינדערשען שמייכעל געענטפערט... אבער...

— אבער וואס?

— אבער איך שעם מיך...

די בעקאנטע האבען זיך פערנאנדער געלאכט.

— כ'לעבען איך שעם מיך... ווי קומט צו מיר א פוטער?

די בעקאנטע האבען ווידער געלאכט: טאקי א „מאדנער". מען זאל זיך שעמען צו טראגען א פוטער! הלואי וואלט יעדער פון זיי געהאט א פוטער וואלט ער גאר אן אנדער שטאלץ בע־קומען. די ערד וואלט אונטער איהם געציטערט...

און לכבוד דעם פוטער, וואס זיסעל האט אנגעטהאן, האט דער ווינטער אראבגעשיקט א שטארקען פראסט, וואס האט עט־ליכע טעג נאך אנאנד מיט א קאלטען פייער געברענט. זיסלען, געהענדיג אין גאס, וואס האט גערוישט פון מענשען, צווישען וועלכע ער האט גראד ווי אויף צולהכעים פיעל לייכט געקליידע־טע בעגעגענט, האט זיך געדאכט, אז ע ר איז אין דעם פראסט שולדיג, און האט ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען די ארימע, לייכטגעקליידעטע דורכגעהער, וואס האבען זיך גע־קנייטשט אין דרייען פאר קעלט. ווען ער וואלט געטראגען זיין „פאראווען מאנטעל" וואלט ער שוין צו א מאנכען צוגעגאנגען און געפרעגט:

—וואס, קאלט, פעטערקע?

אבער אין דעם פוטער האט ער קיין מוטה ניט צוצוגעהן אום צו ריידען, ווי זיין שטייגער איז, א ווארט. דער פוטער מאכט א מחיצה צווישען איהם און די אלע ארימע. און א פער־

שעמטער לויפט ער דורך די גאס, סטארענדיג זיך קיינעם אין די אויגען ניט אריין צו קוקען. ער קען זיך אבער ניט איינ־האלטען, בעגעגענדיג אן ארימען טרעגער, האט ער ווי פער־שולדיגט א פרעג געטהאן: קאלט הא?... דערהערענדיג א קרעכץ אנשטאט אן ענטפער, איז זיסלען א קעלט דורכגעלאפען דורכ'ן פוטער, און ער האט עפעס בעשלאסען...

* * *

אויפ'ן פינסטען טאג, אלס דער פראסט האט זיך גע־שטארקט, האט מען זיסלען צוריק געזעהן אנגעטהאן אין זיין אלטען מאנטעל.

— ווידער אין אלטען? — האט איהם א בעקאנטער גע־פרעגט. — איהר וועט דערפרוירען ווערען — אזא פראסט!

— עט, האט זיסעל מיט א זיכערען טאן געענטפערט, — אהן א פוטער ווערט מען ניט דערפרוירען, אבער אין א פו־טער ווערט מען אבגעריסען און פערפרעמדט פון ארימע ברי־דער, און אהן זיי איז קאלט אין בעסטען פוטער. יעצט איז מיר גאנץ ווארים...

דער בעקאנטער האט געקוועטשט מיט די פלייצעס און אין געדאנק אויף זיכער בעשלאסען:

— „ניט נאר א מאדנער — א משוגענער!...

לאזענדיג דעם בעקאנטען מיט זיין מיינונג איבער איהם, האט זיך זיסעל געלאזען געהן. ער האט גלייך בעמערקט ביי א ראג שטעהן א טרעגער, וועלכער האט דא געקלאפט מיט די פיס, דא געפאטשט א האנד אין א האנד, דא אונטערגעשפרונגען און נאך אזעלכע סגולות צום פראסט. זיסלען האט עס געריהרט, אבער אויך געפעלען געווארען. אין זיינע אויגען האט זיך בעוויעזען דאס אלטע גוטע פייעריל און האט זיך געווענדט צום טרע־גער:

— וואס, פעטערקע, קאלט?

— קאלט, קאלט! — האט דער טרעגער ווי פרעהליך גע־ענטפערט.

— נישקשה! מיר וועלען ניט דערפרוירען ווערען! — האט זיסעל גוטמוטהיג געענטפערט.

— עס, דערפרוירען ווערען! ווער זאגט עס? דעם ערש־טען ווינטער בעגעגען איך דען? — האט דער טרעגער, מא־כענדיג זיינע סגולות פאר איין וועגס געערדט.

און זיסעל איז מיט א ליעדעלע פרעהליך ווייטער אוועק־געגאנגען, לאכענדיג פון זיך אליין ביים געדאנק, אז ער האט פיער טעג א פוטער געטראגען.

— עס איז טאקע געווען א משוגעת! — האט ער הויך אויפ'ן קול זיך מתודה געווען...

די ברידער.

שוין עטליכע טעג, אז לייב מינקין האָט זיך געפיהלט, ווי צעבראָכען און האָט קוים געקענט איינזיצען אין קאָנטאָר ביי דער ארבייט וואו ער האָט געשריעבען, ווי א מאשין, עפּעס אזוינע צעטלעך, אלץ מיט איין נוסח. ער האָט אָבער זיך אָנגעטהאָן כחות צו דערציהען ווי עס איז ביז דעם צוואנציגסטען, ווען ער נעהמט אָב די צוואנציג רובל שכירות. ווייל אוועקלעגען זיך אין א פרעמדער שטאָדט ביי פרעמדע מענשען אָהן א גראָשען, האָט ער מעהר מורא געהאט ווי פאר דער קראנקהייט אליין. דאָנערשטאָג פאר נאכט האָט ער, קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס, בעקומען די צוואנציג רובל, גראָד איינציגע זילבערנע רובל. ער האָט זיי מיט ליעבשאפט איבערגעצעהלט, אריינגעלעגט אין דער שטארקסטער קעשענע און האָט זיך גענ־לאָזען געהן אויף זיין קוואטיר.

קומענדיג אויף דער קווארטיר, איז ער אריין אין זיין קליין קאמעריל. די צוואנציג איינציגע רובל האָט ער איינגעבונדען אין א טיכעל, האָט זיי אוועקגעלעגט אונטער דער קישען און האָט זיך גלייך אוועקגעלעגט אין בעט, טאפּענדיג די געלד מיט דער האנד אונטער'ן קישען...

איבערהויפּט האָבען איהם געבראָכען די פיס און ווי ער האָט געדענקט פון אמאָל, בשעת ער איז נאָך אין דער היים

געווען, האָט מען איהם ביי אזא פאַל געשמירט די פיס מיט אראַמאַנטעס עסיג.

„עס וואָלט איצטער אויך גוט געווען — האָט ער א טראַכט געטהאָן — אבער ווער?“

ער האָט ווידער מאשינאַל אַנגעטאפּט אונטער׳ן קישען דאָס טיכעל מיט דעם געלד.

„זיי וועלען שמירען“! — האָט ער זיך אליין געענט־פערט — זיי זיינען יעצט מיינע קרובים: צוואַנציג ברידער!...

ער האָט ארויסגענומען דאָס טיכעל פון אונטער קישען און האָט פונאַנדערבינדענדיג עס, יעדער רובל אַנגעטאפּט. זיי זיי־נען געווען קאַלט, אבער מינקין האָט אויף זיי געקוקט, ווי אויף אמת׳ע ברידער.

„דו, ברודערל, האָט ער גערעדט צו איין רובל, וועלכען ער האָט ארויסגענומען פון טיכעל, וועסט מיר רופען א פעלד־שער. דו ביזט דאָך א גוטער, הא?

דער רובל האָט, שווייגענדיגער־הייט, מסכים געווען.

באלד איז דאָס שטוב־מיידעל, וועלכען מינקין האָט מיט א שוואַכען קול אריינגערופען, ארויסגעגאַנגען קויפען אראַמאַנטעס עסיג און רופען א פעלדשער.

דער פעלדשער, וועלכער איז אין א האַלב שעה געקומען, האָט ווי ברוגז איהם בעטראַכט, געהייסען ווייזען די צונג. און אז מינקין האָט איהם געזאָגט פון זיין פערלאַנג אויסצושמירען איהם מיט אראַמאַנטעס עסיג, האָט ער זיך אַנפאַנגס טרוקען אָבגעזאָגט. אבער אז מינקין האָט מיט א קרענקליכען שמייכעל איהם א זאָג געטהאָן, אז פאַר זיין פריינדשאַפט וועט ער איהם גוט בעדאַנקען, איז דער פעלדשער מרוצה געוואָרען און האָט איהם זעהר שטאַרק געריבען די פיס מיט׳ן עסיג, אזוי שטאַרק, אז מינקינען האָט אזש וועה געטהאָן.

בעצאָהלט האָט איהם מינקין מיט א גאַנצען האַלבען רובל, פון דער רעשט, וואָס דאָס מיידעל האָט געבראַכט. דער פעלד־

שער איז פּלוצים איבערגעביטען געוואָרען. האָט איהם גענומען נאָך אמאָל ארומקוקען, טאַפּען דעם שטערן און געזאָגט, אז קיין סכנה איז ניטאָ. פון דעסטוועגען דארף מען רופען מאָרגען פריה א דאָקטאָר.

אז דער פעלדשער איז ארויס איז אריין די בעל־הבית'טע, א פרוי אין די מיטעלע יאָהרען מיט א שטריינגען קוק.

— איהר קלעהרט א פּנים אוועק צו לעגען זיך, האָט זי א זאָג געטהאָן — וואָס איז דאָך אייך — אפשר אין שפּיטאָל ?...

מינקין האָט פאר שפּיטאָל זיך זעהר דערשראָקען, און מיט בעטענדע בליקען האָט ער איהר געענטפערט, אז ער וועט זיך סטאַרען וואָס גיכער געזונד ווערען... און געלד — האָט ער מוסיף געווען — האָב איך גענוג...

— ווער רעדט וועגען געלד — איז די בעל־הבית'טע ווייכער געוואָרען. אפשר א זופּ אויפקאָכען אייך. גיט אויף מילך און אויף גרויפּען.

מינקין האָט אפילו עסען ניט געוואָלט, אבער כדי צו ווייזען דער בעל־הבית'טע, אז ער האָט געלד און זשאַלעוועט ניט האָט ער ארויסגענומען, ליעגענדינערהייט, דאָס טיכעל מיט דעם גאַנצען געלד, האָט איהר איבערגעגעבען א רובל און האָט געזאָגט.

— קויפט, נאָר גוטע.

— ווי דען ? פאר א חולה מוז אלץ זיין גוטע, האָט די בעל־הבית'טע געזאָגט, בעקוקענדיג דעם רובל פון אלע זייטען, און איז ארויס.

פון רובל האָט זי איהם געבראַכט צוריק אכטציג קאָפּי־קעס, און מיניקין איז געווען צופריעדען, וואָס זי האָט אודאי א צעהנעריל פערדיענט. וועט זי איהם אין שפּיטאָל ניט טרייבען...

אויף מאָרגען פריה איז געקומען דער פעלדשער. די בעל־הבית'טע איז גלייך נאָך איהם אריינגעגאַנגען.

— נו, וואָס מאכט אונזער חולה? — האָט זי איהם גע־פרעגט.

— אַט וועלען מיר איהם בעקוקען, ווערען מיר זעהן! — האָט דער פעלדשער זעהר צופריעדען, כמעט ווי פרעהליך ארויסגערעדט.

מינקין איז געווען, כאָטש דער קאָפּ האָט איהם שרעקליך וועה געטהאָן, זעהר גליקליך מיט דער פריינדשאפט פון זיי ביידען און האָט אינסטינקטיוו אונטערגעלעגט די האנד אונטער דעם קישען, וואו ער האָט אנגעטאפּט דאָס טיכעלע מיט דעם געלד...

דער פעלדשער האָט איהם אויסגעמאָסטען די היץ און די בעל־הבית'טע איז די גאנצע צייט געשטאַנען און געוואַרט, ווי עס וואָלט געווען איהרער אן אייגענער זוהן.

— וויפיעל? — האָט זי בעזאָרגט געפרעגט, אז דער פעלדשער האָט דעם גראדוסמעסטער ארויסגעצויגען.

— אי — וואַ! — 38 מיט 3 צעהנטעל!

— מעג ער עפּעס עסען?

— בלויז אביסעל הינערשע זופּ — האָט דער פעלדשער גע'פּסק'נט.

מינקין האָט דעם פעלדשער ווידער שעהן בעצאָהלט און האָט איהם דערפאר געבעטען, אז ער זאָל שיקען א גוטען דאָק־טאָר.

— דעם בע'סטען! — האָט דער פעלדשער פערזיכערט — אין א פּאָר שעה ארום קומט ער צו אייך.

אז דער פעלדשער איז ארויס, איז די בעל־הבית'טע צו־געגאַנגען צו מינקינ'ען און געזאָגט:

— גיט אהער געלד, וועל איך אייך קויפען א שטיקעל פרישע הוהן. גאָר ניט עסען, קענט איהר נאָך פערשוואכט ווערען.

— א, איך דאנק אייך, איך דאנק אייך! — האָט מינקין

שוואַך אָבער בעגייסטערט געזאָגט. און האָט ארויסגענומען אַ גאַנצען רובל פון טיכעלע.

— איך וועל איך ברענגען רעשט! — האָט די בעל־הבית'טע פערזיכערט, חאָטש מינקין האָט ניט פערשטאַנען, צו־ליעב וואָס זאָגט זי דאָס. אודאי וועט בלייבען רעשט!

אין אַ שעה ארום האָט די בעל־הבית'טע איהם אריינגע־טראָגען 30 קאָפּ. רעשט און געפרעגט: וואָס מאַכט ער.

מינקין האָט זיך עפּעס זעהר געשעמט צו קוקען איהר אין די אויגען און האָט קוים געענטפערט:

— נישקשה...

— הוהן איז היינט, אַ קלאָג נאָך זיי, פייער און פלאַם, — האָט די בעל־הבית'טע אַ זאָג געטהאָן און איז ארויס קאָכען פאַר איהם די זופּ.

אין אַ פּאָר שעה ארום איז געקומען דער דאָקטאָר. ער האָט איהם אויף גיך בעטראַכט, געשטעלט עטליכע שאלות און גע־בעטען אַ טינט און פּען.

אַנשרייבענדיג עטליכע ווערטער, האָט ער זיך אויפגע־שמעלט.

מינקין האָט איהם ליגענדיג אויסגעצויגען די האַנד; דער דאָקטאָר האָט ווי אַן אמת'ער קונצען־מאַכער ארויסגענומען פון דאָרט אַ רובל און ווי אַן אמת'ער קונצען־מאַכער אריינגע־וואָרפען ערגעץ אין אַ קעשענע, זאָגענדיג גלייך נאָך דעם קונץ אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער, פון וועלכע מינקין איז גערירט געוואָרען.

„גוט וואָס עס איז אויסגעפאַלען בשעת איך האָב אָבגענומען די שכירות", האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, אַז דער דאָקטאָר איז ארויס.

באַלד איז אריין די בעל־הבית'טע.

— מען מוז דאָך געהן מאַכען דעם רעצעפּט, — האָט זי מיט מוטער'ליכע בעזאָרגונג געזאָגט, פערקנייטשענדיג דעם

פנים — ווער ווייס, ווי פיעל דער רעצעפט קען אין אפטייק אנטרעפען — ד ע ר דאָקטאָר פערשרייבט אזוינע טייערע רע־צעפטען!

— ממה־נפשך, נאט אייך צוויי רובל! — האָט מינקין געזאָגט, גראבלענדיג זיך קוים אין טיכעלע און דערלאנגענדיג איהר צוויי זילבערנע רובל׳ס.

— פון דעסטוועגען רעכען איך, אז קיין גאנצע צוויי רובל וועט ניט קאָסטען! — האָט זי געצווייפעלט. — ממה־נפשך — האָט זי צוגעלעגט, — וועל איך אייך ברענגען רעשט.

אין א שעה ארום האָט זי איהם אריינגעטראָגען א פלע־שעלע איינגעוויקעלט אין א בלאָה פאַפּיער.

— סאָר׳א יקרות! — האָט זי געקרעכצט — ניט אנדערש ווי צעהן גילדען — חאָטש גיב איהם א קרענק!

— מסתמא איז דאָס א גוטע רפואה — האָט מינקין איהר געוואָלט ארויסנעהמען פון פערלעגענהייט, אין וועלכער זי האָט זיך, לויט זיין מיינונג, געדראַפּט געפינען...

— אלע דריי שעה א לעפעל. נעהמט איצטער איינע, — האָט די צוגעגעבען אין א ווייל ארום.

— ווי אזוי זאָל איך נעהמען, איך האָב דאָך ניט קיין לעפעלע? — האָט ער קוים געוואָגט צו בעטען.

— איהר ווילט א לעפעל, אָט איך שיק אייך שוין.

דאָס שטוב־מיידעל האָט מיט א בייזער מינע אריינגעטראָ־גען א לעפעל.

— איך וועל אייך בעפרידיגען! — האָט ער געריהרט ארויסגערעדט.

דאָס שטוב־מיידעל איז שטעהן געבליבען און האָט שוין פריינדליכער געפרעגט:

— אפשר עפענען אייך דאָס פלעשעלע?

— נו, אויב איהר ווילט זיך מטריח זיין!

דאָס שטוב־מיידעל האָט איהם אויפגעעפענט דאָס פלע־

שעלע, און האָט אָנגעגאָסען א לעפעל און איהם צוגעטראָגען צום בעט.

די רפואה איז געווען א ביטערע און האָט געריסען אין האלז, אבער אז דאָס שטוב־מיידעל האָט איהם געפרעגט האלב־לאַכענדיג:

— נו, עפּעס גוט?

האָט ער געענטפערט:

— זיס.

צוליעב וואָס, האָט ער אליין ניט געוואוסט.

אין א פּאָר שעה ארום האָט איהם די בעל־הבית'טע אריינ־געטראָגען אין א טעלער עטליכע לעפעל זופּ.

— עס איז פאַרהאַן אפילו נאָך א ביסעל — האָט זי גע־זאָגט, — נאָר איך האָב מורא, אז עס קען אייך פערשאַדטען.

וועגען דער הוהן אליין און וועגען דעם האלבען רובל רעשט פון דעם רעצעפּט, האָט זי ניט דערמאָנט און מינקין האָט זיך שטאַרק געוואונדערט דערויף, אָבער געפרעגט האָט ער ניט. „נאָך בעסער — האָט ער געטראַכט, — וועט זי מיך ניט טרייבען אין שפּיטאָל"...

אויף אזא אופן האָט זיך געצויגען א וואָך.

אז נאָך דער וואָך איז די בעל־הבית'טע אין דערפריה אריין צו איהם, איז ער געלעגען שטאַרק פערטראַגען מיט אָפּע־נע אויגען צום באַלקען און האָט גערעדט פון היץ.

— מיינע ברידער? וואו זיינען מיינע צוואנציג זילבער־נע ברידער... ניטאָ... איין זילבערנער ברידער!...

— אוי וועה איז מיר, ער איז דאָך גוט קראַנק! — האָט זי פאַר זיך א מורמעל געטהאָן.

זי האָט אונטערגעלעגט די האנד אונטער דער קישען און האָט אין טיכעל אָנגעטאַפּט א לעצטען רובל.

„קיין געלד האָט ער שוין אויך ניט, — האָט זי א מורמעל

נעטהאן, — „מען מוז איהם אוועקפיהרען אין שפיטאל".

— איהר וועט פאהרען אין שפיטאל? פאני מינקין?

מינקין האט ניט געענטפערט. ער האט אלץ גערעדט:

— וואו זיינען מיינע צוואנציג ברידער?... הא? די ברי־דער מיינע...

— אן עסק! — האט זי זיך פערקרימט און איז ארויס דינגען א דראזשקע אוועקפיהרען איהם אין שפיטאל.

שטילע טריט.

הערר פינקעלקרויט, ביי ווענזן שוואכמאן, א אידישער לעהרער, האָט מיט א פּאָר וואָכען צוריק בעקומען אַ לעקציע. האָט געוואוינט אין די ווייטע גאסען פון דער גרויסער שטאָדט. געהענדיג אויף דער לעקציע, פלעגט שוואכמאנען אויסקומען דורכצוגעהן איינִיגע שטילע געסלעך, וואו ער האָט געקענט אונ־געשטערט און פריי בעטראכטען זיך טיעפער און ערנסטער; למשל, ארומקוקען דעם אלטען ראָק; איבערצעהלען די פלאמעס, וואָס דער ראָק האָט פערמעגט; פּרובען זיך א לייכ־יערע אָב־רייבען מיט די גרויסע נעגעל, וואָס שוואכמאן האָט שטענדיג געטראָגען; צוטראגען א פוס נאָהענט צום אויג און זעהן, וואָס עס טהוט זיך „דאָרטען" מיט די פעדעמלעך, וואָס שלע־פּען זיך פון די אויסגעמוליעטע הויזען; וועלכע פון זיי אבריי־סען און וועלכע פערבויגען, אויב ס'איז מעגליך... אראָבנעהמען דאָס אלטע היטעל פון קאָפּ און א פיהר טהאָן איבער איהם מיט'ן ארבעל; אויסרייניגען די נאָז און אבווישען מיט דער לינקער זייט פון ראָק. מיט איין וואָרט אָבטהאָן אלע ארבייט, וואָס זיינען אפשר נויטיג אויך אין די רוישענדע גאסען, וואו עס געהען פיעל מענשען, אבער אונמעגליך. אז שוואכמאן פלעגט פארטיג ווערען מיט דער ארבייט, פלעגט נאָך איהם בלייבען

צייט צו בעטראכטען דעם „עצם זיך“, צוהערען זיך צו יעדער בעוועגונג זיינע.

און בעטראכטענדיג מיט גרויס אויפמערקזאמקייט דעם „עצם זיך“, האט ער איינמאל, געהענדיג אין די שטילע געסלעך, בעמערקט אין זיך א ווילדע ענדערונג און ער האט זיך שטארק דערשראָקען. נעמליך, ער געהט און געהט, און די טריט זיינע הערען זיך ניט, פונקט ווי א שאָטען וואָלט זיך אומגערוקט. עפּעס לאָזט זיך קיין שום קלאנג ניט הערען נאָך יעדען טריט זיינעם.

ער האט זיך געסטארעט וואָס שטארקער צו טרעטען מיט די פיס אויפ'ן טראָטואר, עס האט אבער ניט געהאָלפען: קיין קלאנג איז נאָכ'ן טריט ניט ארויס.

— וואָס איז דאָס ? — האט ער מיט שרעק זיך אליין געפרעגט און זיך געוואָלט דערמאָנען צי איז ביי איהם געוועזען אלע מאל אזא שטילער טריט און ער האט עס ניט בעמערקט, אָדער ער איז איצט שוואך געוואָרען און האט ליידענדיג די גאנצע יוגענד, זיינע כחות פערלאָרען ?

ער האט זיך געלאָזט געהן גיכער און האט פון זיך אליין געלאכט, וואָס אזא נארישקייט בעאונרוהיגט איהם. פון וואנען איז עס געדרונגען, אז א טריט מוז זיך הערען, וואו שטעהט עס געשריבען ?

זיין לאכען האט איהם אָבער ניט געהאָלפען. דער פערלאנג צו הערען א קלאנג נאך יעדען טריט האט איהם אינגאנצען בעהערשט, און ער האט געטרעטען מיט די לעצטע כחות, דריקענדיג די שיך אָן די שטיינער פון טראָטואר. ער האט די פיס הויך געהויבען און מיט אימפעט אראבגעלאָזען, פונקט ווי ער וואָלט זיך די סאָלדאטישע מארשיראָווקע געלערנט. עס האט איהם דאָס אויך ניט געהאָלפען, קיין ווידער־קול האָבען זיינע טריט אליך ניט געגעבען.

— אָט געהט עמיצער, מען דארף זיך צוהערען צו זיינע

טריט! — האָט שוואַכמאַן ווי דערפרעהט זיך, דערזעהענדיג פון דערווייטענס, ווי איינער לאָזט זיך געהן קעגען איהם.

דער מאַן, וואָס האָט בעדאַרפט פאַרבייגעהן, איז געווען ווייט פון שוואַכמאַנען און ער האָט אָנגעשטרענגט אויפמערקזאַם די אויערען צו כאַפּען אויף ריכטיג דעם קלאַנג.

— טריק—טראַק, טריק—טראַק! — איז דער מאַן פערבייגעגאַנגען, קלאַפּענדיג מיט די שיך אַן שטיינערנעם טראָטואַר.

שוואַכמאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז דער דורכגעהער האָט אויף איהם געקוקט מיט פעראַכטונג, און ער איז נאָך געפאַלענער ביי זיך געוואָרען.

— אָט דאָס איז אַ טריט! — האָט ער מיט קנאה געטראַכט און מיט דאַרשטיגע בליקען בעגלייט דעם דורכגעהער, פון וועלכען עס האָבען זיך נאָך געהערט די פעסטע טריט:
טריק—טראַק. טריק—טראַק!...

— עס פערשטעהט זיך, אַ טריט מוז מען הערען, — האָט שוואַכמאַן טרויריג פאַר זיך געמורמעלט, אין מוח איז איהם דורכגעלאָפען אַ שורה פון אַ העברעאישען געדיכט:
„איך הער שוין די מעכטיגע טריט פון מיין פאָלק!"

און שוואַכמאַנען האָט זיך מאָדנע פערוואָלט, אַז זיינע טריט זאָלען אויך ווערען מעכטיג, אַז יעדער פערבייגעהער זאָל איהם הערען און בעמערקען...

צוקומענדיג צום הויז, וואו פינקעלקרויט האָט געוואוינט, האָט זיין האַרץ מעכטיג אָנגעהויבען צו קלאַפּען: „ווער וויים וואָס פאַר איין פערענדערונג אין מיר איז פאָרגעקומען". איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווי ער וועט נאָר די שוועל איבערטרעטען, וועט די דיענסט, די ערשטע דערזעהענדיג איהם, אַ פּאַטש געבען מיט די הענד, אויסגלאָצען די אויגען און וועט זיך צושרייען:

— וועה איז מיר, אַ געשטאַרבענער לעהרער!

— טפו, — האָט ער פאַר שרעק אויסגעשפּיגען און מיט ציטערנדיגע הענד האָט ער א ציה געטהאָן דאָס גלעקעל.

די דיענסט האָט איהם געעפענט. אריינגעהענדיג אין קאָרידאָר, האָט ער דערפיהלט אז ער איז איצט בלאַסער, ווי געווענליך. ער האָט נאַריש געקוקט אויף די דיענסט, זי האָט אויף איהם צוריק געקוקט און געשמייכעלט. איהם האָט זיך געדאכט, אז „דאָס" איז שוין...

ער האָט זיך געלאָזט געהן צום תלמיד און האָט זיך ווייעדער אָנגעהויבען צוהערען צו זיינע טריט. קיין קלאַנג איז אָבער איצט אויך ניט ארויס און איהם האָבען זיך פאַר שרעק די פּיס געוויעגט.

— זאָל זיך האַטש עפּעס א שאַרך הערען, רבונו של עולם!

— האָט ער אין דער שטיל געוויינט...

ער איז אריין אין זאַל. די מאַדאַם איז געזעסען מיט אראָבגעלאָזענע אויגען און האָט געלעזען די צייטונג.

— יאַשע איז אין צימער? — האָט דער לעהרער שוואַך געפרעגט.

— אוי! — האָט זיך די מאַדאַם מיט שרעק א כאַפּ געטהאָן. — ווי איהר האָט מיך דערשראָקען! איך האָב גאַר ניט געהערט, ווי אזוי איהר זענט אריינגעגאַנגען...

„מען הערט מיך ניט אריינגעהן!" איז שוואַכמאַנען, ווי א קויל דורכגעלאָפען איבער'ן קאָפּ און איהם איז הייס געוואָרען...

* * *

די אורזאַכע פון דעם ווילדען אונגליק איז שוואַכמאַן דערגאַנגען ביי דער נאַכט פאַר'ן שלאָף, ווען ער האָט די קאַמאַשען זיינע אויסגעטהאָן און זיי בעטראַכט, און ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אזוי האָט ער דאָס גלייך ניט פערשטאַנען און ווי אזוי האָט ער עס פריהער ניט בעמערקט: די קאַמאַשען האָבען

ממש ניט קיין ברעקעל פֿאַרעשוועה און ניט קיין ברעקעל זויל.
ווי אַזוי קען זיך גאָר הערען אַ קלאַנג?

די נייע ענטדעקונג האָט איהם אַפילו אַביסעל רוהיגער געמאַכט, נאָר דער אומזיסטער בייטאַגיגער שרעק האָט איהם די נערווען אויפגערעגט, און ער האָט ניט געקענט איינשלאָפֿען. ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען צום באַלקען און געקלערט. „דער גאַנצער כח איז ניט אין דעם מענשען אַליין, נאָר אין זיי־נע שיך“, איז איהם מיט אַמאָל אַריינגעפאַלען אין קאָפּ אַ געדאַנק.

און די אידעע איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען.

— דאָס איז גאַנץ טיעף! — האָט ער גערעדט מיט זיך אַליין. — נאָך אַמאָל: דער מענש אַליין, וואָס האָט אַזוי פיעל כח, אַזוי פיעל ענערגיע, וואָס קיין זאַך איז פאַר איהם ניט שווער, אַט דער מענש, אַט דער חכם (ביי דעם וואָרט חכם האָט ער זיך ברייט צושמייכעלט), אַז ער זאָל אומגעהן אָהן פֿאַרעש־וועס און זוילען, בעמערקט מען איהם אַפילו ניט, הערט מען ניט ווי ער געהט — אוים מענש!... קומט אויס, אַז דער גאַנצער כח פון מענשען בעשטעהט נאָר אין די פֿאַרעשוועס און די זוילען... אַ פיינע זאַך!

—אייגענטליך איז דאָס ניט קיין גרויס אונגליק, — האָט ער זיך ווייטער געלאָזט אין חקירה — פאַר אַ רובל לאָזט מען זיך מאַכען פֿאַרעשוועס און זוילען און מען ווערט ווידער אַ מענש, און אַז מען געהט, הערען זיך די טריט: טריק— טראַק, טריק—טראַק! און דו פיהלסט זיך ווידער שטאַרק.

דער געדאַנק וואָלט שוואַכמאַכען איינגאַנצען פרעהליך גע־מאַכט, ווען ער וואָלט ניט געווען קלאָר אין זיין געלד־בייטעלע, אין וועלכען עס זיינען נאָר געלעגען צוויי קנעפּלעך און עפּעס אַ צעטעל פון צערקיל, וואָס ער האָט גאָר אָהן אַ שום נויטיג־קייט געהיט. וואָס אַנבעלאַנגט צו באַרע געלד, האָט דאָס געלד־בייטעלע בעדאַרפט נאָך געדולדיג וואַרטען צוויי וואָכען ביז׳ן

„ערשטען", ווען שוואכמאן וועט מיט א פרעהליך געמיטה אהין עפּעס אויף א טאָג צי צוויי אריינלעגען.

און שוואכמאן האָט זיך דערמאָנט, אז נאָך צוויי וואָכען וועט ער זיך אזוי בעוועגען ווי א שאָטען, אונבעמערקטערהייט אריינגעהן אויף דער לעקציע צו פינקעלקרויטען און אלע טאָג איבערשרעקען די בעל־הבית'טע, און ער איז מיט א שווער גע־מיטה אנטשלאָפען געוואָרען ערשט פיער א זייגער.

און איהם האָט זיך גע'חלום'ט, אז ער געהט ערגעץ אין א וויסטער גאס איינער אליין און קלאפּט מיט אלע כחות מיט די פיס אָן טראָטואר, נאָר קיין שום קלאנג געהט ניט ארויס, און ער געהט ווייטער און ווייטער און א קאלטער שוויים בעגיעסט איהם.

פלוצלונג וואקסען פאר זיינע אויגען אויס א חברה קונ־דיסים, איינער פון זיי לויפט פאָראויס, האלט אויף די הענד א פאָר גרויסע הילצערנע שיך און שרייט:

— עי, דו, קבצן, טהו אָן די שיך, גיכער טהו אָן, וועסטו גענעזען ווערען!

און די חברה קונדיסים בעפאלען איהם, ווארפען איהם אום אויף דער ערד, ציהען פון איהם אראָב זיינע שיך און לאכען זיך ווילד פונאנדער.

— אָהן זוילען, אָהן פּאָדעשוועס, א געשטארבענער...

און די חברה קונדיסים ווערען פערשוואונדען. שוואכ־מאן בלייבט אליין ליגען, און ער פיהלט זיינע פיס אָנגעטהאָן אין שווערע הילצערנע שיך. ער הויבט זיך קוים אויף, שטעלט זיך אוועק אויף די פיס און לאָזט זיך געהן און די שטילע גאס ווערט פערהילכט פון זיינע טריט:

— טריק—טראָק, טריק—טראָק!

* * *

אז שוואכמאן איז אויף מאָרגען געגאנגען צו פינקעל־קרויט'ן אויף דער לעקציע, האָט ער זיך ווידער צוגעהערט צו

זיינע טריט, האָטש ער האָט געוואוסט, אז עס איז אומזיסט זיין בעמיהען זיך, עס וועט זיך גאָר ניט הערן.

און געדולדיג האָט ער אָנגעהויבען צעהלען די טעג ביז צום „ערשטען". ווען ער וועט פערריכטען די שיך און דאמאָלס וועט ער געבען טריט ווי געהעריג איז, ווי עס פאסט פאר א מענ־שען:

— טריק—טראָק, טריק—טראָק!

און ער האָט געבענקט נאָך דעם קלאנג...

די ציגיינערין.

ליזע איז א געוועהנליך מיידעל. זי האָט אפילו שווארצע אויגען און שווארצע האָר, נאָר וועניג מיידלעך האָבען דען שווארצע אויגען און שווארצע האָר? איהר וואוקס איז העכער פון מיטעלמעסיג, נאָר פיעלע חבר'טאָרינס איהרע זיינען פון איהר וואוקס. געענדיגט האָט ליזע גימנאזיום מיט 9—10 און אפילו מיט צוויי 12־ער, אבער וועניג חבר'טאָרענס איהרע האָבען דען די זעלבע „באלען" בעקומען? ביכער לעזט זי די נייעסטע, טשיריקאָוו'ס, טשעחאָוו'ס, גאָרקי'ס און אנדרעעוו'ס, אָבער אלע איהרע בעקאנטע און חבר'טאָרענס האָבען די דאָזיגע אויטאָרען אויך געלעזען.

נאָך דעם אלעם איז זי פאָרט א געוועהנליך־מיידעל. דאָס הייסט, אז זי קומט זיך צוזאמען אויף א פערזאמלונג, אויף א באָל, אדער אויף א האָבצייט, האָט זי ניט אזוינס, מיט וואָס זי זאָל זיך קענען אויסצייכנען, ארויסווייזען זיך מעהר, ווי אנדערע: זי ווערט דערשלונגען אין די איבריגע געוועהנליכע מיידלעך.

דאָס אלעם וויים ליזע און דאָס וויסען פערשאפט איהר שמערץ. אין דעם פרט איז זי שוין ניט געוועהנליך. ליזע וואָלט וועלען מיט עפעס זיך לאָזען מערקען. געפינענדיג זיך צווישען א סך, וואָלט זי וועלען ניט געהערען צום סך, נאָר זיין אוי־

סער איהם. דאס דאיזע געפיהל איז ביי איהר געווען ענטוויקעלט ביז קריינקליכקייט, און ווען די מענשען וואלטען געווען פעהיגער צו קענען אריינדרינגען אין די פערבארגענע שפאלטען פון א צווייטענס נשמה, וואלט אזא ווי ליזע בעטראכט ווערען טאקע פאר אן אונגעוועהנליכער און זי וואלט אפשר זיך רוהיגער פיהלען און ניט שטענדיג געביסען זיין פון איהר ניטצופריעדענגעשטעלטען געפיהל...

געטהאן האט ליזע פיעל סגולות צו איהר „געוועהנליכקייט“. ליידער זיינען אבער די סגולות ניט געווען אויסערליכע, וואס מענשען זאלען עס קענען באלד מערקען, נאר אינערליכע. צום ביישפיעל, געפינענדיג זיך אויף א באל, אדער אזוי צווישען א סך, וואו יעדער פלעגט ריידען, לאכען, וויצלען זיך א. ד. ד. פלעגט זי זיך גראד אוועקזעצען אין א ווינקעל, געצוואונגענערהייט זיך פערטראכטען, און מאכען זיך פאר ראמאנטישטרויריג און כלומרשט ניט קוקען אויף קיינעם, נאר אין זיך אינווייניג... אין אזוינע מינוטען איז זי אייגענטליך אונגעוועהנליך געווען, דער סך אבער האט עס ניט בעמערקט, ביז ליזען פלעגט אומעטיג ווערען דער ווינקעל, און זי פלעגט ווידער, ווי פאר כעס, זיך אויסמישען אין דעם פערהאסטען סך...

און דער וועהטאג איז נאך גרעסער געווען אין יענע פעלען, ווען צווישען סך פלעגט זיך דאס רוב איינע געפינען, וואס האט זיך יעדען געווארפען אין די אויגען און צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט. אין אזוינע מינוטען פלעגט ליזע איהר נעוועהנליכקייט טיעפער פיהלען און דער האס צו דער דאזיגער אונגעוועהנליכער, וועלכער זי אליין האט אין הארצען אינגאנצען מבטל געווען, פלעגט זיך צומישען מיט דעם וועהטאג און דאס געפיהל איז אונגעוועהנליך געווען. זי אליין איז אבערגעוועהנליך געבליבען און צוזאמען מיט דעם סך אויף ארומגעטאנצט ארום דער אונגעוועהנליכער, וועלכע איז געווען

שטאָלץ, אבער גרויסמוטהיג, און פלעגט דאָס רוב מיט איהר, מיט ליזען, זיך פריינדליך בעגעהן...

* * *

אין דעם קרייז, וואו ליזא האָט זיך געפונען האָט מען בע־שלאָסען צו מאכען א באל. איינע א לוסטיגע, פריילּיך, מיידעל, ליזא'ס א נאָהנטע פריינדין, האָט געראַטען, אז דער באל זאָל זיין אין קאָסטיומען.

דער אנטראג איז אָנגענומען געוואָרען, און ליזע, וועלכע האָט געהאט שווארצע אויגען און שווארצע האָר, האָט לויט דער עצה פון א נאָהענטער פריינדין, גענומען א קאָסטיום פון א ציגיינערין.

איהרע לאנגע שווארצע האָר האָט זי ברייט פערנאנדער־געקאמט און אין כלומרשטדיגער אונאָרדנונג צעוואָרפען אויף די פלייצעס. אויפ'ן מיטען קאָפּ האָט זי צוגעשפילעט א בלוט־רויטע, ברייטע סטייגגע, אויסגעזעצט אין געקינסטעלטע ברי־ליאנטען, וועלכע האָבען געפינקעלט מעהר ווי נאַטירליכע. אי־בער די אקסלען האָט זי איבערגעוואָרפען א רויטע טוך.

אזוי איז זי ערשיענען אויפ'ן באל... ביי דער גארדעראב האָט זי דערפיהלט, ווי דער גאַרדעראָבער, צונעהמענדיג ביי איהר דעם מאנטעל און דערזעהענדיג זי אין איהר קאָסטיום, קוקט אויף איהר מיט ניינעריגע בליקען און שמייכעלט צופריע־דען.

ליזא האָט זיך ווי דערשראקען און געפרעהט און מיט דעם געמישטען געפיהל איז זי אריין אין זאַל.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט איהר בעגעגענט א גאנצע מחנה יונגע לייט.

זי האָט זיך אָנפאנגס פערלאָרען. פון איהר פערווירונג האָט איהר געראטעוועט א חבר'טע, וועלכע איז צו איהר גלייך צוגעגאנגען.

— אוי, ווי שעהן דו ביזט! ווי איגטערעסאנט!

— מאקי? — האָט ליזא נאַאיוו געפרעגט און דאָס הארץ האָט איהר אָנגעהויבען צו קלאַפּען.

— וואונדערליך! זעה, ווי אלע קוקען אויף דיר.

ליזא האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט זיך בעגעגענט מיט הונדערטער בליקען. זי האָט די אויגען געמוזט צוריק אראָב־לאָזען. באלד איז זי אָבער געוועהנט געוואָרען.

אין א ווײַלע ארום איז צו איהר צוגעגאנגען א יונגער מאַן, פון די אונגעוועהנליכע, וועלכער פלעגט איהר ביז אהער קיינ־מאָל ניט בעמערקען.

— איך וויל האָבען דאָס גליק, פריילײַן, מיט אייך דער ערשטער צו טאנצען.

און איידער זי האָט צייט געהאט צו ענטפערן, איז צוגע־גאנגען נאָך איינער, און מיט א ליעבליכען שמייכעל, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען, האָט ער ניט גערעדט, נאָר ווי גע־זונגען:

— שעהנע ציגיינערין — ערלויבט מיר זיין גליקליך איינ־מאָל אין קורצען, נאַרישען לעבען... ניט ענטזאגען זיי מיר צו טאַנצען מיט איהנען דער ערשטער...

— שוין בעשטעלט! — האָט דער ערשטער מיט אַן ערנסטער, אָבער גליקליכער מינע זיך אָנגערופען.

זי האָט געטאנצט מיט ביידען. ביידע זיינען איהר געווען געפעלען. זיי האָבען ביידע אזוי ווייך געדריקט זי צום ברוסט, אזוי ליעב געקוקט אין די אויגען, אזוי זיס־שמערצליך גע־דריקט נאָכ'ן טאַנצען די הענד.

אָבער טאנצען פיעל מיט די צוויי האָט זי ניט געקענט. עס האָבען זי בעשטעלט נאָך פיעלע יונגע לייט, מען האָט זי געריסען פון שטוהל, וואו זי פלעגט זיך א ווײַלע צוזעצען אָברו־העןו...

— אח, ווי שעהן די ציגיינערין איז! ווי אינטערעסאַנט!

אזוינע אויסגעשרייען האָבען דערגרייכט צו איהרע אויערען.

זי האָט געוואָלט א מינוט בלייבען רוהיג, בעקלערען איהר גליק. וואָס האָט איהר אזוי פּלוצלונג, אזוי אונערוואַרטעט, געטראָפען.

מען האָט איהר גובער ניט געלאָזען.

— איך ביטע, שעהנע ציגיינערין — א וואַלס!

און ווי א וויכער האָט זי זיך געדרעהט אין דעם גרויסען טאַנץ־זאַל, די רויטע טוך אויף די פּלייצעס זיינען ווי פליגלען געווען אויסגעשפּרייט און האָבען זי ווי אין לופטען געוואָלט אויפהייבען; די צעוואָרפענע שווארצע האָר האָבען אין נאָך מעהר ווילדען ציגיינערישען אונאָרדנונג צעשאָטען זיך איבער'ן פּלייצע און זיך פערפּלאָנטערט אין דער רויטער טוך און דאָס אַלעס האָט ליזען נאָך אונגעוועהנליכער, אינטערעסאַנטער געמאַכט.

איינער פון וועלכען ליזע האָט קיינמאָל ניט געוואגט פיעל צו טראַכטען, האָט זיך איהר אין ליעבע ערקלעהרט און טאַנצענדיג מיט איהר האָט זי געשפּירט, ווי ער קושט איהר בגנבה איהרע שווארצע האָר, און דער אָטהעם האָט איהר פערכאַפּט פאַר גליק...

ענדליך איז דאָס פּובליקום אין זאַל שיטערער געוואָרען. דער זייגער האָט שוין געשלאָגען פיער. עס האָבען זיך געהערט פיעלע שטימען צו ענדיגען.

ליזע האָט דערפיהלט, ווי באַלד ענדיגט זיך עפּעס א גרויסער יום־טוב, וועלכער וועט זיך אפשר קיינמאָל ניט אומקעהרען.

זי האָט זיך פערטראַכט.

— אדיע! איז צו איהר צוגעגאַנגען דער אין ליעבע ערקלערענדער בעקענטער — א דאַנק פיר דעם פערגעניגען, וואָס איהר האָט מיר פערשאַפט מיט אייער שעהנעם קאָסטיום...

— אדיע! — האט ליזע זיך געשטארקט צו שמייכלען.

עס האט זיך איהר אבער ניט איינגעגעבען. א וואלקען האט זיך אויף איהר געזיכט אנגערוקט. די רויטע טוך איז ווי בלאסער געווארען...

דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צוגאנגען. דער זאל איז לעערער און לעערער געווארען.

* * *

אהיים איז ליזע געקומען מיעד און אויפגערעגט. זי האט זיך געשטעלט ביים שפיעגעל און האט בעטראכט נאך אמאל דעם קאסטיום.

זי האט געקוקט און געקוקט און געוואלט געפינען דעם סוד פון איהר היינטיגען ערפאלג.

זי איז ווירקליך שעהן, ווירקליך אינטערעסאנט אין דעם ציגיינער־קאסטיום. אבער זי קען דאך איהם מארגען ניט אנטהאן. הייסט עס, מארגען ווערט זי ווידער פערוואנדעלט אין דער געוועהנליכער ליזען, עהנליך צו טויזענדער אנדערע.

זי האט אראבגענומען פון קאפ די רויטע מיט די פאלשע ברילאנטען אויסגעשאטענע סטיינגע.

און איהר האט זיך געדאכט, אז דאס נעהמט זי מיט איהרע אייגענע הענד אראב דאס גליק..

און זי האט די רויטע סטיינגע צוריק ארויפגעלעגט אויפ'ן קאפ און שטארק צוגעשפילעט.

דאס גליק איז ווידער דא.

ווי אזוי זאל זי איהם אבער פערהאלטען אויף שטענדיג?

זי קען דאך ניט געהן אלע טאג אין א ציגיינער קאסטיום.

זאל זי מארגען אין דעם קאסטיום אויפ'ן גאס ארויסגעהן, וועט מען נאך איהר נאכלויפען...

וואס איז דאס אזוינס? קלערט ליזע. עפיס מארנע־ עפעס שרעקליך.

זי האט שוין דאס גליק נעפאקט, זי האט איהם שוין

און דאָך קען זי ניט לאַנג האַלטען איהם.

צופעליגערווייזע האָט זי געפונען דאָס גליק, איז ער אָבער נאָר אויף איין נאַכט.

ווי פיעל נעכט, לאַנגע, טרויריגע, וועט זי ווידער דאַרפען וואַרטען ביז דאָס גליק וועט ווידער צופעליג קומען.

און וועט ער דען קומען?

ליזען האָט געשווינדערט...

ניין! דאָס גליק וועט שוין מעהר ניט קומען!

זי האָט מיט דערשראָקענע בליקען גענומען אַריינדרינגען אין שפּיגעל.

— ווי זאַנדערבאַר, ווי ווילד! מיין גליק ליעגט פערבאָרגען אין אַ ציגיינער־קאָסטיום... אין אַ רויטער סטיינגע, רויטער טוך און צעוואָרפענע האָר...

זי האָט פערקרימט די ליפּען אויף אַ ביטערן שמייכעל.

אַזאַ לייכטעס גליק! און אויך איהם קען איך ניט איינהאַלטען אויף שטענדיג. נאָר עטליכע שעה און צוריק די וואַכעדיגקייט...

ווי קאָמיש און נאַריש...

און מיט כעס האָט ליזע אַראָבגעכאַפּט די רויטע סטיינגע פון קאָפּ, די רויטע טוך פון פּלייצע, און די האָר פערקעמט ווי אַלע מאָל.

— אָוועקגעפלויגען דאָס גליק — חאַ—חאַ—חאַ! — האָט זי זיך היסטעריש פונאַנדערגעלאַכט.

ווידער אַ געוועהנליך מיידעל....

די טאכטער.

— אזוי ווי צו אַ גוטען אידען, געהט מען צו איהר! אזוי לאכט אין הארצען דער אלטער איד, נאָכדעם ווי מען קומט פרעגען זיין טאָכטער.

ער וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט. אז זי, זיין לאה, זאָל ווערען אזא „מענש“. דעם אמת זאָגען, ער אליין האָט פון איהר קיינמאָל ניט „געהאלטען“. אפילו, אז זי האָט אָבגעגעבען אלע יאָהר עקזאמען אויף אַ קלאַס, לערנענדיג זיך אין דער היים מיט אומזיסטע לעהרער (וואָס דען, צאָהלען וועט ער דער־פאר?) און האָט אויף אזא אופן אויסגעהאלטען ביז זעקס קלאַסען, איז ער אויך ניט נתפּעל געוואָרען. ער וויל אמאָל מיט איהר רעדען וועגען עפּעס און עניין, אַ מאנסבילשען עניין, פער־שטעהט זי גאָר נישט.

— טאַטינקע, איך ווייס ניט! האקט זי אָב.

היינט וואָס וועט ער נתפעל ווערען פון איהרע קענט־שאַפט?

אָבער זיי, די יונגע לייט, האָבען קענטיג אַן אנדער מיי־נונג פון לאה'ן וועלכע הייסט ביי זיי פערצווייגען — „ליזע“.

מסתמא ווייסען זיי דאָך בעסער! — איראָניזירט ער אין געדאנק.

זאָגען, זאָגט ער איהר קיינמאָל נאַרנישט. זיי קומען צו

איהר, זאָלען זיי קומען. זיי סוד'ן זיך, זאָלען זיי זיך סוד'ן. נאַר אמאָל ווערט איהם פריקרע, איבערהויפט א שבת, ווען עס קומען אָן פול די שטוב מיט יונגע לייט, צווישען וועלכע א סך פון זיי טראָגען בלוזעס. אָט די בלוזעס שטעכען איהם. מילא א מאַנישקע איז נאָך ווי עס איז — היינטיגע צייטען, מען קען אנדערש ניט. ער אליין פלעגט בחור־ווייז געהן אין א שאַל... נאָר מאַלע וואָס אמאָל איז געווען!... אבער די בלוזעס, די בלוזעס! שקצים, אמת'ע שקצים. ווען ניט די אויגען זייערע, וואָלט מען גאָר ניט דערקענט, אז זיי זיינען אידען.

אמת, רעדען רעדען זיי דאָס רוב אידיש. דאָס געפעלט איהם אפילו יאָ. אבער זיי האקען אריין ווערטער — ממש תרגום. אמאָל וויל ער אונטערכאַפּען זייערן א שמועס — עס איז דאָך טשעקאַווע צו װיסען וועגען וואָס רעדען זיי, די היינטי־גע. נאָר ער בענעהמט ניט.

— שעהנע יאָהרען! — טראַכט ער — א בלאַט גמרא מיט תוספות מיט מהרשא בין איך יא תופס, און זייער'ן א שמועס — ניט...

נאָר דאָס אַרט איהם ווי צעהן מאָל גאָר נישט. עס ליגט איהם ניט אפילו אין דער לינקער פאה זייערע אלע שמוע־סען. עס פערדריסט איהם נאָר, וואָס זיי זיינען איהם אינ־גאַנצען מבטל: אויסער א גוט מאָרגען, צי א גוט שבת — רעדט מען מיט איהם ניט. „שקצים", — טראַכט ער גוטמוטהיג, וואָס איך האָב פערגעסען, קענט איהר דאָס ניט, וואָרים וואָס איז אינגאַנצען אייערע חכמות? אייער מאַטעמאַטיק? איין שטיקעל „מדידה" אין „זרעים" איז שקולה נעגען אייער גאַנצע מאַ־טעמאַטיק? אי וואָס? לשונות! האָט נאָך רש"י מיט 800 יאָהר צוריק געקענט פראַנצויז... און „ציציליזם" איז נאָך אין דער תורה געשטאַנען. אזוי האָט ער אליין געלייענט אין „הצפירה"...

אמאָל וואָלט ער אפילו געוואָלט ביי זיי א פרעג טהאָן: וואָס הערט זיך? גלאַט אזוי א פרעג טהאָן... אינטערעסירען

אינטערעסירט עס איהם ניט, נאָר א פרעג טהאָן וואָלט ניט גע־
שאַדט... היינט געה רעד מיט יונגע לייט, וואָס טראַגען בלו־
זעס. עס איז ניט קיין דרך... פאַר איהם פּאַסט עס ניט...

וואָס אמת, איז אמת — דרך־ארץ האָבען זיי. אז ער לעגט
זיך צו ווערט שטיל, רעדט מען ממש אויפ'ן וואונק. דאָס גע־
פעלט איהם אפילו יאָ. דרך־ארץ פאַר אן עלטערן איז א גרויסע
זאַך!.... נאָר אמאָל פערזיצען זיי זיך שפּעט, ער זעהט בחוש.
אז קיין מעריב האָבען זיי ניט געדאַווענט... רייצט דאָס איהם.
עס איז דאָך נאַריש, ער ווייס דאָך, אז זיי דאַווענען ניט, נאָר
ביי איהם אין שטוב קומט עס איהם אויס פריקרע. וואָלטען זיי
געווען אמת'ע אידען, וואָלט ער אמאָל געקענט מאַכען א מנין...
עס איז א שטיק וועג צום בית־המדרש... אז עס ווערט פינס־
טערלעך, צוגעהען זיי זיך ערשט... זי געהט אויך אוועק.

— נאָר נישט... אומשלעפּען זיך מיט יונגע לייט... פרעג
וואָס?... מורמעלט ער דעמאָלט.

אבער טיעף אין הארצען פיהלט ער, אז קיין בייז, חלילה,
וועט ניט ארויסקומען, פאַר לאה'ס עהרליכקייט איז ער ערוב.
וואָס איז שייך — יענער ליעגט נאָר אין זינען אנדערע ענינים!
פערקעהרט, אמאָל טהוט דאָס איהם הנאה: זיין בתולה געפינט
חן אין זייערע אויגען.

„דאָס איז אן ענין“ — גלעט ער צופריעדען די באָרד...

קיין נדן צו געבען האָט ער ניט, זי וועט שוין אויסקלוי־
בען א חתן, נישקשה...

אי וואָס? אין א בלוזע!

איז ערשטענס, וואו שטעהט דאָס, אז מען טאָר קיין בלוזע
ניט טראָגען? און צווייטענס, זיינעם אן איידעם וועט ער היי־
סען אויסטהאָן די בלוזע.

ער איז זיכער, אז ער וועט איהם פאָלגען.

וואָרים, וואָס מען זאָל אויף זיי ניט זאָגען — דרך ארץ
האָבען זיי.

און אגב — טרייסט ער זיך — קען זי דאָך אויסקלייבען אזא, וואָס געהט אין א מאנישקע. פארהאן אזוינע יונגע לייט אויך. און איינער פון זיי האָט דוקא חשק צו איהר. ער זעהט דאָס מיט די אויגען...

— מען זאָל איהם כאָטש אויך ניט „ארעסטירען“! שרעקט ער זיך. אלע טאָג, אלע טאָג, נעהמט מען איינעם פון זיי צו. פרעג, וואָס טהוען זיי?... בלויז מען שמועסט!...

און זי לויפט שוין אום א פערהאַוועטע. „פדיון שבויים!“

— מען זאָל זי חאָטש אויך ניט צונעהמען! — זיפצט ער.

וואָרום ווענען האָט ער אויף דער עלטער? אלע קינדער אין אמעריקא.

דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין!...

אהן ליעבע.

צו וועסנע צייט האָט באַשקע אויפגענעהט א גיי־קלייד, געקויפט א נייעם הוט, א שירעם, געלע שיך און האָט געקוקט דערויף מיט איהרע דונקעלע בענקענדיגע אויגען, ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זי ראַטעווען...

אַ גאַנצע וואָך אַרבייט זי אין א פאַבריק פון קרוזשעוועס. ביי דער אַרבייט פערגעסט זי אביסעל איהר עלענד. אין פאַבריק זיינען דאָ אַלערליי מיידלעך, א סך יונגע, פריעהליכע, זינגענדיגע, לאַכענדיגע, און געפינענדיג זיך צוזאַמען מיט זיי, פערגעסט זי אַמאָל ווער זי איז און ווי איהר איז. די יונגע לאַכען, לאַכט זי אויך, אמת ניט אַזוי קלינגענדיג; די יונגע זינגען — זינגט זי אויך, אמת מיט ניט אַזא העלען קול... אָבער מען פיהלט זיך דאָך בעסער. אהיים פון דער אַרבייט געהט מען צוזאַמען אַרויס מיט א געלעכטער, מען בעגעגענט זיך מיט אַרבייטער פון נאָך אַ פאַבריק, מען גיט א שטיף... אמת, ז י מיינט מען אפשר ניט, אבער עס איז פרעהליכער, מען פערגעסט זיך...

קומט אָבער דער שבת איז אַן אונגליק — שבת איז גאָר ניטאָ, וואו די בענקשאַפט אהין צו טהאָן. דערהויפּט אין די ערשטע שבתים פון פריהלינג.

ערשט דעמאָלט ווילט זיך לעבען, גליק און ליעבע!

און שבת אין דערפריה טהוט באַשקע אָן איהר פריהלינגס־

טואלעט: דאָס קלייד ליעגט אויף איהר, ווי אויסגעגאָסען: דער הוט זיצט שטאָלץ און רופענדיג; די געלע שיך אונ־טער דעם לאַנגען קלייד ווינקען אַזוי חנו׳דיג... אַלץ איז שעהן. גלאַט, אויסגעפּרעסט, נאָר דאָס פּנים, דאָס פּנים מאַכט זיך פון דאָס אַלץ ניט ווויסענדיג, און עס ווערט ניט, ניט יונגער, ניט פרישער, ניט גלאַטער, און די ברוסט — ניט פולער, און דאָס אויג — ניט ברענענדיגער.

די קליידער ניי און שימערירענדיג און דאָס פּנים אַלט און אָבגעניצט...

און פון די אַלע מיידלעך פון פאַבריק בלייבט זי שבת נאָר ביי איינער, ביי קיילען, — מיט איהר אין איינע יאָה־רען, פון איינע פּנים׳ער... מיט איינע פערלאַנגען...

וואו קומען אהין די יונגע, די פרישע, די פרעהליכע?

ווי די פויגעלעך צופליהען זיי זיך...

און מיט אהר איינציגער חבר׳טע, קיילע, וועלכע קומט צו איהר שבת פריה, נאָכ׳ן טהיי, געהט זי ארויס אַן אויסגע־פוצטע שפּאַציערען.

— וואוהין וועלען מיר געהן, קיילע? — פרעגט זי, אָב־שטעלענדיג זיך ביים טויער.

און קיילע ענטפערט:

— איך ווייס וואוהין? קום אין גאַרטען!

און די צוויי חבר׳טעס לאָזען זיך צום גאַרטען. זיי געהען שווייגענדיג: ניטאָ קיין טעמע, חאָטש טהו זיך עפּעס, און דער אומעט וואַקסט שוין אין זייערע הערצער.

אין גאַרטען געהען זיי דורך די לאַנגע אַלעע, וועלכע רוישט מיט שפּאַצירענדע.

— לאָמיר זיך צוזעצען! — זאָגט באַשקע, דורכגעהענדיג די לאַנגע אַלעע הין און צוריק און ניט געפינענדיג דאָס, וואָס זי האָט, ראַכט זיך געזוכט....

די חבר'טעס זעצן זיך אנידער אויף א באנק, וואו עס זיצט ביים ברעג א יונגער מאן....

עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז ניט בכיון... עס איז גראד די באנק צו דער האנד אויסגעקומען, זיי מיינען גאר ניט דעם יונגען מאן, גוטער יאהר ווייסט, ווער ער איז... אפשר האט ער שוין גאר א ווייב...

אבער דאס הארץ נאגט און קלעמט, אוןביידע חבר'טעס קענען זיך ניט איינהאלטען, און קוקען אלע ווייל אויף איהם...

דער יונגער מאן זיצט א ווייל, הויבט זיך אויף און געהט אוועק...

באשקע און קיילע קוקען זיך איבער ווי בעליידיגט, פאר וואס איז ער עפעס אוועק?

זיי ווייסען זיכער, אז ניט צוליעב זיי איז ער אוועק; מאלע וואס א מענש געהט אוועק, אפשר זיצט ער שוין דא א שעה צי צוויי. און אויך ווייסען זיי זיכער, אז ווען זיי וואלטען גע־ווען יונג און שעהן, וואלט דער דאזיגער יונגער מאן נאך געזע־סען, און ווער ווייס? — אפשר אנגעהויבען צו רעדען, צו לא־כען און טאקי בעקאנט געווארען.

און די בענקשאפט וואקסט ביי ביידע חבר'טעס...

— שוין צייט צו געהן עסען, — זאגט ענדליך באשקע.

— יא, שוין צייט, קום! — ענטפערט ביילקע.

און ווי בעליידיגטע געהען זיי ארוים פון גארטען, גאר נישט ריידענדיג צווישען זיך...

נאך מיטאג קומט שוין באשקע צו קיילען, פערפוצט נאך שעהנער, נאך פארזיכטיגער, ווי פריהער, דאס זייגעריל מיט דעם קייטעלע האט זי אויך אנגעטהאן, דאס קייטעלע פינקעלט אזוי שרייענדיג אויף דער איינגעפאלענער ברוסט...

— קום אביסעל! — זאגט באשקע, זעהענדיג קיילען אויך שוין אן אנגעטהאנענע אפילו מיט א בראסלעט אויף דער דא־רער אדערינגער האנד...

— קום! — ענטפערט קיילע ווי אז אבל'טע...

און זיי געהען ארוים און שטעלען זיך ווידער אפ ביים טויער.

— וואוהין וועלען מיר געהן?

— אין גארטען, מיין איך...

— ווידער אין גארטען?...

— וואוהין דען?

— ווייס איך?...

נאר יעצט, קומענדיג אין גארטען, געהען זיי שוין אין אן אנדער אלעע....

— קום, וועלען מיר זיך זעצען אט דארטען... ווייזט אן באשקע אויף א ווינקעלדיגער לעדיגער באנק.

— קום! — איז קיילע מסכים.

און די צוויי חבר'טעס זעצען זיך אוועק אויף דער איינזאמער באנק.

ווען ניט ווען געהט דורך א פארל. די צוויי חבר'טעס בעגלייטען זיי מיט בליקען, ביז דאס פארל פערשווינדעט...

די באנק ווערט זיי ענדליך נמאס. זאל זיך דאס ווער אויף איהר פרובען צוזעצען!... אלע בענק ארום זיינען אזוי בעזעצט!.....

— קום! — זאגט באשקע, אויפהויבענדיג זיך, ווי בעלעדיגט.

— קום! — ענטפערט קיילע.

און די צוויי חבר'טעס בייטען אזוי די בענק, די אלעען. ביז עס ווערט פינסטערליך, און דער גארטען ווערט פול מיט שפאצירענדע.

— א סאר'אנ'ענגשאפט! — ווערט באשקע ווי בייז.

— א שרעק! — בעשטעטיגט קיילע.

— לאמיר שוין גאר געהן אהיים... — לעגט פאר באשקע.

— פון מיינעטוועגען... — ענטפערט קיילע.

דאָך געהען זיי דורך נאָך א פּאָר אלעען, זעצען זיך פּו אויף נאָך א פּאָר בענק.ביידע פערשטעהען איינע די אנדערע, ביידע ווייסען, אז דאָס וואָס זיי זוכען, וועלען זיי ניט געפינען... אז עס וועט ניט העלפען ניט די נייע קליידער, ניט די נייע גאַלאָשען, ניט די הים, נים די קייטעלעך...

ניטאָ קיין ליעבע... ניטאָ, ניטאָ! אָבער עס ווילט זיך ניט אוועקגעהן אהיים, ניט דערפרישט פון איין טראָפּען ליעבע, און מאָרגען אין פאבריק...

עס דאָרט דאָס הארץ... עס דאָרט, עס דאָרט...

און די צוויי חבר'טעס זוכען די ליעבע, זיי זוכען זי צוויי־שען די בוימער, זיי זוכען זי איבער'ן גאנצען גאָרטען. זיי זו־כען זי ביי טויזענדער שפּאצירענדע יונגע לייט אין די אויגען. נאָר ניטאָ און ניטאָ!...

מאָרגען וועט מען מוזען געהן אין פאבריק...

אָהן ליעבע...

פלאמעס.

אהרן שטאנג איז א פריקאזטשיק אין א מאגאזין פון קינ־דערשע שפיעל־צייג אין ווארשוי. אנגעקומען איז ער אין מאגא־זין אלס געהילפ־איינגעל, ווען ער איז אלט געווען 15 יאהר און איז נאר וואס געקומען קיין ווארשוי. אנפאנגס האט ער בעקומען אכט רובעל א חודש און ער האט געלעבט האלב זאט, האלב הונגעריג. אין א יאהר ארום, אז ער האט אנגעהויבען צו נעהמען 12 רובל א חודש, האט ער שוין געגעסען אלע טאג אין א ביליגער רעסטאראציע א מיטאג פאר א גילדען און אויף דער נאכט פלעגט ער עסען דריי זעמעלעך מיט א זיסע גלאז טהעע. נאך שפעטער, אז ער האט בעקומען אן הוספה ביז 20 רובל א חודש, האט ער אנגעהויבען עסען א מיטאג פאר גאנצע 25 קאפיקעס און שבת פלעגט ער עסען פאר 35, אויסער א קליין־שנעפסעלע פאר פינף קאפיקעס, פון וואס דער קאפ פלעגט זיך איהם אביסעל פערדרעהען און ער פלעגט א גאנץ שבת אב־שלאפען ווי א גע'הרג'עטער.

אז זיין געהאלט האט דערגרייכט 30 רובל א חודש, האט ער שוין בדיעה געהאט אנצוהויבען עסען פאר 30 קאפיקעס א מיטאג און ער וואלט עס שוין געווים געטהאן, ווען איהם וואלט ניט איינגעפאלען פלוצים אן אידעע אין קאפ — לאזען זיך נייהען א שווארצען אנצוג פאר גאנצע 40 רובל... ער איז

ראָף שוין עפּעס ניט קיין אינגעלע, שוין די העכסטע צייט צו ווערן א מענש!

און דער געדאַנק וועגן שווארצען אנצוג האָט זיך ביס־לעכווייז איהם איינגענאַדיעט אין קאָפּ, אז ער לאָזט איהם ניט איינשלאָפען צו דער צייט. אלע נעכט, לעגענדיג זיך שלאָפען, פלעגט ער זיך נאָר דארפען איבערקעהרען איין מאָל צום וואנד, א טראכט טהאָן וועגען עפּעס א קליינינקייט און ער פלעגט שוין גלייך אנשלאָפען ווערען — איצט אָבער קלערט ער אב א פּאָר שעה וועגען שווארצען ראָק, וועלכער איז שוין ביי איהם אין פאנטאַזיע פארטיג, אפילו מיט די קנעפּ... ער זעהט אפילו הינטען דעם שפּאַלט, און ער בעטראַכט זיך מיט רעספּעקט און מיט צופרידענהייט.

ענדליך איז זיין אידעאל דערגרייכט געוואָרען אין דער ווירק־ליכקייט: שפּאָרענדיג א יאָהר נאָכאנאַנד פון זיין געהאלט, איז איהם געבליבען מזומנים 50 רובל און ער האָט גלייך בעשטעלט ביים בעסטען שניידער א שוואַרצען ראָק מיט שווארצע הויזען. א וועסטעל, האָט ער גערעכענט, וועט ער קויפען א קאָליערטע.

אויף דער קוואַרטיר, וואו ער וואָהנט שוין דריי יאָהר, האָט ער אלע מאָל וועניג גערעדט און מען האָט איהם דאָרט דער־פּאַר גערופען „מורלאָ". אז ער האָט זיך געלאָזט מאכען דעם אנצוג, איז ער ווי בערעדטער געוואָרען, פלעגט, קומענדיג אין אָוועגט, אָנהויבען ארומצוגעהן הין און צוריק איבער'ן שטוב, שמייכלען, עפענען דאָס מויל און פערמאכען, עפענען און פערמאַכען ביז ער האָט קוים ארויסגערעדט, ווענדענדיג זיך צום בעל־הבית:

— איך האָב מיר געלאָזט מאכען א קאָסטיום... א שוואר־צען...

— זאל איך גאָט העלפען:

— אויף שבת קען זיין פארטיג, האָט ער צוגעגעבען און מאָדנע געשמייכעלט, קוקענדיג אויפ'ן בעל־הבית.

פארטיג איז דער אנצוג ערשט געווארען נאך שבת, — דינסטאג. דער שניידער צוזאמען מיט א לעהרענ־יונג האט איהם מיט גרויס קוראזש אריינגעטראגען, און אהרן ווערכעס איז ספּעציעל געקומען צוליעב דעם פון מאגאזין, האט איהן נאנצען געשיינט און האט געהאט אן אויסזעהן ווי א גרויסער בעל שמחה.

דער ראק איז געלעגען גלאט, ווי אויסגענאסען. די שווארצע קנעפּ האבען זיך אראבגעלאזט אין צוויי רייהען און האבען אויסגעזעהן ווי ערענסטע היטער פון אהרן׳ס הארץ, הינטען, דעם שפּאלט האט ער בשום אופן ניט געקענט אנקוקען און דאס האט איהם אביסעל געשטערט די שמחה.—

— נו. ווי געפעלט איך? — האט ער געפרעגט מבינות ביים בעל־הבית.

— ניט שלעכט — גאר ניט שלעכט! — האט דער בעל־הבית געקנייטשט דעם שטערן, און נאך א קליינע פּויזע האט ער צוגעגעבען:

— אבער טאקע גאר ניט שלעכט!

און עס האט אויסגעוויזען, אז דער בעל־הבית וויל ניט בענוצען דאס ווארט „גוט" פאר קיין פאל און ער האט בעסער צוגעגעבען: „גאר ניט שלעכט, אבער טאקע גאר זעהר ניט שלעכט" און צום סוף: „גאנץ ניט שלעכט", און „גוט" האט ער ניט געזאגט.

דעם שניידער האט עס פערדראסען און ער האט זיך אנגעצונדען:

— וואס הייסט — ניט שלעכט? עס איז דאך גרויסארטיג! איך פערשטעה ניט!...

דאמאלס האט ערשט דער בעל־הבית נעגעבען צו פערשטעהן, אז „גאר ניט שלעכט" הייסט ביי איהם נאך מעהר ווי „גרויסארטיג", אזוי פיהרט ער זיך שוין ביי מיינונגען פון כמה שנים.

אהרן האָט מיט גרויס פּאַרזיכטיגקייט אראָבגעצויגען פון זיך די־ רעק און געוואָלט ערגעץ אויפהענגען, נאָר דער שניי־דער האָט איהם געזאָגט, אז ער זאָל אויפהענגען אין אזא אָרט, וואו קיין שטויב איז ניטאָ. ווייל „שווארץ“ האָט זעהר מורא פאר שמויב — עס ווערט גלייך א פלאמע.

דערהערענדיג דאָס וואָרט „פלאמע“, האָט אהרן א ציטער געטהאָן מיט׳ן גאנצען קערפּער און האָט מיט גרויס אומרוהיג־קייט געפרעגט:

— וואר־זשע הענגט מען איהם אויף?

ער האָט געוואָרפען אושראָקענע בליקען איבער אַלע פיער וועגד. ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס א רעטונג פאר זיין גרויסען פערמעגען, נאָר די אַלע ווענד זיינען ניט געווען גאראַנטירט פון שטויב און ער האָט אָבגעשטעלט זיינע בליקען אויפ׳ן גרוי־סען אַלמער, וואָס איז געשטאַנען ביים בעל־הבית אין מיטען שטוב.

ער האָט א קוק געטהאָן אויפ׳ן בעל־הבית, און נאָכדעם ווידער אויף דעם אַלמער, ווי ער וואָלט שטום געבעטען ער־לויבניש.

דער בעל־הבית, ניט קיין איבריג טיעפער מענש, האָט אויפ׳ן וואונק גאָר נישט פערשטאַנען.

און אהרן האָט געמוזט אויסדריקען דייטליך זיין בקשה:

— איהר וואָלט אפשר מיר ערלויבט אין אַלמער איהם אריינהענגען?

— מיט אַלע כבוד׳ן; האָט דער בעל־הבית ערלויבט—וואָס קען עס מיר שאַדען?

— נו, אין אַלמער, ווי רעכענט איהר, איז עס בעוואָרענט פון שטויב?... — האָט אהרן געפרעגט דעם שניידער.

— וואָס איז שייך צו זאָגען בעוואָרענט?... — האָט דער שניידער, וואָס האָט געהאַט א נייגונג צו פילאָזאָפיע, געענט־פערט: אמאָל קען א ראָק הענגען אויף א וואנד און עס קען

איהם ניט שאַדען. און, פערקעהרט, אמאָל קאָן עס העננען אין בעסטען בעהאַלטענעם אָרט, און דו גיסט זיך א חאַפּ — דער ראָק איז פול אין פלאַמעס... מען קען אמאָל ניט וויסען...

אהרן האָט אין גאַנצען נעציטערט אויסהערענדיג דעם שניידערס קאַלטע פילאָזאָפישע רייד; איהם האָט שטאַרק פערדראָסען, וואָס דער שניידער, וועלכער נעהמט ביי איהם פאַר נענייה אליין אזוי פיעל געלד רעדט מיט אזא גלייכגילטיגען טאָן וועגען זיין ראָק און וועגען די פלאַמעס... און כדי דער שניידער זאָל נאָך איהם ניט מעהר סטראַשנע מאַכען, האָט ער איהם איבערגעהאַקט:

— פאַר וואָס זאָל דאָס ווערען פלאַמעס? איך פערשטעה ניט!... פלאַמעס ווערט פון א פעטקייט, אז מען פערגיסט מיט פעטקייט, למשל...

— פעטקייט, פערשטעהט זיך, איז פאַר א שוואַרצען ראָק א הריגה. האָט דער שניידער ווייטער געפילאָזאָפירט: פעטקייט האָט שוין ניט איין שוואַרצען ראָק אוועקגעקוילעט... נאָר אויסער פעטקייט איז פאַרהאַן נענוג סבות, עס זאָל ווערען פלאַמעס.... מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג!... שטאַרק פאָרזיכטיג!

— אָבער אין אלמער איז דאָך פאָרט דאָס בעסטע אָרט!

— האָט אהרן ווי פערצווייפעלט זיך געבעטען.

— עס פערשטעהט זיך! — האָט דער שניידער נאָכגעגעבען: קיין בעסערער אָרט ווי אין אלמער איז ניטאָ. און אמאָל איז קיין ראיה ניט — האָט ער באַלד חרטה נעהאַט — אמאָל איז אזוי אין א ריינעם ווינקעל בעסער ווי אין אלמער... אין אלמער כאַפּט אמאָל שימלען... עס טרעפט זעהר אָפט... נאָר מען דאַרף א בגד שטענדיג לופטערן...

פון דעם שניידערס אזוי פיעל השערות איז אהרן צוטרמעלט געוואָרען. ער איז געשטאַנען מיט'ן ראָק אין דער האַנד,

נעקוקט אויפ׳ן אלמער, די ווענד, אין די אלע פיער ווינק־לען און ניט נעקענט אוסקלויבען קיין אָרט.

— וואָס קלערט איהר אזוי פיעל? — האָט זיך שוין דער בעל־הבית ארייננעמישט: וועט זיין בעשערט, עס זאָל ווערען א פלאמע, וועט אומעטום ווערען — אט נעהמט און הענגט איהם אריין אין אלמער און א סוף...

— אודאי אזוי! — האָט דער שניידער מיטגעשטימט.

און אהרן האָט מיט א קלאפענדען הארצען אריינגעהאנ־גען דעם ראָק אין אלמער.

— געפינט זיך ניט אמאָל ביי אייך קיין מייז אין אל־מער? — האָט דער שניידער קאלט א פרעג געטהאָן.

אהרן איז פאר שרעק שיער ניט אומגעפאלען. איהם האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט ווי א מויז האָט צוגריזעט דעם ראָק... ער האָט איהם שוין געוואָלט צוריק ארויסכאפען פון אלמער, נאָר דער בעל־הבית האָט געענטפערט:

— עט, מייז... ווי קומען אהער מייז!

דער ענטפער איז אפילו אהרן׳ען ניט אזוי געפעלען, עס איז ניט קיין זיכערער ענטפער. נאָר דאָך האָט ער דעם ראָק געלאָזט אריינהענגען און בעשלאָסען, אז ביי נאַכט, קומענדיג פון מאגאזין, וועט ער איהם ארויסנעהמען...

מיט טרייסלענדע הענד האָט ער בעצאָהלט דעם שניי־דער, געגעבען דעם לעהרען־איננעל אויף ביער און האָט נע־ווארט אויף זייער ברכה.

— נו, א גוטען טאָג, פערניצט געזונד! — האָט דער שניידער געוואונשען.

און כדי ארויסצואווייזען זיין צופרידענקייט פון מקח, האָט ער געדעכענט ניט פאר איבעריג נאָך אמאָל צו וואָרענען:

— זעהט, זייט פאָרזיכטיג! א שווארצער ראָק איז קיין קליינינקייט ניט! מען דאַרף זעהר היטען...

און דער שניידער מיט׳ן לעהרען־איננעל זיינען ארויס

לאזענדיג אהרן׳ען אין איינע שרעק, שטעהענדיג ביים אלמער...

אז פלאמעס וועט דער ראק פריהער צי שפעטער קריי־נען, אין דעם האט אהרן שוין ניט געצווייפעלט. עטליכע טעג נאכאנאנד האט ער זיך עצות געהאלטען מיט א סך יונגע לייט און סתם מענשען און אויסגעפארשט אלערליי סגולות, ווי אזוי מען נעהמט ארויס פלאמעס. פיעלע האבען איהם געראטהען נאפט, אנדערע בענזין, אנדערע, ווידער, האבען איהם געראַ־טען אזעלכע מינים זייפען, וואס ער האט עס, נאטירליך, גלייך געקויפט. און מיט א רוהיגקייט פון א חכם, וואס ווייסט, אז די צרה וועט מוזען אנקומען, האט ער געווארט מיט די אלע סגולות אויף דער ערשטער פלאמע...

אין גאָם.

וואָס וויל פון מיר האָבען, רבונו של עולם, די פרוי מיט די דריי פּעקלעך שוועבעלעך אין דער אויסגעשטרעקטער האַנד?....

איך קאָן זי ניט און ווייס זי ניט — איך ווייס ניט, וויפיעל זי איז אַלט, צי דרייסיג, צי פופציג, צי זיעבעציג יאָהר, — איך ווייס ניט, צי האָט זי אַ מאַן, צי איז זי אַן אלמנה, צי אַ גרושה, צי גאָר אַן עגונה; איך ווייס ניט, צי האָט זי קינדער, וואָס וואַרטען אויף איהר קומען ביי נאַכט, אָדער זי איז עלענד, ווי די וואַנד פון מויער, אָן וועלכער זי שטעהט אָנגעשפּאַרט? איך ווייס ניט אפילו, וואו זי וואָהנט, צי אויף דער סמאָטשער, צי אויף דער קראָכמאַלער גאַס, צי אין אַ נאַסען קעלער, צי אויף אַ פינסטערן בוידעם, — איך קאָן זי ניט און ווייס זי ניט, — היינט וואָס וויל זי פון מיר האָבען? וואָס צו־רייסט זי מיר אַזוי מיין האַרץ, וואָס פערסם'ט זי מיר מיינע געדאַנקען און וואָס מאַכט זי מיר די גאַנצע וועלט אַ פינסטערע? וואָס פערלעשט זי מיר די זון, פערשטעלט מיר דעם הימעל? וואָס פערטויבט זי מיר אַלע פרעהליכע ליעדער, וואָס איך וואָלט געקענט הערען?

וואָס מאַכט זי מאוּם אַלע שעהנע פרויען אין גאַס?...

וואָס וויל פון מיר האָבען, רבונו של עולם, די פרוי מיט די דריי פּעקלעך שוועבעלעך פאַר אַ פּיערער?...

נו, גוט, איך וועל ביי איהר קויפען דריי פעקלעך שוועבעלעך! איין פעקעל וועל איך אין קעשענע אריינלעגען, אַ צווייטעס וועל איך אהיים ברענגען און אַ דריטעס וועל אַוועקווארפען — עס איז מיר גענוג 150 איינציגע שוועבעליך פאר פיער גראָשען — אָבער וועל איך שוין דערפון רוהיגער ווערען. וועט שוין די אידענע פון מיר מעהר גאָר נישט פערלאַנגען?

נ י י ן !

זי וועט צו מיר אַלץ האָבען שטומע טענות. מיר וועט אַלץ קלינגען אין די אויערן, ווי אַ געוויין: דריי פעקליך שוועבעליך פאר אַ פיערער!... און איך וועל אַלץ חשבונען, אַז אין דריי פעקליך געפינען זיך 450 שטיק, אַז די קעסטעלעך האָבען געקלעפּט אָרימע מיידלעך, וואָס ארבייטען פאר 2 גילדען אַ טאָג, אַז די דרוק זאָל זיין ווי געשווינד, האָט די באַנדעראָלען געדרוקט, אַז דער קאָמיסיאָנער... און דער ס"ה פון חשבון קומט אַלץ אויס, אַז די פרוי וואָס שטעהט אין גאס און בעט זיך: דריי פעקלעך שוועבעלעך פאר אַ פיערער — איז זעהר אַן אונגליקליכע, און לאָזען זי אַזוי ווייטער שטעהן איז אונמעגליך. מען דאַרף צו איהר צוגעהן, מען דאַרף ביי איהר פרעגען, ווער זי איז און וואָס זי איז, און ניט צוליעב דער הייליגער וויסענשאַפט סטאַטיסטיק, אום צו מאַכען דערפון אַן עקאָנאָמישען אַרטיקעל — געהט די וויסענשאַפט, מיט דער סטאַטיסטיק, מיט דער עקאָנאָמיע צום טייוועל! פערכאַפּט זאָלען זיי ווערען! מען דאַרף ביי איהר דאָס אַלץ פונאַנדערפרעגען, ווייל זי איז אַ מענש, ווייל זי לייִדט, ווייל איהר בלוט גיסט זיך אין גאַס און קיינער זעהט עס ניט, מען דאַרף ביי איהר אויספאָרשען, וואָס זי טראָגט איבער אַ טאָג, וואָס זי האָט איהר גאַנץ לעבען איבערגעטראָגען און מען דאַרף דאָס אויסרופען אין אַלע גאַסען, אין אַלע פרעהליכע ערטער און שרייען: איהר הערט חברה, אין דער און דער גאַס שטעהט אַ אידענע מיט דריי פעקלעך שוועבעלעך אין האַנד און פערקויפט עס פאַר פיער גראָשען: זי איז

זעהר אן אונגליקליכע, אין איהר לעבען איז איין ליכטיגע־שטראהל ניטא. לאמיר זעהן א מיטעל דערצו, ווארים עס איז אונמעגליך צו לעבען אזוי ווייטער, עס איז פערשטערט אונזער פרייד, איהר קול, וואס איז, דאכט זיך, הייזעריג, שרייט הע־כער פאר אלע אונזערע הויכע ליעדער...

און איך, משוגענער, וויל טאקע שוין צוגעהן צו איהר און מאכען מיט איהר א שמועס, כאפט מיך דער טייוועל! — פאר וועמען האב איך מורא? — מען וועט לאכען, זאל מען לאכען!

און איך וויל שוין צוגעהן.

דערהער איך עפעס נאך א קול, וואס איז גלייך צו איה־רען! איך קעהר זיך אב און דערזעה נעבען זיך א בלאס אינגעל מיט א קעסטעלע קאנווערטען — וואס וויל ע ר?

— אכט קאפיקעס — א מאה קאנווערטען, אכט קאפי־קעס — א מאה קאנווערטען!

איך לאז די פרוי מיט די שוועבעלעך און געה צו צום אינ־געל מיט די קאנווערטען — גרויסע, בלאהע קאנווערטען! א קאנווערט דארף איך האב איינעם אין א וואך, נאר איך קויף, איך מוז קויפען... ווארים, פערשטעהט איהר מיך, אז דאס בלאסע אינגעל זאל ווארטען אויף א מענשען, וואס דארף טאקע האבען א גאנצע מאה קאנווערטען, וועט ער, געוויס קיין אנביי־סען ניט אויסווארטען...

איצטער אבער ווייס איך ניט, וואס זאל איך טהאן מיט דער אידענע מיט די שוועבעלעך. דאס אינגעל בעט זיך אויך מיט שטומע בליקען: פארשט אויס מיין לעבען! וועסט געפינען געגנוג נויט...

מילא, וואס זאל איך טהאן מיט זיי! פערפאלען — איך וועל איהם א פרעג טהאן!..

רוקט זיך אונטער א איד מיט טאשען־לוחות׳לעך... שעה־נע טאשען־לוחות׳לעך, קליינע און שעהנע. — א מחיה צו קו־קען אויף זיי, נאר וואס אבגעדרוקט, און טייער בעט ער אויף

נים — א קאָפּיקע א לות. א שרעקליכער זוֹל...

איך קויף א לות׳ל אויך, לאָמיך וויסען, ווען געפאלט תשעה באב...

און דער איד איז אויך אלט (און אפשר איז ער יונג— ווער קען פערשטעהן זייערע פּנימער) ?... און זיין לעבען דארף אויך א סך דערצעהלען דער וועלט... מען דארף זיך צו איהם אויך א נעהם טהאָן...

נאָר עס רוקט זיך אונטער א איד סתם און פערקויפט גאָר נישט... א איד אָהן סחורה... און דער איד קאָסט מיר טייערער, ווי יענע מיט די סחורה, זיין אויסגעדארט, אויסגעמוטשעט פּנים איז מיר ווערט מעהר פון דער אידענעם פּעקלעך שוועבעלעך, פון דעם אינגעלס קאָנווערטען און דעם אלטענס לות׳ל. איך קען זיך אָהן זייערע סחורות בעגעהן. דער איד אָבער אָהן די סחורה האָט אונטער די אויגען אזוינע רעדער, וואָס זיי זיינען ווערט פאר יעדען גוטהערציגען מענשען א גריוורנע און אזוי פיעל קאָסט עס מיר...

גענוג אָבער! איך וועל זיך ניט ארויסדרעהען פון אזוי פיעל אונגליקען, איך קען נים, איך האָב שוין קיין געלד ניט און כ׳האָב שוין קיין הארץ נים.

טאָ קום שוין דו, סטאַטיסטיקער, עקאָנאָמיסט! אפשר דו, מיט דיין הארטען הארצען און קאלטען מח וועסט א מיטעל געפינען.

ביי מיר לאָזען זיך שוין די הענד אראָב...

דער קאַרעקטאָר.

שוין א יאָהר פינף, זייט ברוך בערנשטיין איז א קאַרעק־טאָר אין א צייטונג אין ווארשע. ער איז שוין אָבער אזוי ווייט אריין אין זיין ארבייט, אז איהם דאכט זיך צייטענווייז, אז ער איז געבוירען געוואָרען א קאַרעקטאָר און זיין גאַנץ לעבען בע־שעפטיגט ער זיך מיט פעררינכטען גרייזען.

זיין ארבייט האָט ער זעהר ליעב. און ליעב האָבענדיג זי, לעגט ער אריין אין איהר זיין גאנצע נשמה. אמת, די ערשטע צייט, נעהמענדיג זיך פאר א שווערער קאָרעקטור, וואו יעדעס וואָרט האָט עטליכע גרייזען, פלעגט ער זעהר בייז און אויפגע־רעגט זיין: „ווי מאכט מען עס אַן אזוי פיעל גרייזען, וואו איז זייערע אויגען, זייער קאָפּ?“ פלעגט ער מיט כעס מורמלען. ביסלעכווייז אָבער איז ער צו די גרייזען געוואָהנט געוואָרען, און מען קען זאָגען, אז ער האָט זיי אפילו ליעב בעקומען... פערקעהרט, א קאָרעקטור גאָר אָהן פעהלערען פלעגט איהם אור־מעטיג מאכען און צייטענווייז אפילו שרעקען... און ער פלעגט זיך אנשטרענגען צו געפינען כאָטש אויף יעדער שורה איין גרייז, זאָל מען ניט זאָגען, אז ער האָט ניט געארבייט... ביי אזעלכע אָהן גרייזען־קאָרעקטורען פלעגען פון איהם שטארק אויסשטעהען די „קאָמאָ׳ס“ און די „טערע׳ס“, וועלכע ער פלעגט טוישען איינע אויף די אנדערע, וויסענדיג עפּעס אַן אלטען

כלל פון אן אלטער גראמאטיק, אז א קאמא ווערט אמאל פערבי־
טען, ניט פערלירענדיג דעם זינן, אויף א טערע...

אבער קיין סך אזוינע לייכטע קארעקטורען זיינען ניטא:
די ארבייט אין ציימונג איז אן איילענדיגע און גרייזען זיינען
דא לרוב. חאטש מאך א בריק, אויסער דעם האט דער חראני־
קער א האנדשריפט, אז דער אויבערשטער זאל שומר ומציל
זיין, א ב י ת מאכט ער ווי א קוף און א קוף, ווי א ב י ת
אזוי, אז לעבען קומט אין דער קארעקטור ארוים לעקען, און
בערנשטיין האט פון אזא גרייז בעזונדער א ווילדע הנאה און
שמייכעלט פאר זיך אליין:

— יא, יא —לעקען, לעקען...

אזוינע מיני וויציגע גרייזען זיינען כמעט בערנשטיינ׳ס
איינציגער צייט־פערטרייב. אויך מאכט איהם פרעהליך און
קיצעלט איהם אן איבערגעקעהרטער קרומער צדיק.

— מען האט דיך נעבעך איבערגעקוליעט, פייגעלע מיינס!

— וויצעלט ער זיך, און ניט א פיהר מיט׳ן פען איבער׳ן צו־
הרג׳עטען אות, הרג׳עט איהם אין גאנצען אוועק און שטעלט צו
ביי דער זייט א דייטליכען שטאלצען קרומען צדיק, און בערנ־
שטיין איז שוין זיכער, אז איצט וועט איהם דער זעצער ניט
איבערקוליען. און ער נעהמט זיך צו אנדערע גרייזען...

אזוי לעבט זיך בערנשטיין מיט זיינע גרייזען און פיהלט
זיך רוהיג און צופרידען. צייטענווייז נאר, ווען דער דיכטער
זינגעראוויטש דרוקט לכבוד א יום־טוב א ליעדעל, קומט פאר
א גרויסע איבערקעהרעניש אין זיין לעבען און זיין נשמה פער־
ליערט איהר גלייכגעוויכט. דער דאזיגער דיכטער וויל, ניט אנ־
דערש, מאכען אליין די קארעקטור, מורא האבענדיג אויף בערנ־
שטיין׳ען צו פערלאזען זיך. בערנשטיין׳ען שטעהט די מעשה
שטארק ניט אן. וואס הייסט: דער רעדאקטאר אליין פערלאזט
זיך אויף איהם צו קארעזשירען די לייט־ארטיקלען זיינע
און קוקט איהם קיין מאל ניט נאך. און ער זינגעראוויטש,

האָט אַ ליעדעל סך הכל פון 16 שורות און נאָך אָהן גראַמען דאָס רוב, — געטרויט ער איהם ניט. און אויסער דעם, וויל גלאַט בערנשטיין ניט, אַז עס זאָל זיין נאָך אַ קאָרעקטאָר, וואָרים ער אליין פיהלט גאַנץ גוט, אַז דער זינגעראָוויטש האָט טאַקע אַ טאַלענט צו קאָרעקטור, און ווער וויים, וואָס עס קען אַמאָל געשעהען? פון די ליעדלעך האָט ער קוים אויף פּאַפּיראָסען, און בערנשטיין'ען דאַכט זיך שטענדיג, אַז זינגעראָוויטש קריכט אויף איהם....

— כ'לעבען... ווענדט ער זיך צו זינגעראָוויטש'ן, ווען יענער דרוקט זיינס אַ ליעד און קומט פרעגען צי איז שוין דאָ אַ קאָרעקטור — כ'לעבען, זינגעראָוויטש, איהר זענט אומגערעכט... איהר קומט מיר שטערען... איך האָב אַזוי פיעל אַרבייט און איהר דולט מיר אַ קאָפּ... וואָס, איך וועל דען ניט אליין קענען אויסקאָרעזשירען די גרייזען אין אייער ליעדעל?

נאָר זינגעראָוויטש איז אַ גרויסער עקשן. זינט אין איין ליעדעל איז אריינגעפאַלען אַ גרייז אין דעם וואָרט „טרוויריג" און עס איז ארוים טרויעריג, מיט אַן איבעריגער זילבע, אַזוי, אַז דער גאַנצער פערזענמאָס איז געקוילעט געוואָרען, פון יענער צייט אָן מוז ער אליין מאַכען די קאָרעקטור...

— איהר ווייסט ניט — צוקאַכט זיך זינגעראָוויטש פאַר בערנשטיין'ען, — וואָס איך האָב געהאַט פון יענעם ליעדעל... איך האָב אפשר אַ וואָך נאַכאַנאַנד ניט געשלאָפען...

דאָ זעהט שוין בערנשטיין, אַז עס וועט ניט העלפען, — ווערט ער ווייכער און ענטפערט:

— נו, נאַט אייך די קאָרעקטור און מיר וועלען ביידע מאַכען...

— נ י י ן ! נ י י ן ! — שטעהט זינגעראָוויטש שטייף — די קאָרעקטור מוז איך אליין מאַכען, ווייזט זי מיר אהער.

און בערנשטיין גיט אוועק מיט ציטערענדע הענד אַ לאַנג שטיקעל פּאַפּיער מיט'ן ליעד און זאָגט דערביי:

— אי. פּאני זינגעראַוויטש — איהר גרייזט... אייך אַליין האָט מען געדאַרפט גוט דורכקאַרעזשירען...

---

12 אַ זייגער ביי־נאַכט ענדיגט בערנשטיין די לעצטע צווייטע קאָרעקטור און געהט אוועק אַהיים.

אַ צימעריל האָט ער אין אַ אידישער גאַס אויף אַ פיער־טען שטאָק. עס איז אפילו הויך ארויפצוגעהן, צייטענווייז ברעכען איהם גוט די קניע, דאָך איז ער פון צימערל צופריע־דען. ער וואָהנט ביי אַלטע לייט, קיין קינדער ניטאָ. שטיל און רוהיג און דאָס האָט בערנשטיין ליעב: אמאָל מאַכט זיך צו נעה־מען אַ היים אַ זייטיגע קאָרעקטור, עפּעס אַן ערנסטען חיבור, שטערט איהם קיינער ניט, און ער פעררוכט אַלע גרייזען, פער־זעהט קיין איין גרייז אויך ניט...

צייטענווייז אבער ווערט איהם אומעטיג. אין צימער ברענט אַ קליין ליכטעל, דונקעלע שאָטענס ליעגען אויף די ווענד און זיין שאָטען אַליין האָט אזא גרויסען מאָדנעם קאָפּ... זיין בליק פאַלט אויפ'ן בעטעל, וואו ער געהט זיך באַלד לעגען.

דאָס בעטעל האָט אַ ווייכען סעניק, אין וועלכען די שטרוי ווערט פּינקטליך יעדע צוויי חדשים איבערגעביטען. אַ קישען האָט ער אויך אַ גאַנץ ווייכע. און דאָך פּאַסירט אָפט, ווען עס איז איהם הארט און ניט בעקוועם צו ליעגען. דאַמאָלט וואַרפט ער זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, דערמאָנט זיך פער־שיעדענע זאכען, לאַנג פערשוואונדענע: מאַכט אַ רעכענונג ווי־פיעל ער איז אַלט, און דער חשבון קומט אויס ניט קלאָהר. אָבער עס איז קלאָהר. אז ווייט איבער דרייסיג... — ס'איז אַ גרויסער גרייז — טראַכט ער דאַמאַלסט — וואָס איך בעקען זיך ניט מיט עפּעס אַ מיידעל... ס'וואָלט שוין צייט געווען צו האָבען עפּעס, אויסער די גרייזען, אַ נאָהענטען מענשען....

און ער דערמאַנט זיך, אז מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער זיך יאָ בעקענט מיט אַ מיידעל, געווען אַ גאַנץ וואויל־מיידעל.

זי איז צו איהם געווען גאנץ צוגעלאָזט. ער דערמאָנט זיך, אז ער האָט זי איין מאָל אָנגענומען פאר דער האנד, האָט זי זיך געלאָזט... זי איז אפילו רויט געוואָרען... אלמאי איז זי רויט געוואָרען... א סימן, אז זי האָט יע געוואָלט. דאמאָלסט האָט ער איהר געקענט זאָגען, אז ער וויל מיט איהר חתונה האָבען... ער דערמאָנט זיך אָבער, אז ער האָט מורא געהאט. א קליי־ניגקייט חתונה האָבען! !... גאָכדעם קענסטו אזא גרייז ניט פערריכטען — דאָס איז ניט קיין קאָרעקטור...

אָבער ליעגענדיג אליין אין בעט, פיהלט ער חרטה... ער האָט דאמאָלט געדארפט איהר זאָגען: איך האָב דיך ליעב, דו מיך — דאכט זיך אויך, לאָמיר חתונה האָבען...

— עס איז געווען א גרייז... — זיפצט ער, און קעהרט זיך פון איין זייט, אויף דער צווייטער...

שבת איז ער פריי. אין דער פריה געהט ער אין דער דיי־טשעשער שוהל. ניט חלילה צוליעב דאווענען — בערנשטיין איז שוין א יאָהר צעהן א פריי־דענקער — גאָר צוליעב די נגינה. ער הערט דאָס געזאנג פון חאָר און בשעת מעשה קוקט ער אויף די אויפשריפטען אויף די וואנד וועגען גרויסע גבירים, נדבינים, וואָס האָבען געשענקט א סך געלד. אויף א פּאָר אויפשריפטען האָט ער שוין לאנג אויסגעפונען א פּאָר גרייזען, און יעדען שבת בעטראכט ער זיי אויף דאָס ניי מיט דער זעלבער אויפמערק־זאמקייט ווי דאָס ערשטע מאָל און עס ציהט איהם, ווי א פאר־בארענער כח, צו די דאָזיגע אויפשריפטען צו פערריכטען די צוויי גרייזען...

שבת פארנאכט, איבערהויפּט זומער, געהט ער שפּאצי־רען אויף דער מארשאלקאָווסקי. געהט ער זאלבענאנד, מיט איינעם פון דער רעדאקציע, פיהלט ער זיך גאנץ היימליך. שמו־עסט מיט יענעם וועגען רעדאקציאָנס־אנגעלעגענהייטען, דער־צעהלט איהם וועגען א דרוק־פעהלער, וועגען א גרייז, וואָס ער

האָט דורכגעלאָזט צוליעב א מאָדנער סבה, אין וועלכער ער איז כּלל וכלל ניט שולדיג... איז אבער דער דאָזיגער חבר פון דער רעדאקציע אוועק מיט אַן אַנדערען און בערנשטיין געהט אין דער רוישענדער פּרעהליכער גאס אליין, פּיהלט ער זיך געפּאַלען און נידערגעשלאָגען. פערשיעדענע פרעהליכע, לאַכעדיגע, פערפּוצטע יונגע פּאָרלעך, ווי קאַרעקטורען אַהן גרייזען, ציהען זיך און טאַנצען פּאַר זיינע אויגען, שטויסען איהם און שטופּען איהם און ווילען איהם ניט קענען... און דאַמאָלט דאכט זיך בערנשטיינ'ען, אז אין דער דאָזיגער פרעהליכער לעבעדיגער מחנה איז ער ווי אַן אריינגעפאלענער גרייז, און אָט קומט באלד עפּעס איינער, א געניטער קארעקטאָר, וואָס פערשטעהט זיך אויף גרייזען, און וועט איבער איהם א שווארצען שטריך אריבערפיהרען און וועט איהם, ווי א גרייז, פון דאנען ארויסווארפען...

און בערנשטיין בלאָנדזשעט אזוי לאנג מיט שרעק און עלענד איבער דער גאס, ווי א גרויסער גרייז, ביז עס ווערט פינסטער; דאמאָלסט דערמאנט ער זיך אן דער רעדאקציע, אז מאָרגען מוז די נומער פריה ארויסגעהן און ער לאָזט זיך לויפען אהין צו מאכען די קאָרעקטור...

אין א האלב שעה ארום בעקומט ער שוין צוריק זיין געוועזענעם שטאָלץ, זיין רוהיגקייט, און פערריכט איין גרייז נאָך דעם צווייטען.

ארבעטער רינג ... יודישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא

דער זשילעט.

קיין סך שטונדען האָט דוד פייגין אויף ווינטער ניט גע־האַט. דאָך די צוויי שטונדען, פאַר וועלכע ער האָט בעקומען 15 רובל מאָנאטליך, און די עטליכע רובל, וואָס ער פלעגט דערצו צובאָרגען ביי נאָהענטע און אמאָל ביי ווייטע בעקאַנטע, האָ־בען איהם געגעבען די מעגליכקייט צו קענען ווי עס איז עק־זיסטירען אין דער גרויסער שטאָדט. ווי עס איז אָבער געקומען דער ליעבער זומער, וועלכען דוד האָט אייגענטליך געוואַרט, זיינען די צוויי „לעקציעס“ ווי פון דער וואַרימקייט צוגאַנגען, און דוד האָט זיך די ערשטע טעג פון דעם ליעבען זומער געמוזט ער־נעהרען מיט קליינע גמלות חסדים, וואָס דער גרעסטער פון זיי איז בעשטאַנען פון צעהן קאָפּיקעס און נאָכדעם פון דעם ווינ־טער־בגד, וועלכען ער האָט פערקויפט פאַר א רובל, ניט קוקענדיג וואָס ער האָט אָנהויב ווינטער פאַר איהם בעצאָהלט אויף דער וואָלוועלער גאַס פיער רובל.

דעם ווינטער־בגד האָט אָבער דוד גיך אויפגעגעסען, כאָטש ער האָט זעהר געקאַרגט, קענען זיין כאַראַקטער: באָרגען איז אַלץ געוואָרען זעלטענער וואו צו קריעגען, און ער האָט אָנגע־הויבען בעטראַכטען זיך פון קאָפּ ביז די פיס, — וואָס קען ער נאָך פערקויפען? נאָר ער האָט גאָר נישט געהאַט. אין אמעריקא האָט ער געהערט, געהט מען זומער אָהן רעק; אמעריקא איז אָבער א לאַנד פון חכמה און פון פרייהייט. דאָ וועט מען איהם

נאָכלויפען ווען מען וועט איהם בעגעגענען אין גאס אהן א ראָק. און אפּשטאָל פלעגט זיך איהם וועלען א שטארקער ווערען, פערקויפען דעם ראָק און אויסלאכען זיך פון דער גאנ־צער וועלט. האָט די וועלט ניט קיין ברויט פאר אלעמען, דארף זי קיין רעק אויך ניט האָבען!... באלד אבער פלעגט א צווייטע, מעהר העכערע אידעע אָבשלאָגען די ערשטע: דו נאר, ווען דו ביזט אזוי שטארק צו שטעלען זיך קעגען א גאנצער וועלט מיט אזוינע שטארקע ארדנונגען און געהן אהן א ראָק אין גאס, קענסטו דיין שטארקייט אויף אנדערע זאכען בענוצען און דע־מאָלט וועסטו אפילו א פראק האָבען און א צילינדער האָ־בען...

און דוד פייגין האָט, נאָך א סך פילאָזאָפירען און גראבלעניש, איינגעפונען, אז די צווייטע אידעע איז מעהר גרינדליך, מעהר אמת און מעהר טרויעריג; און מיט א זיפץ האָט ער זיך געמוזט געזעגנען מיט דעם געדאנק צו פערקויפען זיין ראָק, מיט אזא זיפץ, וואָס מען קען נאר הערען פון יענע מענשען, וועלכע זיינען זיך מיאש פון א העכסטען גליק און האָפען שוין מעהר נים.

און אז ער פלעגט אין דער פריה, ליעגענדיג אין בעט, פאר וועלכער ער האָט געצאָהלט צעהן גילדען א חודש און איז גע־ווען שולדיג פאר איהם דריי רובל דער בעל־הבית׳טע, וואָס האָט איהם פאר רחמנות ערלויבט צו וואָהנען אויף באָרג ביז די צייטען וועלען זיך פערבעסערען, — אין דער פריה ליעגענדיג אין בעט און הערענדיג די מוזיק „האנדעל“, „האנדעל“, וואָס האָט אָבגעקלונגען איבער׳ן הויף, ווי אן עכאָ: „ברויט“ „ברויט“, האָט דוד פייגין נאָך אליין זיך געגראָבעלט אין די געדאנקען און געזוכט: וואָס קען מען עפּעס פערקויפען און האָבען אויף אָנבייסען? פון פיעל קלערען פלעגען זיך ביי איהם די געדאנקען אָנהויבען מישען און אין קאָפּ פלעגט איהם בליצען: דעם ראָק... הויזען... שיך, דאָס העמד... די שויב... און דאן פלעגט ער

איינגראָבען דעם קאָפּ אין דעם האָרמען קישען און ליעגען פערצווייפעלט, ביז דער הענדלער פלעגט ענדיגען זיין פריה־מאָרגען־קאָנצערט פאר דעם הויף.

נאָר באַלד איז א צווייטער הענדלער אָנגעקומען, — אַ צווייטער זינגער — און מיט אַ קול פון אן עכטען חזן, וואָס האָט פייגינען זיין היים דערמאָהנט, ווידער אָנגעהויבען זיין קאָנצערט געבען, וואָס אויסער פייגינען האָט קיינעם ניט גערוהרט, און פייגין האָט ווידער זיך גענומען גראבלען: וואָס פערקויפט מען? ביז איהם איז איינמאָל איינגעפאלען — דעם זשילעט פערקויפען.

—האנדעל! האנדעל! — האָט געקלונגען איבער׳ן הויף.

— זשילעט! זשילעט! — האָט אָבגעקלונגען א בת־קול ביי פייגינען אין געדאנק.

דאָך קען זיך פייגין ניט בעשליסען צו טהאָן אַזאַ זאַך. דריי טעג וויעגט ער זיך אהין און אהער, — צי קען מען אויסקומען אָהן זשילעט, צי ניט? געדענקען געדענקט ער, אז זיינער אַ פעטער איז שטענדיג געגאנגען אָהן אַ זשילעט. נאָר זיין פעטער, פלעגט ער זיך צוריק דערמאָנען, איז געווען א מלמד, האָט אויף די וועלט געקוקט נאָר פון אן אנדער שטאנדפונקט: די וועלט איז נאָר א פאָר־הויז. ער אָבער, פייגין, האלט יאָ פון דער וועלט. פערקעהרט — דער עיקר איז טאקע די וועלט. הלואי וואָלט ער נאָר געקענט, וואָלט ער זיך געפּוצט נאָר אין פאָר־הויז. בלייבט איהם נאָר די פראגע צו פערענטפערען: צי קען מען נאָך זיין אַ מענש, ווען מען געהט אום אָהן א זשילעט? ער איז שוין אלט 25 יאָהר און האָט נאָך ניט געזעהן א מענשען געהען אָהן אַ זשילעט, סיידען יענע, וואָס די וועלט האָט זיי אויסגעשלאָסען, ארויסגעוואָרפען און צוגעטראָטען מיט׳ן פוס. דאָס איז א סכנה! פייגין האָט מורא דערפאר. ער וויל זיך נאָך ראנגלען און דערשלאָגען זיך צו עפּעס. ער האָט נאָך איינענטליך האָפנונגען: פערליעבען זיך אין א מיידעל, מיט או־

מעטיגע בליקען, מיט בלאַסע באַקען און מיט רעדער" אונטער די אויגען. ער וועט זיך מיט איהר קיינמאָל ניט שיידען. און איהם דאכט זיך, אַז ווי ער פערקויפט דעם זשילעט, וועט איהם שוין די וועלט אויסשליכען, אַרויסוואַרפען און צוטרעטען. אויס דוד פייגין! ער האָט שוין קיין זשילעט ניט! און פון איהם וועט גאַר נישט ווערען.

און ווידער קומען צוגעהן געדאַנקען און מאַכען אַ פשרה: אמת טאַקע, אָהן אַ זשילעט איז ניט אַזוי מענשליך. דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז יעדער מענש מוז זיין געקליידעט אין הויזען, ראָק זשילעט, נאָר ווער דאַרף עס וויסען, אַז דוד פייגין, אַן אָרימער לעהרער, וואָס געהט שוין אום אַ חודש אַ הונגעריגער, געהט אום אָהן אַ זשילעט? דערויף האָבען דאָך די אמאָליגע מענשען שכל געהאַט, צי זיי האָבען בנבואה געזעהען, אַז עס וועלען אָנקומען אויף דער וועלט שווערע צייטען און לעהרער וועלען אָהן אוראַקען בלייבען און זיי וועלען נעבעך מוזען פון זיך די זשילעטען פערקויפען, האָבען זיי דעריבער מתקן געווען קנעפּ — קנעפּ פערשטעלען אַלץ. בלייבט נאָר איין חסרון: דוד פייגין איז אַ מענש אַ צוטראַגענער, אַ פערטראַכטער, האָט ער ניט וואָס צו עסען, — איז ער צוטראָגען ווענען עסען: טאָמער שיקט איהם שוין גאָט צו וואָס צו עסען און ער ווערט זאַט אויף אַ צייט, הויבט ער אָן קלערען ווענען ליעבע, ווענען פרויען און ווענען אַנדערע גוטע זאַכען, וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט, ווי לייט זאָגען און ווי אין די ביכער שטעהט. און דעמאָלט קען זיך דער ראָק אַבשפּילען און די גאַנצע וועלט דערוויסט זיך פון דעם שרעקליכען סוד, אַז דוד פייגין געהט אָהן אַ זשילעט.

און די לעצטע השערה האָט דוד'ן אָבגעהאַלטען. נעהמען אויף זיך די אחריות צו געהן שטענדיג פערשפּילעט האָט ער מורא, מען דאַרף דערצו זיין זעהר אַ רוהיגער מענש, אַ בעזאָרגטער פון אַלע זייטען, האָבען שטענדיג וואָס צו עסען, וואָס צו טרינקען און ווענען קיין זאַך ניט קלערען. און צוריק דערמאַנט

זיך דוד פייגין, אז אין די הייסע טעג האָט ער בעגעגענט עטלי־
כע יונגע לייט אָהן זשילעטען און אין פונאנדערגעשפּילעטע רעק,
און דוקא פון די גרויסע פראַנטען. אמת, זיי טראָגען ספּעציעל
אזעלכע העמדער, די הויזען זיינען ספּעציעל פערגארטעלט מיט
אַזאַ מין ברייטען גארטעל, — ער אָבער קען ניט שטאַלצירען
מיט דער קלאַרקייט פון זיין העמד און מיט דעם גארטעל. זיין
העמד און אפילו די „ווייסע" מאנישקע האָבען געמענגט האָבען
אַזאַ מין זשילעט וואָס זאָל זיך פערשפּילען ביז ארויף מיט
קנעפּ. וואָס אנבעטרעפט זיין גארטעל, בעשטעהט ער אין גאַנ־
צען פון אַ דינעם שטריקעלע, מיט וועלכען ס'האָט זיך שוין
עטליכע סבות געטראָפען און האָט שטענדיג געפּלאצט אין גאס
און דוד פייגין פלעגט מיט שרעק דורכלויפען די רוישענדע
גאַס און אריינחאפּען זיך ערגעץ אין אַ שטילען הויף, וואו ער
האָט דאָרט געמוזט אַ רעפּעראציע מאכען, און איבער דעם איז
דאָס שטריקעלע אין עטליכע קניפּלעך און איז דערפאר די לעצ־
טע צייט גענוג שטארק.

אָבער קיין גרויסער גוואלד קעגען דער וועלט צו געהן
זומער אין אַ זשילעט איז שוין ניט, ווי באלד ער געדענקט
אליין, אז ער האָט בעגעגענט אזעלכעס. ער וועט טאַקע געהן
שטענדיג דעם ראָק פערשפּיעלעט, ער וועט זיך ווי ווייט מעגליך
איז, היטען, נאָר טאָמער וועט זיך אמאָל טרעפען פּאָרט אַ
סבה, אַ מענש איז דאָך ניט קיין מלאך, איז אויך ניט קיין
גרויסע סכנה, ווי באלד אז עס געפינען זיך מענשען, וואָס גע־
העט אזוי, און דוקא פראַנטען.

און דוד פייגין בעשליסט אָם ענדע צו פערקויפען זיין
זשילעט.

בעשליסען איז גרינג, ווי אזוי אָבער פיהרט מען דורך
אַזאַ פּלאַן? דער זשילעט איז טאַקע זיינער אן אייגענער, ער
האָט רעכט צו טראָגען איהם פראַנק און פריי איבער דער גאס

און אפילו אויסשרייען: ווער קויפט א זשילעט!" בפרט אריינ־רופען א הענדלער אין שטוב, וואס דאס איז געווים קיין סכנה ניט. עס איז אבער א מורא פאר דער בעל־הבית'טע, וועלכע וועט, ווער ווייסט ווי פערוואונדערט איהם אנקוקען, דערזעהענ־דיג וואס ער וויל פערקויפען, ווארים נאך אלע השערות און נאך אלע קולא'ס, און נאך אלע הכשרים וואס פייגין געפינט, אז מען קען יא דעם זשילעט פערקויפען, האט ער פארט מורא, אז די אידעע איז צו שטארק, צו ראדיקאל. עפעס האט ער פארט קיינמאל ניט געהערט, אז א מענש זאל א זשילעט פערקויפען... ניט האבען לכתחילה קיין זשילעט טרעפט יא, אבער אז מען האט שוין יא, פערקויפען זי, קען זיין איז אפשר זעהר ווילד און אי די בעל־הבית'טע, אי דער הענדלער, וואס וויל אפילו יא קוי־פען, וועלען איהם פאר משוגע בעטראכטען, און דעמאלט איז אוים אלע זיינע האפענונגען!...

דער געדאנק ווארפט איהם אריין אין א ים שרעק און זיין נשמה טרענקט זיך. פאר משוגע ווערען ציטערט ער זיין גאנץ לעבען, ד. ה. זינט ער איז צו זיין שכל געקומען... און ווען ער זעהט אין גאס א משוגענעם, בעגלייט פון קליינע קינ־דער און גרויסע נארען, פיהלט ער אז ער פאלט פאר שרעק און פאר כעס, און דער שרעק לאזט איהם קיינמאל ניט פערטהיי־דיגען דעם אומגליקליכען משוגענעם פון דער ווילדער באנדע און ארויפפאלען אויף זיי מיט קלעפ און קולות: איהר זענט אליין משוגעים, וואס לויפט איהר נאך? איהם דאכט זיך דער־מאלט, אז די ווילדע באנדע וועט לאזען יענעם און זיך נעה־מען צו איהם.

בלייבט שוין ביי פייגינען, אז ער וועט ניט פערקויפען, און זאלען הונדערט הענדלער זינגען פאר איין מאל: „האנדעל", „האנדעל" און זאל זיין הונגער זיך פערשטארקען נאך מעהר, זאל דער הונגער נאך מעהר מאטערען, — זאל ער איהם אפילו דעם טוידט ברענגען — דעם זשילעט פערקויפט ער ניט. ניט

נאָר ער פערקויפט ניט, ער פערגעסט זיך אפילו, אז עס עקזיס־טירט אויף דער וועלט אזא מין בגד, וואָס הייסט מיט דעם נאָמען „זשילעט". ער וועט זיך אָנטהאָן, ארויסגעהן אין גאס און קריגען אפשר וואו באָרגען עטליכע קאָפּיקעס. די וועלט איז נאָך ניט אזוי שלעכט, ווי ער מיינט. ער איז פאר צרות און הונגער די לעצטע צייט מיזאנטראָפּיש געשטימט, עס איז אָבער פאלש, פאראהאן גוטע מענשען אויך. מען דארף נאָר גלויבען!

און דוד פייגין שטארקט זיך צו גלויבען און געהט ארויס אין גאס. נאָר דער גערויש און גערודער פון גאס פון איין זייט, דער הונגער פון דער צווייטער זייט טוידטעט זיין גלויבען און ער ווייסט ניט צו ווענדען זיך און דער געדאנק צו פערקויפען דעם זשילעט קומט צו איהם ווידער.

ער קעהרט זיך אום צוריק אויף זיין קווארטיר און בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען. די בעל־הבית'טע וועלכע איז איינע אליין אין שטוב, קוקט אויף איהם און דריקט מיט די פּלייצעס.

אויפ'ן הויף זינגט א הענדלער.

— אָבער א גאנצען טאָג געהען זיי אום! — א גאנצען טאָג! — ווענדט ער זיך פלוצים צו דער בעל־הבית'טע און זיין שטים ציטערט.

— ווער? — פרעגט די בעל־הבית'טע.

— איך מיין די הענדלער, — ענטפערט פייגין און קוקט אויף איהר און וויל הערען איהר מיינונג וועגען הענדלער בכלל.

— נו, וואָס זאָלען זיי טהאָן? — ענטפערט די בעל־הבית־טע.

— מיר איז א חדוש, וואָס זיי שרייען און קיינער פערקויפט זיי גאָר נישט. אזא הויף!

— וואָס זאָל מען זיי פערקויפען? — זאָגט די בעל־

הבית׳טע קאלט — אין בעל־הבתישקייט קומט אלץ צוניץ.

— נו, אמאל מאכט זיך אן אלטווארג, א פאר הויזן, א ושילעט...

— א ושילעט? — פערוואונדערט זי זיך.

פייגין ווערט דערשראקען און בלייבט שטום. די בעל־הבית׳טע נעהמט זיך צו א טעפעל וואשען, א נייער הענדלער מיט א גראבען קול זינגט: „האנדעל“, „האנדעל“...

קרובים.

1.

נאָך קינד־ווייז האָט גרשון געהערט אָפט זיין מאַמען רע־דען וועגען איהר שוועסטער־קינד באַשע, וואָס וואוינט אין דער גרויסער שטאָדט. ווער רעדט, אז די מאַמע איז אמאָל געפאָה־רען אין דער גרויסער שטאָדט צו א דאָקטאָר, האָט זי, צוריק קו־מענדיג, באַשען פון מויל ניט ארויסגעלאָזט: ביי באַשען האָט זי געגעסען, ביי באַשען האָט זי געשלאָפען, באַשע איז מיט איהר צום דאָקטאָר געגאנגען, באַשע האָט איהר אויסגעבאָרגט אַ פער־טעלע, וואָס עס האָט איהר געפעהלט צו א בילעט, און אזוי אָהן א סוף. הערענדיג אזוי אָפט באַשעס נאָמען אין שטוב, האָט גרשון געהאט א פאָרשטעלונג, אז באַשע איז די בעסטע. די קליגסטע און די רייכסטע אין דער וועלט. און אויך האָט זיך איהם געדאכט, אז באַשע איז אַ הויכע, געהט ריין אָנגעטהאָן און אז זי רעדט שמייכעלט זי, אזוי ווי יאָכע די גבאי'טע, וואָס געהט שטענדיג „צונויפמאכען„ פאר אָרימע קינפעטאָרינס.

זייענדיג אזוי שטארק צופריעדען מיט באַשען, האָט גרשונ'ען נאָר איין זאַך פערדראָסען: באַשע איז זיינע אין גרונד גענומען ניט גאָר קיין נאָהענטע קרובה—סך הכל א גליעד־שוועסטער־קינד. ווי גוט וואָלט געווען, למשל, ווען באַשע וואָלט געווען דער מאַמעס אַ פלימעניצע, וואָלט זי געווען זיינע טאַקע

אַן אמת'ע שוועסטערקינד. אַט וואָלט געווען נאָהענט! פון דעסטוועגן האָט גרשון זיך אַזוי אויך געהאַלטען מיט באַשען פאַר אַ נאָהענטען קרוב. ווייל עס איז אַ סברא, אַז דער מאַמעס אַ שוועסטער־קינד איז זיינע מעהר ווי אַ גליעד־שוועסטער־קינד, נאָר אַ שני בשלישי. אַט מיט באַשעס קינדער איז ער שוין גליעד־שוועסטער־קינדער. אַז ער וועט ווען עס איז חתונה האָבען און באַשעס קינדער וועלען חתונה האָבען וועלען באַשעס קינדער מיט זיינע קינדער שוין זיין גאָר ווייטע קרובים — גליעד־גליעד־שוועסטער־קינדער! נאָר וואָס דאַרף ער אַזוי ווייט בעזאָרגען. ער אליין אָבער איז באַשעס אַ שני בשלישי, כמעט אַ שוועסטער־קינד...

אַז גרשון איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר און האָט שוין געקענט „גוט" לערנען און אַ ביסעל רוסיש, און דערצו אַלע פיער חשבונות מיט פודען, פונטען, לויטען, זאָלאָטניקעס און געקענט אויסרעכענען ווי פיעל סעקונדעס איז פאַרהאַן אין אַ יאָהר און נאָך אַזוינע קונציגע חשבונות, מיט וועלכע די לעהרער אין שטעדטעל פלעגען עקזאַמינירען זייערע תלמידים, — האָט מען גענומען זוכען פאַר איהם אַ תכלית. בעלי־מלאכות זיינען שוין דאַן געווען אין מאָדע, אפילו דעם שטעדטילשען רב'ס אַן אייניקעל האָט זיך געלערנט פאַר אַ זייגער־מאַכער און דאָס האָט שטאַרק געווירקט, אַז מען זאָל אויף אַ בעל־מלאכה שעהנער קוקען, פון דעסטוועגן האָט טאַטע־מאַמע זייער גרשונ'ען פאַר אַ בעל־מלאכה ניט געוואָלט מאַכען. ערשטענס איז ער געווען שוואַך אין געזונד און צווייטענס איז ער שוין אַרויס פון די יאָהרען. צו אַ בעל־מלאכה אָבגעבען איז גוט אַז מ'איז אַלט 14 — 15 יאָהר אָבער ניט אַ בחור פון 17 יאָהר. אַזאַ בחור מיט אַביסעל רוסיש און אַזאַ „בעל־חשבון" (אַזוי האָט דער טאַטע געהאַלטען) קאָן טויגען נאָר אין אַ קראָם פאַר אַ „פּאָמאָטשניק בוכהאַלטער". אָדער אַזוי צו פערשרייבען אין בוך... אָבער אַזוי ווי אין שטעדטעל פיהרט יעדער קרעמער זיין „בוך"

אליין אַחן „פּאַמאַטשניק בוכהאַלטערס“, איז ביים טאַטען־מאַ־
מען געבליעבען א פּלאַן שיקען איהם אין גרויסער שטאָדט, בפּרט
אז ער האָט דאָרטען אַזאַ קרובה — באשע.

און אין א רעגענדיגען פריהמאָרגען נאָך סוכות איז גרשון
ארויסגעפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט.

פון שטעדטעל אין דער גרויסער שטאָדט איז אפילו גע־
גאנגען די אייזענבאהן און א בילעט האָט געקאָסט פיער גילדען
מיט 2 קאָפּיקעס. אָבער פון שטעדטעל פלעגען אין דער גרוי־
סער שטאָדט אויך פאָהרען בעלי־עגלות, מיט וועלכע עס האָט
געקאָסט דאָס פאָהרען נאָר א פערטעלע פון א פערשוין און
פאר אזא איינגעל, ווי גרשון — בלויז א גילדען, ווייל אַזאַ איינ־
געל פאָהרט ניט, נאָר ער „פאָהרט אונטער“.

געזעסען איז ער אפילו אין בויד. נאָר אזוי ווי דאָס
פאָהרען האָט געדויערט כמעט א מעת־לעת און דער רעגען האָט
די גאנצע צייט געגאָסען, איז גרשון געקומען אין דער גרוי־
סער שטאָדט א נאַסער און א דערפראָרענער.

געקומען אין דער גרויסער שטאָדט, איז דער בעל־עגלה
פערפאָהרען אויף דער אכסניא, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען
פון גרשון׳ס שטעדטעל. אבער אז גרשון איז אראָב אויפ׳ן
הויף און האָט זיך אומגעקוקט אויף די גרויסע הייזער וואָס
אין הויף און אויף די פיעלע נייע מענשען וואָס האָבען זיך
דאָרט ארומגעדרעהט, האָט ער זיך דערפיהלט אַן עלענדער און
א פרעמדער און אפילו דער בעל־עגלה, וועלכער איז זייערער
א נאָהענטער שכן, האָט איהם אויך אויסגעוויזען פרעמד און
בייז, און זיין הארץ האָט דורכגענומען א קלעמעניש און א בענ־
קעניש...

אז דער בעל־עגלה זיינער איז אריין אין דער אכסניא, האָט
גרשון, נעהמענדיג דאָס קעסטעל, איהם נאָכגעגאנגען. האָטש ער
האָט ניט געוואוסט, צו וועמען און צי מעג ער — עס איז דאָך

א פרעמדע שטוב. ער איז ד אַ ך אריינגעגאַנגען און האָט דאָס קעסטעל אַוועקגעשטעלט נעבען טיש.

— ניין, זוהניע! דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר א קעסטעל. איך האָב בילכערע אורחים...

דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך־הבא פון דער בעל־הבית'טע פון דער אכסניא.

גרשון האָט א דערשראָקענער אויפגעהויבען דאָס קעסטעל און ניט געוואוסט, וואו אַוועקצושטעלען עס; ער האָט נאָר גע־קוקט מיט בעטענדיגע בליקען אויף דעם בעל־עגלה וואָס האָט איהם געבראַכט.

— גו, בחור'ל — האָט זיך דער בעל־עגלה צו איהם גע־ווענדט אביסעל היימיש — דאָ איז פאַר דיר קיין אָרט ניטאָ... דאָ, ברודער־לעבען, קאָסט געלד... האָסט דאָך ערגעץ א קרובה... געה זוך זי אויף און וועסט דאָרטען שוין זיין. זי וואוינט אויפ'ן „וואל", ניט ווייט... ביי שמואל דעם שוחט אין הויז, וועסט פרעגען, וועט מען דיר ווייזען....

דערהערט דאָס וואָרט קרובה, האָט זיך גרשון דערמאָנט אָן באשע, אָן זיין שני בשלישי, און א וואַרעמער שטראָם האָט דורכגעפלייצט דורך זיינע גליעדער.

און פערגעסענדיג, צי ניט וועלענדיג זיך אָבזעגענען מיט'ן בעל־עגלה, איז גרשון ארויס אויפ'ן גאַס און א פערטיל־שעה נאָכאַנאַנד האָט אין דער רוישענדער שווערער גרוים־שטאָדטי־גע לופט געקלונגען א שטילע פראַגע פון א בלייכען, דערשראָ־קענעם אינגעל:

„ווי געהט מען דאָ אויף דעם „וואל"? „שמואל דעם שוחט'ס הויז"?

אריינקומענדיג אין דעם גרויסען הויף פון שמואל דעם שוחט, האָט גרשונ'ען א בליץ געטהאָן פון א פענסטער צוויי אויגען פון א הויכער רייכגעקליידעטער אידענע. „דאָס איז באַ־שע"! האָט איהם א קלונג געטהאָן אין קאָפּ, און ער האָט זיך

גלייך געלאָזט געהן צו יענער ווייסער טיר, וואָס איז געווען נעבען דעם פענסטער, פון וואנען די הויכע רייכגעקליידעטע אידענע האָט ארויסגעקוקט.

צוקומענדיג צו דער טיר וועלכע האָט זיך געלאָזט פּאָרט עפענען, האָט ער פאר גרויס אויפרעגונג, וואָס אָט אָט באלד איז ער ביי זיי שני־בשלישי באשע, אָנגעהויבען קלאפּען מיט אלע זיי־נע כחות. באלד האָט ער זיך אָבער אליין איבערגעשראָקען פאר זיינע קלעפּ: ווער ווייס וואָס ער האָט אָנגעמאכט! די טיר האָט עמיצער געעפענט און ער האָט פאר זיך דערזעהען די הויכע רייכאָנגעטהוענע אידענע מיט א בייזען בליק:

— וואָס קלאפּט איהר! — האָט זי געשריען — וועמען דארפט איהר?

און איידער ער האָט געענטפערט איז שוין אין דער אָפע־נער טיר געשטאנען עטליכע קינדער גרעסערע און קלענערע. און גרשון׳ען האָט געקלונגען אין קאָפּ: באשעס קינדער, זיינע גליעד־שוועסטער־קינדער!... און אן ערמונטערטער פון דעם געדאנק האָט ער צוהיצט ארויסגערעדט:

— איך דארף באשען... מיינע א שוועסטער־קינד...

אנשטאָט אן ענטפער, אנשטאָט „א סאך א גאסט!“ וואָס ער האָט אויף זיכער ערווארטעט, האָט ער דערהערט א הילכי־גען געלעכטער פון די קינדער, וואָס זיינען געשטאנען אין דער אפענער טיר און א בייזען ענטפער פון דער אידענע:

— ניטאָ דאָ קיין באשע... שלים׳מזל איינער... און וויע־דער א געלעכטער פון די קינדער און נאָכדעם א האק מיט׳ן טהיר...

און גרשון האָט זיך ערשט דערפיהלט עלענד, אבער ער האָט ניט פערגעסען גאָט צו דאנקען, וואָס דאָס איז ניט באשע, זיין שני־בשלישי... אזא שלעכטע, אזא בייזע...

און ער איז געגאנגען איבער׳ן הויף און געזוכט די אמת׳ע באשע, זיין קרובה, וואָס איז אזא הייסע, אזא גוטע.

נאָר אין די אויערן האָט איהם געקלונגען דאָס געלעכטער פון די קינדער און „ניטאָ דאָ קיין באשע“ פון דער אידענע. און עס האָט איהם עפּעס געשראָקען...

איבערטאַפּענדיג, שוין פאַרזיכטיגער, נאָך א צעהנדליג דירות און אָנהערענדיג זיך זידלערייען און בעליידיגונגען, איז אין א האלב שעה ארום גרשון אריין אין א נידריג הייזעל אין ווינקעל־הויף און זייענדיג זיכער, אז דאָ איז דאָס געוויס ניט, האָט ער דאָך א פרעג געטהאָן ביי א נידריגער איינפאך גע־קליידעטער אידענע מיט א פערזאָרגט פּנים: וואו וואָהנט דאָ באשע?

— אויף וואָס דאַפסטו זי? — האָט די אידינע אויסגע־שטעלט פאַרשענד די אויגען און געקוקט ווי מיט שרעק און חשד.

— זי איז אונזערע א קרובה...

— ועמעס ביזטו? — האָט די אידענע געפרעגט און ניט אראָבגענומען די אויגען פון איהם און פון דעם קעסטעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין די הענד.

— איך בין חייענעס, פון ביערנאָוועקע...

— דאָס בין איך, — האָט די אידענע קאַלט געענטפערט

— שטעל אנידער דאָס קעסטעל. וואָס טהוסטו דאָ?

גרשון איז אזוי מבולבל געוואָרען דערהערענדיג, אז אָט די נידעריגע, אָרים־געקליידעטע אידענע איז דאָס טאקע באַ־שע, פון וועלכער ער האָט זיך אזוי פיעל אָנגעהערט און צו וועלכער עס האָט איהם אזוי געצויגען, — אזוי מבולבל געוואָ־רען, אז ער האָט ניט געקאָנט ענטפערן און איז נאָר געשטאַנען און געקוקט, ווי ער וואָלט וועלען פרעגען:

— זענט איהר טאקע באשע: פאר וואָס זענט איהר אזא נידעריגע?...

אין א ווײַלע ארום האָט באַשע איהם אַרײַנגעפיהרט אין שטוב. ארום טיש זײַנען געזעסען דרײַ קינדער, צוויי מײַדלעך און א בחור'ל אין גרשונ'ס יאָהרען. זיי האָבען אויף איהם אויסגעשטעלט מאָדנע פערוואונדערט די אויגען און איין מײַדעל האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— מאַמע, ווער איז דאָס?

— אונזערער א קרוב... חייענעס פון ביערנאָווקע.

די קינדער האָבען זיך איבערגעקוקט און באַלד אָנגענומען זייער פריהערדיגע פּאָזע, ווי קיין גרשון וואָלט ניט נאָר בײַ זיי אין שטוב, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניט געווען.

גרשון האָט אויף זיי געקוקט און גע'חשבונ'ט זײַן אַלטען חשבון:

זײַנע קינדער ווען עס איז און זייערע קינדער ווען עס איז וועלען זײַן גליַיך־גליַיך שוועסטער קינדער. „ווייטע קרובים!" האָט ער א זיפץ געטהאָן, פיהלענדיג, אז אויך זיי און אפילו באַשע די „שני־בשלישי" אליין איז איהם עפּעס ווייט און פרעמד, און דערמאָנענדיג זיך, אז זי האָט זײַן מאַמען געליהען א פערטעלע צו א בילעט, האָט ער זיך מאָדנע געוואונדערט און ניט געגלויבט.

— וואַש זיך עסען! — האָט איהם פּלוצים איבערגעשלאָגען זײַנע מחשבות באַשעס קול.

נאָר אויך די גאַסטפרײַנדליכקייט האָט איהם פרעמד געקלונגען. געווען איז גרשון הונגעריג, נאָר געגאַנגען איז ער זיך וואַשען, ניט צוליעב דעם עסען, נאָר צו פאָלגען, וואָס די פרעמדע אידענע הייסט.

אז ער האָט זיך געזעצט עסען און גענומען דעם ערשטען ביסען אין מויל, איז אין פאָר־הויז עמיצער אַרײַן. א מײַדעל, גרשונ'ס א גליַיך־שוועסטער קינד, איז צו איהם ארוים, איז צוריק אַרײַן און געזאָגט:

— מאַמע, אַן אָרימאַן איז אַרײַן.

— זאָג איהם, ניטאָ וואָס צו געבען.
און פאַר זיך האָט זי אונטערגעברומט:
— איך האָב אייגענע אָרימע לייט...
גרשון האָט עס דערהערט און האָט זיך געוואָרגען מיט'ן ביסען...

דער הונד

פון וואנען ער האָט זיך גענומען, האָט מען ניט געוואוסט. אין א ליכטיגען זומער פריה־מאָרגען האָבען די בעל־בתים פון אלטען בית מדרש דערזעהן צווישען די עטליכע שטערטעלשע קונדיסים, א אינגעל פון א יאָהר פונפצעהן, אָן אָבגעריסענעם, אָן אָבגעשליסענעם, מיט צושויבערטע האָר אונטער'ן היטעל און מיט א צודראפּעטען פּנים.

— שוין א נייער העכט! — האָט זיך געקרימט, קוקענדיג אויף איהם ר' חנא פּעשעס, קומענדיג אין דער פריה דאווענען און דערזעהענדיג איהם — ווער ביזטו?

— א טאַטענס מיט א מאַמעס! — האָט דאָס אינגעל שפּאָטיש אָבגעענטפערט און האָט זיך מיט'ן גאנצען גוף א קראַץ געטהאָן.

— טפו! — האָט ר' חנא אויסגעשפּיגען און איז אוועק צו זיין „שטאָדט“.

די איבעריגע קונדיסים האָבען איהם לכתחילה אויף טרוקען צוגענומען. אז זיי האָבען אבער זיך מיט איהם א „פּרוב“ געטהאָן אין „איינלעגען זיך“, און ער האָט א פּאָר פון זיי גלייך א וואָרף געטהאָן אויף דער ערד, האָט איינער פון זיי, געציל דער „קרופּעניצעס“ ערנסט זיך אָנגערופען:

— ביזט געזונד!

— אַ יון! — האָט פּייוועל „קוליע“ אונטערגעהאַלטען.
די איבעריגע קונדיסים האָבען זיך צוגערוקט און בע־טראַכט דעם „נייעם“ מיט דרך־אר״ץ׳דיגע בליקען.
— ביזט ניט קיין היעגער, הא? — האָט איהם געציל דער קרופּעניצעס אַ פרעג געטהאָן.
— ניין! — האָט ער טרוקען און ניט גערן געענטפערט.
— פון וואַנען?
— פון קלעצק.
— קלעצקער גנבים! — האָט איינער זיך אָנגערופען.
— עהרליכער ווי די היעגע אידען! — האָט זיך דער נייער מיט כעס אָנגערופען.
— דו האָסט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען? — האָט מען איהם ווייטער געפרעגט.
— ניין!
— וואָס ווערסטו דאָ טהאָן?
— איך וועל מיין שטעדטעל בעשטעהן! — האָט ער שטאָלץ געענטפערט, ווי אַ גרויסער, דערוואַקסענער מענש, און אַ בלינצעל געטהאָן מיט די אויגען.
מעהר האָבען פון איהם די שטעדטעלשע קונדיסים די ערשטע צייט ניט דערגאַנגען.
שפּעטער, אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אַז ער איז נעהנטער בעקאַנט געוואָרען מיט געציל קרופּעניצעס, און האָט ביי איהם גענומען דריי „ציה“ פון פּאַפּיראָס, וואָס געציל האָט גערוי־כערט, האָט ער דערצעהלט זיי אַזאַ מעשה:
— איך בין דאָ אהער געקומען צו פוס...
— אַזש פון קלעצק? — האָט „חברה“ זיך פערוואונ־דערט.
— אויף אַ געשעפּט — האָט ער זיך בעריהמט, גיב נאָך אַ ציה — געציל — און ער האָט אויסגעצויגען די האַנד.
געציל האָט איהם צוגעטראָגען צום מויל דעם פּאַפּיראָס,

ניט טרויערנדיג איהם פון דער האנד. דער נייער קונדס האט א ציה געטהאן מיט אלע כחות.

— אבער א „ציה" האסטו געטהאן! — האט זיך געציל פערקרימט — דעם גאנצען פאפיראס האסטו אויסגערויכערט.

— נישקשה — אז איך וועל קריגען, וועל איך דיר אויך געבען. איך זשאלעווע ניט.

— א קבצן איז א בעל צדקה! — האט זיך איינער גע־וויצעלט.

— אנטלאפען בין איך פאר אזא מעשה — האט דער „נייער" פארטגעזעצט זיין ביאגראפיע — אז מיין טאטע איז געשטארבען...

— און א מאמען האסטו? — האט מען איהם איבערגע־שלאגען.

— איך האב דאך שוין אייך געזאגט אז ניין... זי איז געשטארבען נאך אין קינדבעט מיט מיר — אז מיין טאטע איז געשטארבען, האט אונזער א שכן א שוסטער צוגענומען מיר און געזאגט:

— איצטער, חאצקעלע, אויס....

— מען רופט דיך חאצקעל? — האט חברה איבער־געשלאגען.

— חאצקעל, — האט ער שטיל געענטפערט, ווי ער וואלט זיך געשעמט מיט זיין נאמען — אויס — האט דער שוסטער געזאגט. גענוג צו בארעווען. ווער שוין א מענש. איך וועל דיר צונעהמען צו מיר און דו וועסט זיין א בעל מלאכה... איך האב אבער ניט געוואלט. פע! זיצען א גאנצען טאג און קלאפען צוועקליך. מיין טויט איז דאס. צו וואס דארף מען דאס ארבייטען? — האב איך געקלעהרט. די בעסטע זאך איז לעבען פריי. חאטש ניט עסען! ארבייטען וואלט איך ווע־לען, אבער א ביסעלע: פיער שעה אין טאג...

— פיער שעה אין טאג איז אויך צופיעל, — האט געציל

איבערגעשלאָגען — אַ שעה אין טאָג איז געננוג. איך העלף דער מאַמען אַלע טאָג אַ שעה דרעהען די שטיינער ביי די גרויפּען. מעהר וויל איך ניט.

— מיין שוסטער האָט אָבער געוואָלט, איך זאָל זיצען אַ גאַנצען טאָג און אַרבייטען. טאַמער האָב איך מיך אָביסעל צוגעפּוילט, פּלעגט ער מיך שלאָגען. דערפאַר פּלעג איך גאָר אין כעס זיין. מילא אז חברה שלאָגט מיר אַמאָל אין שטעד־טעל, אַרט מיר ניט, איך גיב אַ קלאַפּ, זיי גיבען אַ קלאַפּ, מען איז קווִיט. דעם שוסטער צוריק שלאָגען האָב איך ניט געקענט, ער איז געווען דאַר ווי אַ חאָרט, מיט'ן „גאָטס פינגעריל“ וואָלט איך איהם איינגעלעגט. אַז ער פּלעגט מיר אַמאָל געבען אַ פּאַטש מיט זיינע דאַרע הענטלעך, פּלעגט זיך מיר ווען ברע־כען... ווען האָט מיר גאַרניט געטהאָן.

— איך וואָלט איהם אָראָבלאָזען אין זיין „פּאַטרעט“ אַ „טונק“, וואָלט ער שוין קיין כח ניט געהאַט צו פּאַטשען זיך... האָט געציל מיט פעראַכטונג געזאָגט.

— איך האָב איהם אַ בעסערע זאַך אָבגעטהאָן. איך האָב ביי איהם „צוגעצויגען“ אַ פּאָר שטיוועל און בין אַנטלאָפען גע־וואָרען.

— וואו זיינען די שטיוועל?

— פערקויפט. גענומען צוויי רובל, — האָט זיך חאַצקעל בעריהמט.

— האָסט דאָך קיין פּאַספּאָרט ניט.

— איך דאַרף קיין פּאַספּאָרט ניט. איך בין אַ היגער, מיין טאַטע פּלעגט פון דאַנען נעהמען אַ פּאַספּרט.

— האָסט דאָ קרובים?

— קרובים? — האָט ער אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס — אפשר יאָ, נאָר איך קען זיי ניט.

— ברעכען זיי די קעפּ, די קרובים! — האָט געציל גע־

שאַלטען. — מיין מאַמע האָט דאָ קרובים, לאָזען זיי איהר אפילו אויפ'ן שוועל ניט אַרויף.

— מסתמא רייכע.

— זעהר רייך! — האָט זיך געצעל צוקאַכט — איינער, יענקיל האצעס, האָט אפשר צעהן טויזענד רובל, ער פערלייהט געלד אויף פּראָצענט.

— ביי אזא קרוב איז גוט צו גנב'נען! — האָט האצקעל מיט א לוסטיגען שמייכעל א זאָג געטהאָן.

— לעגט ער אָן מיט'ן קאָפּ — האָט געציל א מאַך גע־טהאָן מיט'ן האַנד.

אז די חברים זיינען נעהנטער בעקאַנט געוואָרען, האָבען זי געפונען, אז האצקעל איז א גראָטענער אין שטיקלעך פּראָ־ווען. דערהויפּט איז זיי געפעלען געווען, ווי ער בילט ווי א הונד.

— האצקעל, ביל א ביסעלע, — פלעגט איהם געציל בע־טען.

— האוו — האוו — האוו — פלעגט האצקעל אָנהויבען צו בילען, און חברה פלעגט זיך האַלטען פאַר די בייכער.

— פּונקט ווי א הונד! — האָבען זיי געלויבט.

— ביי אונז אין קלעצק פלעג איך ביי נאַכט אַלעמען שרעקען — האָט האצקעל לאַבענדיג דערצעהלט. — לייבע וואָלפס, א רייכער איד, איז אמאָל פאַר שרעק געפאַלען, אז איך האָב ביי נאַכט אויף איהם אָנגעהויבען צו בילען.

— פּחדנים! — האָט חברה געלאַכט.

— האוו — האוו — האוו! — האָט האצקעל בעוויזען ווי אזוי ער האָט דאמאָלס געבילט.

און חברה האָט איהם א נאָמען געגעבען „דער הונד“. ביסלעכווייז האָט מען זיין אמת'ן נאָמען פערגעסען און „הונד“ איז געבליבען זיין געוועהנליכער, נאַטירליכער נאָמען.

און איהם האָט עס ניט געאַרט. פערקעהרט, ער האָט, ווי געפיהלט, אַז דער נאָמען טהיילט איהם אָפּ פון אַלע איבריגע מענשען, וועלכע ער האָט ניט אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט. דער נאָמען לאָזט איהם ניט צו האָבען קיין מגע ומשא מיט די איבעריגע „נפשות", אויסער זיינע גוטע ברידער, די קונדיסים, דער נאָמען גיט איהם פרייהייט אומצולויפען, צו הונגערן און שלאָפען, וואו עס מאַכט זיך. טרייבט דער שמש אַרויס פון פּאָלעש, קען ער איבערשלאָפען די נאַכט אויפ'ן גאַניק פון ווייבערשער שוהל, פונקט ווי א הונד טאַקע. און צייטענווייז פלעגט ער, בילענדיג, זיך גאָר פערגעסען, אַז ער איז א מענש. ער פלעגט אַריינגעהן אין דער הינטעשער ראַליע און בילען מיט געפיהל, מיט בייזקייט, מיט רציחה, ווי ער וואָלט וועלען עמיצען צורייסען.

איינמאָל האָט איהם געצעל דער קרופּעניצעס גערופען צו זיין מאַמען:

— ווילסט. הונד, פערדיענען א צעהנעריל?

— יא! — האָט דער הונד אָהן חשק געענטפערט.

— קום צו אונז, וועסט העלפען דרעהען די שטיינער ביי די גרויפּען, וועט די מאַמע דיר געבען פינף קאָפּיקעס.

דער הונד האָט זיך געקווינקעלט און איז ענדליך געגאַנגען. אין מיטען וועג האָט ער א ביל געטהאָן:

— האוו! — האוו!

— וואָס בילסטו? געהסט דאָך אַרבייטען! — האָט איהם געצעל דערקלערט.

— ס'ווילט זיך ניט געהן... — האָט דער הונד פויל אויסגערעדט.

— ביזט אַן אמת'ער הונד — האָט געציל געשטראָפט — וועסט פּגר'ן ווי א הונד פאַר הונגער.

— בעסער ווי אַרבייטען... האוו — האוו!...

אַריינגעהענדיג צו געצעל אין שטוב, האָט דער „הונד"

געוואָרפען א פּעראַכטליכען בליק אויף דעם גרויסען שטעקען, וואָס איז געווען איינגעפלאָכטען אין צוויי שטיינער, פערשטויבטע פון מעהל, און האָט זיך גענומען קראַצען...

— אָט דאָס איז דיין שעהנער חבר... — האָט די קרופּעניצע זיך פערקרימט — א לייט, ניטאָ וואָס צו רעדען!...

— האוו — האוו! — האָט דער הונד א ביל געטהאָן מיט א ווילדען געלעכטער.

—קיין משוגענע שטיק פּראָווע דאָ ניט—האָט זיך די אלמנה געבייזערט — ווילסט העלפען דרעהען די שטיינער איז גוט אז ניט — געה געזונטערהייט.

דער הונד האָט אָנגעהויבען צו דרעהען, אלע ווייל אונטערבילענדיג...

— וואָס איז דאָס, א דיבוק איז אין איהם! — האָט זיך די קרופּעניצע דערשראָקען — א מענש זאָל נור טהאָן און בילען.

— האוו — האוו! — האָט זיך דער הונד מיט כעס פונאַנדערגעבילט — גענוג צו דרעהען, גיט אהער א צעהנעריל.

— אזוי גיך א צעהנעריל ווילסטו פערדינען! הונד איינער! — האָט געצילם מוטער זיך געבייזערט. דרעה א גאַנצען טאָג.

— ניט דערלעבען וועט איהר דאָס! — האָט דער הונד זיך צושריען, און איז ארויסגעלאָפען אָהן א צעהנעריל.

— שוין בעסער זיין א הונד איידער דרעהען די שטיינער א גאַנצען טאָג, — האָט ער אויסגעשפּיגען געהענדיג און האָט אָנגעהויבען צו בילען...

אזוי האָט דער „הונד“ זיך אָבגעוואַלגערט אין שטעדטעל צוויי יאָהר, אומגעלאָפען אויפ׳ן שול־הויף, אמאָל אין די גאַסען און אמאָל הינטער׳ן שטעדטעל אויפ׳ן פעלד. אויפ׳ן פעלד פלעגט ער זיך פיהלען בעסער ווי אומעטום, דאָרט פלעגט

ער מאכען הינטישע פרובען, ער פלעגט געהן אויף די הענ־ און בילען, בילען... איהם האט זיך גערזאכט, אז דא איז ער אן אמת'ער פרייער הונד און די גאנצע וועלט איז זיינע. אז ער פלעגט אבער גוט זיך אויסהונגערן, פלעגט ער מיט כעס זיך ארומקוקען אויף דעם ברייטען פרייען פעלד, וואס אויסער גראז איז דא גאר נישטא, פלעגט אנהויבען בילען און שטע־לענדיג זיך אויף די פיס, פלעגט ער צוריק אין שטעדטעל אוועקלויפען זוכען עפעס עסען...

— ווען וועסטו זיך שוין אבגעוועהנען פון בילען ? — האט איהם איינמאל געציל דער קרופעניצעס א פרעג געטהאן, ווען דער הונד האט זיך פונאנדערגעבילט.

— קיינמאל ניט ! — האט דער הונד הויך אויסגעשריען — אז איך ביל פערגעס איך זיך אן אלע צרות... דו מיינסט מיר ארט ניט, וואס איך געה ווי א משוגענער, אבגעריסען, אבגעשליסען... ניין, ברודער לעבען ! אפט מאל דאכט זיך מיר, אז איך וואלט די גאנצע וועלט צוביסען, און דאמאלס ערשט ווילט זיך מיר בילען, פערשטעהסט ?....

— געה מיט א קלאג, הונד איינער ! — האט געצעל גע־זידעלט, — אז דו וועסט בילען וועסטו קיינמאל גאר נישט הא־בען. מען וועט דיך אין א שטוב ניט אריינלאזען.

— חאפט זיי דער רוח, מיט זייערע הייזער, איך דארף זיי אויף כפרות...

— וועסט פגר'ן ווי א הונד, וועסט זעהן ! — האט איהם געצעל געשראקען.

— אלץ איינס — א הונד, א מענש ! — האט „דער הונד" געפילאזאפירט. — איך האב הינד מעהר האלד, ווי מענ־שען. פע א מענש ! — האט ער אויסגעשפיגען...

* * *

איינמאל איז געצעל געקומען צום הונד אויפ'ן שוהלהויף

און האָט מיט א געלעכטער איהם געזאָגט:

— ווייסט, הונד, מאָרגען סמט מען דאָך אלע הינד פון גאַס.

— געה אין דר'ערד! — האָט איהם דער הונד מיט כעס געענטפערט.

— אויף נאמנות — האָט געצעל פערזיכערט.

— פאר וואָס סמט מען זיי עפּעס? — האָט דער הונד ערנסט געפרעגט.

— אזוי! — האָט געצעל געענטפערט — הינד, וואָס האָבען קיין בעלי בתים ניט, איז דאָ א „זאקאָן" דארף מען סמ'ען...

— וואָס ארט דאָס זיי, אז זיי לויפען ארום? — האָט דער הונד ווידער געפרעגט.

— מען דארף זיי ניט האָבען.

דער הונד האָט זיך פערטראַכט. ענדליך האָט ער געפרעגט:

— ווי אזוי סמט מען דאָס זיי?...

— מען האקט פאר זיי קאָטלעטען פון פלייש און אין די קאָטלעטען לעגט מען אריין סם. ווי מען גיט זיי א וואָרף א קאָטלעט, חאַפּען זיי דאָך גלייך אויפעסען...

— אמת'ע קאָטלעטען? — האָט דער הונד איבערגעהאקט.

— אודאי, אמת'ע — טהייערע קאָטלעטען! אויב דו ווילסט קענסטו אויך פערזוכען אזא קאָטלעט, דו האָסט דאָך אזוינע קאָטלעטען קיינמאָל ניט געגעסען.

— געה אין דר'ערד! — האָט דער הונד אויסגעשריען און איז בלייך געוואָרען...

— דיר וועט מען אויך געבען אזא קאָטלעט, דו ביסט דאָך אויך א הונד — האָט געצעל געלאכט.

אנשטאָט אן ענטפער האָט געצעל בעקומען א פּאַטש, און דער הונד האָט זיך אָבגעטראָגען.

עס איז אָנגעקומען די נאַכט, אין פּאַליש, וואו דער הונד האָט געגעכטיגט, איז געווען קאַלט און פינסטער. דער הונד איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און האָט געטראַכט. די נייעס וואָס געצעל האָט איהם דערצעהלט ביי טאָג האָט איהם צורו־דערט, ער האָט זיך עפּעס געשראָקען...

— וואָס האָב איך מורא ? — האָט ער זיך בערוהיגט— איך בין דאָך ניט קיין אמת'ער הונד, מיר וועט מען קיין קאַט־לעט מיט סם ניט וואַרפען....

עס האָט אבער ניט געהאָלפען. איהם האָט זיך געראַכט אז ער וועט אויפשטעהן מאָרגען פריה א הונגערינגער, וועט ער זיך ניט קענען איינהאַלטען און גלייך מיט אַלע הונגעריגע הינד אויפהויבען א קאַטלעט און אויפעסען מיט'ן סם...

— האוו — האוו... — האָט ער גענומען בילען...

פאַר דאָס איצטיגע בילען האָט ער זיך אָבער דערשראָ־קען. ער דאַרף איצט ווערען אויס הונד — האָט ער בעשלאָ־סען... א מענש צו זיין איז פּאַרט בעסער...

— ווי הויבט מען אָבער אָן צו לעבען, ווי א מענש ? — האָט ער א טראַכט געטהאָן — איך בין אזוי אָבגעריסען, אָב־געזונדערט, איך האָב מיט זיי קיינמאָל ניט גערעדט. איך האָב זיי פיינד און זיי האָבען מיר פיינד...

— ליגען זיי אין דר'ערד ! — האָט ער געשאָלטען און האָט ווייטער אָנגעהויבען בילען...

פון דעם ניט שלאָפען א גאַנצע נאַכט האָט זיך זיין הונ־גער אין דער פריה פערשטאַרקט. ער האָט קיינמאָל אזא הונגער ניט געשפּירט.

— היינט וואַרפט מען פאַר הינד קאַטלעטען ! — האָט איהם געבליצט אין קאָפּ א גאַנץ פריהמאָרגען.

און א צורייצטער, מיט א בילעריי, איז ער אויפ'ן מאַרק אַוועקגעלאָפען...

א גאַנצע נאַכט.

דאָס קאַפע־הויז איז בעשטאַנען פון א לאַנגען צימער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א קאָרידאָר. ביי די זייטען קליינע מאַר־מאָרנע טישלעך צעשטעלט, נעבען יעדער טישעל דריי שטוהלען און ווען די געסט זיינען געדיכטער געווען, פלעגט מען מיט מאַטערניש א פערטען שטוהל צושטעלען. דעמאָלט פלעגט זיך ביי דער הויכער קעלנערין, מאַשען, טרעפען א סבה און א גלאָז קאַווע צי א גלאָז טיי פלעגט זי אויסגיעסען און פערשפריצען די וואָס זיינען געזעסען ביים טישעל. נאָר דאָס האָט ניט שטאַרק געאַרט די געסט; זיי זיינען שוין דערצו געוואָהנט גע־וואָרען. און אנדערער, וואָס די גרויסע רוישענדע שטאָדט האָט זיינע נערוועז שוין צעקלאַפּט, פלעגט זיך נאָר א קרים טהאָן און ארויסמורמלען:

— ס'אַ מין טראָגען א ביסעל!

— פּשעפּראַשאַם! — פלעגט די קעלנערין מאַשינעל ארויסרעדען און ניט ערוואַרטענדיג פון דעם גאַסט קיין „פּראַ־שע“, וועלכען ער האָט געוויס ארויסגעברומט, פלעגט זי פער־שווינדען צו א צווייטען טישעל. וואו מען האָט זי גערופען קליינ־געגדיג מיט'ן לעפעלע אין גלאָז.

אין דעם קאַפע־הויז האָט שטענדיג געזוישט. דאָ פלעגען זיך צונויפקומען פּריקאַשציקעס, „גאַסען־נעהער“, וועלכע פלע־

געז קומען לײזען פֿאַר זייערע סחורות, ווי מעסערלעך, קעמע־לעך, א. ד. ג., וואָס זיי האָבען אין קערב געטראָגען אויף די פּלייצעס. חוץ די אלע געסט פלעגען דאָס קאַפע־הויז בעזו־כען סתם דורכגעהער, לעדיג־געהער, וואָס זיינען געקומען אין דער גרויסער שטאָדט זוכען שטעלעס, און נאָך פערשיעדענע קלאַסען.

און דער ווירטה פון דעם קאַפע־הויז, אהרן יאַקאָבסאָהן, אַ איד פון אַ יאָהר פערציג, אַ דיק־בייכיגער, מיט גרויסע סערע אויגען, פלעגט זיצען ביי דער קאַסע, וועלכע האָט זיך געפונען גלייך ביים אריינגאנג און פלעגט אָבנעהמען פדיון. איהם האָט דאָס געוויש און געטומעל ניט געטשעפּעט. זיינע פּאָר מחשבות, וואָס זיינען געלעגען אין קאָפּ זינט ער האלט דאָס קאַפע־הויז האָבען זיך רוהיג געארבייט אין דעם גרעסטען טו־מעל. בעשטאַנען זיינען די פּאָר מחשבות נאָר דערין: מען דאַרף אָבנעהמען ריכטיג דאָס וואָס קומט פון גאַסט און 12 אַ זייגער ביי נאַכט מוז מען פערמאַכען דאָס קאַפע־הויז...

און די צווייטע מחשבה איז ערנסטער געווען פאַר דער ערשטער. פערמאַכען דאָס קאַפע־הויז הייסט אויפהערען לײ־זען, און אויפהערען לייזען, געהן אַ היים איז פאַר איהם געווען אַן אומעטיגע זאַך. אין דער היים האָט זיך אהרן געפיהלט ווי אַ פיש אויף דער יבשה. אהרן האָט ניט אזוי ליעב געהאַט דאָס געלד, ווי דעם עצם פּראָצעס פון פדיון; ער האָט ליעב גע־האַט, ווען דער גאַסט דערלאַנגט איהם אַ זילבערנעם רובעל, רעכענט איהם אוים צוויי גלאָז טיי מיט צוויי פּוטערקוכען און בעט רעשט. אהרן גיט דעם רובל אַ וואַרף אויף'ן פּראָבע־שטיין וואָס ליעגט אויף דער קאַסע, געפינט איהם פאַר גוט, עפענט אויף דאָס קעסטעלע וואו דאָס געלד ליעגט און גראַבלענדיג זיך אין די פיעלע מטבעות דאָרט, וואָס קלינגען אזוי ווי מו־זיק, נעהמט ער ארוים די געהעריגע צאָהל מטבעות און גיט עס

ארוים דעם גאסט. און אַט קומט א צווייטער, א דריטער, א פערטער גאסט.

— ווי געהט עס פאניע יאקאָבסאָהן? — פרעגט אַן אַנ־דערער, פון די אָפּטע געסט.

— גאָט צו דאנקען! — ענטפּערט ער, זינדיגען קען איך נים און מען טאָר ניט....

— פדיון איז פארהאן?

— פארהאן איז פארהאן — ענטפערט אהרן מיט א צו־פריעדענעם קרעכץ — עס האָט אבער בעסער געקענט זיין. עך־עך־עך — מען איז אבער אין גלות!

— קענען וואָס זאָגט איהר דאָס?

— איך מיין קענען דעם, וואָס מ'ען „נייט" 12 א זייגער פערמאכען דעם געשעפט... דאָס איז פאר מ״ר א הריגה... 12 אזייגער איז דער בעסטער פדיון. די פריקאשציקעס געהען דאַ־מאָלס פון די צירקען, טעאטערס און עס לייזט זיך דאמאָלס גאנץ געשמאק — גאר געשמאק! — ווערט ער בעגייסטערט און לאָזט ארויס א זיפץ, — וואָס איז אָבער די פעולה? — מען לאָזט נים: 12 א זייגער שרייט מען שוין: „זאמיקאט!"

און ווירקליך האָט דער געזעץ, וואָס פערבאָט צו זיצען שפּעטער, ווי 12 אזייגער אין געשעפט, געקאָסט אהרנ׳ען פיעל געזונד. עס איז איהם שווער געוועז שיידען זיך אין דער צייט מיט אזוי פיעל געסט, וואָס יעדערער האָט געשריען טיי, קאַווע, אייער, מילך, און די מינוטען זיינען געצעהלט: ס'איז שוין פינף מינוט צו 12. באלד גיט זיך דער פינקטליכער ווייזער א רוק און עס בלייבט נאָר 3 מינוט צו 12 און באלד — באלד, אַט נאָר א האָר שטעהט ער שוין שטאָלץ, מיט א גזלנישע קאלט־בלוטיגקייט אויפ׳ן 12 און טהו עפּעס... דער ווייזער פיהלט דען עפּעס, ער פערשטעהט דען וואָס פדיון איז?... אָ, דער ווייזער, דער ווייזער, ווער בעט איהם ער זאָל ווייזען...

אַז אהרן מוז מיט האַרצקלעמעניש זיך ווענדען צו די געסט:

— נו, ברידער, שוין צייט!...

— זאמיקאט! — קלאַפּט דער פּאָליציסט אריין אין טהיר.

— צום שוואַרץ־יאהר! — שיקט ער איהם אב אין גע־דאנק און ער ווענדט זיך צו די געסט שוין מיט מעהר טרוקענ־קייט:

— נו, ברידער! לאָזט פערמאכען! איך וועל נאָך דאר־פען שטראָף בעצאָהלען.

און אהרן האָט ניט אומזיסט זיך געשראָקען: ער האָט שוין עטליכע מאָל בעצאָהלט צו 25 רובל שטראָף. עס איז געוועזען אין יענע צייטען ווען דער חשק צו פּדיון האָט איבערגעשטייגט די מורא. יעצט איז אפילו דער חשק נאָך ניט קלענער געוואָ־רען, נאָר דאָס לאַדעניש, דאָס געהן אין געריכט נעהמט צו זעהר א סך צייט, און דאָס געשעפט ווערט רואינירט, און אגב האָט מען איהם מתרה געווען, אויב ער וועט נאָך אמאָל איבערציהען נאָך 12 וועט מען איהם פערמאכען דאָס געשעפט...

— היינט געה הויב זיך אָן מיט זיי! — קלאָגט ער זיך פאר אָן אנדערן גאַסט, וועלכען ער דערקלעהרט זיין לאַגע.

איינמאָל ווינטער צייט ביי נאכט, דער פראָסט האָט דרוי־סען געקנאַקט, די גרויסע פענסטער פון יאקאָבסאָהנ׳ס קאַ־פע־הויז זיינען פערפרוירענע געווען, ביי די טישלעך זיי־נען געזעסען געסט ביי הייסע גלעזער טיי, צי קאווע, און האָבען זיך געוואַרעמט, דער זייגער האָט שוין געהאַלטען ביי האַלב צוועלף, און יאקאָבסאָהן האָט שוין זיך איבערגעגעבען אין גאַנצען דעם געדאַנק, אז באַלד, באַלד דאַרף מען פערמאַ־כען... אָט אין דער צייט איז אריין א פערפרוירענער פוהר־

מאן, זיך געזעצט נעבען א טישעל קעגען איבער דער קאסע און האט געפאדערט א גלאז טיי.

— קאלט! קאלט! — האט ער געברומט, רייבענדיג די הענד. און ווישענדיג נאכדעם די גרויסע וואנצען, וואס זיינען פייכט געווען פון די אייז, וואס איז צוגאנגען פון דער פארע אין קאפע־הויז...

— א גרויסער פראסט! — הא! — האט זיך יאקאבסאהן צו איהם געווענדעט, און געהאט בדעה ארייגלאזען זיך מיט איהם אין א שמועס.

— א ברען! — האט דער פוהרמאן געענטפערט און אנגעהויבען זופען די גלאז טיי, וואס די קעלנערין האט איהם צוגעטראגען.

— נו, ווארעמט זיך אן, — האט יאקאבסאהן איהם פריינדליך געזאגט.

—אודאי! — האט דער פוהרמאן ווי מיט פרייד אויסגעשריען — די גלאז טיי ראטעוועט מיך איצטער. — איהר ווייסט פאניע יאקאבסאהן, האט זיך דער פוהרמאן א דערוואַרעמטער, צורעדט, — מיר פוהרמאנעס, האבען געדארפט האבען אייער קאפיינע א גאנצע נאכט, מיר ווערען דא שטעהענדיג אין גאס דערפרווירען.

— הערט איהר, ברודער! — האט זיך ערוועקט אהרנ'ען זיין אלטע וואונד — ווען מען וואלט לאזען וואלט איך אודאי און אודאי וועלען האלטען אפען א גאנצע נאכט, איך וואלט דאס וועלען צוליעב מיין טובה און ניט צוליעב אייערער... חע... חע... חע... א מענש זארגט פאר זיך אליין און דערפון קומט ארויס א טובה דעם צווייטען. מיר וואלט געווען גוט און אייך וואלט געווען גוט... וואס איז אבער די פעולה? ! — האט אהרן זיך צעזיפצט — מען איז אין גלות!... מען לאזט ניט.

— און עס איז גאר ניטא קיין עצה? — האט דער פוהרמאן געפרעגט.

עממית בטורונטו

— ניטאָ קיין שום עצה, — האָט אהרן מיט יאוש גע־ענטפערט און זיין פול פּנים האָט ווי א וואָלקען פערדעקט — קיין שום עצה ניטאָ. איך האָב שוין געפרעגט ביי זאַקאָניקעס, ביי אדוואָקאטען. איך האָב זיך געוואָלט לאָזען קאָסטען א שעה־נע קאָפּיקע... עס וואָלט מיר ווערטה געווען. א קליינינקייט — א גאַנצע נאַכט!...

די ווערטער א „גאַנצע נאַכט" האָט אהרן געדריקט ווי מיט א ליעבשאַפט און ווי מיט א ציטערניש, פּונקט ווי אין די ווער־טער שטעקט זיין גאַנץ לעבען, זיין גאַנץ גליק...

— און מיר דאכט, — האָט דער פּוהרמאַן ווייטער גע־רעדט — אז מען זאָל זיך גוט סטארען קען מען קריגען א פּאָז־וואָליעניע.

— שווער! — האָט אהרן אלץ מיט דעם זעלבען יאוש־דיגען טאָן ארויסגעברומט.

— און איך זאָג אייך, אז מען קען, — האָט זיך דער פּוהרמאַן געהאַלטען ביי זיינס. דאָ דארף מען נאָר אַ פּראַשעניע צום פּאָליציי־מייסטער... איך האָב א פּלאַן! !—האָט דער פּוהר־מאַן פּלוצים אויסגעשריען מיט אזא פריידען־טאָן ווי ער וואָלט געפונען א מיטעל ווי צו ראטעווען א מענשען פון טויט... איך האָב א טהייערען פּלאַן...

אהרן'ס אויגען האָבען זיך צעשטעלט און האָבען געקוקט מיט א מאָרנעם גלאַנץ, אזוי קוקט א קאַץ ווען זי זעהט פון ווייטען עפּעס א שטיק ווייסעס און זי גלויבט ניט אין איהר גליק, צי דאָס איז קעז, צי ניט...

— אהער דעם פּלאַן, — האָט אהרן, צו זיך קומענדיג ארויסגעשאָסען...

— א גאָלדענער פּלאַן, — האָט זיך דער פּוהרמאַן צע־פלאַמט, ערשט איז ער מיר איינגעפאַלען... יע.. יע.. בקיצור ר' אהרן, אייער קאָפּייניע איז שוין גליך ווי אָפּען א גאַנצע נאַכט...

— זאמיקאט! — האָט פּלוצים זיך דערהערט דער שטרענגער קול פון גאַראַדאַוואי!

— נאָט אייך „אַ גאַנצע נאכט“! — האָט אהרן זיך צו־זיפצט — אי, אי, מען איז אין גלות!

און אהרן האָט אָנגעהויבן גיכער טרייבן די געסט און מיט גרויס אונגעדולד ערוואַרט דעם פּוהרמאַנס פּלאַן.

— וואַרט, וואַרט! — האָט ער דעם פּוהרמאַן פערהאַל־טען. — מיר וועלען באַלד שמועסען...

די געסט האָבען זיך איינע נאָך די אַנדערע פּונאַנדערגע־צאָהלט. — אהרן האָט איילענדיג און אויפגערעגטערהייט רעשט געגעבען און האָט ניט אַלע מטבעות, וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט, געפּרובט אויפ׳ן פּראָבע־שטיין.

— איצטער קענט איהר זאָגען אייער פּלאַן! — האָט ער זיך געווענדט צום פּוהרמאַן וועלכער איז דער איינציגער גע־בליבען אין קאַפּע־הויז, אויסער די קעלנערינס און דאָס קיך־מיידעל, וואָס האָבען זיך געאיילט צוצוקלויבען אין דער גיך די שטוהלען, אָבווישען די טישלעך און געהן אַנידערפאַלען שלאָ־פען...

— דער פּלאַן איז אַזוי: מיר איזוואָזטשיקעס, וועלען דערלאַנגען אַ „פּאַפּיער“ צום פּאָליציימייסטער אַזוי: טאַק־טאַק מיר איזוואָזטשיקעס — היות ווי מיר פוהרמאַנעס מוזען זיך געפינען אין דער און דער גאַס אַ גאַנצע נאַכט און טאַק־טאַק מיר מוזען האָבען ווינטער וואו אָנוואַרעמען זיך און זומער פון רעגען זיך בעהאַלטען, מוזען מיר האָבען אַזאַ מין זאַוועדעניע, וואָס זאָל זיין אָפען אַ גאַנצע נאַכט... די זאַוועדעניע געפינען מיר זעהר פּאַר גוט דעם ה׳ אהרן יאַקאָבסאָהנ׳ס, זי געפינט זיך אין סאַמען פּונקט, וואו מיר איזוואָזטשיקעס געפינען זיך, אי טאַק פּאַקאָרנייּשע פּראָסים — בעטען מיר דיך זעהר זאָלסט אונז טהאָן די טובה און „ראַזרעשען“ דעם ה׳ אהרן יאַקאָב־

סאַהן צו האַלטען אָפּען די קאָפּייניע א גאַנצע נאַכט פון את־זער טובה וועגען.

— דער פּלאַן איז גאָר פּערוויי סאָרט! — האָט אהרן זיך ווי בעלעקט — איהר זענט דאָך גאָר א גאַנצער מיניסטער, ווי איך בין א איד! — א מיניסטער!...

— איך האָב 5 יאָהר „געדיענט"! — האָט דער פוהר־מאַן שטאָלץ ערקלעהרט, פון וואַנען ער איז אַזאַ זאַקאַניק...

— ברודער! — האָט אהרן אויסגעשריען, בעטראַכטענ־דיג דאָס גליק וואָס דאָ שטעהט איהם פאַר. — ברודער, אויב די זאַך וועט זיך אויספיהרען, קריגט איהר א פיינע מתנה... אבער גאָר א פיינע, האָט ער צוגעגעבען מיט זיכערהייט...

— מען דאַרף זעהן „שמירען"! האָט דער פוהרמאַן גע־שמייכעלט.

— וועגען שמירען רעדט מען ניט! שמירען מוז מען ביי קלענערע „דיעלעס", בפרט ביי אַזאַ!...

— אויב איהר וועט שמירען ר' אהרן, שווער איך אייך, אַז איהר קריעגט א ראַזרעשעניע אין צייט פון א חודש, און איהר וועט אם ירצה השם זיצען א גאַנצע נאַכט, ס'הייסט, קיינמאָל ניט דאַרפען פערמאַכען...

— הלואי! — האָט אהרן צוגעוואונשען — און איהם האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט אַזאַ גליק...

און אהרן יאַקאָבסאָהן האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויף אַלע כלים. ער האָט געשמירט און געשמירט, געקרעכצט און געזיפצט און געהאָפּט און געהאָפּט. דער געדאַנק „א גאַנצע נאַכט" האָט איהם רוהען ניט געלאָזט און איידער דאָס קאַפּע הויז איז נאָך געווען אָפּען א גאַנצע נאַכט, האָט ער שוין גאַנצע נעכט ניט געשלאָפען...

אין צוויי חדשים אַרום האָט ענדליך אהרן יאַקאָבסאָהן בע־קומען א פּאַפּיער, וואו עס שטעהט כתוב וחתום, אַז ער, דער

איינציגער אין דעם בעצירקעל, מעג האלטען אָפען דאָס קאַ־פע־הויז אַ גאַנצע נאַכט.

— נו, ברידער, גיט מיר אַב מזל טוב! — האָט ער מיט אַ שיינענעם פּנים פון גליק זיך געווענדט צו די געסט.

—וואָס, טאַקי ערלויבט! — האָבען די געסט זיך פערוואונדערט.

— נאָט לייענט! — האָט ער דערלאַנגט דאָס פּאַפּיער מיט אַ סך קאַזיאָנע סטעמפּלען איינעם אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט געדאַרפט קענען לויט זיין הויכען צילינדער, לעזען רוסיש ווי וואַסער. נאָר יענער האָט עס גענומען אין האַנד, אַ קוק געטהאָן דאַרין און איבערגעגעבען אַ צווייטער האַנד, וועלכע איז געווען אויסגעשטרעקט צו נעהמען עס.

די צווייטע האַנד האָט אָנגעהויבען לעזען:

„זייענדיג אויפמערקזאַם אויף דער ביטע פון די איזוואָזטשיקעס פון 7טען בעצירקעל, וועלכע פאָדערן צו האָבען אַ הויז וואו אריינצוגעהן זיך אָנוואַרעמען, איז ערלויבט געוואָרען די קאַפע־הויז פון אהרן יאַקאָבסאָהן צו האַלטען אָפען אַ גאַנצע נאַכט...“

— דאָס איז אַ ביסעל אַ גליק! — האָבען איינינע געסט אין איין קול אויסגעשריען.

— אַ קלייניגקייט! — האָבען נאָך איינינע זיך געוואונדערט — אַ גאַנצע נאַכט!...

— איהר פרעגט נאָך, צי דאָס איז אַ גליק! — האָט דער בעל שמחה אליין גליקליך געשמייכעלט — אַ אידען קען גאָר ניט טרעפען אַזאַ גליק!

— ניין! — האָט אַ גאַסט אָבגעשלאָגען — אויף די נאַלעווקעס איז פאַרהאַן אַ שענק וואו מען „שענקט“ אויף אַ גאַנצע נאַכט.

— נו, איז פאַרהאַן נאָך אַ שענק! — האָט דער בעל שמחה ווי מיט פערדרוס וואָס ער איז ניט איינער, געענטפערט, —

אַ שענק איז דאָך ניט קיין קאַפּע־הויז. אַ קאַפּע־הויז איז מיינע איצט די איינציגע אין שטאָדט אָפען אַ גאַנצע נאַכט!

— נו, מזל טוב אייך! — האָבען אייניגע געסט אָנ־געהויבען ווינשען, און אויסגעצויגען אהרן'ען זייערע הענד.

—אַ שעהנעם דאַנק! — האָט אהרן יעדערן געענטפערט, אויסציהענדיג, מיט אַ פרום־געריהרטען פּנים, די האַנד.

* * *

און פון דעמאָלט אָן איז די קאַפּע־הויז אָפען אַ גאַנצע נאַכט. דריי קעלנערינס דרעהען זיך ארום מיט מיעדע בלאַסע פּנים'ער און דערלאַנגען טיי און קאַווע די פערשיעדענע געסט, וועלכע זיצען דאָ אַב גאַנצענע נעכט, ניט האָבענדיג קיין היים אין דער גרויסער שטאָדט, וואָס פערמעגט אַזוי פיעל הייזער... די איזוואָזטשיקעס זיצען ארום דעם גרויסען טיש, וואָס געפינט זיך אין מיטען קאַפּע־הויז און שמועסען וועגען פערד און קאַר־גע פּאַסאַזשירען... ביי דער קאַסע זיצט יאַקאַבסאָהן און בע־טראַכט די געסט, רייבט די אויגען און איז שטאַרק צופריע־דען. אָפּטמאָל נאָר איז איהם וועניג די פּאָר שעה, וואָס ער שלאָפט ביי טאָג אין דער היים, ווען זיין ווייב בייט איהם איבער, און ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער קאַסע און זי־צענדיג כאַפּט ער אַ דרימעל. נאָר לאַנג קען ער ניט דרעמלען: די קעלנערין וועקט איהם אויף און טהיילט איהם מיט, אַז אַ גאַסט דאַרף צאָהלען. ער כאַפּט זיך אויף געשווינד און נעהמט אָב געלד און איז ווייטער פריש און וואַכעדיג...

— וואָס, עס ווילט זיך שלאָפען? — פרעגט דער גאַסט.

— עט... גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנד — פּדיון איז טהייערער פאַר'ן שלאָף.

דער גאַסט גערט ארויס און יאַקאַבסאָהן נעהמט אויף זיך שוין מעהר ניט צו שלאָפען און וואַכען די גאַנצע נאַכט..

און ער שטרייט מיט'ן שלאָף!...

אין די רייכע גאסען.

װעלװעל דער שוסטער, א הויכער דארער איד מיט פּרעהד ליכע אויגען, װאָהנט שוין, זייט ער איז „פּאר זיך“ א בעל־הבית געװאָרען און האָט אן אייגענעם װארשטאַט, אויף דער סמאַ־טשע גאס. װאָהנען װאָהנט ער אין א קעלער, די קליינע פּענס־טערלעך געהען ארויס צום הויף. דער הויף איז א שמאָלער, די הייזער פיער־שטאָקיגע, און דעריבער איז ביי װעלװעלען אין „װאָהנונג“ שטענדיג „פאר נאכט“, ליכטיג װערט נאָר אין װאָהנונג דאן, „װען עס װערט שוין גגט נאכט“ און דאָס װייב חייקע צינדט אָן דעם לאָמפּ.

— עס װאָלט געװען א יושר — זאָגט אמאָל װעלװעל, װען דער לאָמפּ ברענט און דאָס פייער מאכט איהם מונטער — עס װאָלט געװען א יושר. אז דער לאָמפּ זאָל ביי אונז אין „זאל“ ברענען א גאנצען טאָג, אזוי זעהט מען גאָר ניט די טהייערע מעבעל און די גארדינען...

דער איינציגער פּועל, װעלכען ער צאָהלט א רובל א װאָך מיט קעסט און קװארטיר, שמייכעלט צו און ענטפערט:

— בעסער, ר׳ װאָלף, ציהט זיך ארויס אין א נייע דירה!

— אין א נייע דירה װעלען מיר זיך אויף אם־ירצה־השם אריבערציהען, — ענטפערט װעלװעל פרעהליך קלאַפּענדיג אין פּאַדעשװע די טשװעקלעך. איבער הונדערט און צװאנציג יאָהר

און אפשר פריהער וועל איך האבען א דירה איינגס אין דער וועלט... דו וועסט צו מיר קומען געוואהר ווערען? ענדיגט ער, לוסטיג אויסשטעלענדיג אויפ'ן פועל די פרעהליכע אויגען—

— איידער יענע דירה, שוין בעסער דא אין קעלער! — ענטפערט דער פועל א קראַץ־טהוענדיג זיך.

— וואס איז, נארעלע, וואס פעהלט דארטען? — שמייכעלט וועלוועל ווייטער — דארטען ווערסטו גלייך אויס שוסטער און הויבסט אן גלייך באקען בייגעל... האסט עפעס ליעב פרישע, טרוקענע בייגעל?

— בייגעל מיט סמעטענע דארף זיין ניט שלעכט, הויבט שוין אן זיך וויצלען אויך דער פועל.

— ע, ביזטו שוין גאר א פרעסער — ווערט וועלוועל כלומרשט ערנסט — בייגעל אליין איז דיר ווענים, ווילסט נאך סמעטענע?....

און אזוי וויצעלט מען זיך פאר'ן לאמפ אלע נאכט כמעט. עס איז קענטיג, אז די ליכטיגקייט מאכט אויף די צוויי ארבייטער א גוטע ווירקונג, און ווער ווייסט ווי פרעהליך זיי וואלטען זיין, ווען א גאנצען טאג וואלט טאקע א לאמפ אין קעלער געברענט?...

דאס איז אבער א זאך, וואס איז ניט מעגליך. נאפט איז זעהר טהייער און פערדיענען פערדיענט וועלוועל זעהר ווענים. ער ארבייט פאר א פאבריק און נעהמט 6 רובל א וואך. צאהלט ער פאר'ן קעלער 2 רובל א וואך, א רובל נעהמט צו דער פועל און דריי רובל געהט אוועק אויף עסען פאר איהם מיט'ן פועל, מיט דעם ווייב און די צוויי קינדער, וואס ער האט. עס איז נוט, וואס עס קלעקט אויף נויטיגע זאכען, אבער ניט אויף לוקסוס — ברענען ביי טאג א לאמפ...

אמת, אמאל טרעפט, אז ער דארף נויטיג אבשווארצען א קנאפעל ביי טאג. דעמאלט מוז ער אנצינדען פייער. נאר דערצו האט ער א קליין לעמפעלע, אהן א גלעזעלע און עס רויכערט

מעהר אײדער עס ברענט, און װעלװעל האָט ניט קײן גרױסען תענוג פון אַזאַ מין ליכטיגקײט. פערקעהרט, חײקע, אַ שװאַכע קראַנקע פרוי, קלאָגט זיך ניט זעלטען, אַז זי פערטשאַדעט דעם קאָפּ פון רויך.

— ביזט דאָך גאָר אַ גאַנצע „מאַדאַם“, מײן װײב — װוּנ־דערט זיך דערמאָלט װעלװעל — װאו ביזטו דאָס געהאָדעװעט געװאָרען?

אַז ער דערהערט אָבער חײקעס אַ קרעכץ, פערשװינדט זײן װיציגע שטימונג און ער ענטפערט ערנסט און גערירהט:

— שאַ. חײקעלע, שאַ. באַלד פערלעש איך. אָט איך שװאַרץ נאָר אָב דעם קנאָפּעל...

און ער פערלעשט טאַקע באַלד...

אַ גאַנצע װאָך װאָהנט װעלװעל אױף דער סמאָטשע גאַס אין פינסטערן קעלער און לעכצט נאָך אַ ביסעל ליכט, דער־פאַר אָבער שבת ציהט ער זיך אַריבער אין די שעהנסטע, ליכ־טיגסטע רײכסטע װאַרשאַװער גאַסען און פערגעסט דאַן די סמאָטשע גאַס, דעם קעלער און אפשר זיך אַלײן. עס טהוט זיך אױף איהם אָן גאָר אַן אַנדער הױט, אַז ער איז אַביסעל גלײך צו די איבריגע מענשען, װאָס ער בעגעגענט אין די רײ־כע, שעהנע און ליכטיגע גאַסען...

שבת דאַװענט ער ותיקין. כאָטש חײקע קען ניט פער־שטעהן, װאָס איז אױף איהם אַזאַ אײלעניש. — ער האָט אײן טאָג אין װאָך, װאָס ער קען זיך אױסשלאָפען, שטעהט ער אױף נאָך פריהער װי אין מיטען דער װאָך. אַ משוגענער און גאָר! ביז צעהן אַ זײגער מוז ער שױן זײן פאַרטיג מיט'ן טשאָלענט, ער טרײבט און יאָגט: גיכער! און גלײך נאָכ'ן עסען לאָזט ער זיך געהן צו די רײכע שעהנע גאַסען.

אָט איז שױן די סמאָטשע גאַס הינטער איהם. עס בעװײזט זיך שױן עפּעס אַ שעהנערע גאַס. װעלװעל הױבט שױן אָן געהן

לאנגזאמער — דאָ איז אויך ניט שלעכט... נאָר ער האָט נאָך אין זינען די איבעריגע ברייטע, לוסטיגע גאסען, און א ווארע־מע פרייד גיסט זיך און פליסט דורך אלע זיינע גליעדער, און ער לעבט און האַפּט: באלד, באלד!...

אָט איז שוין די „האָניג־גאס" — ברייט און לאנג איז זי — דער ברוק פון טייערן האָלץ, די הייזער זיינען אלע פון איין הויך, אויסגעשטעלט ווי א פּאָלק סאָלדאטען — סמירנאָ! א מחיה דאָ... נאָר ניין! די גאס איז נאָך גאָר נישט אנטקעגען דער קראקויער פּאָרשטאָדט, וואָס נעהמט זיך רעכטס פון דער האָניג־גאס. דאָס איז א אביסעל א גאס!... אך! ווי ברייט זי איז! ווי רייך!... עס פינקעלט אין די אויגען!

וועלוועל איז אפילו א איד ניט קיין פּחדן, לאכט זיך אויס פון אלץ אין דער וועלט. נאָר אויף דער קראקויער פּאָרשטאָדט טרעט ער אריין א ביסעל דערשראָקען און צוטומעלט, און עס לויפט איהם דורך אין קאָפּ עפּעס א פראגע, צי מעג מען דאָ געהן. נאָר ער דערמאָהנט זיך גלייך, אז ־אָס האָט ער א טעות: דאָ מעג מען יאָ, — אין זאקסישען גאָרטען טאָר מען ניט....

און וועלוועל ווערט פרעהליך און לאכט אין הארצען פון די נארישע אָרדנונגען אין ווארשא:

זיי ווייסען זעהר וואָס צו פערוועהרען! — טראכט ער — אויף מיר אן אונגליק ניט צו געהן אין זאקסישען גאָרטען!... וואָס איז דאָרטען אזוינס? — בוימער! א טייערע מעשה! אָט דאָ וואָלטען די נארען פערוועהרען, וואָלט טאַקע געווען אן אונגליק... דאָ איז טאַקע גוט, ליכטיג, געראָים, ברייט...

און וועלוועל געהט ווייטער, טיעפער אריין אין דער רייי־כער גאס און קען ניט פערשטעהן, פאר וואָס איז דאָ ניט פער־וועהרט איהם צו געהן... אמת, ער האָט אָנגעטהאָן די שבת'די־גע קאפּאָטע, אבער וואָס האָט זיין שבת'דיגע קאפּאָטע, וואָס

האָט שוין אין די ארבעל צו לאַטקעס, פאר א ווערטה אין אזא רייכער גאַס ?...

און וועלוועל בענוצט זיך מיט דער נאַרישקייט פון די וואָר־שאווער אָרדנונגען, וואָס מען לאָזט איהם דאָ געהן, און הויבט זיך אָן אָבשטעלען ביי אלע גרויסע פינקלענדיגע מאגאזינען. זיין אויג קען זיך זאט נים אָנקוקען, און ער קוקט און איילט זיך. איין אויג דערזעהט איין אויסשטעלונג, דאָס צווייטע אויג כאפט א קוק אויף א צווייטע אויסשטעלונג, און וועלוועל וויל אַלץ בעקוקען, און דאָ איז קיין צייט ניטאָ. דער טאָג שטעהט ניט... און ער געהט ווייטער און ווייטער.

און געהענדיג פאלען איהם אריין אין קאָפּ טויזענדער מחשבות, איינע ווילדער פאר דער אנדערער. אזעלכע מחשבות וואָס ווען זיי וואָלטען איהם אין מיטען וואך אריינגעפאלען, וואָלט ער זיך זיכער דערשראָקען און מיינען, אז ער ווערט משוגע. דאָ ווערט ער אָבער אַ גרויסער בעל דמיון, און אפילו אויף דער מחשבה, וואָס פליהט איהם כמעט אלע שבת דורך אין קאָפּ, צו איבערציהען זיך אמאָל, האָטש ווען עס איז, האָטש פאר דעם טויט, אהער אין ד ע ר גאַס, דינגען דאָ א וואָהנונג, אפילו אויף אָט דער מחשבה איז ער אויך גלייכגילטיג, ווי אויף עפּעס מעגליכעס... שבת, וואָהנענדיג אויף די רייכע גאסען, ווערט ער גאָר אַן אנדערער מענש און דענקט גאָר אנדערש...

דורכגעהן אלע רייכע, לוסטיגע, ליכטיגע גאסען געד־דויערט ביי איהם דער גאנצער טאָג. מנחה־צייט לאָזט ער זיך געהן צוריק, צוריק... די רייכע גאסען פערשווינדען אלץ מעהר און מעהר, בלייבען הינטער איהם, און ער פאלט אלץ ביסלאַכ־ווייז צוריק אריין אין די אָרעמע גאסען, ביז ער דערגרייכט צו די סמאָטשע גאַס — זיין גאַס !...

בעת ער קומט צו די סמאָטשע גאַס, איז שוין דונקעל. ער לאָזט זיך אריינגעהן אין קעלער, פרעגט: פאר וואָס צינדט מען ניט אָן פייער ? און בעקומענדיג אן ענטפער, אז עס איז ניטאָ

סיין נאפט, פאלט ער א מיעדער אויפ'ן צובראָכענעם בעטעל, און ווערט אזוי איינגעשלאָפען אין דער פינסטער...

אין חלום אָבער זעהט ער נאָך די רייכע, ליכטיגע גאסען...

עס פלאצט.

די גרויסע ראָד־בארשט ליעגט אויף דעם קליין־טי־שעל, וואָס שטעהט אין ווינקעל; ביי די ברעגען נעבען די גרויסע שפיעגלען זיינען צולעגט די קעמעלעך, בערשטעלעך, שערע־לעך און די גאַנצע געצייג וואָס זיינען נויטיג אין א רייכער פא־ריקמאַכעריי. בענדעטסאָהנען אָבער, דאכט זיך, אז עס איז אלץ נאָך ניט גוט, והא ראיה: א גאַנצען טאָג איז נאָך קיינער ניט אריינגעקומען. און ער געהט צו פון איין שפיעגעל צום צווייטען, פון איין טישעל צום צווייטען און ווישט, גלעט, פוצט און קוקט אלץ ארויס צום טהיר, אפשר וועט זי זיך אמאָל עפענען. נאָר די טהיר איז ווי פערפרוירען געוואָרען און בענדעטסאָהנען דאכט זיך, אז עס איז גאָר אומזיסט די האָפנונג — די טהיר וועט שוין בלייבען אויף אייביג פערהאַקט. ער דערשרעקט זיך און עפענט אויף אליין די טהיר, שטעקט ארויס א האלבען גוף אין גאַס אריין און זוכט א מענשען מיט א באָרד, וואָס דאַרף זיך ראַזירען...

— נו, א טאָג! זאָל ער ניט געדאכט ווערען! — פרובט ער זיך אויסרעדען פאַר'ן איינציגען ארבייטער, וואָס געפינט זיך א גאַנצען טאָג אין דער פאַריקמאַכעריי.

דער ארבייטער, וועלכער איז אליין נאָך מעהר אונרוהיג פאַר׳ן בעל־הבית פון אַזאַ שלעכטען טאָג, מאכט אַן אומעטיגע מינע און וויל עפּעס זאָגען, נאָר ער ווייסט ניט וואָס און ער לאָזט ארויס אַ זיפץ.

— עס איז א געהרג׳עט אָרט! — רעדט ווייטער דער בעל־הבית.

— א העק! — גיט נאָך דער ארבייטער.

דער ארבייטער און בענדעטסאָהן ווערען ענטשוויגען.

די צייט געהט, זי געהט אזוי לאַנגזאַם און אזוי שווער, אַז בענדעטסאָהנען דאכט זיך, דאָס ער זעהט זי און הערט איהרע טריט.. איהם פּלאצט די געדולד.

עס ווערט פינסטערליך, דער ארבייטער וויל אָנצינדען דעם גאַז, נאָר ער וואגט זיך ניט, מען האָט הײנט אפילו אויף גאַז ניט געלייזט. ער קוקט אויף בענדעטסאָהן, אפשר וועט ער הייסען. בענדעטסאָהן קלערט אויך וועגען דעם, נאָר עס דיענט איהם ניט די צונג צו אויסרעדען עס.

— מילא, צינד אָן דעם מיטעלסטען לאָמפּ, רעדט ער ענדליך ארויס, ווענדענדיג זיך צום ארבייטער.

דער ארבייטער דערפרעהט זיך, ער שטעלט זיך אויף גע־שווינד אויף א שטוהל, רייבט אָן א שוועבעלע, לעגט צו דאָס שוועבעלע צום שפּיץ גלאָז און די פאַבריקמאכעריי ווערט בעלויכ־טען.

„טריק־טראַק־טריק!“ שיעסט עפּעס באַלד אויס.

דער ארבייטער ווערט בלייך, די הענד ציטערן איהם.

— געפּלאצט! — מורמעלט קוים ארויס דער ארבייטער און וויל שיער ניט אַנטלויפען.

— א גוטער אָנהויב! — ברומט בענדעטסאָהן און קוקט מיט פערלאָפענע אויגען אויף דער גלאָז — געלעזט שוין צוויי גילדען!

— עס איז פון קעלט! — וואַרפט אריין דער ארבייטער.

ווי ער וואָלט וועלען טרייסטען דערמיט.

— עס איז ניט פון קעלט, דאָס איז פון שלים־מזל! עס געהט ניט! עס פּלאַצט!

ענדליך עפענט זיך די טהיר און עס געהט אריין א יונגער מענש.

— ביטע! — מאַכט בענדעטסאָהן א זיסע מינע און שמייכעלט, ווי ער וואָלט געווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער גאַנצער וועלט.

— ראַזירען! — לעגט פאַר דער גאַסט.

— צינד אָן די לאָמפּען! — קאָמאַנדעוועט בענדעטסאָהן צום געהילף און אליין זעצט ער אַוועק דעם גאַסט קעגען גרויסען שפּיעגעל, רוקט ארויס פון שטוהל דאָס קישעלע, אויף וועלכען ער בעט דעם גאַסט טויזענד מאָל איבער אַנצושפּארען דעם קאָפּ.

דער גאַסט פאָלגט און בענדעטסאָהן נעמט זיך צו דער אר־בייט.

עס ברענען אַלע פיער לאָמפּען, אין צימער איז ליכטיג ווי אויף א גרויסאַרטיגען באַל. בענדעטסאָהן געהט אריין אין זיין ראָלע און ארבייט וואָס צום בעסטען. ער ראַזיערט אָב איינמאָל, פיהרט איבער מיט דעם גאָלמעסער א צווייטען מאָל, נאָכהער פערריכט ער אונטער דער האַלז, נאָכהער נעהמט ער ארויס אַלערליי מיני בשמים און שמיערט דעם גאַסט די וואָנ־סען, די ברעמען, די האָר. דער גאַסט זיצט מיט אַן ערנסט שטאָלצער מינע און קוקט אָהן אויפהער אין דעם געגענאיבער־דיגען שפּיעגעל און איז קענטיג שטאַרק צופריעדען מיט זיין שעהנעם פּנים.

— ביטע, פערטיג! — זאָגט אָן בענדעטסאָהן גאַנץ העפ־ליך און גיעט א וואונק צום געהילף. יענער לויפט צו ווי אונ־טערגעשאָסען מיט א שטרוי־בערשטעלע און רייניגט דעם גאַסט דעם קאָלנער פון סורדוט, דערלאַנגט איהם דעם פּאַלטאָ. דער

גאסט איז דאס אַלץ מקבל מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס פּער־שטעהט זיין ווערט: ער נעהמט ארויס א קופּערנע גריוווניע און דערלאנגט בענדערטסאהנען און א זילבערנעם צעהנערל און דער־לאנגט דעם געהילף — און געהט ארויס מיט א שטאלצען ..אדיע"...

— א שעהן פּדיון, — רעדט בענדערטסאהן מיט כעס.

„טריק־טראַק־טריק!" — שיעסט ווייטער א גלאָז אויס, נאָך דעם גאסט'ס ארויסגאַנג.

ביי בענדערטסאהנען לאָזען זיך אראָב די הענד און ער שטאמעלט קוים אויס:

— עס פּלאצט, עס פּלאצט!

— דאס איז פון קעלט! — מורמעלט דער ארבייטער.

— ניין, דאס איז פון שלים־מזל! — ענטפערט בענדערט־סאהן און קוקט פערצווייפעלט אויף די צוויי צופּלאצטע גלעזער און איהם דאכט, אז דאס גאַנצע לעבען זיינס פּלאצט, אז דאס געשעפט זיינס פּלאצט צוגלייך מיט די גלעזער...

— עס פּלאצט, עס פּלאצט! — מורמעלט ער פערצווויי־פעלט.

דאַס אינטעליגענטע הויז.

יאקאָב מענדעלסאָן רעכענט זיך פון די ערשטע אינטעלי־גענטען אין שטאָדט. ניט נאָר זיינע נאָהענטע פריינד, אפילו אז א זייטיגער פרעמדער מענש זאָל איהם דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, וועט יענער גלייך מערקען, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט א מענשען פון דער העכסטער אינטעליגענץ.

און דער אינטעליגענט אין מענדעלסאָנען האָט זיך ווירק־ליך גלייך געוואָרפען אין די אויגען.

שוין אָבגעזעהן דערפון, וואָס מענדעלסאָן האָט געהאט אַ בלאַס, צארט פּנים, ארומגעפאסט מיט א קליין שווארץ צוגע־שוירען בערדעל, האָט ער געטראָגען שטענדיג א שווארצען ראָק. דער דאָזיגער ראָק איז געווען אלט, אָבגעטראָגען, האָט שוין געהאט אפילו אין די איילענבויגענס צו צוויי רונדע לאטקע־לעך, — אָבער מענדעלסאָן האָט איהם קיינמאָל ניט פערביטען אויף אַ קורצען רעקעל; ווענינסטענס האָט איהם קיינער אין אַ קורצען רעקעל ניט געזעהען.

אָבער מעהר ווי די קליידער האָבען איהם צוגעגעבען אַן אינטעליגענטען אויסזעהן די ברילען, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען, אויסטועענדיג זיי נאָר דאַן, ווען ער האָט דערפיהלט, אז זיי זיינען אביסעל פערצוייגען און שנעל אויסווישענדיג זיי, צוריק אָנטאָן אויף דער לאנגער נאָז, וואָס האָט געהאט אויבען

א ספּעציעל בערגעלע, ווי בעשאַפען צוליעב די ברילען, זיי זאָלען זיך האַלטען.

נאָהענטע פריינד האָבען געוואוסט, אז מענדעלסאָן טראָגט ברילען נומער 6, און אז אָהן די ברילען איז מענדעלסאָן ווי בלינד; און געקומען איז דאָס איהם פון שטענדיגען לעזען אין דער קינדהייט און פריהער יוגענד.

זיין ווייב, אננאַ, אָדער ווי ער האָט זי גערופען, אניוטקא, האָט אויך אויסגעזעהן אינטעליגענטיש ווי ער. געטראָגען האָט זי שטענדיג א שווארץ קלייד. א דאַנק איהר אונענטוויקעל־טער ברוסט און דער גלאַטער און פלאַכער פריזור האָט זי אויס־געזעהן מעהר מאַנסביל אלס פרוי.

נאַטירליך האָט זי אויך א סך אין דער קינדהייט און פריהער יוגענד געלעזען און אויך זי האָט געטראָגען ברילען, אָבער שוין מיט א נומער העכער; עס האָט געהייסען, אז אין פערגלייך מיט איהר לעבענס־בעגלייטער איז זי א ווייט־זעהענ־דיגע...

דערפאַר אָבער איז זיי אריבערגעשטיגען אין התמדה זייער עלטערע צוועלף־יעהריגע טאָכטער ליזא. צו אכט יאָהר האָט זי אָנגעהויבען לעזען, און צו צעהן יאָהר האָט מען איהר שוין געקויפט א פּאָר ברילען מיט איין נומער העכער פאַר דער מאַמעס.

טאַטע און מאַמע האָבען געהאַט נחת פון זייער קינד, וואָס איז געווען אזוי ארטיג. אויסער איהרע ביכלעך האָט זי זעהר ווייניג גערעדט און נאָך ווייניגער זיך געשפּיעלט.

מענדעלסאָן, וואָס האָט וועגען ערציהונג א סך געלעזען, האָט אפילו מאַנכעס מאָל בעמערקט, אז ליזא איז צו שטיל, און צו פיעל איבערגעבען די ביכער. לויט ספּענסער, האָט ער רוהיג נעאורטיילט, דאַרף א קינד זיך פערנעהמען מיט שפּיעל־צייג אויך.

אָבער שטאַרק געאַרט האָט דאָס איהם ניט. ווייל לויט אַנ־

דערע סאָציאַלאָגען און געלעהרטע איז דאָס שפּיעלען פּאר א קינד לאו דוקא.

דאָס יונגערע קינד, אראָנטשיק, וואָס האָט שוין דוקא ארויסגעוויזען א שטיקעל נייגונג, א חוץ די ביכלעך, אויך צו שפּיעלען זיך, איז אָבער געווען קורזיכטיגער ווי טאַטע־מאַמע און שוועסטער.

און אזוי ווי דער אויגען־דאָקטאָר איז געווען זייערער א פריינד, האָט ער אויך אראָנטשיקען פערשריבען א פּאָר ברי־לען, און דער קלייגער אראָנטשיק האָט אין זיי אויסגעזעהען, ווי א פּראָפעסאָרל, אזוי אז שפּיעלען זיך אין זיי האָט איהם עפּעס ניט געפּאסט. דאָס קינד האָט עס אונבעוואוסט געפיהלט, און שפּעטער אביסעל האָט ער טאקע זיך גענומען מעהרער צו ביכ־לעך און איז אין דער שול געווען פון די ערשטע שילער...

זייענדיג ניט רייך, האָט מענדעלסאָן א הינטערשטען צי־מער פערדונגען אייזיקאָוויטש דעם לעהרער. דאָס איז געווען א בחור פון א יאָהר פינף־און־דרייסיג, א זעהר ערנסט דענקענדער מענש, א שטיקעל שריפטשטעלער, א פיינד פון פרויען און א גרויסער ליעבהאָבער פון קונסט...

דער דאָזיגער אייזיקאָוויטש האָט געטראָגען ברילען פון איין נומער מיט מענדעלסאָנען, און די דאָזיגע צופעליגקייט האָט זיי זעהר נאָהענט געמאכט אין זייערע אָנשויאונגען. עס האָט אויסגעוויזען, אז זיי זעהען די וועלט דורך איינע און די־זעלבע ברילען.

אמאָל פלעגען צו מענדעלסאָנען קומען בעקאנטע, די סמע־טענע פון דער שטאָדטיגער אינטעליגענץ, פּארטיי־פיהרער און זאָגאר שריפטשטעלער.

ריידען פלעגט מען קיינמאָל ניט וועגען עפּעס פּערזענלי־כעס. דאָס געשפּרעך פלעגט זיך שטענדיג דרעהען ארום וועלט, מענש און נאַטור.

צוהיצענדיג זיך, פלעגט א מאָנכער גאסט, אָדער מענדעל־

סאַן אליין, אַדער די פרוי, אראַבנעהמענדיג די ברילען, אויס־ווישען זיי און גלייך צוריק אַנטאָן אויף דער נאָז. דאָס האָט געהייסען, אז איצט, נאָכדעם ווי די ברילען זיינען אויסגעווישט, ווייסען זיי אלץ און זעהען שוין אלץ.

די צוויי קינדער אין די ברילען פלעגען זיצען אין די ווינקלען מיט אָפענע ביכער אין די הענד, מיט די ברילען אויף די יונגע נעזעלעך און מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוהע־רען צו אלץ, וואָס די גרויסע מענשען ריידען. און פערשטאַנען האָבען זיי אלץ: זיי האָבען דאָך געטראָגען מיט די נעסט גלייך פון איינע ברילען — הייגט פארוואָס זאָלען זיי ניט פערשטעהן?

צושטערען די הארמאָניע פלעגט נאָר דאָס יונגע שטוב־מיידעל, וואָס פלעגט אריינטראָגען טיי.

אַנקוקענדיג די ברילען־געזעלשאפט, פלעגט זי ווי מבולבל ווערען. זי פלעגט אויף ניך אוועקשטעלען פאר יעדערן דאָס גלאָז טיי, אריינלויפען צוריק אין קיך און פאר איהר געליעבטען, וואָס איז דאָרט געזעסען, — א געזונטער שעהנער יונג מיט ממזרישע אויגען — פלעגט זי דערצעהלען דעם ווילדען וואונ־דער:

— אוי יאַשקע־לעב, עס איז גישט אויסצוהאַלטען! זיצען צעהן מענשען ווי די געצקעס און אלע טראָגען ברילען...

און זי צולאכט זיך מיט א געזונטען קלינגענדיגען גע־לעכטער.

די פערנומענע גאסען.

אינדערהיים, ביי איהרע אָרימע עלטערן, אינ'ם קליינעם שטעדטעל איז ביילקען געווען ענג. ענג פון דער אָרימקייט און נאָך מעהר פון דער שווערער דיסציפּלין, וואָס האָט אין ענגען שטיבעל געהערשט. דער שלימזלדיגער, נידעריגער, שוואַכער טאַטע, וואָס האָט אויפ'ן גאס א הויך־וואָרט ניט געקענט רייטען, האָט אין שטוב געקאָמאַנדעוועט ווי א גענעראל, געלערנט, ווי צו שטעהן, ווי צו זיצען און ווי צו עסען, אויב עס איז נאָר געווען וואָס צו עסען, ניט געגעבען קיין ערלויבניש ארויסצוגעהן אויף דער גאס, סיידען ער האָט געפונען, אז דער גאַנג איז א נויטיגער. די מאַמע האָט סתם געשאָלטען, אמאָל ביילקען, אמאָל אין דער וועלט אריין. מיט די קלענערע ברידער און שוועסטער האָט ביילקע, האָטש זי איז געווען זעהר א גוטע, זיך שטענדיג געריסען, געקריגט, ניט וויסענדיג אליין פאר וואָס און פאר ווען...

דערפאר אָבער, אז זי האָט זיך צו אכצעהן יאָהר, אויסלערנענדיג זיך בגנבה פון טאַטען אביסעל רוסיש און נאָך עפּעס, ארויסגעריסען פון דער היים אין דער גרויסער שטאָדט אריין, האָט זי זיך דערפיהלט ווי נייגעבוירען. זי האָט געאָטעמט פריי די שטויביגע לופט פון דער שטאָדט, און איהר האָט זיך געדאַכט, אז זי איז ווי גרינגער געוואָרען, האָט בעקומען פליג־

לען און אַט הויבט זי זיך אויף און פליהט...

אַבער די אָרימקייט, די נגע, האָט זי אהער, אין דער גרויסער שטאָדט, פון איהר היים פערשלעפּט און זי קען פון איהר ניט פּטור ווערען.

די ערשטע צייט האָט זי אין קרעמעל, וואס געפינט זיך אין דערזעלבער גאס פון איהר וואוינונג, געהאט אביסעל קרעדיט. אויף וואָס זעהענדיג האָט איהר די קרעמערין געבאָרגט, האָטביילקע ניט געוואוסט. מסתמא וויים דאָך די קרעמערין, וואָס זי טהוט! ביז ביילקע האָט אָנגעבאָרגט ביז צעהן גילדען מיט ברויט, בייגעל און צוקער מיט טיי, און האָט אויפגעהערט אריינצוקומען. זי פלעגט אפילו וויכען שוין די קראָם. דאָס האָט שוין טאַקע דער קרעמערין פערדראָסען: וואָס וויכסטו נאָך, שאַרלאַטאַנקע דו? האָסט ניט — וויז זיך כאָטש מיט אַ מזומנער קאָפּיקע! נישקשה, מיט אַ מזומענער קאָפּיקע געהט זי צו דער צווייטער קרעמערין אויף יענער זייט טראָטואר!

נאָר די קרעמערין האָט אייגענטליך אומזיסט חושד געווען די עהרליכע ביילקען. אמת, געקויפט האָט זי טאַקע ביי דער צווייטער קרעמערין, אויף דעם צווייטען טראָטואר, אַבער ניט פאר מזומן. וואו זאָל ביילקע נעהמען מזומן, אַז זי האָט ניט, אַז די נ ג ע, די אָרימקייט האָט זי פון דער היים נאָך פערשלעפּט און זי קען פון איהר ניט פּטור ווערען...

די צווייטע קרעמערין האָט אַבער אויך געהאט דעמזעלביגען פּסק: ביילקע, פון דער נאַטור אַ שוואַכע, האָט, אָנבאָרגענדיג אַ געוויסע סומע, ניט געהאט מעהר קיין העזה צו קומען נאָך צו באָרגען; איהר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז די קרעמערין קרימט.זיך די לעצטע צייט אויף איהר; און אפשר האָט זיך איהר ניט געדאַכט — אפשר האָט זי זיך טאַקע גע־קרימט?

פונדעסטוועגען איז נאך גאט ניט געשטארבען. ביילקע קען זיך דערוויייל בעגעהן אהן די צוויי קראמען. אויבען ארויף־צו זיינען דא נאך קראמען. מילא געהט זי ארויף־צו, איז אביסעל ווייטער. וואס וועט זי זשאלעווען — די שיך? און אז זי דארף געהן אין א צווייטע צי א דריטע גאס צום לעהרער, וואס ניט איהר אומזיסט א לעקציע און פארבעריית זי צו א פיער־קלאסיגען עקזאמען, געהט זי אויף ארויף־צו, און פון דארטען שניידען זיך נאך צוויי גאסען—איינע רעכטס און איינע לינקס, און פון די צוויי גאסען קען זי שוין ארויסקומען וואוהין זי וויל...

אז עס איז אריבערגעגאנגען א קורצע צייט, און אין קרעמעל, וואס האט זיך געפונען אויבען, ארויף־צו, האט זי אנגענומען ביז פינף גילדען, איז איהר גאנצער מוט פערשוואונדען. אין קרעמעל, וואס געפינט זיך אויפ'ן צווייטען טראטואר, דורך וועלכען זי קען נאך ווי עס איז דורכלויפען, אז די קרעמערין פון קעגענאיבער זאל זי ניט בעמערקען, טאר זי ניט נעהמען. דער דאזיגער טראטואר איז איהר איינציגער וועג, וואס פיהרט זי ארויס צום לעהרער און צו א פאר חבר'טעס, וואס וואוינען אין אנדערע גאסען. ד ע ם טראטואר מוז זי היטען ווי דאס אויג אין קאפ...

און ביילקע האט געהונגערט און זיך געהיט צו בלייבען א כשר'ע חאטש אויף דעם איינציגען וועג... ביילקע איז אבער צו שוואך געווען לאנג זיך צו ראנגלען מיט זיך. זי איז דאך אייגענטליך נאר ניינצעהן יאהר אלט, מען קען זי דערין ניט בעשולדיגען! אין א פינסטערען ווינטער־אווענד, געהענדיג פון לעהרער אהיים א הונגעריגע, האט זי זיך פערגעסען און האט געבארגט אין דעם קרעמעל פון איהר איינציגען איבערגעבליבענעם טראטואר א קוכען.

אויף מארגען, פארבייגעהענדיג דאס קרעמעל, האט זי מעהר קיין מוט ניט געהאט אריינצוגעהן נ א ך עפעס באר־

גען, חאָטש זי איז הונגעריג געווען, זעהר הונגעריג. און אויף איבערמאָרגען האָט זי שוין זיך אפילו געשעמט פארבייצוגעהן אויף די קראָם פון איהר איינציגען איבערגעבליבענעם טראָטואר. זי איז געבליבען אָהן איין גאָס...

און זיצענדיג אין איהר חדר'ל ווי א הונגעריגע ארעסטאַנטין, האָט זי געוואָרפען איהרע בליקען דורכ'ן פענסטער און האָט ווי געזוכט א נייע גאָס, וואָס זאָל זי צו דער פרייהייט ארויספיהרען. נאָר אויסער די צוויי גאסען, וואו זי האָט איהר פרייהייט פערשפיעלט, האָט זי קיין נייע ניט געפונען. דער הימעל נאָר, האָט זי בעמערקט, איז ברייט און פריי; האָט ניט קיין גאסען און קיין קרעמערין און קיין קראָמען...

די פערצווייפלונג.

די יונגע צוואנציגיעהריגע בערטע, וועלכע ערנעהרט זיך פון לעקציעס, לעבענדיג אליין אין דער גרויסער שטאדט, געהט אויף און אב איבער'ן קליינעם צימערל, אויפ'ן דריטען שטאק, און קען זיך ניט בערוהיגען.

זי איז א „בעל חוב!"

שולדיג איז זי אלעמען, נאהנטע בעקאנטע און ווייטע. אייערנעכטען האט זי געליהען גאר ביי א ווילד־פרעמדען יונ־גענמאן. זי האט איהם נאר איין מאל געזעהן... געליהען האט זי ביי איהם דערפאר, ווייל ער האט געטראגען א שעהנעם מאנטעל און האט רוהיג געשמייכעלט.

— ליהט מיר דריי רובל! — האט זיך ביי איהר ארויס־געריסען פון מויל.

זי האט באלד חרטה געהאט. עס איז איהר געווארען היים אין קאפ, און שיער־שיער האט זי זיך ניט צוריק ארויסגע־חאפט: „איך שפאס עס!" אז דער בעקאנטער אבער האט גלייך ארויסגענומען פון טאש דריי שווערע זילבערנע רובל און איהר איבערגעגעבען, האט זי געזאגט:

— איבערמארגען, העכסטענס זונטאג, בעקומט איהר איי־ער געלד צוריק!

זי איז באלד אהיים געלאפען און געווארפען זיך אויפ'ן

בעט; זי האָט שטאַרק געוויינט און געריסען זיך די האָהר פון קאָפּ. „וואָס האָב איך געטאָן! מאוס געמאַכט זיך... וועה מיר. וועה מיר!...“

שפּעטער אָבער, אַז די בעל־הבית׳טע איז אַריינגעקומען און געפרעגט:

— נו, פר׳ילין, איהר האָט? — איז זי אויפגעשפּרונגען און האָט איהר דערלאַנגט די דריי שווערע זילבערנע רובל נאָך מיט אַ פּערוויינט, נאַר אַ שטאָלץ פּנים און האָט צוגעברומט:

— נו, וואָס האָט איהר אַזוי מורא געהאַט?...

— מורא? — האָט די בעל־הבית׳טע געשמייכעלט — וואָלט איך דאָס פערמעגען, וואָס איך וואָלט אייך געטרויט. איך ווייס דען ניט, אַז איהר זענט קוראַנט. מען דאַרף אָבער האָבען; אַט איז דער בעל־הבית פון הויז שוין דריי מאָל געוועזן.

און אַט געהט זי אויף און אָב און קלערט, וואָס מען טהוט נאָך מיט דער קרעמערין. „אַ שטיק גאָלד“ איז זי איהר שולדיג... זי האָט נעכטען פאַר איהר געוויינט: „אַ פּוסטע קראָם האָט איהר מיר געמאַכט, גזלנ׳טע... איך בין אַן אלמנה מיט קליינע קינדער...“

און דער קרעמערינס וויינענדיגע שטימע, איהר שנייצען די נאָז און דער גאַנצער קרעמערשער הילוך קענען איהר פון קאָפּ ניט אַרויס.

זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט יענע בערוהיגט:

— מאָרגען, חייקעלע, מאָרגען גיב איך אייך!

— געוויס? — האָט די קרעמערין געפרעגט.

— געוויס! געוויס!

מיעד, פערמאַטערט און הונגעריג האָט זי זיך צוריק געוואָרפען אויפ׳ן בעט און אַריינגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען און ווייטער געוויינט...

די טרעהרען האָבען איהר לייכטער געמאַכט. זי האָט זיך אויפגעהויבען, אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענסטער און

איז געבליבען שטעהן פערטראכט, אהן געדאנקען. אין דרויסען האט זיך צושפּיעלט א שטורעם.. זיך אלץ געשטארקט און אנגעהויבען רייסען דעם דאך. זי רוקט זיך צוריק אב אין שטוב און שפּרייזט ווייטער אויף און אב איבער'ן צימער. דער קרע־מערינס געשטאלט שוועבט איהר פאר די אויגען, און דאס ברומען פון ווינד בייזערט זיך פאר איהר.

עס פאלט איהר איין, אז אזא שטורעם קען איבערקעהרען דאס הויז... אלע הייזער... זי טראכט: ווען ער שטארקט זיך, קעהרט ער איבער די וועלט... עס וואלט געווען אוים קרעמערין, אוים חובות.

נאר דער ווינד ברומט און ברומט און קלערט גאר נישט איבערצוקעהרען די וועלט...

—וואלט ער האטש די שויבען אויסגעהאקט!

זי שטעלט זיך פאר: דער ווינד האט אויסגעהאקט די שויבען. א גאנצע נאכט פריהרט זי און ווערט אזש קראנק. אינ־דערפריה קומט די אלמנה. „נו, פריילין, איהר האט?“ און זי ענטפערט איהר: „קוקט נאר אין פענסטער אריין!“ די אלמנה קוקט און פרעגט: „וואס?“ — „דער ווינד“, ענטפערט זי, „האט אויסגעהאקט“... — „אווא“! מאכט די אלמנה און פערגעסט א ווילע אן חוב. דערנאך דערמאהנט זי זיך, און עפענט דאס מויל און וויל ווייטער מאהנען, נאר זי זאגט איהר: „און א גאנצע נאכט האט ער געריסען, דער ווינד. אריינגעבלאזען האט ער מיט א קעלט... איך האב מיך שטארק פערקיהלט.. א גאנצע נאכט האב איך געציטערט... עס וועט זיין א קרענק, אפשר א לונגען־ענטצינדונג“... און די אלמנה קריגט רחמנות און שווייגט.

און בערמע שטעלט זיך אב א ווילע, געהט דערנאך צו צום פענסטער, האקט אוים צוויי שויבען און מורמעלט ווי משוגע:

— דער ווינד, דער ווינד! אך, ס'אר א שטורים!

אַהין און אַדרעס.

געקומען ווידער אין א נייע פרעמדע שטאָדט, האָט גרשון שיינקינד, און לויט'ן פאַלשען פּאַספּאָרט — אהרן ליפּשיץ, זיך געזעצט שרייבען א בריעף אין דעם קליינעם צי־מערל פון אָרימען האָטעל, וואוהין ער איז פערפאָהרען. דער בריעף איז געווען צו א געוועזענעם חבר. קיין שטארקע נויטיגקייט איהם צו שרייבען האָט ער ניט געהאט, נאָר שיינקינד האָט מיט'ן בריעף זיך ווי גע־וואָלט בעפעסטיגען אויפ'ן נייעם פּלאַץ... א בריעף איז ביי שיינקינדען אין זיין גלות־לעבען ווי א שיין־צעטעל, וואס ער גיט זיך אליין, אז ער עקזיסטירט נאָך און האָט א שטיקעל פער־בינדונג מיט מענשען. יעדעס מאָל ווען ער לאָזט אראָב דעם בריעף אין א קעסטעל, פיהלט ער, אז ער האָט אין דער שטאָדט, וואו ער האָט זיך בעזעצט, געלעגט דעם ערשטען שטיין. קיין פעסטערע און מעהר זיכערע סמנים האָט ער ניט געהאט.

דעם בריעף האָט ער געשריבען שנעל, אָבער גלאַט: האָט געמאָלדען דעם פריינד, אז דאָ רעכענט ער אביסעל אָבצורוהען; די שטאָדט האָט ער נאָך ווייניג געזעהן, נאָר דער ערשטער איינדרוק איז א גוטער; די גאסען ברייט, און די הייזער גע־בויט אין אַן אַלטען סטיל, וואָס דאָס געפעלט איהם אזוי שטארק! צום ענדע בעט ער דעם פריינד, ער זאָל איהם גלייך

ענטפּערן, ווארום איינענטליך וויים ער ניט, צי ער וועט דאָ לאַנג פערבלייבען; עס וועגדט זיך, צי ער וועט דאָ געפינען עפּעס א בעשעפטיגונג.

„שרייבען מיר — האָט ער געענדיגט דעם בריעף — זאָלט איהר אויף פאָלגענדען אדרעס“.

ער האָט אוועקגעשטעלט צוויי פּונקטען אין דער לענג און האָט שוין געוואָלט אָנגעבען זיין פריינד דעם אדרעס. נאָר דאָ האָט ער זיך פערטראכט.

וואָס פאר אן אדרעס גיט מען דאָ? דאָ אין האָטעל וועט ער בלייבען נאָר צוויי־דריי טעג. מיט זיין ניט כשר'ן פּאַס איז אַ ריזיקע לענגער צו בלייבען דאָ... און אגב איז טאקע דער האָטעל, ווי ביליג ער איז, צו טייער פאר איהם. ער וועט טאַקע דארפען היינט ארויסגעהן הינטערן שטאָדט זוכען א שטיל, קליין צימערל אין א פערוואָרפענער געגענד. איהם איז שוין אזוי בעשערט: בעהאלטען זיך פון דער וועלט... ער איז צו ריין און צו פיין, אז ער זאָל מעגען וואוינען צוזאמען מיט אלעמען... ער האָט קיינעם ניט גענארט, קיינעם ניט בעטראָגען, אויסער דער פּאָליציי, וועלכער ער גיט שטענדיג אָן א פאלשען נאָמען. גאָט זאָל איהם די איינציגע זינד מוחל זיין...

איז וועלכען אדרעס גיט מען אָן זיין לעגאלען פריינד?

ער דערמאָהנט זיך אָן די אדרעסען זיינע ביי אזעלכע פעלען אין אנדערע שטעדט. און אזוי געהט דורך אין קאָפּ זיין גאנץ לעבען. פאר די גאנצע זעכצעהן יאָהר, וואָס ער איז אוועק פון דער היים (ער איז דאמאָלס אלט געווען א יאָהר פערצעהן), האָט ער אלעמאָל געהאט קאָפּדרעהענישען פון די אדרעסען. אנגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין דער ערשטער פרעמדער שטאָדט לערנען, האָט ער קיין דירה ניט געהאט, געלעבט און געשלאָפען אין בית־המדרש, און די בריעף, וואָס ער פלעגט בעקומען פון זיין אָרימער מוטער, איז געווען אויפ'ן אדרעס פון ראש־הישיבה. דער ראש־הישיבה איז אפילו געווען א גוטער

איד, נאָר זעהר א פערקלערטער, און ער פלעגט איהם די ליעבע בריוועלעך פון זיין אָרימער מוטער, די אלמנה, אָבגעבען אין א וואָך צוויי אָרום... שפּעטער איז ער אַוועק פאר א סאָלדאַט, געדיענט ערגעץ אין א רוסישער שטאָדט; דאָ האָט ער שוין געהאט אפילו א שטענדיגע דירה — די קאַזאַרמע, נאָר אידי־שע בריעף פלעגט דער אַדיוטאַנט פון פּאָלק ניט ערלויבען צו בעקומען, און ער האָט דאַמאָלסט אויך געמוזט שרייבען אויפ׳ן אדרעס פון דאָרטיגען רב... נאָר יענע בריעף זיינען שוין געוועזן ניט פון דער מוטער: די מוטער איז שוין געוועזן געשטאָרבען. דאָס איז געוועזן בריעף פון א מוהמען און טאָקע פון דעם פריינד, צו וועלכען ער שרייבט איצט...

שפּעטער, אז ער האָט געענדיגט דיענען, האָט איהם גלייך אריינגעשלעפּט די בעוועגונג. ער איז גלייך געוואָרען טריף און אַלץ געוואַוינט אויף פרעמדע פּעסער. ער האָט שוין געהיי־סען חיים בערמאַן און יוסף פונט און געצעל פישקין און חאָניע העכט... ער איז שוין געוועזן אַלט זיעבען־און־צוואַנציג יאָהר, און אין א האַלב יאָהר אָרום יונגער געוואָרען מיט גאַנצע זיעבען יאָהר, און אין דריי חדשים אָרום עלטער געוואָרען אויף גאַנצע צוועלף יאָהר, און פּאָניע האָט אַלץ געגלויבט...

און אָט איז ער שוין, דאַכט זיך, כשר געוואָרען, געקראָ־גען צוריק זיין אייגענעם פּאַס, דעם אייגענעם נאָמען מיט די אייגענע יאָהרען. איז איהם אָבער צו לאַנגווייליג געוואָרען. און ער האָט ווידער פערזינדיגט זיין נאָמען און די צאָהל יאָהרען זיינע און די מנוחה... ווידער געוואַנדערט, פערפאָלגט פון פּאָ־ליציי און שפּיאָנען, פון שטאָדט צו שטאָדט, און אַלץ געביטען די אַדרעסען, געביטען אָדער געבעטעלט ביי בעקאַנטע: ער־לויבט מיר צו בעקומען בריעף אויף אייער אדרעס...

דערמאָהנענדיג זיך אָן דעם אַלעמען, האָט איהם אַנגענומען א שרעק: גאָרנישט האָבען אין דער וועלט, אפילו קיין אַד־רעס נישט...

יִיין, ער וועט איצט אַנווענדען אַלע קרעפטען צו קריגען אַ שטענדיגען ווינקעל מיט אַ שטענדיגען אדרעס.

און דעם בריעף האָט ער געענדיגט: „איבעריגענס קען איך אייך מיין אדרעס נאָך ניט שרייבען. איך וועל די טעג געפי־נען אַ צימער, וועל איך אייך שוין מעלדען. וואַרט אויף מיין צווייטען בריעף"...

ער האָט אריינגעלעגט דאָס פערשריבענע בויגעלע פּאַפּיר אין אַ קאָנווערט, פערקלעפּט און גענומען שרייבען דעם אדרעס דאָס איז געווען איהם אַ גוט בעקאַנטער אדרעס: שוין צעהן יאָהר זייט זיין פריינד וואוינט דאָרט — אַן אַלטער אדרעס! וויפיעל האָט ער, שיינקינד, שוין אויסגעוואָגעלט, געביטען שטעדט, גאַסען, צימערן! און יענער וואוינט נאָך אַלץ דאָרט אין יענער שטאָדט, אין יענער גאַס, אין יענעם הויז, אין יענעם נומער... אַ גליקליכער מענש!...

מען קויפט ניט.

א חמורנער ווינטער נאכמיטאג. אין קליינעם שטאדט־גארטען.

זי זיצט אויף א באנק אין א זייטיגער אלעע, און קוקט אויף יעדען מאנספערזאהן, וואס געהט פערביי. זיי קוקען אבער ניט אין איהר זייט.

איינגעוויקעלט אין דער פאטשיילע, מיט דעם בלאסען אבגעלעבטען פנים, מאכט זי אן איינדרוק פון סתם אן ארעמע פרוי. זי פיהלט עס. זי פרובט די פאטשיילע אראבצוקען אויפ'ן פלייצע אליין, האט זי אבער באלד צוליעב צוויי טעמים חרטה: ערשטענס איז איהר קאלט און צווייטענס רעכענט זי איז בעסער, אז דער „גאסט", ווי עס הייסט ביי איהר לויט געוואהנהייט יעדער מאנסביל, זאל בעסער איהר פנים ניט אנקוקען. עס איז ניטא וואס! אין קיין שפיעגעלע האט זי שוין אפילו פון א יאהר ניט אריינגעקוקט, נאר פערבייגעהענדיג נעכטען בגנבה א רייכע גאס, האט זי אין א גרויסען פענסטער דערזעהן איהר פנים. מיט אזא פנים ליעגט מען אין הקדש — האט זי זיך אליין געדייצט — ווי קומט זי נאך צו טראכטען פון א גאסט!

פון דעסטוועגען האפט זי נאך אויף א שכור... א שכור, ווייס זי, איז ניט קיין גרויסער איבערקלייבער. פאר א יאהרען, אז זי איז ארויס פון האספיטאל האט נאך ערגער אויסגע־

זעהן, פון דעסטוועגען האט זי גלייך אויף מארגען געקריגען א גאסט פאר א גאנצען רובעל, גאר ווי אמאל אין די גוטע יאה־רען, ווען זי איז ביי א בעל־הבית'טע געווען. אמת, דער גאסט איז געווען שכור ווי לוט, ער האט זי פערמוטשעט, אבער פארט א רובעל.

נאר אלע דורכגעהער זיינען ניכטער. עס איז איהר א גרויסער חדוש, און א גרויסער וועהטאג. א מיאוסע וועלט געווארען: אלע האבען אויפגעהערט צו טרינקען. עס געהט אונ־טער איהר פרנסה...

שא, אט געהט איינער עפעס פרעהליך. ער קוקט אויף איהר. זי רוקט אראב די פאטשיילע. א שאד וואס זי האט קיין פודרע ניט. אהן פודרע קען מען טאקע ניט וויסען ווער זי איז, מען קען זי רעכענען פאר אן עהרליכער... אן אונגליק אהן פודרע. די ביסעל פודרע — דאס איז א שילד ווי אויף א מאַ־גאזין: דא פערקויפט זיך דאס און דאס... יעצט, אז זי וועט פערדיענען דעם ערשטען גילדען מוז זי קויפען פודרע...

דער פרעהליכער גאסט געהט פערביי. ער דערקענט זי ניט... שא, זי וועט א זונג טהאן, וועט ער פערשטעהן.

— טראל — טראל!...

א ווינד פערשטיקט איהר דעם אטהעם און זי קען קיין קלאנג ניט ארויסלאזען. דער „פרעהליכער" איז אריבער גע־גאנגען.

— וואס זאל זי ווייטער טהאן? זיצען אויף דער באנק ווייטער אוןווארטען! ניין! עס איז א שלימזלדיגע באנק. זי וועט דא גאר נישט האבען. זי וועט איבערגעהן אויף יענער באנק. דארט געהען מעהר מענשען, דארט קען איהר דער איי־בערשטער עפעס צושיקען. אויף יענער באנק איז אבער ניט ווייט דער סטאַיקאַווע מיט די גרויסע בייזע וואנסען. ער וועט זי נעהמען אין צערקיל. ביי נאכט וואלט אפילו ניט געשאדט אין צערקיל איבערנעכטיגען, דארטען מוז זיין גאנץ ווארעם,

ביים טאָג איז אבער א שאָד, טאָמער מאכט זיך פּאָרט וואָסער גילדען — זי וויל שוין גוט עסען... עס דרעהט זיך איהר שוין דער קאָפּ. א הונגריגע וועט זי געווים קיין גאסט ניט געפּי־נען. א גאסט האָט ליעב א פרעהליכע...

זי הויבט אָן רוקען די האנד אין טאש פון קליידעל, כאָטש זי איז זיכער, אז זי וועט דאָרטען גאָר נישט געפינען...

— שא, אָט געהט נאָך איינער, וואָס קוקט אויף איהר. ער קוקט שטארק... טראָל — טראָל... הייבט זי אָן... יענער געהט צו, מאכט א רחמנות מינע און פרעגט:

— אפשר ווייסט איהר ניט, באָבישע, ווי געהט מען דאָ אויף דער מעד־גאַס?

ליעגט ער אין דר'ערד מיט דער מעד גאַס. באָבישע רופט ער זי גאָר. זי וואָרט אויף אַ גאסט און ער רופט זי באָבע. ער קוילעט דאָך זי אוועק... ער נעהמט דאָך אוועק איהר ברויט...

— ברעכט דעם קאָפּ מיט דער מעד גאַס! שילט זי. ער האָט זי דערמאָנט אזא רייכע גאַס. אמאָל פלעגט זי דאָרטען שפּאַצירען... איצטער...

איצטער איז זי שוין טאַקע אלט! זי מוז האָבען נויטיג פּודרע און פון דער פּאטשיילע פּטור ווערען. די פּאטשיילע מאַכט איהר אלט... זי וועט זי פערקויפען. ש ו י ן פערקויפט זי זי.

דאָס איז דאָך אַ גליקליכער פּלאַן! זי קען נעהמען א רו־בעל אוודאי. א רובעל, א רובעל! זי וועט גלייך געהן עסען און קויפען פּודרע... זי וועט ווערען אינגער. און זי איז דאָך טאַקע נים אלט... „ווי אלט דען בין איך?“ זי וויל זיך דערמאָנען ווי פיעל זי איז אַלט. נאָר זי קען ניט, זי האָט פערגעסען! אלע יאָהרען איהרע האָבען זיך ווי צומישט און זיינען געוואָרען עפּעס א שטיק שוואַרצעס און זי קען ניט כאַפּען די צאָהל און די מאָס. זי ווייס נאָר, אז זי האָט אָבגעלעבט א שוואַרצען שטיק לעבען...

אבער די פאטשיילע טראגט זי שוין פערקויפען. שוין טאַקע. און טאמער וועט זיין קאלט? דערשרעקט זי זיך.

זי פּרובט מאכען א פּראָבע: זי נעמט אין גאנצען אראב פון זיך די פאטשיילע און האלט עס אין האנד און זיצט אזוי.

זי שמועסט זיך איין, אז עס איז פיעל שעהנער. זי וואָלט וועלען א קוק טהאן אין א שפּיגעלע, זעהן ווי זעהט זי אויס אָהן דער פאטשיילע. א שאַד וואס דאָס טייכעל אין גארטען איז פערפרארען. אין טייכעל פלעגט זי אלע מאל אריינקוקען. פלעגט זי זיך זעהן פונקט ווי אין א שפּיגעל.

די פּאטשיילע טראגט זי שוין פערקויפען. און טאמער וועלען האפען גרויסע פרעסט? שטעלט זי זיך ווידער אָב אין מיטען וועג.

זי וואלט האַטיש וויסען וואס פאר א חודש איז היינט! שבט — ווייס זי, איז די גרעסטע פרעסט. עס מוז שוין זיין שבט. ווי לאנג דער ווינטער ציהט זיך! שוין אויך א גרויסער שווארצער שטיק.

עט! זי וועט פערקויפען די פאטשיילע. זי דארף קיין פאַטשיילע ניט. זי האָט זי פיינט!...

אָט דערזעהט זי א הענדלער מיט א זאק אונטער'ן אָרים.

זי כאפּט אראָב די פאטשיילע. וויקעלט עס איין, ווי א שטיקעל סחורה און לעגט פאר:

— קויפט ר' איד, א גוטע פאטשיילע.

— א געגנב'עטע, וואָס? — קוקט אויף איהר דער הענדלער.

— מיינע שונאים זאָלען גנב'נען! — בעליידיגט זי זיך— איך בין אן עהרליך־מיידעל.

—א מיידעל?... וואונדערט זיך דער הענדלער: איך האָב געמיינט, איהר האָט שוין אייניקלעך.

זי פיהלט, אז יעדעס וואָרט פון הענדלער פאטשט איהר און זי שטעלט זיך פאָר, אז די באַקען מוזען זיין ביי איהר אזוי

רויט ווי אין די גוטע יאָהרען.

— נו, קויפט...

— איך האַנדעל ניט מיט פּאַטשיילעס. — ענטפערט דער הענדלער טרוקען.

דאָס איז עפּעס גאָר אַ מאָדנע זאַך. אַלץ קויפען זיי, נאָר ניט קיין פּאַטשיילעס. פאַר וואָס? זי פיהלט, אַז עס איז אַן עולה. אַ פּאַטשיילע איז קיין סחורה ניט, — וואָס?

זי האָפט, אַז זי וועט אין דער „בילינער" גאַס פערקויפען. זי טראָגט אַהין.

— קויפט אַ פּאַטשיילע! — שלאָגט זי פאָר.

— מיר קויפען ניט קיין פּאַטשיילעס, הערט זי אַן ענט־פער.

זי טראָגט אין אַ צווייטען געוועלב.

— קויפט אַ פּאַטשיילע...

— געהט אייך, געהט אייך, מען דאַרף ניט! —

און אַ פערשעמטע געהט זי אַוועק מיט דער פּאַטשיילע צוריק אין קליינעם גאָרטען, און מיט אַ קללה אויף די ליפּען, זוכט זי סונים אויף זיך.

נאָר זי קויפט מען אויך ניט...

די מלכה.

א גאנצען ווינטער האָט זיך אראנאָוויטש ארומגעדרעהט ווי אן איבעריגער אין דער גרויסער פרעמדער שטאָדט: די מאטעריעלע נויט, וואָס איהם איז אויסגעקומען דאָ צו ליידען, האָט איהם ניט אזוי געדריקט, ווי די איינזאמקייט. ער האָט אפילו געהאט א פּאָר בעקאנטע, נאָר די בעקאנטע זיינען דווקא געווען בעשעפטיגט, ווער מיט לעקציעס, ווער מיט בוכהאלטע־ריע. ער נאָר אליין איז געווען פריי כמעט דעם גאנצען טאָג. אין דעם קליינעם קאפע־הויז, וואו ער איז געווען כמעט א תושב, פלעגט ער אמאָל כאפּען א שמועס מיט די שכנים ביי איין טישעל, נאָר דאָס רוב זיינען עס געווען יונגעלייט פון געשעפטען, און זייערע מיינונגען און אנשויאונגען האבען איהם ניט אינטערעסירט אין ניט צופריעדענגעשטעלט: זיין הארץ האָט געדורשט נאָך א שטיל, אויפריכטיג וואָרט, און דאָ אין קאפע־הויז האָט מען גערעדט הויך און גרילציג, און די טעמע איז געווען געשעפט און געלד. אמת, אמאָל פלעגט מען דאָ הערען אויך ריידען וועגען פרויען. נאָר אראָנאָוויטש, וואָס האָט די פרוי געהאלטען פאר זיין העכסטען אידעאל, פלעגט פערציטערט ווערען, ווען איהם פלעגט אויסקומען צו כאפּען אמאָל אַ וואָרט פון אַ געשפּרעך וועגען פרויען, וואָס עס פלעגט פאָרקומען דאָ אין קאפע־הויז.

ער געדענקט נאָך דעם ענטפער, וואָס א שכן פון איין טי־שעל האָט איהם געגעבען אויף זיין בעמערקונג וועגען דער שעהנער שלאַנקער קעלנערין.

דערמאָהנענדיג זיך יענעמס ענטפער, פלעגט ער א לאַנגע צייט נאָך דעם רויט ווערען און פלעגט ביי יעדען מאָל ארויס־מורמלען:

— גראָבע ציניקער!

געלעבט האָט ער נאָר מיט די בריעף, וואָס ער האָט בע־קומען פון דער היים, איבערהויפּט די בריעף פון זיין ליבער גוטער שוועסטער, וועלכע האָט איהם געשריבען א סך און פול מיט אינהאַלט. די דאָזיגע בריעף פלעגט ער לעזען אלע אבענד, קומענדיג אין זיין קליין צימערל. דאָס צימערל איז געווען קליין, און זיין קאָפּ איז געווען פול מיט טרוימען און פערלאַנ־גען און בענקשאַפט, אז אראָנאָוויטשען פלעגט זיך דאכטען, אז דאָס צימערל האָט קיין פּלאַץ ניט פאר אזוי פיעל טרוימע־רייען, און ער פלעגט איינגראבען דעם קאָפּ אין קישען און איינשלאָפען...

שטארקער איז אָבער געוואָרען זיין בענקשאַפט אין די ערשטע טעג פון פריהלינג. די ערשטע זונען־שטראַהלען האָ־בען ווי צושמאָלצען דעם גאַנצען טרויער, וואָס האָט זיך אין לאַנגען קאַלטען ווינטער אַנגעקליבען און פערגליווערט געוואָרען אין איין שווערען שטיק... דער טרויער האָט זיך זיס און שטיל צוגאָסען איבער זיין גאַנצען קערפּער, און שטונדען־לאַנג פלעגט ער אבזיצען אין שטאָדט־גאָרטען און טראכטען פון זיין היים, פון דעם ליעבען קליינשטעדטעלע, וואו מען ווייס ניט פון פריהלינג, נאָר פון ערב־פסח, וואָס זיין הו־הא טראָגט אריין אזוי פיעל גליק און האָפענונגען אין די הערצער פון די דאָרטיגע קליינע און אָרימע, אָבער ליעבע מענשעלעך...

ווען ער וואָלט ניט קלאָר געוואוסט די לאַגע פון זיינע היימינע, וואָלט ער זיך אָבגעשעמט און אָנגעשריבען: „מיינע

טייערע, איך בענק נאך איך, נאכ'ן שטעדטעל, נאכ'ן פסח. שיקט מיר עטליכע רובעל, און איך קום צו פליהען!"

ער האט אבער געוואוסט, ווי שווער דאס וואלט פאר זיי געווען און ער האט זיך בעגנוגענט נאר מיט'ן פארשטעלען זיך זיינע ליעבע און זיין היים אין נעראנק...

ערב פסח האט ער געטראפען זיינע צוויי נעהנטערע בעקאנטע — הערמאן און בארים. דאס זיינען געווען העברעאישע לעהרער. איינער פון זיי, הערמאן, האט געהאט א נייגונג צו שרייבען ליעדער. ארנאוויטשען זיינען זיינע ליעדער געווען געפעלען פאר זייער אינהאלט: דאס זיינען געווען ליעדער, וואו עס האבען געקלונגען צארטע, איידעלע טענער פון ליעבע, איין ליעדעל האט ארנאוויטש זאגאר איבערגעשריבען און עס אויסגעלערנט אויף אויסוויינינג. הערמאנען האט עס שטארק הנאה געטאן און דערפאר איז ער געווען צו איהם צוגעלאזט.

— נו, וואו זענט איהר צו די סדרים? — האט איהם הערמאן פריינדליך געפרעגט.

און בארים האט פריינדליך איבערגעפרעגט:

— וואו זענט איהר טאקע צו די סדרים?

ארנאוויטש, גערירט פון דעם פריינדליכען נאכפרעגען, האט מיט א גוטען שמייכעל געענטפערט:

— וואו בין איך געווען צו כל־נדרי? — אין גארטען...

— ניין! — האט זיך הערמאן אבגערופען — יום־כפור איז עפעס אנדערש; יום־כפור זיינען מיר אלע אין גארטען. אבער פסח מאכען מיר א סדר — מיר א פינף יונגעלייט. איהר וועט זיין א זעקסטער...

— איך נעהם אן די איינלאדונג מיט פרייד! — האט ארנאוויטש זיך אנגעכאפט — איך האב דעם סדר אין דער היים זעה ליעב געהאט.

ער האט זיך פערטראכט, ווי ער וואלט וועלען ארויס־

רופען אין זיין פארשטעלונג יענעם סדר פון דער היים... פאר־שטעלענדיג זיך דעם סדר מיט אלע קליינינקייטען, האט ער גע־פרעגט מיט א שמייכעל:

— ווער מען אויך זאגען די הגדה?

— נאך ווי זאגען! — האט הערמאן אויסגערופען — פון „כהא לחמא“ ביז „חד־גדיא“!

— אויב אזוי, קום איך צו אייך.

און אראנאוויטש האט זיך צושיידט מיט די צוויי בע־קאנטע, נעהמענדיג דעם אדרעס, וואו דער סדר וועט פארקו־מען...

דער סדר איז פארגעקומען ביי הערמאנען; ער איז גע־ווען דער רייכסטער פון די פינף יונגעלייט; אויסערדעם האט ער געהאט א לעקציע ביי א וויין־הענדלער, און יענער האט איהם געשענקט צוויי פלאש וויין.

דאס טישעל, וואס איז געוועזען בעדעקט מיט גרויסע צייטונגען, איז געווען פול אנגעשטעלט: די צוויי פלעשער וויין מיט די אידישע בוכשטאבען „יין לפסח“ האבען פריינדליך און יום־טוב'דיג צוגעוואונקען. די דריי מצות, איבערגעדעקט מיט א ווייס טיכעל, האבען געגעבען אן עכטע אילוזיע פון א סדר.

אז אראנאוויטש איז אריינגעקומען, זיינען שוין אלע גע־זעסען ארום דעם טישעל מיט די הגדות אין די הענד און האבען פרעהליך געשמועסט.

ער האט פערשעמט אויסגערופען:

— א גוט יום־טוב!

די יונגעלייט האבען איהם אלע ווי אין איין קול אבגע־ענטפערט:

— א גוט יאהר! א גוט־יאהר!

— זעצט זיך! — האט הערמאן, אלס בעל־הבית, זיך אויפגעשטעלט און איהם מקבל פנים געווען.

אראנאוויטש האט בעטראכט דעם טיש מיט די געסט ארום און האט גוטהערציג בעמערקט:

— אן עכטער סדר!

— וואס דען מיינט איהר! — האט בארים אבגעענטפערט, — פאר געלד, זעהט איהר, קען מען אלץ קריגען.

— אבער ניט קיין מלכה! — האט הערמאן געשמייכעלט.

— א מלכה פעהלט דא טאקע! — האט איינער פון די איינגעלאדענע, א בלאסער יונגערמאן מיט פרעהליכע שווארצע אויגען, נאכגעגעבען.

— יא, יא, א מלכה פעהלט דא; פינף מלכים און קיין איין מלכה ניט! — האט בארים בעשטעטיגט.

און כאטש דאס איז אלץ בעמערקט געווארען ווי אין שפאס, האבען דאך די אלע בעמערקונגען וועגען א מלכה טרויעריג געשטימט די געסט. איבערהויפט איז דאס געווען קענטיג אויף אראנאוויטשען. זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט א מאדנע בענקשאפט און זיינע ליפען האבען געציטערט אין די ווינקלען, ווי ער וואלט וועלען עפעס זאגען...

ער האט זיך דערמאהנט אן דעם יונגען מיידעל, וואס שפאצירט ארום אלע אווענד אין יענער גאס, וואו ער וואוינט... א קליין ארים בעשעפעניש. ער קען זי זייט אייניגע חדשים. ער האט מיט איהר א פאר מאל גערעדט, און כאטש געגאנגען מיט איהר אהיים איז ער קיינמאל ניט, פלעגט ער איהר שטענדיג זאגען „גוטען־אווענד“, פערגעסענדיג, ווער זי איז און מיט וואס זי בעשעפטיגט זיך.

און פארשטעלענדיג זיך אין גערדאנק ווי אזוי דאס דאזיגע איינזאמע מיידעל דרעהט זיך ארום איינע אליין אין דער ווייסטער גאס, האט איהם ארומגענומען א געפיהל פון רחמנות צו איהר און א בּאגעהר ארייצונעהמען זי אין דער דאזיגער געזעלשאפט האט איהם אינגאנצען בעהערשט...

דער געדאנק איז געווען צו פיעל געוואגט, דאך האט ער זיי ניט קענענדיג בעהערשען זיך אליין, זיך אנגערופען:

— איך וואלט, אויב איהר וואלט ערלויבט, געבראכט אהער א מלכה אויך: אן ארים יונג מיידעל.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — האט הערמאן אויסגעשריגען!

— זי וועט אבער אפשר פערלאנגען בעצאהלט...

— אך, איהר מיינט פון יענע גאסען־מלכות, — האט הערמאן זיך ווי דערשראקען — א, זי וועט קאליע מאכען אונזער סדר...

— —ס'איז אבער אן איינפאל! — האט באַרים געלאכט — איך וואלט געווען פאר דעם! עס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט.

— וועט זי אבער געהן? — האבען די איבעריגע יונגעלייט איבערגעפרעגט.

— זייט מיר ניט חושד, אז איך קען זי נאהענט.. איך האב מיט איהר גערעדט א פאר מאל אין גאס. זי איז אן ארים אידיש מיידעל... זי איז אונזערע א שוועסטער און זי וועט געהן... אזוי דאכט מיר.

— זאל מען ברענגען די מלכה אהער! — האט הערמאן בעשליסענדיג אויסגערופען.

און ניט ווארטענדיג אויף דער הסכמה פון די איבעריגע, איז ארקאנאוויטש ארויסגעלאפען פון צימער און געלאזען די געסט אין א זונדערבארער ערווארטונג...

געטראפען האט זי ארקאנאוויטש אין ראג גאס, איינגעהילט אין א טוך, ווי זי וואלט זיך געשעמט צו ווייזען איהר פנים פאר דער פסח'דיגער נאכט... דערזעהענדיג ארקאנאוויטש'ן האט זי צו איהם א שמייכעל געטאן און מיט א געמאכטער פרעכהייט זיך אבגערופען:

— קומט פּראָוועז צו מיר דעם סדר...

דער ציניִשער אויסדרוק האָט אַראָנאָוויטשען אַ שניט געטהאָן אין הארץ. דאָך איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און זעהר ווייך געזאָגט:

— צו אייך, ווייסט איהר דאָך, געה איך ניט. אויב איהר ווילט זיך דערמאָהנען אייער היים, וועלכע איהר האָט ערגעץ געווים, קומט מיט מיר. מיר, עטליכע יונגעלייט, פּראָוועז דאָ אין דער צווייטער גאַס אַ סדר. מיר האָבען בעשלאָסען איינצולאַדען אייך ווי אַ שוועסטער צום סדר. אָבער נאָר ווי אַ שוועסטער, איהר פערשטייט...

זי האָט אים אָנגעקוקט פערוואונדערט, אָבער מיט צוטרוי, און האָט געענטפערט:

— פאַר אַזוינע פערגעניגענס האָב איך קיין צייט ניט.

— מיר וועלען אייך בעצאָהלען! — האָט אַראָנאָוויטש, שעמענדיג זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער, קוים ארויסגערעדט.

— אויב אַזוי, קומט! — האָט זי בעשליסענדיג געזאָגט און האָט איהם גענומען אונטער דער האַנד.

זיי זיינען געגאַנגען אַ ווײַלע שווייגענדיג, נאָכהער האָט ער זיך אָבגערופען:

— איהר וועט זיין אַ מלכּה ביי אונז... איהר פערשטעהט.

— אַ מלכּה... ווי קום איך צו אַ מלכּה?..

— איהר קומט, איהר קומט! איהר זיינט די איינציגע מלכּה, וואָס מיר קענען זיך פערגינען...

זי האָט גאָר נישט געענטפערט.

אַז די טיר האָט זיך געעפענט און דערזעהענדיג אַראָנאָוויטשען מיט דער מיידעל, האָט הערמאַן ווי איבערראַשט אויסגערופען:

— די מלכה איז דאָ! די מלכה איז דאָ!

די יונגעלייט האָבען זיך אויפגעשטעלט און איינער האָט זי בעגריסט:

— עס זאָל לעבען אונזער מלכה! האָך!

— הורראַ! — האָבען די איבעריגע אויסגערופען מיט אמת'ער התלהבות.

אראָנאָוויטש איז געשטאַנען, און טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, דערזעהענדיג פאַר דער ליכ־טיגקייט פון צימער די צוויי שעהנע שווארצע אויגען פון דעם נאַסען־מיידעל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען צימער א פער־שעמטע, אָבער, קענטיג, א צופרידענע און א גליקליכע פון דעם לוסטיגען שפיל.

— ברידער! — האָט ער אויסגערופען בעגייסטערט — זעהט, ווי שעהן אונזער מלכה איז!

— שעהן איז אונזער מלכה, ווי א רויז! — האָט הערמאַן שיר השירים'דיג אויסגעזונגען און די איבעריגע האָבען אונ־טערגעכאַפּט:

— זי איז ווירקליך א הערליך קינד!

דאָס מיידעל איז געשטאַנען אין מיטען צימער און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. זי האָט נאָר קינדיש געשמיי־כעלט. און ניט נאָר די יונגעלייט, נאָר אויך זי האָט פערגעסען, ווער זי איז: זי האָט זיך דערפיהלט ווי אָבגעוואַשען פון פלא זינד.

אויפ'ן גרינעם גראָז.

בערמאַן, אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסער קאַנטאָר, אַ יונג־
גערמאַן מיט אַ מיטעלמעסיגער בילדונג, מיטעלמעסיגען גע־
האַלט און גרויסע פערלאַנגען, איז געפאָהרען אויף צוויי וואָכען
אויף אַ זומער־וואוינונג, אַ האַלבע שעה רייזע פון וואַרשוי. איי־
דער ער האָט בעקומען דעם מאָנאַט אורלויב ביי זיין פּרינציפּאַל,
האָט זיך איהם די זומער־וואוינונג, מיט גרויסע געדיכטע ביי־
מער, מיט דער פּרישער לופט, און איבערהויפּט—די רוהיג־
קייט, פאָרגעשטעלט פאַר דאָס גרעסטע גליק אין דער וועלט.
אַז ער האָט זיך אָבער דאָ באַזעצט אין אַ קליין צימערל, וואָס
אַ פאַמיליע האָט איהם אָבגעטראָטען פאַר צעהן רובל אַ חודש,
וואו אינוויינינג איז געווען ענג און דושנע, און ער פלעגט דער־
פאַר ליגען, זיצען און אומשפּאַצירען אַ גאַנצען טאָג אין וואַלד,
זיינען איהם די ביימער און די רוהיגקייט נמאס געוואָרען. אַן
אומעט האָט זיך בעזעצט אין זיין ברוסט און האָט עפּעס גע־
נאָגט און געפּאָדערט.

אַרום איהם האָבען אפילו געוואוינט פילע פאַמיליעס, וואָס
האָבען פערמעגט שעהנע יונגע פערהיליכע טעכטער. נאָר ער איז
מיט קיין איינער פון זיי ניט בעקאַנט געווען, האָט ניט גע־
וואוסט, ווי אַזוי מען הויבט דאָס אָן, און פלעגט זיך נאָר וואונ־
דערן, ווי אַזוי אַנדערע יונגעלייט, אָרימערע, אונגעבילדעטע און
ניט שעהנערע פון איהם זיינען מיט זיי אַזוי נאָהענט, געהען
צוזאַמען לאַכענדיג, אַרומגענומען און פערשווינדען ווייט צווי־
שען די געדיכטע ביימער.

דאן פלעגט איהם אָנשטאָט אומעט אָנהויבען נאָגען א בענקשאפט נאָך ליעבע. און ער האָט בעשלאָסען, אז אָהן דעם האָט קיין זאַך ניט קיין ווערט.

צייטענווייז פלעגט איהם איינפאַלען א געדאנק — ער וועט כאָטש צוגעהן צו דער שטוב־מיידעל, וואָס געפינט זיך ביי דער פאמיליע, וואו ער וואוינט, און וועט מיט איהר ווע־רען נאָהענט, געהן מיט איר שפּאציר'ן צווישן די ביימער, סו־שען זי, האַלזען, — און ווער וויים וואָס די פאַנטאַזיע האָט איהם נאָך געמאָלט, פון וואָס דאָס בלוט פלעגט ווי פייער ווע־רען און ברענען איהם דעם גוף מיט דער נשמה...

נאָר אפילו מיט דעם דאָזיגען אָרימען דערשלאָגענעם מיי־דעל, וואָס פלעגט אלע אָוועגד צו איהם קומען אין צימער און אויסבעטען דאָס בעט און אלע פריהמאָרגען, ווען ער פלעגט נאָך אין בעט ליגען, די אויסגעפּוצטע שיך ברענגען, — אפילו צו איהר האָט ער ניט געוואוסט, ווי אזוי צוצוגעהן...

„טעהר ווי מיט די גאַסען־מיידלעך וואג׳ איך ניט"... פלעגט ער זיך אליין מוסר'ן פאר זיין שעמעוודיגקייט און מוט־לאָזינקייט, — „פאר געלד בין איך א העלד..."

און ביי דעם דאָזיגען געדאַנק פלעגט ער זיך שטענדיג דערמאָהנען אָן העלענקען, א יונג, פרעהליך מיידעל, וועלכע ער האָט מיט א האלב יאָהר צוריק אין א פערוואָרפענעם געסעל גע־טראָפען, און בעזוכט זי, זייט דעמאָלט פון צייט צו צייט...

די דאָזיגע העלענע איז איהם אזוי געפעלען געוואָרען, אז די ערשטע צייט פלעגט ער איהר יעדעם מאָל פאר'ן אוועקגאנג זאָגען מוסר און בעטען זיך ביי איהר, זי זאָל פון דאנען אנטלויפען. — ער האָט אויף איהר גרויס רחמנות... העלענקע פלעגט ערנסט אויסהערען, צוזאָגען איהם, אז זי וועט נאָר אָנקלייבען אביסעל געלד אויף אָבצוצאָהלען דער בעל־הבית'טע, און וועט געוויס, מיט גאָטס הילף, פון דאנען ארויס...

און נאָך איהר הבטחה פלעגט זי איהם אַרויפלעגען די האַנד אויפ'ן פּלייצע און פלעגט ליעבליך בעטען:

— אָבער דערווייל שענק מיר בעזונדער אויף קוואַס...

און בערמאַן, מיט אַ מינע פון אַ פערליעבטען, פלעגט איהר שענקען בעזונדער גאַנצע 20 קאָפּיקעס, חוץ דעם בעשטימטען פּרייז...

איינמאָל בלאָנזשענדיג אַליין אין וואַלד און בענקענדיג נאָך ליעבע, איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק — ער וועט פאָהרען אין וואַרשוי און ברענגען אַהער העלענקען אויף אַ גאַנצען טאָג...

אָנפאַנג איז איהם דער געדאַנק אויסגעקומען ווילד: וואָס הייסט? ער וועט בעצאָהלען פאַר געזעלשאַפט אַזוי פיעל געלד! עס איז דאָך פּשוט נישט-נאָרמאַל. אָבער וואָס מעהר ער האָט דעם געדאַנק פאַר נישט-נאָרמאַל געפונען, אַלץ מעהר האָט ער איהם ניט געלאָזט רוהען. די פאַנטאַזיע האָט איהם געמאָלען פערשידענע בילדער, ווי אַזוי ער וועט מיט העלענקען אומגעהן אין אַלע ווענקלעך, אין אַלע שטעגעלעך, ווי מיט אַן אמת'ער געליעבטער, אַזוי ווי עס געהען אום אַ סך יונגעלייט מיט זייערע „פריילינם". קיינער דאַרף דאָך ניט וויסען, אַז זי איז פון אַזאַ „הויז". זי זעהט דאָך אויס אַזוי יונג און צניעות'דיג. דערצו וועט ער בעטען, זי זאָל זיך אָנציהען וואָס בעשיידענער, און דאַמאָלס איז זי ניט צו דערקענען. ער וועט זי גאָר בעטען, זי זאָל איהרע האָהר אין צעפּ פלעכטען. אַך, צעפּ האָט ער אַזוי ליעב! ער אַליין וועט פערגעסען, ווער זי איז. ער וועט אַ טאָג האָבען אַ שעהן יונג מיידעל... אַ גאַנצען טאָג וועט זי איהם, איהם אַליין געהערען... אמת, ער וועט איהר דערפאַר בעצאָהלען... נו, וואָס איז... און אַ ווייב צאָהלט מען דען אייגענטליך ניט... עס געהט דאָך נאָר אין דער פאָרם, איז אַז ער וויל,

שפּייט ער אויף דער פּאַרם...

און אויף מאָרגען איז בערמאַן געפאָהרען קיין וואַרשוי און איז גלייך אַוועק צו העלענקען.

עס איז געווען דריי אַזייגער בייטאָג, ווען ער איז אַריין אין הויז, וואו העלענקע האָט זיך געפונען. אויף די שמוציגע שמאָלע און קרומע טרעפּ האָט ער באַגעגענט די ווירטין, אַ דיקע, ברונעטע פרוי, מיט אַ פּאַרשייטען בליק. בערמאַנען האָט זי שוין גוט געקענט, און האָט איהם געהאַלטען פון די בעסערע געסט, דעריבער האָט זי איהם אָבגעשטעלט און געפרעגט:

— איהר געהט צו העלענקען?

— יאָ... נאָר נישט אויף בלייבען דאָ... איך וויל זי מיט־נעהמען צו מיר...

— צו אייך?... — האָט די ווירטין געפרעגט — צו וואָס?

— פערשטעהט איהר מיך... איך וואוין אויף אַ זומער־וואוינונג... ס'איז זעהר אומעטיג... איך וואָלט וועלען האָבען העלענקען אויף אַ טאָג... איך וועל בעצאָהלען!...

— נו, אייך געטרוי איך זי, — האָט די ווירטין געענט־פערט... — אָבער עס וועט אייך קאָסטען די חתונה 15 רובל...

— אפשר גענוג 10? — האָט בערמאַן, שוין דרייסטער ווערענדיג, זיך געפּרובט דינגען.

— אָך, וואָס רעדט איהר? — האָט די ווירטין זיך אָנגע־כאַפּט, — 15 רובל פאַר אַ גאַנצען מעת־לעת! פאַר אַ נאַכט נעמט זי דאָך 5 רובל...

— מילא... — האָט בערמאַן אַרויסגערעדט, — זאָל זיין 15! וואו איז זי?

— זי איז דאָ. העלענקע! — האָט די ווירטין אַ רוף גע־טהאָן.

באַלד איז פון אַ טיר אין לאַנגען קאָרידאָר אַרויסגע־שפּרונגען אַ יונג שעהן מיידעל מיט בלאָנדע פונאַנדערגעלאָ־

זענע האָהר אויף די האַלב־נאַקעטע אַקסלען און אין א פּאָר שטעקשיך אויף די ווייסע באָרוועסע פיס.

— העלענקע! — האָט בערמאַן איהר אויסגעשטרעקט די האַנד.

— אָ, „שוואַרצער“! וואָס מאַכט איהר! — האָט זי איהם פרעהליך געענטפערט, — וואו זענט איהר געווען אזוי לאַנג?

— דער הערר וואוינט אויף א זומער־וואוינונג... ער וויל דיך נעהמען אויף א טאָג, — האָט די ווירטין פאַר בערמאַנען געענטפערט, — ווילסט?...

— אויף א זומער־וואוינונג... אויפ'ן גרינעם גראָז... — האָט העלענקע געלאַכט מיט א פרעהליכען קלינגענדען געלעכ־טער. — אַך, שוואַרצער! אַלע גוט זאַכען וויל ער!..

— ווערסט קיין חרטה ניט האָבען, העלענקע! — איז בער־מאַן ענטציקט געוואָרען פון איהר, און איז שוין אינגאַנצען צופרידען געווען פון זיין אויפטו...

— איך לאַך זיך אוים פון זיי! — האָט ער א טראַכט געטהאָן.

אין א האַלבע שעה אַרום איז שוין העלענקע אָן אָבגע־צאָהלטע, אָן אָנשטענדיג אָנגעצויגענע, מיט צוויי לאַנגע צעפּ געשטאַנען גרייט צו דער רייזע.

— א בעל־הבתיש מיידעל! — האָט די ווירטין געלאַכט.

— איך האָב זיי אין דר'ערד! — האָט העלענקע געענט־פערט. זי האָט גענומען דעם זאַנטיק און איז אַרויס צוזאַמען מיט'ן גליקליכען בערמאַנען...

און דאָך, אז בערמאַן איז געקומען מיט העלענקען אויפ'ן וואָקזאַל, וואָס איז געווען פול מיט פּאַסאַזשירען, צווישען וועל־כע עס זיינען געווען פיעל בעקאַנטע, האָט איהם דאָס האַרץ געקלאַפּט, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס א גנבה באַגאַנגען. מיט שרעק

האָט ער געזוכט אויף איהר און אַלץ געזוכט און געפּאַרשט: צי דערקענט מען זי, צי ניט? ערשט אַז ער האָט זי פאָרגעשטעלט אַלס זיינס אַ לאַנדס־מיידעל פאַר זיינעם אַ בעקאַנטען, וועלכער איז אויפ'ן וואָקזאַל געווען, און יענער האָט קיין שום מינע פון חשד ניט אַרויסגעוויזען, האָט ער זיך בערוהיגט און האָט זאָגאָר זי גענומען אונטער דער האַנד און האָט מיט איהר אַזוי שפּאַצירט הין און צוריק איבער דער פּלאַטפאָרם, ביז עס איז אָנגעקומען דער צוג... ״דערשרעקען פלעגט ער זיך נאָר, ווען זי פלעגט זיך פּלוצלונג פון עפּעס הויך פונאַנדערלאַכען. דאַן פלעגט ער זי שטרענג אָנקוקען און שטראָפען:

— וואָס לאַכסטו אַזוי הויך?... אַלע קוקן.

ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען. בערמאַן מיט העלענען האָבען אויסגעזוכט אַ לעצטען וואַגאָן, וועלכער איז געווען גאַנץ ליידיג. נאָר אויף אַ הינטער־באַנק זיינען געזעסען צוויי אַלטע פּויערים, האָבען געדרויכערט זייערע ליולקעס און זייגען געווען אַזוי פערטהאָן אין אַ טיעפען שמועס, אַז זיי האָבען דאָס פּאָר־פאָלק אפילו ניט אָנגעקוקט. העלענקע האָט זיך גלייך אַוועק־געשטעלט נעבען אַן אָפענעם פענסטער און האָט דערזעהן אַ גרויסען ברייטען הימעל, ווייטע פעלדער און וועלדער, און האָט ענטציקט אויסגערופען:

— אוי, זעהט!

— וואָס? — האָט בערמאַן זיך געוואונדערט צו איהר.

— זעהט, ווי שעהן...

אָבער בערמאַן האָט ניט געקוקט אויף די ווייטע פעלדער און וועלדער און ניט אויפ'ן בלויען הימעל, נאָר אויף איהר שטראַהלענדיג יונג געזיכט. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען און, איבערצייגענדיג זיך, אַז קיינער זעהט ניט, האָט ער זי געשלעפּט פון פענסטער, געקושט און געשעפּטשעט:

— יאָ, העלענקע, יאָ, העלענקע... אויפ׳ן גרינעם גראָז וועט עס גוט זיין...

זיין ברוסט האָט ווילד געקלאַפּט פון לוסט און אויפרע־גונג. ער האָט זי געדריקט אין די אָרימס און עפּעס געפּלים־טערט. העלענקע האָט זיך אָבער געריסן צום פענכטער און גע־מורמעלט:

— איך בעט אייך, לאָזט... שפּעטער... לאָזט מיך קוסען. דאָ איז אַזוי שעהן...

— אז מיר וועלען קומען, וועט נאָך שעהנער זיין, — האָט בערמאַן, אָבלאָזענדיג זי, געזאָגט און האָט זיך אויך געשטעלט אין פענסטער און ווידער זי גענומען דריקען צו זיך, נאָר זי האָט אַלץ אונצופרידען איהם אָבגעווענדעט און זיך געבעטען:

— איך בעט אייך, לאָזט... שפּעטער...

ענדליך איז דער צוג אָנגעקומען אויף דער סטאַציע, פון וועלכער בערמאַנס וואוינונג האָט זיך געפונען אַ האלב וויאָרסט וועג. אראָבגעהענדיג מיט איהר פון וואגאָן, האָט ער זי גענו־מען ווידער אונטערן אָרים און האָט זיך מיט איהר געלאָזט געהן אין אַ שמאָל וועגעל, צווישען געדיכטע ביימער. העלענ־קע האָט זיך ווידער געריסן און זיך געבעטען:

— איך וויל געהן ניט געאָרעמט... איך וויל אליין... בער־מאַן האָט זיך עפּעס ווי פערשעמט און בייז געוואָרען. ער האָט זיך שיער ניט ארויסגעכאַפּט: כ׳האָב בעצאָהלט!

באַלד זיינען זיי ארויפגעקומען אויף אַ שטיקעל פעלד, בעוואַקסען מיט הויכען גראָז און אַרומגעצוימט מיט ביימער.

— אָ, דאָ זעץ איך מיך צו! — האָט העלענקע ענטציקט אויסגערופען. — דאָ איז אַזוי שעהן!

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז עס וועט זיין שעהן! — האָט בערמאַן זיך געווענדעט צו איהר.

ער האָט זיך נעבען איהר אַוועקגעזעצט און געוואָלט

אוועקלעגען זי אויפ'ן גראָז.

— ניין! לאָזט... לאָזט! איך וויל זיצען...

— העלענקע, וואָס איז מיט דיר? — האָט בערמאַן מיט א ברענענדען פנים געגומען פראָטעסטירען.

ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אליין, פאַר'ן וואלד, פאַר דעם גראָז און פאַר העלענקען... נאָר א געפיל, וואָס איז שטאַרקער פון אלץ, האָט איהם ארומגעכאפּט, און ער האָט מיט א פיבערהאַפטער שטים געדעדט:

— העלענקע... איצטער... דאָ איז דאָך אזוי גוט...

— ניין! ניין! האָט העלענקע געבעטען און בעפוילען,— דאָ נישט... שפּעטער, ביי אייך...

— פאַרוואָס? — האָט ער זי מיט אָנגעצונדענע אויגען ווילד אָנגעקוקט...

— איך ווייס אויך ניט... עפּעס דאָ שעם איך מיך... איך שעם מיך, אויף נאמנות... אין בעט — יאָ, און דאָ וויל איך ניט, דאָ קען איך ניט...

— טאָ קום צו מיר אין צימער, ס'איז ניט ווייט... — האָט בערמאַן זיך געבעטען.

— נו, וואָס איילט איהר זיך... איהר וועט נאָך צייט האָבען... דאָ איז דאָך אזוי שעהן...

א ברוגז'דיגער האָט זיך בערמאַן אָבגערוקט פון איהר אויף עטליכע טריט, האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גרינעם גראָז און געקוקט אויפ'ן ברייטען ריינעם הימעל, אויף די פרישע גרינע צווייגען, און זיך צוגעהערט צו דער טשיריקערייי פון די פייגעלעך...

— ס'איז טאַקע שעהן... — האָט ער ארויסגעמורמעלט און זיך געשעמט צו קוקען אין יענער זייט, וואו העלענקע איז גע־לעגען מיט'ן פנים צום הימעל און מיט בענייסטערטע בליקען געקוקט און געקוקט...

און אין א ווײַלע אַרום האָט ער בעשלאָסען אין געדאַנק: ווערט אַזאַ לעקציע דאָס געלד...

ער האָט זיך אויפגעהויבען און געוואָלט געהן.

— וואָס אײַלט איהר זיך? וואַרט נאָך... — האָט זיך העלענקע געבעטען.

— ניין, איך מוז געהן, אָבער דו קענסט בלײַבען דאָ אָדער פאָהרען צוריק... ווי דו ווילסט...

— ביזט ברוגז? — האָט זי געלאַכט.

— ניין, ברוגז ניט... אדרבא, היינט ערשט האָב איך דיך ליעב ניט ווי העלענקען, נאָר ווי א שוועסטער. ווילסט זײַן מײַן שוועסטער, טאָ שטעה אויף און מיר וועלען געהן טיעף אין וואַלד. דאָרט איז נאָך שעהנער.

— יאָ! יאָ! איך וויל! — האָט העלענקע געריהרט אויסגערופען און זיך אויפגעשטעלט — נאָר איך בעט אײַך, איהר זאָלט מיר ניט טשעפּען... דאָ שעם איך זיך... אין שטאָדט—יאָ!

— נאַרעלע, — האָט בערמאַן נאָך מעהר געריהרט געשמייכעלט — אפילו אין שטאָדט אויך ניט... א שוועסטער טאָר מען ערגיץ ניט טשעפּען.

העלענקע האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט, נאָר זי איז געווען זעהר צופרידען, וואָס ער לאָזט איהר צו רוה. פאַר'ן בלאָהען הימעל און די גרינע ביימער שעמט זי זיך...

דער ניי-געבוירענער.

דוד לייקין איז ש׳טיל אַרויס פון זיין צימער, און כדי די ווירטין זאָל ניט הערען, אַז ער געהט אַרויס, האָט ער די טיר געלאָזט ניט־פערמאַכט, און דעם גאַנצען וועג האָט איהם גע־פּלאָגט דאָס געוויסען: עמיצער וועט נאָך אַריינגעהן און ביי דער יונגער פרוי דאָרט עפּעס גנב׳ענען.

ער האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט: שוין עטליכע טעג זייט דער מאָנאַט איז אַריבער, און ער האָט נאָך איהר דאָס דירה־געלד ניט בעצאָהלט. נאָך אייערנעכטען האָט איהם דאָס יונגע ווייבעל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זי דאַרף נויטיג געלד, ווייל דער מאַן איז אין וועג און ער וועט קיין געלד ניט שי־קען, ביז ער וועט קומען.

לייקין האָט איהר צוגעזאָגט נאָך אויף נעכטען געלד צו ברענגען. ער איז געקומען בכיון צוויי אַזייגער ביינאַכט, שטיל אַריין אין צימער, שטיל זיך אויסגעטאָן און די גאַנצע נאַכט געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי צו בעקומען פאַר איהר די עטליכע רובל...

פון די אַלע פּלענער האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן לעצ־טען: ער וועט אויפזוכען יאַקובאָוויטשען, זיינעם אַן אַמאָליגען חבר און ביי איהם באָרגען אַ צעהנרובלדיגע. אַז יאַקובאָוויטש וועט איהם באָרגען, איז ער געוועזן זיכער; יענער איז איצט אָנגעשלאָגען מיט געלד, איז נאָך אַ בחור, און לויט ער האָט גע־הערט, פאַרשווענדט ער אַ סך געלד און לעבט אויף אַ ברייטען פוס. אמת, די לעצטע צייט איז זייער פריינדשאַפט אביסעל אָבגעקיהלט, אָבער שולדיג איז ער, לייקין, אַליין: ער ווייכט

איהם אַליין אויס, פונקט ווי ער וואָלט סענען איהם שטאָלצירט מיט זיין אָרימקייט.

עס איז ווירקליך פון מיין זייט א שוואכקייט, — האָט ער זיך געמאכט פאָרוואורף פאר זיין בעציהונג די לעצטע צייט צו זיין קינדהייטס־חבר יאַקובאָוויטשען. — אמת, ער איז א קאריעריסט געוואָרען, האָט פערראַטען דעם אידעאַל, אָבער נאָך אַלעם איז ער דאָך פאָרט אן אינטעליגענטער מאַן, מיט וועמען מען קען זיך טוישען מיט די מיינונגען און מען קען גאַנץ גע־מיטליך פערברענגען מיט איהם.

און לייקינס הארץ איז פול געוואָרען מיט פריינדשאפט און ליעבע צו זיין געוועזענעם חבר, און ער האָט אויף זיך גע־גומען צוריק בענייען זייער אַלטע פריינדשאפט.

עס איז געווען א שעהנער פריהלינגס־טאָג. די זון האָט די גאַנצע גאס בעגאָסען מיט א מילדען ליכט און צערטליכען שיין. לייקין האָט זיך דערפיהלט ווי ניי־געבאָרען. אין זיין הארצען האָבען זיך אויפגעכאפט געפיהלען פון ליעבע צו אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט ארום איהם. ער האָט יעדען פארביי־געהענדען ארייגגעקוקט פריי און אָפען אין די אויגען אריין, ווי ער וואָלט יעדען בעגריסט און געוואונשען א גליקליכען טאָג. דערזעהענדיג א בעטלער מיט א ווייסער באָרד ביי א ראָג גאס, האָט ער איהם אוועקגעגעבען די לעצטע צוויי קאָפּיקעס, און ווען יענער האָט איהם געוואונשען לאַנגע יאָהרען דערפאַר, האָט לייקין דערפיהלט, אז די גאַנצע וועלט איז פול מיט ליעבע און אז ער און דער בעטלער און דער חבר, צו וועלכען ער געהט איצט, — אז אַלע זיינען זיי געקניפּט און געבונדען און אז אַלע זיינען ברידער!

ער איז וואָס ווייטער אַלץ אויפגעלעזטער געוואָרען. אין זיין הארץ האָבען ערוואכט שוין לאַנג פערקלונגענע טענער. עפּעס האָט דאָרט עמיץ געזונגען א הימן דער וועלט, דער

מענשהייט און דער ליעבע.

ער איז געוואָרען בעגייסטערט און, בעמערקענדיג נעבען זיך א קליין קינד, וואָס איז געפאלען און זיך אָבגעשלאָגען, האָט ער עס אויפגעהויבען, געקושט אין די הענדטעלעך, גע־גלעט דאָס קעפעלע און געזאָגט:

— שא, מיין קינד, וויין ניט, נא דיר א צאצקעלע.

און האָט איהם אוועקגעשענקט זיין מעשענע פושקע פון טאַבאַק.

די מוטער, וועלכע איז גלייך צוגעקומען צום קינד, האָט פריינדליך פראָטעסטירט:

— א דאַנק, צו וואָס? מען דאַרף ניט... א שאָד!

— זאָל ער זיך שפּילען, אדרבא... א פיין קינד... איך האָב נאָך איינע... עס איז א ביליג פושקעלע...

און ער איז א גליקליכער אוועק ווייטער.

אָבגעהענדיג אביסעל ווייטער, האָט ער דערזעהן א טרע־גער מיט א גרויסען פּאַק אויף די פּלייצעס. ער האָט בעמערקט, ווי דער פּאַק האָט זיך א־אָבגערוקט און דער טרעגער זוכט מיט די אויגען א מענשען, וואָס זאָל איהם אונטערהויבען הע־כער דעם פּאַק.

א גליקליכער איז לייקין צוגעלאָפען צום טרעגער און אויס־געריפען:

— ר' איד, העלפען אייך?

און גלייך האָט ער זיך גענומען אונטערהויבען דעם שווע־רען פּאַק אויף די אָרימע פּלייצעס פון טרעגער.

דער טרעגער האָט איהם אונטער דער נאָז בעדאַנקט. ליי־קין איז געוואָרען נאָך מעהר געריהרט און האָט בעשלאָסען איינ־גאַנצען נעהמען אויף זיך דעם פּאַק... פאַרוואָס טאַקע ניט?

— איהר ווילט, ר' איד, גיט מיר דעם פּאַק, איך וועל טראָגען...

נאָר דאָס האָט דער טרעגער ניט געוואָלט:

— מען וועט לאַכען, — האָט דער טרעגער מאָטיווירט, — עס פּאַסט ניט פאַר אייך...

לייקין האָט שוין אָבער דעם טרעגער ניט אָבגעלאָזט. ער האָט איהם בעגלייט ביז'ן בעשטימטען אָרט און האָט איהם אַלע ווײַלע אונטערגעהויבען דעם פּאַק, און זיך געפיהלט זעהר גוט און גליקליך געשטימט.

— יאָ, מענשען דאַרפען איינער דעם אַנדערן העלפען! — האָט ער געמורמעלט — אויף ליעבע און מיטגעפיהל שטעהט די וועלט...

יאַקובאָוויטשען האָט ער בעגעגענט, ווען יענער איז אַרויס פון זיין צימער אויף דער גאַס.

— איך געה טאַקע צו אייך! — האָט לייקין, דערזעהענ־דיג איהם אַרויסגעהן, איהם אָבגעשטעלט מיט אַ שמייכעל.

יאַקובאָוויטש האָט איהם קאַלט דערלאַנגט די האַנד און עפּעס אַ מורמעל געטאָן.

לייקין, נאָך אַלץ אַ גוט־געשטימטער, האָט זיין חבר'ס קאַלטקייט ניט בעמערקט. ער האָט בעטראַכט זיין חבר און צופרידען בעמערקט:

— איהר זעהט אויס זעהר גוט! זעהר פיין!

ער האָט אויף איהם געקוקט מיט פריינדליכע בליקען און איז ווירקליך געווען צופרי־ען, וואָס יאַקובאָוויטש זעהט אויס אַזוי גוט און געהט אַזוי רייך געקליידט.

— וואָס הערט מען ביי אייך? — האָט יאַקובאָוויטש ווי פון יוצא וועגען עפּעס געפרעגט.

— אַזוי! — האָט לייקין, נאָך אַלץ בעהערשט פון דער פריהערדיגער שטימונג, צופרידען געענטפערט — עס לעבט זיך גאַנץ אינטערעסאַנט!

יאַקובאָוויטש האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט און טרוקען געזאָגט:

— אָט דאָ דאַרף איך אַריינגעהן. אַדיע!

— שוין? — האָט לייקין געפרעגט... איהר האָט קיין צייט ניט... נו, עס מאַכט ניט אויס... אַ צווייטען מאָל.

ער האָט טיפער אַן אָטעם געטאָן און זיך געווענדט שנעל:

— איך וויל, איהר זאָלט מיר באָרגען אַ צעהנרובלדיגע...

יאַקובאָוויטש איז דאָ רויט און דאָ בלאַס געוואָרען, די ווינקלען פון מויל האָבען אויפגעציטערט. און ער האָט ווי בייז אַרויסגעברומט:

— ווי קומט צו מיר אַזוי פיעל געלד! — איך האָב ניט, כ'לעבען!...

לייקין האָט איינגאַנצען אַ ציטער געטאָן, געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר די צונג האָט איהם ניט געדיענט. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף יאַקובאָוויטשען, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז זיין חברים ליפּען זיינען פּונקט ווי שווייינישע...

ער האָט איהם געגעבען די האַנד און איז מיט אַ געפיהל פון עקעל אַוועק ווייטער און ווייטער...

— שווייינישע ליפּען, — האָט ער געמורמעלט געהענדיג צוריק...

און אַ האַס צום חבר האָט אָנגעפילט זיין ברוסט...

און געהענדיג, איז דער האַס אַלץ געוואַקסען גרעסער און גרעסער אין לייקינס האַרץ.

— אַך, איהר מיאוסע מענשען! — האָט ער געברומט פאַר וועהטאָג און בעליידיגונג — ענטזאָגט! ענטזאָגט!

און דערזעהענדיג צוריק דעם אַלטען בעטלער, וועלכער האָט איהם ניט דערקענט און ווידער אַ נדבה געבעטען, האָט

לייקין, אָבגעהענדיג פון איהם עטליכע טריט ווייטער, מיט עקעל אויסגעשפּייט און געטראַכט: — פּגר'ט אוועק! ווער דאַרף אייך, איהר מיאוסע ברואים...

בעגעגענענדיג ווידער א טרעגער מיט א גרויסען קאַסטען אויף די פּלייצעס, האָט ער מיט עקעל זיך אָבגעקעהרט און גזידעלט: -- שלעפּט, שלעפּט אויף זיך דעם יאָך, איהר זענט בעסערס ניט ווערט, קריכט, איהר ווערים!

עטליכע קינדער, פרעהליכע, לוסטיגע, זיינען געגאַנגען פון א שול. זיי האָבען איהם פערשטעלט מיט זייער שפּיעלעריי דעם וועג. פול מיט צאָרן האָט ער איינעם פון זיי א שטויס געטאָן, מורמלענדיג: — נעהט צום טייוועל! פון אייך וועלען אויך אויסוואַקסען יאַקובאָוויטשעס מיט שוויינישע ליפּען....

און אָט האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיין יונגע ווירטין, וועלכער ער דאַרף געלד געבען.

—וואָס יאָגט זי אים אזוי? — האָט ער אין געדאַנק פּראָטעסטירט, — געלד און געלד!.. זי קען וואַרטען, ניש־קשה. זי וועט וואַרטען... אויף צו להכעים גיב איך איהר ניט נאָך צוויי וואָכען..

ער איז פול מיט האַס אוועק אהיים. די טיר איז געווען פערמאַכט. ער האָט מיט א גערוייש זי אויפגעעפענט און מיט צאָרן זי פערהאַקט.

די ווירטין, א יונגע בע'חנ'טע ווייבעל, מיט גוטע שוואַרצע אויגען, איז אַרויס איהם אנטקעגען און מיט א פריינדליכען שמייכעל איהם בעגעגענט:

— וואָס האַקט איהר אזוי די טיר, גזלן! — האָט זי געלאַכט.

— איך האָב ניט קיין טיר! — האָט ער שטאָלץ געענטפערט, — עס דאַכט זיך אייך...

ער האָט זי אַנגעקוקט מיט בייזע אויגען און א ווילדע מחשבה איז איהם דורכגעפלויגען אין קאָפּ:

— דער מאַן איז נישטאָ, אַרבייט ערגעץ ווי אַן אייזעל, און זי — בלוט און מילך... צו אַלדי טייוועל געהט אַלע! די גאַנצע וועלט, די גאַנצע אָרדנונג... יאַ, די גאַנצע אָרדנונג!..

— איז נאָך דאָ טיי? — האָט ער געפרעגט און זי אָנגעקוקט.

— קיין טיי איז שוין נישטאָ, — האָט זי ווי פערשולדיגט געענטפערט, — נאָר איך קען מאַכען פאַר אייך.

ער האָט זיך איינגאַנצען געענדערט. די פריהערדיגע מחשבה האָט זיך טיעפער בעזעצט אין קאָפּ און האָט געוואָלט ווערען רעאַל...

ער האָט בייז געשמייכעלט און זיך אָנגערופען:

— זייט אַזוי גוט און מאַכט טיי.

און אָנקוקענדיג זי מיט ליידענשאַפטליכע אויגען, האָט ער צוגעגעבען:

— און קיין געלד בעט ביי מיר נישט!

ער איז ווי א זיגנער מיט שטאָלצע טריט ארויף צו זיך אין צימער. די מחשבה האָט איהם ווידער בעהערשט און געוואָלט פערוואַנדעלט ווערען אין טאַט...

— אוים! — האָט ער געמאַכט מיט די פויסטען, — עס איז גאָר נישטאָ, גאָר נישטאָ!

איהם האָט זיך געמאָהלט פאַר די אויגען איהר מאַן מיט זיין נעבעכדיגען אויסזעהן: אַן אַגענט איז ער און וואַגעלט ארום פון שטאָדט צו שטאָדט מאַהנען אַלטע חובות...

— כאַפּט דיך דאָרט דער טייוועל, שעפּס איינער... אַז דו וועסט ווערען רייך ווי מיין יאַקובאָוויטש, וועסטו אויך בעקומען שווייניש ליפּען... איהר זענט אַלע אַזוי!

ער האָט גענומען שפּאַנען מיט אונגעדולד הין און צוריק איבער'ן צימערל.

באַלד איז אַריין די ווירטין מיט אַ טעצעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ גלאָז טיי און עס איז געלעגען צוויי זעמעל.

— איהר זענט אַ וואויל ווייבעל! — האָט ער זי פרעהליך געלויבט.

זי האָט איהם פערשעמט אָנגעקוקט און גאָרנישט גע־ענטפערט...

— אַ מאַן אָבער האָט איהר אַ שלימזל.

זי איז רויט געוואָרען און האָט מיט כעס געענטפערט:

— ניט קיין גרעסערער פון אייך...

— אָ! — האָט ער זיך אָנגעצונדען, — איך בין שוין דווקא ניט קיין שלימזל; אַלענפאַלס וועל איך עס שוין ניט זיין מעהר. איך האָב היינט בעקומען אַ לעקציע... איך וועל זיין דער שטאַרקסטער, דער ערגסטער און דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט...

— איהר זענט עפּעס היינט מאָדנע, — האָט זי געדריקט מיט די פּלייצעס...

— אָבער אינטערעסאַנט? זייט זיך מודה.

זי האָט ניט געענטפערט, האָט איהם נאָר אָנגעקוקט און ווי עפּעס מורא געהאַט.

— נו, איך געה שוין, — האָט זי שוואַך אַרויסגערעדט, פון וואָס לייקין האָט געדרונגען, אַז זי וויל נ י ט געהן.

— וואָס איילט איהר זיך, זיצט ביי מיר אַ ווײַלע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זי אַ ציה געטאָן צו זיך.

— וואָס טוט איהר, לייקין? — האָט זי פּראָטעסטירט.

ער האָט זי אָוועקגעזעצט נעבען זיך אויף דעם קליינעם סאָפּקעלע, זי פעסט אַרומגענומען און געפּליסטערט:

— זייט דאָך ניט קיין נאַריש ווייבעל... איך האָב אייך אַזוי ליעב, אַזוי ליעב!...

ער האָט זי באַשאָטן מיט קושען. זי האָט שטיל גע־פליסטערט:

— לאָזט מיך אָב, לאָזט מיך אָב!

אָבלאָזען זי איז אָבער געווען גאַנץ איבעריג — זי איז שוין געווען אינגאַנצען זיינע... ער האָט דערפיהלט זיין קראַפט איבער איהר, זיין גרויסע פּלוצליכע קראַפט, וואָס ציהט די יניקה פון אַ גרויסען האַס צו אַלץ און צו אַלעם...

ער האָט דערפיהלט, אַז מיט דעם דאָזיגען האַס וועט ער האָבען אי ליעבע, אי גליק, און אין זיין אויפגערעגטען מוח האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ נייע לעבען, אַ לעבען פון טריאומף און זיעג...

דער סוד

ביז אכטצעהן יאָהר האָט נחום געלערענט אין אַ ישיבה. זייענדיג אַ שטיקעל מתמיד, האָט ער געהאַט גוטע „טעג"; דער שבת איז געווען גאָר אַ געהויבענער. איהם אָבער האָבען די גוטע „טעג" ניט אויסגעמאַכט. ווען ער וואָלט עס נאָר ניט גע־האַלטען פאַר אונפּאַסיג, וואָלט ער מיט זיינע בעסטע „טעג" זיך געביטען מיט אַ צווייטען ישיבה־בחור, וועלכער וואָלט איהם דערפאַר אפילו צוגעצאָהלט, ווי עס פלעגט אַמאָל פּאַסירען אין דער ישיבה. דער עיקר האָט ער געקוקט ניט אויפ'ן „טאָג", נאָר אויפ'ן בעל־הבית. נחום האָט ליעב געהאַט צו האָבען בעלי־הבתים למדנים, מיט וועמען ער זאָל קענען ריידען וועגען אַ טיעף שטיקעל גמרא. און געלערענט האָט נחום „טיעף". ליעב געהאַט צו גריבלען זיך אין תוספות, מהרש"א, פרעגען און פער־ענטפערן קשיות. דער עיקר אָבער — פרעגען. אוועקשטעלען דעם ראש־הישיבה מיט אַן אָפּענעם מויל און מיט פאַרגאַפטע אויגען, ווי ער וואָלט געזאָגט: וואו האָסטו דאָס אויסגעגראָבען אַזאַ קשיא?... אפילו אויף די „טעג", ווען דער בעל־הבית פלעגט אויך זיצען ביים עסען, פלעגט נחום ליעב האָבען פרעגען אַ קשיא דעם בעל־הבית טאַטע, ניט קוקענדיג, וואָס אויף אַנדערע ענינים איז ער געווען אַ בושת־פּנים.

ווער וויים, וואָס פאַר אַ למדן נחום וואָלט ארויסגעוואַקסען מיט זיין קאָפּ און מיט זיין התמדה, ווען ער וואָלט זיך ניט בעקאַנט, טאַקע אויף זיינעם אַ „טאָג". מיט אַ בחור'ל מיט איהם אין איינע יאָהרען, און יענער וואָלט איהם ניט צוגע־רעדט צו נעהמען זיך אַביסעל צו וועלטליכע חכמות. אָנ־פאַנגס האָט אפילו נחום ניט שטאַרק געהאַלטען דערפון: „אין

די וועלטליכע חכמות, האָט ער געזאָגט, איז ניטאָ די טיפ־קייט, וועלכע ער האָט ליעב". יענער אָבער האָט איהם ער־קלעהרט, אז עס איז דאָ אזא חכמה ביי זיי, וואָס פאלט ניט ארונטער פאר דער גמרא, און דאָס איז פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

ניט קאָנענדיג נאָך גוט לעזען רוסיש, האָט נחום שוין זיך גענומען צו פּאָליטישער עקאָנאָמיע און די דאָזיגע חכמה האָט איהם געפּאַקט... „זי איז ווירקליך א סך עהנליך אויף גמרא!" האָט ער מיט א פרייד מודה געווען זיין נייעם רבי'ן.

און אזוי איז ביסלעכווייז נחום געוואָרען אַ עקאָנאָמיסט.

צו צוואַנציג יאָהר האָט שוין דער בחור פערלאָזען די ישיבה, אוועקגעפאָהרען אין א גרויסער שטאָדט און זיך גע־נומען שטודירען „קאפּיטאל".

נאַטירליך האָט ער ניט געקאָנט זיך פערבאָרגען אין די ד' אמות פון „קאפּיטאל", ווי אמאָל אין דער גמרא. מארקס איז ניט געגעבען געוואָרען נאָר צו לערנען, צו מארקס'ן דארף מען עפּעס טהאָן אויך, און נחום איז געוואָרען ווילענדיג ניט ווילענדיג א „חבר" און אָנגעהויבען נעהמען אַן אָנטייל אין דער ארבייטער־בעוועגונג.

אמת, געקוקט האָט מען אויף איהם אין דער בעוועגונג, ווי נאָר אויף א טעאָרעטיקער, אָבער דאָך פלעגט מען איהם אויך פערטרויען פערשידענע קאָנספּיראציעס, וועלכע האָבען איהם, דער אמת געזאָגט, ניט אזוי אינטערעסירט. צו די זאַכען האָט ער טאַקע קיין געדולד ניט געהאט; דאָס רוב איז ער געווען פערנומען צו שרייבען הגהות, אנמערקונגען ביי די זייטען פון די גראָבע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ביכער, וואָס ער האָט אלץ געשטודירט און, ווי אמאָל אין תלמוד, ענטדעקט אין זיי גרוי־סע סודות.

זעהענדיג, אז נחום איז מעהר טעאָרעטיקער ווי טהוער האָט מען איהם בעשטימט צו לערנען מיט א פּאָר גרופּעס פּאָ־

ליטישע עקאָנאָמיע. צווישען אַלע גרופּעס האָט זיך געפונען איין גרופּע מיידלעך, ענטוויקעלטע ארבייטערינען, מיט וועלכע עס פּלעגט איהם אויסקומען צו לערנען בין מנחה למעריב. אזוי טאקע האָט ער אליין די דאָזיגע צייט אָנגערופען.

דאָס ערשטע מאָל, אז ער האָט די דאָזיגע צייט פאַר זיי בעשטימט, אָנרופענדיג זי בין מנחה למעריב, האָבען זיך אַ פּאָר מיידלעך פון דעם וואָרט פונאנדערגעלאכט. נחום האָט זיך אַ ביסעל פאַרשעמט, אָבער אַז די איבעריגע מיידלעך האָבען די צוויי, וואָס האָבען געלאכט, אויסגעזידעלט, האָט ער זיך בערוהיגט און האָט זיך, ענדליך, געפיהלט מיט זיינע שילערינס ווי מיט מאַנסביל...

געלערענט האָט ער די פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיט אַ שטיקעל גמרא־ניגון, איבער אַ הארב בלעטעל זיך צוגעשאָקעלט און בכלל בענוצט תלמודישע אויסדריקען, ווי „האָבען מיר אַ קימא לן“, „איז פון דאנען געדרונגען“, אזוי, אַז זיינע שילערינס זיינען טאקע שיער־ניט געוואָרען אמת'ע גמרא־קעפּלעך...

נחום האָט ניט געקוקט אויף זיינע שילערינס פון דער זייט פון זייער אויסערליכקייט און עס איז איהם כלל ניט אָנגעגאַנגען, צי זיינען זיי שעהן אָדער אפשר מיאוס, ניט זייענדיג דערויף קיין שטאַרקער מבין; דערפאַר אָבער האָט ער אויסגעפונען אין אַ צייט ארום, אַז צווישען די אַלע מיידלעך געפינט זיך איינע, חאַנקע, וואָס האָט גרויסע פעהיגקייטן און איז תופס אַ בלעטעל באַגדאַנאָוו...

דער דאָזיגער חאַנקען האָט נחום דאַן געשענקט מעהר אויפמערקזאַמקייט, ווי די איבערינע, האָט געלעגט אויף איהר גרויסע האָפנונגען און האָט ענדליך איהר בעמערקט, אַז מיט איהר קען מען זיך שוין פערגינען צו לערנען אַ בלעטעל „קאַפּיטאַל“.

נאָר אזוי ווי די איבערינע מיידלעך פון דער גרופּע זיינען

אזוי ווייט ניט געגאַנגען, האָט נחום חאַנקען פאַרגעלעגט, זי זאָל קומען צו איהם אין צימער פון 9 ביז 10 אין אָוונד צו לערנען „קאַפּיטאַל“ מאַרקס.

חאַנקע האָט זיך, נאַטירליך, אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיגער פאַרלעגונג. כאָטש די איבעריגע חבר'טעס פון דער גרופּע האָבען זי אָבגערעדט, זאָגענדיג, אַז פאַר א מיידעל איז גענוג, אז מען קאָן באַנדאַנאָוו'ן אליין.

— קיין רביצין װעסטו סיי־וױ־סיי ניט זיין! — האָט איהר איינע גוטמוטהיג א שטאָך געטהאָן.

און נאָך איינע, איהרע שוין גאָר א נאָהענטע חבר'טע, האָט צוגעגעבען:

— אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג קאָן זי נאָך פּסק'ענען ארבייטער־שאלות...

חאַנקע איז אָבער געגאַנגען.

קומענדיג טיילמאָל צו נחום'ען און ניט געפינענדיג איהם אין דער היים, פלעגט זי דערוויַיל מאַכען אָן אָרדנונג אין זיין אָרימען צימערל, וועלכעס האָט אויסגעזעהן, ווי נאָך א פּאָגראָם. זי פלעגט פערבעטען דאָס בעט, אויסקעהרען דאָס צימערל און צונויפלעגען אין אָרדנונג זיינע ביכער, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען בעשטאַנען פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישע. די פּאָר דיקע זשורנאַלען זיינען אויך גאָר געוועזן צושניטענע דאָרט, וואו עס האָבען זיך בעהאַנדעלט פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגען. די איבעריגע בלעטער, וואו עס איז געוועזן נעדרוקט די בעלעטריסטיק, זיינען געוועזן בעהאַלטען, ווי א גרויסער סוד...

קומענדיג אַהיים און טרעפענדיג אַן אויפגערוימט צימערל, פלעגט נחום זיס שמייכלען און פריינדליך זיך ווענדען. ווי פערשעמט, ניט קוקענדיג אין פּנים:

— איהר האָט דאָס אזוי פיין צוגעקליבען?...

— אז ביי אייך איז זעהר אָנגעוואָרפען געוועזן, — פלעגט

זיך חאַנקע פּערענטפערען, אויך ווי פערשעמט...

אזוי ביסלעכווייז איז חאַנקע אַלץ נאָהענטער געוואָרען מיט נחומען און אַלץ כלומרשט אויפ׳ן חשבון פון „קאַפּיטאַל“...

נחום איז געווען שטארק צופרידען, וואָס חאַנקע איז אזא מתמיד און איז אזוי איבערגעגעבען דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ניט קלערענדיג און ניט חושד זייענדיג חאַנקען אין אַנדערע געדאַנקען.

איינמאָל האָט זיך נחום פערלערענט מיט חאַנקען ביז א זייגער איינס ביינאַכט. עס איז געווען אַ שטורמדיגע נאַכט. דער ווינט האָט געריסען די דעכער און געקלאַפּט מיט אַ מין דראָהען אין די שויבען. חאַנקע האָט שוואַך ארויסגערעדט:

— אוי, ווי וועל איך געהן אהיים!

נחום האָט זיך איינגעקוקט אין פענסטער צום דרויסען און האָט געענטפערט:

— אַז איהר ווילט, קאָנט איהר דאָ נעכטיגען...

חאַנקע איז רויט געוואָרען, האָט זיך שטאַרק פערשעמט, דאָך איז זי געבליבען.

אויסגעבעטע האָט זיך חאַנקע אויפ׳ן גרויסען קאַרב, וואָס איז אין צימערל געשטאַנען, צושטעלענדיג צו איהם אַ שטול. נחום האָט איהר אפילו פאָרגעלעגט זיין שטרוי־זאַק, וויייל — האָט ער איהר ערקלעהרט. — ער האָט ליעב צו שלאָפען וואָס הארטער. חאַנקע אָבער האָט ניט געוואָלט אָננעהמען דעם דאָזיגען אָפּפער און זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך מאַכען בעקוועם מיט אַנדערע מיטלען.

ליגענדיג שוין אין בעטעל האָט נחום זיך געפיהלט זעהר גוט, דערמאָנענדיג זיך, אַז אין זיין צימער געפינט זיך, אויסער די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ביכער, נאָך אַ לעבעדיגער מענש. ער האָט ווארים, פון בעט, זיך איבערגערעדט מיט חאַנקע׳ן, וואָס

איז נעלענגען אין א ווינקעל אויפ'ן קארב:

— אייך מוז זיין אודאי הארט צו ליגען.

— א, ניין, איך שלאף ווי א פריצטע... — האט חאנקע הארציג־ווייך געענטפערט...

מיט דער צייט האט חאנקע אנגעהויבען אלץ אפטער צו בלייבען ביי נחום'ן, אונטער פערשידענע תירוצים, ביז זיי ביידע האבען ווי אין געדאנק בעשליסענדיג, ניט ארויסריידענדיג עס מיט'ן מויל, זיך בעזעצט צוזאמען אין צימער.

שפעטער פלעגט מען זיי שון זעהןביידען צוזאמען אין דער ביליגער רעסטאראציע עסען א מיטאג אלע טאג, און נאך שפעטער האבען זיי שוין פאר מענשען אין די אויגען געזאגט איינער צום אנדערען „דו".

נחום איז געווען זעהר צופרידען. חאנקע איז א טרייע חבר'טע, האט דערצו א שארפען קאפ, מען קאן מיט איהר אמאל שמועסן וועגן טעארעטישע פראגען און זי פאסט עס אויף, ווי א מאנסביל...

איין זאך האט נחום'ן דאך אביסעל בעאונרוהיגט, ער האט בשום אופן ניט געוואוסט, צי חאנקע איז א שעהן מיידעל, צי ניט.

אז זי געהט אביסעל איינגעבויגען — דאס האט ער געזעהן בחוש, אבער צי האט זי א שעהן פנים — וועגען דעם האט ער בשום אופן ניט געקאנט זאגען קיין מיינונג... ער אליין איז ניט קיין מבין אויף שעהנקייט.

דאך וואלט ער זעהר זיין צופרידען, ווען ער וואלט געוואוסט, אז חאנקע איז שעהן.

ווי אזוי קאן מען עס דערגעהן?

ער זאל פרעגען ביי א בעקאנטען, וועט דאך איהם יענער אויסלאכען. אליין קאן ער בשום אופן ניט בענעהמען, צי איז

זי שעהן, אָדער ניט, וועניגסטענס צי איז זי כאָטש חנ'עוודיג...
און וואָס ווייטער האָט איהם די פראַגע מעהר אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען. מילא, שעהנקייט וואָלט ער שוין מוחל גע־ווען — ווער ווייסט אָבער, צי איז זי ניט קיין פּערזעהעניש: א קשיא אויף א מעשה! אז ער אליין פערשטעהט דערין ניט, כאָטש הרג'ע איהם! ער פאַלט אמאָל אויף א שכל און וויל ביי א בעקאַנטען פון הינטען ארום דערגעהן:
— ווי געפעלט אייך מיין חאַנקע?
— אָ, כאַפּט זיך אָן יענער, ווי בעגייסטערט — א וואויל מיידעל...
ווייסט ער ווידער ניט: וואויל איז דען שעהן?... זאָל ער פרעגען אָפען: איז זי א שעהנע? פּאַסט ניט. וואו זיינען דען זיינע אויגען.
פרעגט ער אין א צייט ארום ביי א צווייטען: — ווי געפעלט דיר, ברודער, מיין חאַנקע?
— אָ, כאַפּט זיך אָן יענער נאָך מעהר בעגייסטערט — איז א טייער מיידעל...
צו אלדי טייפעל; אז זי איז א וואויל און טייער מיי־דעל, ווייסט ער אליין. איהר תפיסה, איהר בענעהמען „קאַ־פּיטאַל“ מאַרקס מעגען מאַנסביל מקנא זיין, אָבער צי איז חאַנקע א שעהנע? אָט וואָס איהם מוטשעט. דאָס הייסט, שעהנקייט איז ער מוחל, צי איז זי אָבער, ווער ווייסט, ניט קיין גראָב פּערזעהעניש... ווער קאָן עס וויסען?
און ער פרעגט ווידער ביי א דריטען:
— נו, געפעלט דיר מיין חאַנקע?
— אָ, חאַנקע איז א זעלטען מיידעל. בעקומט ער ווידער אָן ענטפער און בלייבט ווי אין קלעם. זאָל כאָטש איינער זאָגען א מיינונג ווי געהעריג איז. וואָס איהם אינטערעסירט...
און ער פאַלט אויף א אידעע. ער וועט פרעגען חאַנקען

אליין. זי איז אן עהרליכע ריינע נשמה, דע־ין איז ער זיכער — זי וועט איהם דערצעהלען דעם אמת.

— חאנקע, רופט ער זיך אָב צו איהר איינמאָל ביי־נאַכט — חאנקע?

— וואָס איז, נחום, הא? — פרעגט זי ליעבליך.

— איך האָב דיך, חאנקע, געוואָלט עפּעס פרעגען.

— עפּעס א טעאָרעטישע זאך? — פרעגט חאנקע נאָך ליבער און בלעטערט דערווייל דעם גראָבען „קאפּיטאל“, וואָס ליגט אויפ'ן טיש.

— ניין, דוקא א נארישקייט... — ענטפערט נחום און דאָס הארץ קלאפּט שטארק. ווער ווייסט, וואָס פאר א דורכ־פאל ער קאָן האָבען מיט דער דאָזיגער ווילדער פראגע.

— ווי קומסטו צו פרעגען נארישקייטען? — שמייכעלט חאנקע.

— יעדער מענש האָט זיינע נארישקייטען... ווערט יחום דאָך מוטהיגער און געהט איבער גלייך צו דער זאך — זאָג מיר, חאנקע: דו ביזט א שעהנע?

חאנקע קוקט איהם אָן אָנפאנגס פערוואונדערט, נאָכדעם פרעגט זי איבער:

— וואָס איז דיר די נפקא־מינה...

— יאָ... ענטפערט נחום געשטאמעלט... יאָ... קיין נפקא מינה איז דאָס מיר טאקע ניט... איך וואָלט אָבער וועלען טאַ־קע וויסען... איך אליין קוק אויף דיר אמאָל, קוק, קוק און קאָן ניט פערשטעהן... דאָס הייסט, איך בין ניט קיין מבין...

— גלויב מיר — האָט חאנקע געענטפערט — אז איך אליין ווייס אויך נים...

און אזוי איז נחום דעם סוד ניט דערגאנגען...

דער פערביטערטער.

— גענוג דיר שוין צו פּאַפּען! — האָט בערלען, א אינגעל פון 18 יאָהר, געוועקט די שוועסטער, א מיידעל פון א יאָהר 27.

בערעל האָט שוין אייגענטליך אליין גערעכענט אויפשטעהן, נאָר א קוק געבענדיג אויף דער שוועסטער, אויף איהר ברוגז'דיגען פּנים, האָט זיך איהם ניט געוואָלט איהר נאָכגעבען און ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

דאָס האָט די שוועסטער געדרייצט: ז י איז שוין מיט 3 שעה צוריק אויפגעשטאנען, שוין א האלבע קלייד אויפגענעהט און זי האָט זיך צושריען:

— שטעה אויף, פוילער הונד! איך שלעפּ דיך אראָב פאַר די פיס.

פאַר די פיס האָט זי איהם נאָך ניט געשלעפּט, נאָר בערלען האָט זיך עפּעס געדאכט, אז זי שלעפּט איהם שוין, און ער האָט אָנגעהויבען וואַרפען מיט די פיס און שרייען:

— געהסט אוועק, צי ניט — וואָרים איך גיב דיר אין די צייהנער.

— אוי, רבונו של עולם, זאָל מען איהם שוין „אָפּהויבען“! האָט זי זיך צעזוננגען.

— עס הויבט זיך שוין אָן! — האָט די אלטע מוטער געזיפצט. זי איז צוגעגאנגען צו זיין בעט און האָט ווייך גענבעטען איהב:

— שטעה אויף, מיין זוהן, וויפיעל איז דער שיעור צו שלאָפען! באלד קומט שוין ב י י ל ק ע ארבייטען.

דער מוטערס ווייכער טאָן און דאָס, וואָס ב י י ל ק ע

קומט באַלד צו געהן האָבען געוויירקט און ער האָט בעשלאָסען אויפצושטעהן, נאָר כדי די שוועסטער זאָל ניט אויספיהרען, איז ער נאָך געבליבען ליגען אַ ווײַלע.

— אַ תכשיט'ל! — האָט זיך די שוועסטער געווענדעט צו דער מוטער מיט כעס — ווי זי רעדט דאָס מיט איהם: פונקט, ווי מיט אַ בן יחיד'ל...

די אַלטע מוטער האָט דערויף גאָר נישט געענטפערט. זי האָט נאָר אַ זיפּץ געטהאָן, בערלען האָט דער זיפּץ אַ שטאָך געטהאָן. „אַ רחמנות אויף די מאַמען" — האָט זיין גאַנצעס וועזען דערפיהלט, און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

די שוועסטער האָט זיך געזעצט נעהען און געמורמעלט עפּעס מיט כעס. בערעל האָט גאָר נישט געקענט בענעהמען וואָס זי רעדט, דאָך האָט ער געוואוסט אויף זיכער, אַז דאָס מורמלען בעלאַנגט אָן איהם און אין הארצען האָט איהם שוין אָנגעהויבען צו זידען.

— איך וועל זיך מיט איהר אָברעכענען!

עס איז אריין דער שוועסטערס ארבייטאָרין, ביילקע, אַ יונגע שלאַנקע בראָנעטין, מיט טיפע קלוגע אויגען. דערזעהענ־דיג בערלען נאָך ניט קיין געוואַשענעם, האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ פרעהליכען געזונטען געלעכטער:

— אַזוי שפּעט, שעהנער מענש, שלאָפט מען עס? אַ גאַנצער פריץ! שעמען וואָלט איהר זיך! איך האָב שוין אָב־געגעסען!...

—ניט אייער דאגה! — האָט בערעל אָנגעבלאָזענערהייט איהר געענטפערט. אריינקוקענדיג אָבער אין איהרע צוויי שעה־נע אויגען און אין איהר לאַכענדיגען פּנים, האָט ער חרטה געקריגען אויף זיין ברוגזידיגען טאָן! צייט זי ארבייט ביי דער שוועסטער, קלויבט ער זיך אַלץ צו אויסצודריקען איהר זיין ליעבע, און שטענדיג ענטפערט ער איהר גראָב. זי מוז

איהם געווים פיינד האָבען...

דער געדאנק ערגערט איהם, ער ווערט צורייצט און וויל, אז די שוועסטער זאָל איהם ווידער עפּעס פערטשעפּען, ער זאָל קענען דעם כעס אויסלאָזען.

נאָר די שוועסטער ניט ארויס ביילקען עפּעס אן ארבייט און קוקט ניט אפילו אין זיין זייט. א דענערווירטער געהט ער זיך וואשען אין א ווינקעל. ער שטעהט ביים וואסער און שרייט:

— א האנדטוך!

קיינער ענטפערט איהם ניט.

— א האנדטוך!! — טופּעט ער מיט די פיס.

— ביזט ניט קראנק צו זוכען, — ענטפערט די שוועס־טער.

ער וויל איהר עפּעס ענטפערען, נאָר זיין כעס איז אזוי ווילד, אז ער וויים ניט וואָס פאר א וואָרט ער זאָל איהר א וואָרף טהאָן, און אנשטאט א וואָרט ווארפט ער איהר עפּעס א שטיקעל העלצעל.

— מאַמע! — שרייט די שוועסטער — נעהם צו דעם גזלן, ער לאָזט מיך ניט ארבייטען!

— מיאוס, בערעל, פּע! — קרימט זיך ביילקע.

בערלען ווערט פאר חרפּה היים אין קאָפּ. „מיאוס, זאָגט זי — מיאוס!“ זי איז גערעכט! „טאקע מיאוס, — פּע!“...

און ער וויל איהר זאָגען, אז ער איז ניט שולדיג דערין; אז אלע נאכט וויינט ער, וואָס ער צאַפּט דער שוועסטער אומ־זיסט דאָס בלוט! אז, פערקערט, ער איז גאָר א גאַנץ גוטער: אָט האָט ער נעכטען אן אָרעם־אָבגעריסענעם איינגעלע די לעצ־טע צוויי קאָפּיקעס אוועקגעגעבען... דאָס איינגעלע האָט אזוי געוויינט; ער איז גאָר קיין גזלן ניט. באשר עס הויבט זיך אָן דער ווינטער און איהם האָט מען פאר א מאלער געמאכט, און ער וועט מוזען א גאנצען ווינטער זיצען אָהן ארבייט און

עסען דער שוועסטערס פּראצע... זאָגען דאָס אָבער אַלץ, קען ער ניט — עס וועט ארויסקומען גאָר נישט „דאָס". „וואָס איז שולדיג די שוועסטער, אז דו האָסט קיין ארבייט ניט?"... און זיין הארץ בלוטיגט זיך, וואָס די שעהנע ביילקע האָט פון איהם אזא מיינונג:

„ביילקע, ביילקע! ווילט זיך איהם אויסשרייען — האָב רחמנות!" ער גיט אָבער אַ קוק אויף ביילקען, אויף די שוועס־טער, אויף די מאַמען און זעהט אין יעדערענס אויגען פעראַכ־טונג צו איהם, זיין כעס פלאַמט ווידער אויף, און ער זוכט מיט געדויש דעם האַנדטוך.

נאָכ'ן אָבווישען זיך שטעלט ער זיך דאַווענען, ער טהוט אָן די תפילין און מורמעלט עפּעס. דעם „פּירוש המלות" ווייסט ער ניט און ניט קוקענדיג, וואָס ער האָט צייט, איז איהם דאָס גאַנצע דאַווענען אַ משא, איבערהויפּט דריקט איהם דער „של ראש".

— „עפּעס אַ גרויסער „של־ראש", — טראַכט ער מיט כעס — אפילו קיין רעכטע פּאָר תפילין האָט מען מיר ניט נעקויפט, אַ קלאָג נאָך זיי!"...

אין פינף מינוט ארום כאַפּט ער אראָב מיט כעס די תפילין...

די שוועסטער צושרייט זיך מיט איראָניע, ווענדענדיג זיך צו ביילקען:

— זעהסט — ער האָט שוין אָבגעדאַווענט! מאַמע! זעהסט דיין „צדיק", ער איז שוין פערטיג!

בערעל האָט שוין אייגענטליך אַליין חרטה, וואָס ער האָט אזוי גיך די תפילין אראָבגענומען: דאָס רעליגיעזע געפיהל איז ביי איהם גאַנץ שטאַרק, פאַר'ן אידישען גאָט ציטערט ער, נאָר די בעמערקונג פון דער שוועסטער צורייצט איהם אזוי, אז ער וואָלט זיך ווּעלען נוקם זיין אָן איהר און ער ענטפערט גראָב:

— איך לאַך פון דיר מיט'ן דאַוונען צוזאַמען!...

— לאַך, לאַך! — ענטפערט די שוועסטער קאַלט — איך וועל דיר עסען ניט געבען...

— דו וועסט מיר עסען ניט געבען? דו?! — צוקאַכט ער זיך מיט אַ העליש פייער און שפּרינגט פון הויט שיער ניט אַרויס. ער פיהלט אָבער, אַז ער קען דאָ גאָר נישט מאַכען: זי איז די פערדינערין, זי שפּייזט די מאַמען אויך... און מיט פערלאָפענע אויגען שטעלט ער זיך אַוועק מיט'ן פּנים צום פענסטער, קלערענדיג שוין וועגען פריהשטיק. עס הויבט איהם שוין אָן ציהען דאָס הארץ. ער דערמאָהנט זיך אָן זומערדיגע פריהשטיקס... אַ היים איז ער ניט געגאַנגען פריהשטיקען. ער האָט פיינד, די מאַמע זאָל איהם קאַרגען... ער פלעגט אַריינגעהן אין אַ קאַפע־הויז און אַ לעב טהאָן. אמת, בשעת ער פלעגט טרינקען די קאַפע און עסען די פּוטער־קוכען, פלעגט איהם דאָס הארץ אַביסעל וועה טהאָן: „די מאַמע איז אַן אלמנה, בעסער וואָלט ער איהר אַוועקגעבען"! ער פלעגט זיך אָבער פערטהיידיגען מיט דעם, וואָס ער האָרעוועט זעהר שווער: אין סכנות שטעלט ער דאָס לעבען, אויפ'ן פינפטען שטאָק קריכט ער, און טאָמער ווערט ער גאָר גע'הרג'עט... אָ, איצט וואָלט איהם די מאַמע גאָר ניט געאַרט, ער וואָלט נאָר געלד געהאַלט, וואָלט ער אויף צו־להכעיס געגאַנגען פריהשטיקען אין אַ קאַפע־הויז. איצטער פערדינט ער אָבער ניט — עס איז ווינטער, קיינער מאָלט ניט קיין הייזער און דער שוועסטער'ס פריהשטיק מוז ער עסען... אָ, ווי עס ציהט אין הארצען...

באַלד וועל איך בעטען עסען, קלערט ער — וואָס האָב איך מורא פאַר איהר? וואָס איז זי דאָ פאַר אַ בעל־הבית'טע?

— איך וועל ביי איהר גאָר נישט בעטען... ביי דער מאַמען וועל איך בעטען...

— מאַמע...

ער קען אָבער ניט אויסרעדען זיין בקשה ווייטער און איהם טהוט הנאה, וואָס די מאַמע האָט ניט דערהערט.

אין אַ ווײַלע אַרום שרייט ער אויס מיט גוואַלד:

— מאַמע, גיעב מיר אַ גלאָז טהיי!

— ניטאָ שוין קיין טהיי! — ענטפערט די שוועסטער

— האָסט געזאָלט אויפשטעהן פריה, פריץ מיינער!

ער וויל איהר עפּעס ענטפערן. ער דערמאָהנט זיך אָבער, אַז זי איז פּאַרט איצטער דער תקיף — דאָס בייטעלע מיט געלד ליעגט טאַקע ביי איהר.

„פערפאַלען!"...

און ער דערמאָהנט זיך, אַז אזוי וועט זיך ציהען דער גאַנ־צער ווינטער — אַ גאַנצען ווינטער וועט ער אומגעהן לעדיג! אַ גראָשען ניט פערדיענען — אַ גאַנצען ווינטער וועט ער זי־צען אויף דער שוועסטערס קאַרק — זי וועט זיין די פערדינע־רין, די „בעל־הבית'טע", די שפּייזערין; איהר וועט די מאַמע גלעטען, חנפה'נען, פרעגען אַלע ווײַלע: „וואָס ווילסט דו מיין טאָכטער?" און ער וועט זיין אַן איבעריגער, אַ הונד.

„אַ הונד! אַ הונד!" רייצט ער זיך מיט זיך אַליין אין געדאַנק און פאַר צאָרען וואָלט ער טהאָן עפּעס אַ ווילדע זאַך, מיט עפּעס נוקם זיין זיך אָן עמיצען...

— מיר ווילט זיך שוין עסען! — ווענדט זיך אין אַ האַל־בע שעה די שוועסטער צו דער מוטער.

אין איהר טאָן שטעקט דער שטאָלץ פון אַ מענשען, וואָס וויים אַז זיין עסען פערדיענט ער; עס קומט איהם. און בערלען שטעכט דער טאָן, איהם דאַכט זיך, אַז זי וויל גאָר ניט עסען, נאָר זי רייצט זיך מיט איהם...

די מוטער דערלאַנגט איהר אַ גלאָז קאַווע מיט בוטער־ברויט.

— גיעב מיר אויך עפּעס עסען! — ברומט בעריל, ווענ־דענדיג זיך צו דער מוטער.

— ווארט מיין זוהן, באלד! — ענטפערט די מוטער וויך. בערלען דאכט זיך אָבער, אז די ווייכקייט איז א גע־מאכטע, זי, די מאמע, האָט א סך ליעבער די שוועסטער און נאָר דערפאר, וואָס די שוועסטער פערדיענט ווינטער אויך, — און דאָס, וואָס זי ענטפערט איהם ווייך איז נאָר דעריבער, כדי ער זאָל דער שוועסטער'ס פריהשטיק ניט שטערען, — און ער פלאקערט אויף:

— עסען גיעב!

— קוק אָן דעם פּריץ! — צובייזערט זיך די שוועסטער, זופּענדיג די קאווע, — זומער פרעסט ער אויף דאָס גאנצע פערדיענסט און איצטער קומט ער עסען מיין פּראצע; געה פערדיענען!

בעריל וויל איהר ענטפערען: משוגענע, וואָס רעדסט דו — עס איז דאָך ניטאָ קיין ארבייט, עס איז דאָך ווינטער, פערשטעהסט, ווינטער!... ער וויל זיך אָבער ניט פערענטפע־רען פאר איהר, עס דערלאָזט איהם ניט זיין שטאָלץ. דער כעס זיינער פלאקערט אַלץ שטארקער און שטארקער, ער קען ניט איינשטעהן, עס הויבט איהם פון אָרט, עפּעס שטעכט איהם אין די ביינער און אין מיטען ברוסט קיצעלט עפּעס א מאָדנע חיה'לע... ער געהט אום הין און צוריק ווי צעמישט, ווייס זיך ניט צו וואָס צו כאפּען, גיט פּלוצים א שפּרונג צום טיש און א זעץ איבער איהם מיט א ווילדען געשריי:

— וואָס האָט איהר מיך געמאכט פאר א „מאלער"! א קלאָג זאָל אייך כאפּען!...

זיי בלייבען אַלע שטיל. די שעהנעביילקע שטעלט אויף איהם אויס די אויגען, האלטענדיג די נאָדעל אין דער אונבע־וועגטער האנד. בערלען דאכט זיך, אז ער האָט געטראָפען:

ביילקען געפעלט עס, זי גיט איהם אין הארצען געוויס געדעכט! ער איז דערפון צופריעדען, און כדי ער זאָל בלייבען דער גע־רעכטער, ער זאָל זיך ניט אויסרעדען עפּעס צוריק א נאריש־קייט, לויפט ער ארויס אויפ'ן גאס ניט קיין געגעסענער...

— „פאר א מאלער האָבען זיי מיך געמאכט!" — ברומט ער לאָזענדיג זיך געהן איבער'ן גאס. איהם דאכט זיך, אז בייל־קע שטעהט דערביי, קוקט איהם אָן ערנסט מיט איהרע שוואר־צע אויגען און גיט איהם נערעכט: „אודאי זענט איהר ניט שולדיג!"...

ער בלאָנזשעט איבער די גרויסע, לאנגע גאסען. ביסלעכ־וויז ווערט זיין כעס קיהלער ,און דאָס פערדריסט איהם: בשעת כעס פיהלט ער זיך גערעכט; ווי דער כעס ווערט אָבער נעקילט, בעווייזט זיך אין הארצען גלייך די חרטה און זי נאָגט איהם.

ער האָט אייגענטליך די שוועסטער גאָר ניט פיינד. זי איז דאָך אָן אָרעמע שוועסטער, עס איז אויף איהר א ביטע־רער רחמנות, א ביטערער צער! זי איז שוין אָן אלטע מויד. אין די שלייפען ביים שטערען זעהען זיך שוין ביי איהר געלע אָדערלעך. ער וואָלט אזא כלה ניט ווען בשום אופן... און דער געדאנק רופט ביי איהם ארויס נאָך מעהר רחמנות אויף דער שוועסטער, איהם דאכט זיך, אז זי וועט אייביג זיצען, אייביג האָרעווען...

„וואָס האָב איך צו איהר?" וויינט אין איהם דאָס הארץ — „זומער, אז איך פערדיען, פערשווענד איך דאָס גאנצע געלד, איך געה אין פּארק, אין צירק, אין קנייפּעס... איך לעב א טאָג און זי זעהט קיינמאָל די וועלט ניט. פון 13 יאָהר אָן האָרעוועט זי און קלייבט אויף נדן... ביינאכט וויינט זי שטענ־דיג פון שלאָף, איך הער און עס שניידט מיר אין הארצען — איך וויים — זי וויל חתונה האָבען... פיער חתנים האָבען איהר שוין די תנאים אָבגעשיקט, מען פארצאפּט איהר דאָס בלוט

גע'הרג'עט זאָלען זיי ווערען, די „לאָבוסעס"...

ער ווערט אויפגעבראכט אויף די שוועסטערס חתנים, ער וואָלט זיי יעצט בעגעגענט וואָלט ער זיי געהרג'עט... און דער שוועסטער איז ער אַלץ מוחל, ער פיהלט זיך אין גאַנצען אומ־גערעכט געגען איהר. ער בעשליסט, ער וועט זי איבערבעטען.

ער בערעכענט זיך אָבער, אז איבערבעטען וועט ער ניט קענען, דאָס איז אַ שווערע זאַך, דאָס איז עפּעס מיאוס: גלאַט פּלוצים אין מיטען דערינגען: מיין ליעבע שוועסטער!... ניין! ער וועט אזוי אונבעמערקטערהייט ווערען בעסער צו איהר, ווענען עסען וועט ער קיינמאָל ניט רעדען, וועט זי געבען — איז גוט, ווען ניט... נאָר נארישקייט, זי וועט דען עסען ניט געבען, זי זשאַלעוועט מיר דען? זי איז נאָר אויף מיר אין כעס, אז איך קריג זיך מיט איהר, אָבער אזוי... יאָ אזוי בלייבט עס! קיינמאָל זיך ניט קריגען מיט איהר, ווערען מיט איהר אין גאַנצען גוט. ער וועט נאָך פאַר איהר אַ חתן אויך קריגען... ער וועט זומער אָנהויבען ארבייטען, וועט ער קלייבען אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע און וועט בעצאָהלען פאַר'ן ווינטער... עס איז טאקע קיין תכלית ניט צו עסען איהרע אומזיסט... ער וועט זי זומער בעקאַנט מאכען מיט זיינע חברים און וועט זי נעהמען אין פּארק, אומעטום, זאָל זי האָבען פערגעניגען אויך, די אָרעמע שוועסטער...

איבערפילט מיט מיטלייד צו דער שוועסטער, אַ בערוהיג־טער, שפּאַצירט ער איבער די גאַסען. עס ניט דערווייל אַ לייכט די ווינטער־זון אויף אַ רגע; בעריל דערפיהלט דעם זומער און אַ וואַרעמע האָפנונג נעהמט איהם דורך. ביילקעס שעהן־פּנים לויפט איהם דורך פאַר די אויגען...

— ניש־קשה! — מוטהיגט ער זיך אליין — דער ווינ־טער וועט אריבערגעהן, איך וועל שפּעטער אַלץ פערריכטען!

און אַ בערוהיגטער, אָהן אַ שפּור פון צאָרען, לאָזט ער

זיך געהן צוריק אהיים.

צוגעהענדיג אָבער צו די טהיר, איז זיין רוהיגקייט פערשוואונדען, דאָס הארץ האָט זיך אָנגעהויבען ווארפען און דער זומער, וואָס דארף קומען, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ווייט, הינטער הויכע ריזיגע בערג. ער האָט ניט געקענט די טהיר עפענען, און ער איז א היבשע ווײַלע ביים טהיר געשטאַנען, האַלטענדיג פאַר׳ן הענטעל.

ענדליך האָט ער זיך געשטארקט, האָט די טהיר אָן עפען געטהאָן און האָט זיך שטיל אין שטוב אריינגערוקט. די שוועסטער איז געווען פערנומען מיט עפּעס א פרוי, וואָס האָט זיך געלאָזט א מאָס אראָבנעהמען. דאָס האָט איהם געפרעהט. ווען ניט די פרוי, האָט זיך איהם געדאכט, וואָלט איהם געווען זעהר נים בעקוועם צו בלייבען דאָ: די שוועסטערס און ביילקעס בליקען וואָלט איהם שווער געווען צו פערטראָגען.

נאָר אָט געהט די פרוי אוועק.

די שוועסטער זאָגט עפּעס ביילקען אין איהם בעמערקט זי נאָך נים. — די מוטער איז ניטאָ!

דיזער אַלטער צאָרן הויבט איהם אָן ביסלעכווייז צוריק צו בעהערשען. דער שוועסטערס קאַלטקייט רייצט איהם. „זי ווייסט דאָך, אז איך האָב נאָך ניט געגעסען! ח׳א מין שלעכטע זי איז“!

ער גיט א הוסט, ווי מיט כעס.

— אָ! בעריל איז דאָ! א גאַסט! ווענדט זיך פלוצים די שוועסטער צו ביילקען מיט א שמייכעל — „עסענקען“ זיך איהם פערוואָלט!

דאָס בלוט פונ׳ם גאַנצען גוף גיט איהם האַסטיג א זעץ אין קאָפּ. די אויגען שפּרינגען איהם שיער ניט ארויס: „זי פערשווארצט איהם אין ביילקעס אויגען: זי מאכט פון איהם חוזק. זי רייצט זיך מיט איהם, ווי מיט א הונד... אי, אי, אי,

אי!..." איהם ווילט זיך פאר כעס דעם טיש א וואָרף טהאָן מיט'ן פוס, ער שטארקט זיך אָבער און מיט א פערהאלטענעם צאָרן פרעגט ער שטיל:

— פארהאן וואָס צו עסען?

— געזאָלט ניט אוועקגעהן! — ענטפערט די שוועסטער סורע.

און פון פריהערדיגען רחמנות, פון די חרטה, פון די געדאנקען בעסער צו ווערען בלייבט ביי איהם ניט קיין זכר; ער ווערט אין גאנצען כעס און נקמה: אָט די מויד פערביטערט איהם דאָס לעבען, זי רויבט ביי איהם דעם מוטה, ער מוז זיך אָן איהר נוקם זיין. אָבער שטארק, זי זאָל פיהלען!.. „אלטע מויד" דארף מען אויף איהר א געשריי טהאָן...

מיט בלוטיגע אויגען קוקט ער אויף איהר; אָט — אָט פליהט שוין דאָס וואָרט ארויס, נאָר דער הונגער איז שוין ביי איהם שטארקער פאר'ן צאָרן און ער האָט מורא צו פערשפילען מיט'ן וואָרט אויף זיכער דעם פריהשטיק... נאָכ'ן פריהשטיק וועט ער זיך אָן איהר נוקם זיין, ניט אנדערש, „אלטע מויד!"

די שוועסטער זוכט דערווייל עפּעס.

— ווייסט ניט,ביילקע, וואו דער ארבעל איז?

— אונטער בערלען, דאכט זיך, זאָגט ביילקע.

בעריל פיהלט, אז ער זיצט טאקע אויף עפּעס און ער בעשליסט ניט צו לאָזען.

די שוועסטער ווענדט זיך צום בענקעל:

— לאָז נעהמען! זאָגט זי ברוגז'דיג, ניט קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים.

— וויל איך ניט! — ענטפערט ער צורייצט.

— פוילער הונד! — צו לאָזט צו ניט? — שרייט די שוועסטער — איך האָב קיין כח ניט מיט דיר צו עסקן.

— דוקא ניט! — ענטפערט ער און עס פערדריסט

איהם אויף זיך אליין.

— פע, בעריל! — מוסר'ט ביילקע מיט פעראכטונג — איהר זענט דאך גאר משוגע.

בעריל ווערט בלאס: „זי האלט מיך פאר משוגע, זי איז דאך געדעבט" — מיאוס, מיאוס! פויקט אהים אין מח. ער שטעלט זיך נאריש אויף.

און דער הונגער און די בעלייריגונגען און דער געדאנק, אז עס וועט זיך אזוי ציהען חשון, כסליו, טבת, שבט, אדר — אזוינע גרויסע חדשים, ווינטערדיגע חדשים!... אז ביי ביילקען האט ער שוין דעם ווערטה פערלוירען, אז ער טהוט ווי א ווילדער, — דאס אלעס צוזאמען פערמישט זיך, און זיין צארן דערגרייכט די העכסטע שטופע, עס ברענט אין איהם עפעס אינווענינג, ער מוז עס מיט עפעס לעשען, ער געהט אום הין און צוריק. און פלוצים שטעלט ער זיך אויעק קעגען דער שוועסטער מיט פערלאפענע אויגען, לאכט זיך ווילד פינאנ־דער און גיט א געשריי:

— אלטע מויד, ווער וועט דיך נעהמען! ?..

אין שטוב איז, ווי א דונער דורכגעלאפען:

ביי דער שוועסטער פאלט ארויס דאס שטיקעל שטאף פון דער האנד, זי קוקט שטאר אויף ביילקען. יענע שמייכעלט, דאכט זיך... די שוועסטער הויבט עפעס אן צו זוכען אויפ'ן טיש... זי כאפט אהן ווערטער דאס שעריל און ווארפט אויף בערלען. דא פערגעסט בעריל אן אלץ: אן הונגער, אן לאנגען ווינטער, אן ביילקען — איין מאל פאר אלע מאל, ער וועט צוברעכען די מאשין...

— נא דיר! — שרייט ער אויס, א בריאזג געבענדיג די מאשין.

—אי — אי — אי! צעיאמערט זיך די שוועסטער.

ביילקעלע, וואָס טהוט מען מיט איהם? געה רוף מענשען, לאָז מען איהם בינדען.

—טאַקע בינדען! — זאָגט ביילקע העכסט אויפגעבראַכט.

— שווייגט! — שרייט בעריל — איך פּלעט אייך דעם מח.

אויפ׳ן טומעל לויפט אריין די מוטער.

— וועה צו מיר, וואָס טהוט זיך דאָ! — ברעכט זי מיט די הענד.

בעריל שווייגט און די טאָכטער דערצעהלט מיט האַר־צענס־רייסענדער שטימע, וואָס דאָ איז געוועז. גרויסע טרעה־רען קאַפּען פון איהרע אויגען, זי דערצעהלט דעם אמת, נאָר בעריל׳ען דאַכט זיך, אַז אין יעדען וואָרט שטעקט אַ גראָבער ליגען, אַ ווילדע פאַלשקייט! פאר וואָס דערצעהלט זי ניט דעם „עיקר“... פאר וואָס דערצעהלט זי ניט פון דעם לאַנגען ווינ־טער און פון נאָך און נאָך... זי דערצעהלט נאָר, וואָס עס פּאַסט פאר איהר, אַז זי זאָל בלייבען גערעכט...

און דער שוועסטער׳ס וויינענדע שטים, און דער מאַמעס פערצווייפעלטע בליקען ברענגען איהם ארויס פון געדולד, נאָר ער ווייסט ניט, וואָס זאָל ער טהאָן; ער האָט שוין אַלץ אָב־געטהאָן, די מאַשין אפילו צובראָכען... דאָ האָט ער שוין ניט וואָס צו טהאָן, עסען וועט ער שוין ניט, ביי ביילקען האָט ער זיך פערשווארצט... ער לויפט ארויס אויפ׳ן הויף, שפּאַרט זיך אָן אין אַ ווינקעל פון אַ וואַנד און וויינט זיך ביטער פונאַנדער...

די נייע שאלה

רערהערט, אז עס זיינען פארהאן אזוינע מענשען, וואס ווילען מאכען, אז אויף דער וועלט זאלען ניט זיין קיין רייך און קיין אָרים, — האָט חייקעל דער בערשטער, א זעכצעהן־יעהריגער בלאס בחור'ל, איראָניש אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע שווארצע אויגען דעם, וואס האָט עס איהם דערצעהלט און האָט זיך אָנגערופען:

— דו ווילסט „לייזען"? ניין, ברודער, ניט געטראָפּען דאָס אָרט! ביי מיר וועסטו ניט לייזען — געה זוך אן אנדער נאר.

שפּעטער אָבער, אז „חברה" האָט איהם אריינגענומען אין איהרע הענד און מען האָט איהם אריינגערוקט דאָס ספר „גן עדן התחתון", האָט זיך איהם שוין נעלעגט די זאך אויפ'ן מח. אָבער בענעהמען דאָס ווי געהעריג און ווערען א מאמין דערין, האָט ער נאָך ניט געקענט. דריי מאָל האָט ער דעם „גן עדן התחתון" געלעזען, אין פיעל ערטער געפרעגט „פּשט", וואס די „חברה" האָט איהם ערקלערט אויפ'ן שענסטען און פּאָפּולערסטען אופן מיט אַלע אויסרעדענישען, און דאָך האָט ער, קראַצענדיג זיך אין פּאה און אביסעל ווי צוטומעלט געפרעגט:

— אָבער ווי אזוי קען דאָס זיין?

האָט אָבער חברה ניט געשוויגען און האָט איהם מכבד געווען מיט דעם קליין שעהן ספר'ל „די מעשה מיט די פיער ברידער". אזא מין מעשה האָט ער אפילו אמאָל געלעזען, זי האָט געהייסען „מעשה בג' אחים", („אחים", האָט ער געוואוסט נאָך פון תלמוד תורה, איז דער טייטש ברידער) אָבער נאָך דער מעשה בג' אחים איז ער פרימער געוואָרען און האָט מיט מעהר

כונה אָנגעהויבען צו דאווגען, כדי אַז טאָמער וועט ער אמאָל חלילה פערוואָרפען ווערען אויף א וויספּע, זאָל איהם גאָט אויך מציל זיין, ווי יענעם צדיק פון דער מעשה, אָבער אַז ער האָט דורכגעלעזען די „מעשה מיט די פיער ברידער" איז ער צום דאווענען קעלטער געוואָרען און האָט שוין געהאַט א שטי־קעל ידיעה אין סאָציאַליזם.

חברה האָט דערזעהן, אַז עס געהט א גאַנג, אַז פון חייק־לען קען ארויסוואקסען א סאָציאַליסט א לייט, האָט זי אידם געגעבען „פון וואָס איינער לעבט" און „ווי קומט א איד צום סאָציאַליזם?" און „רפאל נעריצך" און שפּעטער נאָך, „טי־פערע" און נאָך שווערע ביכלעך, אויף וועלכע חייקעל פלעגט זאָגען, אַז זיי זיינען נאָך שווערער ווי די גמרא „ביצה", וואָס ער האָט אמאָל אָנגעהויבען אין תלמוד תורה צו לערנען.

— שווערער — האָט ער צוגעגעבען מיט אַן ערנסטען שמייכעל, — אָבער שעהנער.

און אזוי ביסלעכווייז איז חייקעל בערשטער געוואָרען א סאָציאַליסט אויף זיין שטייגער. דאווענען, פערשטעהט זיך, האָט ער אין גאַנצען אויפגעהערט, אָבער מען זאָל זאָגען, אַז חייקעל איז געוואָרען אַן אפיקורס, קען מען ניט, ער האָט מעהר ניט, ווי געביטען די רעליגיאָן... אנשטאט דאווגען און „ברכות" און קדושות האָט ער זיך גענומען מיט דער זעלבער כונה צו די פערבאָטענע לידער. און אַז ער פלעגט זינגען „מיר ווערען געהאסט און געטריבען", פלעגט ער פערמאַכען די אויגען, ווי אמאָל אינגעלווייז צו שמע ישראל און פלעגט אריינקומען אין א רעכטען רעליגיעזען עקסטאַז. טאָמער פלעגט ביי א פער־זאמלונג פון עטליכע ארבייטער איינער זיך פערגעסען און אָנהויבען זינגען א ליעד פון שולמית, צי פון בר כוכבא, צי אזוי א „ליעבע־ליעד", פלעגט חייקעל מיט א פרומער מינע אָנ־הויבען צו מוסר'ן:

— פע, א חרפה און א שאנדע! וואס זינגסטו אזעלכע בורזשואזיסטישע ליעדער?

און גלייך פלעגט ער אנהויבען צו זינגען:
מיר ווערען געהאסט און געטריבען...
און די איבעריגע פלעגען אונטערכאפען:
מיר ווערען פעריאגט און פערפאלגט
נאר אלעם דערפאר וואס מיר ליעבען
דאס ארימע פאלק...

און חייקעל פלעגט נאך דעם ליעד אנהויבען נאך א ליעד, ביז די אלע „כשר'ע" סאציאליסטישע ליעדער פלעגען זיך אויס־געהמען, — זינגען פלעגט זיך איהם וועלען נאך אזוי פיעל! און ער פלעגט מיט אן אונרוהיגען קול פרעגען:

— מעהר קיין ליעדער זיינען ניטא?

„איהר ארבייטער פרויען!"

— עט! — פלעגט חייקעל דערויף א קנייטש טהאן זיך, דאס איז אפילו א סאציאליסטישע ליעד, אבער ניט פאר מאנסביל, און דערביי פלעגט ער זיך דערמאנען אן דער ברכה „פון פארענט ביים דאווענען" „שעשני כרצונו", וואס איז גע־שטאנען אין סידור'ל מיט קליינע אותיות'לעך און וואס ער פלעגט דערויף נאר קוקען מיט די אויגען, אבער, אלס א וויי־בערשע ברכה, דאס ניט זאגען... כאטש אן און פאר זיך איז אויך די ברכה ביי איהם הייליג געווען, ווי יעצט דאס ליעד „איהר ארבייטער פרויען".

די עיקרים פון סאציאליזם איז ביי חייקלען בעשטאנען אין „האסען דעם שונא". דער שונא איז, פערשטעהט זיך, די רוסישע רעגירונג, אדער ווי אויף חייקעל'ס לשון הייסט, „פאָ־ניע גנב". דאס איז אבער נאר דער פאליטישער שונא. דער עקאנאמישער שונא איז דער קאפיטאל. וואס הייסט אבער האסען דעם קאפיטאל? האסען קען מען נאר און מען דארף

די קאפּיטאַליסטען, די פאַבריקאַנטען „די וואַמפּירען“, זיי איז אַ מצוה צו האַסען מיט'ן גאַנצען האַרצען...

און הייקעל, אַלס פרומער סאָציאַליסט, האָט טאַקע זיי גע־האַסט. דאָס וואָרט קאַפּיטאַליסט, אָדער פאַבריקאַנט און עהנ־ליכע ווערטער פלעגט ער ניט קענען אויסרעדען גלייכגילטיג. זיין געזיכט פלעגט זיך אין גאַנצען אומבייטען, די אויגען פלע־גען שיטען פונקען פייער און עס פלעגט זיך דוכטען, אַז ער פערברענט זיי מיט זיין אָטהעם...

עס פערשטעהט זיך, אַז ניט בעסער איז זיין בעציהונג גע־ווען צו זיין „קאַפּיטאַליסט“, צו זיין פאַבריקאַנט, בער יוזעל־מאַן. וועד רעדט נאָך, זייט די בערשטער האָבען דעם ערשטען שטרייק געמאַכט און האָבען איהם מיאוס פערשפּילט און דריי בערשטער האָט דער „מיאוסער וואַמפּיר“ אַלס בונטאָווש־טשי־קעס דער פּאָליציי איבערגעגעבען, איז זיין שנאה פלאַם־פייער־דיג געוואָרען, און ווען דער דאָזיגער פאַבריקאַנט פלעגט אריין אַמאָל אין דער אָבטהיילונג, וואו הייקעל איז געשטאַנען אין אַ געדיכטען שטויב און געקעמט די חזיר האָר, פלעגט ער אויף צו להכעיס אויפהערען פלייסיג, ווי שטענדיג, צו אַרביי־טען און זאָל ער קריגען די גאַל... און זאָל זיין דיקער בויך צו־פּלאַצט ווערען...

דער דיקער בויך פלעגט אָבער די גאַל ניט בעקומען און ניט צופּלאַצט ווערען, גאַנץ רוהיג און געלאַסען פלעגט ער זיך צוקייקלען צו הייקלען, מיט זיינע גרויע אויגען איהם אָנקוקען און מיט זיין אונאַנגענעהמען קול שטיל און רוהיג זאָגען:

— ראַכט זיך, דו האָסט פערלאַנגט אַ הוספה? פאַר אַזאַ פיינער אַרבייט ביזטו טאַקע ווערט אַ הוספה.

דאָ פלעגט שוין הייקעל, מיט אַ האַרץ פול מיט האַס, שנאה און נקמה־בעגעהר זיך נעהמען שנעל, אונגעוועהנליך, אוננאַ־טירליך שנעל צו אַרבייטען מיט'ן בינטעל חזיר האָר אין האַנד

איבער דעם אייזערנעם קאם... אזוי שנעל, ביז ער פלעגט אוש די פינגער צובלוטען... ווי ער וואלט געענטפערט:

—נו, טיראן, דערפאר בין איך שוין ווערטה א הוספה ?!

און די שנאה איז נאך שטארקער געווארען.

אפט מאל פלעגט אויך ארייננקומען אין חייקעלס אבטהיילונג זעהן צי דער „פאפא איז ניטא?" דעם פאבריקאנטס טאכטער פאניע. א יונגע שלאנקע פריילין, מיט א קלאהר געזיכט, שווארצע האר און שווארצע אויגען, וועלכע האבען זעהר שטאלץ, אבער מיט פיעל חן געקוקט. איהר ארייננגאנג פלעגט א שטארקען רושם מאכען אויף די אלע ארבייטער. דער שטויב, וואס איז געשטאנען אין אבטהיילונג„ פלעגט זיך ווי אין פאסען שטראהלען פערוואנדלען. זי פלעגט אבער גלייך, אפילו קיין אדיע ניט זאגענדיג, ארויסלויפען און נאך א קליין שוויי־גען, וואס איהר אוועקגאנג פלעגט פעראורזאכען, פלעגט זיך פערבינדען אזא מין געשפרעך:

— א רוח אין איהר, ווי שעהן זי איז!

— וואס פעהלט איהר, קדחת מיט כשר'ע פארעם.

— עס ליגט שוין פאר איהר אין באנק 50 טויזענד...

— מען דארף איהר גאר „רעדען" חייקלען, וועט ער ווע־רען אליין א קאפיטאליסט...

חייקעל פלעגט רויט ווערען און פלעגט ענטפערען ניט אהן כעס:

— ביים בעסער אב די צונג!...

נאכדעם אבער פלעגט ער א לאנגע צייט טראכטען וועגען איהר און ווי אויף צו להכעיס, פון דער גוטער זייט... אבפאנ־טאזירענדיג וועגען איהר א גוטע האלבע שעה, פלעגט ער זיך פלוצלינג עפעס דערמאנען און פלעגט זיך אויפכאפען ווי פון א שרעקליכען חלום.

— וואס איך קען טראכטען! פוי! און ווי אן אמת'ער

בעל תשובה פלעגט ער גלייך אויף די בייזע מחשבות זיך מתחרט זיין און זיך נעמען צו ריין־סאָציאַליסטישע מחשבות, און כדי אין גאַנצען אוועקטרייבען די פריהערדינע רציונות פלעגט ער זיך ווענדען צו איינעם וואָס איז לעבען איהם געשטאַנען ביי דער ארבייט און געפרעגט:

— דו האָסט געלעזען די פּראָקלאַמאַציע וועגען דעם בעקער־שטרייק אין ווארשוי ?...

אָבער וואָס ווייטער האָט חייקעל אָנגעהויבען צו פיהלען, אז זיינע געדאַנקען וועגען פאַניע, דעם פאבריקאַנטס טאָכטער, זיינען ניט קיין כשר'ע. ער וואָלט שווערען, אז ער האָסט זי ניט... דאכט זיך פונקט פערקעהרט... ביי דעם געדאַנק פלעגט ער זיך ניט אויף געלעכטער דערשרעקען. און ער פלעגט רופען צו הילף אלע ביכלעך, וואָס ער האָט געלעזען, דם „גן עדן התחתון“, און ווי „איינער לעבט“, און די „מעשה מיט די פיער ברידער“, און נאָך און נאָך. און אויב עס פלעגט נאָך ניט ווירקען פלעגט ער אויסגראַבלען פון זכרון אלע רציחות פון די פאבריקאַנטען בכלל און פון זיינעם בפרט, אלע ניט געלונגענע סטרייקען, היגע און אויסלענדישע, פון וועלכער ער פלעגט לייענען, אפילו דעם „קוילען־גרעבער סטרייק“ אויך. אויף א ווייל פלעגט עס ווירקען, און ער איז שוין געווען זיכער, אז ער האָסט פאַניע'ן גלייך מיט אלע „בורזשויען“, קאַפּיטאַליסטען און טיראַנען. שפּעטער אָבער פלעגט ווי דורך א כשוף, א בליץ טהאָן פאר זיינע אויגען איהר געשטאַלט, און דאָס געפיהל פון האָס איז ווי אַנטלאָפען געוואָרען און אין האַרץ האָט זיך בעזעצט א צווייטעם געפיהל, וועלכען חייקעל האָט מורא געהאַט אָנצורופען מיט'ן נאָמען, אָבער ער האָט דעם נאָמען זעהר גוט געוואוסט.

— א חרפּה און א שאַנדע! — פלעגט ער זיך אליין מוסר'ן. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אז אן ארבייטער...

סטייטש! סטייטש! אַן אַרבייטער... ווער איז זי דען? אונ־זערע אַ בלוט זוויגערין... פון אונזער בלוט איז זי שעהן... יענ־טיל וואָס אַרבייט אין שוועבעל פאַבריק, איז דאָך אייגענטליך טויזענד מאָל שעהנער, באַשר, זי איז נעבעך דאַר און פינ־סטער פון די קאַטאָרזשנע אַרבייט, זעהט זי אויס אַזוי מיאוס... נעהם איך גאָר און פערליעב זיך... פוי! אַ שאַנדע! איך בין גאָר קיין סאָציאַליסט ניט...

דער געדאַנק, אַז ער איז גאָר קיין סאָציאַליסט ניט, האָט אָנגפאַנגם אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז חייקעל האָט שין גע־מיינט, אַז ער אויז שוין אין גאַנצען בעפרייט געוואָרען פון די דאָזיגע מחשבות. עס האָט אָבער ניט לאַנג געהאַלטען; גראָד אויף מאָרגען, ווי מעשה שטן, פלעגט פאַניע אַריינגעהן אין זיין אָבטהיילונג און מיט איהר שטאָלצען אָבער אנגע־נעהמען קלינגענדיגען קול, פרעגען:

— איז דאָ ניטאָ דער פּאַפּאַ?

— אָט נאָר וואָס אַרויס...

און ענטפערען דוקא פריינדליך...

ליידענדיג אַזוי פון דעם דאָזיגען געפיהל, האָט איהם איינמאָל דורכגעבליצט אַ געדאַנק:

פון וואַנען ווייס ער אייגענטליך, אַז מען טאָר קיין פאַב־ריקאַנט'ס טאָכטער ניט ליעב האָבען. וואָס איז זי שולדיג, אַז איהר טאַטע איז רייך, אַ טיראַן, אַ בלוט־זויגער. עס קען זיין אַז לויט סאָציאַליזמוס איז דאָס גאָר ניט קיין עברה... פון וואַנען ווייס איך דאָס טאַקע, אַז מען טאָר ניט? — האָט ער זיך בערוהיגענדיג געפרעגט — קיין גרויסער „ענטוויקעל־טער“ בין איך דאָך ניט — עס קען זעהר מעגליך זיין, אַז עס איז ניט אַזוי שרעקליך...

דאָס האָט איהם אביסעל בערוהיגט, אָבער דאָך ניט אין גאַנצען. פסק'נען אַזאַ שווערע שאלה האָט ער זיך אויף זיך

אליין ניט געקענט פערלאָזען. וואָרים, שטיינס געזאָגט, וואָס ווייס ער? סך־הכל האָט ער געלעזען דעם „גן עדן התחתון", „פון וואָס איינער לעבט", די „מעשה מיט די פיער ברידער" און נאָך אזוינע, און פּראָקלאַמאַציעס. אמת, פּראָקלאַמאַציעס האָט ער טאַקע א סך געלעזען, אָבער דאָרטען שטעהט דאָך ניט וועגען אזוינע ענינים. דאָס מוז שטעהן אין די גרויסע בי־כער, אזעלכע ביכער האָט ער געזעהן ביי „לייבעל אגיטאַטאָר". ער מוז וויסען. ביי איהם דאַרף מען טאַקע א פרעג טהאָן.

נאָך דער ארבייט איז ער אוועק צו לייבעל אגיטאַטאָר.

לייבעל אגיטאַטאָר, וועלכער האָט געוואוינט ערגעץ אין א הינטער געסעל, האָט דריי מאָל געפרעגט. ווען חייקעל האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טהיר: ווער איז דאָס?

ווען חייקעל וואָלט גערארפט האָבען צו איהם וועגען א „קאָנספּיראַטיווען" ענין, וואָלט ער דרייסט געזאָגט ווער ער איז און לייבעל וואָלט איהם גלייך אריינגעלאָזען. אָבער האָ־בענדיג איינענטליך אזא נאַרישע כאָטש סאָציאַליסטישע שאלה, האָט חייקעל קיין מוטה געהאַט צו ענטפערען ווי א „בעקאַנטער". צוויי מאָל האָט ער געענטפערט „איך", ווי א געוועהנליכער בעזוכער, דעם דריטען מאָל האָט ער זיך אָבער געפּאַסט מוטה און געענטפערט אזוי, אז לייב האָט איהם אָהן מורא אריינגעלאָזט.

— עפּעס א נייעס? — האָט לייב געפרעגט.

— ניין, אזוי... — האָט חייקעל פערשעמט געענטפערט... אפשר האָט איהר. עפּעס פרישע ליטעראַטור?

לייב האָט איהם עפּעס דערלאַנגט. חייקעל איז געזעסען א ווײַלע שטיל, געקוקט אויף דער ערד, נאכהער איז ער צוגע־גאַנגען צום טיש, א בלעטער געטהאָן א דיק בוך אין דער רו־סישער שפּראַך און מיט א פערשעמטען שמייכעל געזאָגט:

— דאָ מוז אודאי שטעהן פון אלץ...

לייב אגיטאטאָר האָט געשמייכעלט און געגלעט זיינע שווארצע לאַנגע צעוואָרפענע האָר.

חייקעל האָט ווידער א ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט:

— איך האָב היינט געהאט א דיספוט מיט אן ארבייטער.

— וועגן וואָס? — האָט לייבעל געפרעגט.

— עס איז א חרפה צו זאָגן... וועגן „ליעבע".

— עס איז גאָר קיין חרפה ניט — האָט לייב אגיטאטאָר זיך אָנגערופען מיט אן אויטאָריטעטען טאָן. דער סאָציאַליז־מוס נעהמט אין זיך אריין אַלע פראגען. ליעבע איז זעהר א וויכטיגע פראגע.

— אָט וויל איך טאקע ביי אייך פרעגען — איז חייקעל מוטהיג געוואָרען. — ווי איז, למשל, דער דין, אז אן ארביי־טער פערליעבט זיך אין א עקספּלואטאטאָרס א טאָכטער?...

— ווי הייסט, ווי איז דער דין? — האָט לייבעל ניט פערשטאנען די פראגע און האָט געשמייכעלט.

— איך מיין, צי מעג אן ארבייטער זיך פערליבען אין א פאבריקאנט'ס טאָכטער?...

— אוי, אוי, אוי! נאָך ווי מעגען! — האָט לייבעל אויסגערופען.

חייקעל'ס געזיכט איז ווי מיט שטראהלען בעשאָטען גע־וואָרען.

— אזוי, מעג מען! און איך האָב געמיינט... איך האָב געזאָגט אז מען טאָר ניט...

—יאָ, מ'טאָר טאקע ניט—האָט לייבעל געלאכט—איהר ווייסט פארוואָס? ווייל אז דער פאבריקאנט זאָל זיך דער־וויסען וועט ער דעם ארבייטער ארויסטרייבען פון פאבריס...

חייקעל האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס איז? — האָט לייבעל געפרעגט — האָט זיך

דען דאָ ווער פערליעבט אין פאַבריקאַנט'ס מיידעל?

— ניין. עס איז אַזוי געקומען צו רעד... טעאָרעטיש... האָט חייקעל שוואַך געענטפערט.

— מען מעג! — האָט לייב אַגיטאַטאָר פעסט ארויסגע־רעדט.

אז חייקעל איז צוריקגעגאַנגען פון לייבעל'ן האָט ער אי־בערגעטראַכט:

„מעגען מעג מען, נאָר אַז דער פאַבריקאַנט זאָל זיך דער־וויסען, וועט ער דעם ארבייטער ארויסטרייבען"...

— אַ קרענק וועט ער עס וויסען! — האָט ער אין גע־דאַנק גערעדט, און דערמאָנענדיג זיך אָן פאַניען, האָט ער אין געדאַנקען צוגעגעבען:

— און זי וועט אויך ניט וויסען!

„אָבער אַ קרענק וועט זי ניט וויסען" האָט ער ניט גע־טראַכט. ווי באַלד אַז ליעבען מעג מען אויך אַ קאַפּיטאַליסטס אַ טאָכטער, היינט פאַר וואָס קומט איהר אַ קרענק?...

שליפעס.

איך האָב מיט עטליכע יאָהר צוריק געדונגען אַ קליין צי־מערל ביי אַ אידישען ארבייטער — אַ מוליער.

איך האָב זיך אייגענטליך ניט ריכטיג אויסגעדריקט. דאָס צימערל האָב איך געדונגען ניט ביי איהם, נאָר ביי איהר, ביי זיין ווייב, ער אליין איז דעמאָלט אין דער היים ניט געוועז.

— מיין מאַן שטעהט אויף 7 אין דער פריה און קומט אַ זייגער 10 ביי נאַכט — האָט זיי מיר דערצעהלט מיט אַ טאָן, אין וועלכען עס האָט זיך געהערט אי בעדויערונג, אי שטאָלץ.

צעהן אַ זייגער אין אָווענד האָט מיך איבערגעשלאָגען אַ פרעהליכער „גוטנ'אָבענד" פון אַ מאַנספּערזאָן. איך האָב זיך געשטעלט אויפ'ן שוועל פון מיין צימערל און האָב דערזעהן אַ אידען פון אַ יאָהר 25, פון מיטעלען וואוקס מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פערשמירטען פּנים, פון וועלכען עס האָבען ארויסגעקוקט צוויי פרעהליכע שווארצע אויגען.

— אָט דאָס, הייסט עס, איז אונזער קווארטיראַנט ? — האָט ער כלומרשט געפרעגט דאָס ווייב, קוקענדיג אויף מיר.

—דאָס בין איך אליין ! — האָב איך אנשטאט דאָס ווייב געענטפערט.

— זיין פרעהליכער קוק, זיין נאַטירליכע בענעהמונג האָט מיר עפּעס אויפגעלעגט צו איהם.

— איהר זענט אפילו אַ „דייטש" — האָט ער זיך גע־װענדט אין אַ ווײלע אַרום מיט אַ גוטען שמייכעלע — פון דעסטוועגען וועל איך אייך געבען אַ אידישען שלום־עליכם —

און דערביי האָט ער מיר אויסגעצויגען אַ פערשמירטע גראָבע, אָבער וואַרימע האַנד.

— אדרבא, האָב איך אויסגעשטאַמעלט — איך האַלט זעהר שטאַרק פון אַ שלום־עליכם.

— מיט אַ אידישען שלום־עליכם וועט איהר אין ערגעץ ניט פערפאַלען ווערען! — האָט ער צופרידען געזאָגט.

— איהר אַרבייט אַ גאַנצען טאָג? — האָב איך איהם אַ פרעג געטהאָן, ניט וויסענדיג וואָס אַנדערש צו זאָגען.

— ווי דען? ניט אַרבייטען איז דען אַ תכלית? דער מענש איז געבוירען געוואָרען אויף אַרבייטען. אָדם לעמל יולד, האָט ער צוגעגעבען, און זיין פנים האָט אַן ערנסטע מינע אָנ־גענומען. ס'איז געווען קאָנטיג, אַז ער איז שטאָלץ מיט די דריי לשון־קודש'דיגע ווערטער, וואָס האָבען זיך אַזוי שווער אַראָב־געקייקעלט פון זיין צונג, אָבער פאַרט זיך אַראָבגעקייקעלט...

— אָ, קענט איהר דאָך לערנען אויך! — האָב איך איהם געוואָלט אָנטהאָן אַ נחת־רוח.

איהם האָט מיין קאָמפּלימענט שטאַרק הנאה געטהאָן. דורך די לעהם, מיט וואָס זיין פנים איז געווען בעשפּריצט, האָט דורכגעשטראַהלט אַ רויטקייט, און ער האָט געענטפערט:

— קיין גרויסער למדן בין איך ניט, נאָר קיין עם־הארץ אויך ניט. שבת קוק איך אַמאָל אַריין אין אַ ספר.

— זעהר פיין! זעהר פיין! האָב איך געלויבט: תורה מיט אַרבייט האָט שטענדיג אַ קיום.

— ווי אין פרק שטעהט! — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און האָט געבראַכט אַ גאַנצען פסוק פון פרק.

— אָ, איהר קענט דאָך טאַקע גוט לערנען! — בין איך כלומר'שט נתפעל געוואָרען.

— ניט צו פערזינדיגען! — האָט ער שוין געשמייכעלט מיט שטאָלץ.

זיין ווייב, וואָס איז דערביי געזעסען, האָט אויך געקוואַ־לען און האָט ענדליך מיט ליעבער שטרענגקייט געזאָגט:

— נו, יאָסעל, געה שוין עסען!

— וואַרט, וואָס איילסטו זיך! זעהסט דאָך אז איך פער־ברענג מיט א מענשען.

עס איז געוועזען קענטיג, אז ער איז מיט מיר שטאַרק צו־פרידען. דאָס האָט מיר הנאה געטהאָן. איך בין זיך מודה, אז איך האָב זעהר ליעב צו נושא חן זיין ביי אָרימע פערהאָרע־וועטע מענשען. איך פיהל זיך אָפט קעגען זיי שולדיג, און אז איך קען זיי באַטש מיט עפּעס פערגעניגען פערשאַפען, בין איך ווי גליקליך.

מיר האָבען נאָך אביסעל גערעדט, ביז ער האָט זיך מיט א שמייכעלע צו מיר געווענדט:

— פון דעסטוועגען דאַרף מען טאַקע זיך וואַשען עסען. אז מען וועט ניט עסען, וועט מען ניט האָבען קיין כח צו ארבייטען. וועט מען נאָך חלילה מיך „ראַזשאַלעווען“.

איך האָב איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואָס הייסט עס ראַזשאַלעווען?

— איך האָב דאָך זיך דערדיענט צו א פּאָר שליפּעס פאַר מיין ארבייט, — האָט ער מיט א געמאַכטען שטאָלץ געענט־פערט.

— ער הויבט שוין אָן זיינע שטיק! — האָט דאָס ווייב זיך כלומר'שט געבייזערט — אז אָך און וועה צו אזעלכע שלי־פּעס — האָט זי אויסגעלאָזט מיט א זיפץ.

— וואָס איז? שלעכטע שליפּעס? — האָט ער ניט איינ־געשטימט — איך וועל זיך ניט בייטען מיט דעם גרעסטען געגעראַל'ס שליפּעס.

— וואָס איז דאָס פאַר שליפּעס — האָב איך זיך פער־אינטערעסירט.

— וואָס אַרט אייך, פיינע שליפעס, איך וועל זיי אייך ווען עס איז ווייזען.

— אפשר קען איך זיי זעהן איצטער, — האָב איך אויס־געּרעדט ווי מיט א בעטענדיגען טאָן.

— איצטער? איצטער?... — האָט ער זיך ווי פער־טראַכט. ווי זאָגסטו, חאָשע, — איך זאָל זיי ווייזען איצטער, צי איך זאָל אָבלעגען אויף פרייטאָג פאַר נאַכט, ווען איך וואַש מיך אָב.

— מען דאַרף קיינמאָל ניט ווייזען, — האָט זי ניט איינ־געוויליגט, — עס איז ניטאָ וואָס צו זעהן.

— געפעלען דיר ניט מיינע שליפעס? — האָט ער גע־שמייכעלט.

— מילא ווייזט, לאָמיר זיי זעהן, — בין איך געוואָרען שטאַרק נייגיריג.

— שפּעטער נאָכ'ן עסען, — האָט ער מיר א שעפּטשע געטהאָן אין אויער. איך בין אריין אין מיין צימערל און האָב מיט אונגעדולד געוואַרט.

אין א שעה אַרום, אַז איך האָב זיך שוין פערלייענט אין אַ בוך און האָב אָן די גאַנצע שליפעס ווי פערגעסען, האָב איך דערהערט א שטיל שעפּטשען:

— איהר ווילט זעהן?

— אָך, אָך! — האָב איך זיך דערמאָהנט און האָב זיך אויפגעשטעלט.

ער איז פאַר מיר געשטאַנען אָהן א ראָק און האָט גע־שמייכעלט.

— באַלד ווייז איך אייך. מיינט ניט, אַז איך בין אַבי ווער — האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען און דערביי עט־וואָס אראָבגעצויגען פון זיך די העמד.

— איהר זעהט מיינע שליפעס? — האָט ער מיר שוין געפרעגט מיט אַן ערנסטען טאָן.

איך האָב זיך איינגעקוקט און האָב זיך אַ טרייסעל געטהאָן. אויפ'ן רעכטען און לינקען קארק זיינען געזעסען צוויי גרויסעביילען ווי פויסטען. פון וואנען דאָס קומט, האָב איך ניט געפרעגט. איך האָב פערשטאנען, אַז די מולטערס לעהם, די ציגעל האָבען דאָס אָנגעריבען...

— עס טהוט אייך גאָר ניט וועה? — האָב איך קוים אויסגערעדט, און האָב איהם ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען, ווי איך וואָלט נאָר וואָס אַ גרויסע עולה איהם אָנגעטהאָן.

— וועה? האָט ער איבערגעפרעגט. עט, וועה! שליפעס טהוען דען וועה? אפשר די ערשטע צייט!.. איצט זיינען זיי שוין איינגעוואקסען.

— יאָ, יאָ! — האָב איך געשטאָמעלט: דאָס זיינען עהרליך־פערדינטע שליפעס. אייך קומט „טשעסט" אָבצוגעבען.

— עט, ווער דאַרף עס „טשעסט"! האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האנד, גאָט זאָל נאָר געבען כח צו ארבייטען. אַ גוטע נאכט, מען דאַרף געהן שלאָפען. מען דאַרף מאָרגען פריה אויפשטעהן צו דער ארבייט.

— אַ גוטע נאכט! — האָב איך איהם געוואונשען און בין געווען צופרידען, וואָס ער לאָזט מיך אליין: איך האָב מיך געשעמט צו קוקען איהם גלייך אין די אויגען אריין.

— אָט דאָס זיינען כשר פערדינטע שליפעס! — האָב איך געטראכט בלייבענדיג אליין, און האָב אַ גאנצע נאכט זעהר פיעל נאָכגעדענקט און לאנג ניט געקענט איינשלאָפען...

דער באַיקאָטירטער.

(פון גאַליציישען אַרבייטער־לעבען)

אַרבייטער־סאָציאַליסטען זיינען אין דער פּאַרטיי דאָ בערך פיעל. זיי זיינען בעוואוסט, ענטוויקעלט; ווייסען אַלע ווי איינער, אַז וואו דער קאַפּיטאַל וועט זיך ניט קאָנצענטרי־רען, קען דער סאָציאַליזם ניט איינגעפיהרט ווערען, — און שטיל, געלאַסען וואַרטען זיי אויף דער גליקליכער צוקונפט, ווען דער דאָזיגער קאַפּיטאַל וועט זיך „קאָנצענטרירען", אָבער דערוויייל שטעהען זיי אַלע אויף 7 אַזייגער אין דער פריה און אַרבייטען ביז איינס; איינס געהען זיי מיטאָג עסען, עסען אָב אין איילעניש; וועד עס רויכערט, פעררויכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס און נעהט אַוועק צוריק צו דער אַרבייט, וואו ער אַר־בייט ביז ניין אין אָבענד. איז ער אַ פרומער סאָציאַליסט, געהט ער פון דער אַרבייט אין „פעראיין", וואו מען כאַפּט אַמאָל אַ סאָציאַליסטיש וואָרט, אַ פּראָקלאַמאַציע, און מען ווילט זיך דאָרטען ביז פינף מינוט צו צעהן; פינף מינוט צו צעהן, פערלאָזט מען דעם פעראיין און מען לויפט העגדום פעג־דום אַהיים, כדי צו כאַפּען נאָך אָן אָפענעם טויער און ניט דאַרפען צאָהלען שפּער־געלד דעם סטרוזש.

קיינער פון זיי האָט נאָך פאַר דעם סאָציאַליזם ניט גע־ליטען. קיין שטרייקען האָבען זיי נאָך ניט געמאַכט: „מיר זיינען נאָך ניט גוט אָרגאַניזירט!" פערטיידיגען זיי זיך פאַר אַ רוסישען עמיגראַנט אַמאָל — „מיט דער צייט — יאָ" און אָט אַזוי לעבען זיי זיך רוהיג און שטיל. — שבת געהען זיי הערען די „דרשה", טאַקע אין זעלבען פעראיין, וואו עס דרשנ'ט

אמאָל אַ אייגענער רעדנער, און אמאָל אַן אָנגעפּאָהרענער פון רוסלאַנד, אַ בונדיסט. אַ בונדיסט איז מה־טוב, איז אודאי דער עולם גרעסער, וואָרים אויסער וואָס די בונדיסטען זיינען שאַר־פע טעאָרעטיקער און געהן ארויס פון היסטאָרישען מאטעריאַ־ליזם, זיינען זיי נאָך גוטע „סטיליסטען“ און זייער „זשארגאָן“ איז טאקע אַן אמת'ער, ריינער, געלייטערטער זשארגאָן.

וואָרים, כאָטש די פּארטיי האלט זיך ביי דער מיינונג, אַז „דער זשארגאָן“ איז נאָר אַ מיטעל צו ערציהען די ברייטע מאַ־סען, פונדעסטוועגען האָבען די ארבייטער־סאָציאליסטען מאַ־סע ליעב אַ שעהן שטיקעל לשון אויך, און ווי געזאָגט, די בונדיסטען זיינען גרויסע בעל־לשון'ס — דאָס זיינען אפילו מודה די „פּעפּעסאָוועצעס“.

אָט אזוי לעבען די סאָציאליסטען אין דער גאליצישער שטאָדט ק. רוהיג און צופרידען, מיט אַ טיפען גלויבען, אַז קוים וועט זיך דער קאפּיטאל קאָנצענטרירען וועט דאמאָלס איינגעפיהרט ווערען סאָציאליזם און עס פערשטעהט זיך, אַז ערשט דאמאָלס וועט זיין אַ ישועה אויף דער גאנצער מענש־הייט.

ניט אזוי אָבער איז געוועזען מיט דעם ארבייטער יואל בלומשטיין. ער איז טאקע אויך ארויסגעגאנגען פון שטאַנד־פּונקט פון היסטאָרישען מאטעריאליזם, אין קאָנצענ־טראַציע פון קאפּיטאל האָט ער אודאי נעגלויבט; אָבער רוהיג ווארטען דערויף האָט ער ניט גע־קענט. ער האָט געהאָט אַ הייס בלוט, אָבער טאקע זודיגס. אודאי האָבען איהם די ארבייטער, איבערהויפּט פון זיין פאָך, — די קאמאשען־שטעפּער — געאכט פאר זיין איבערגעבענ־הייט דער אידעע. אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז די בעלי־בתים, די מייסטערס, פון ווענען ער דאַרף האָבען די יניקה, אַז זיי אכטען איהם נאָר ניט, פערקעהרט — זיי האָבען איהם

פיינט, ווי אַ שפּין, און אין די בעסטע צייטען אפילו האָט ער זיך מעהר ווי אַ חודש ניט געקענט איינהאַלטען אויף אַן אָרט. ערשטענס, איז ער אַ גרויסער עזות־פּנים: לאַכט דעם בעל־הבית און דעם מייסטער אין די אויגען, צווייטענס, קען ער זיך אַמאָל פערשפּעטיגען אויף גאַנצע צעהן מינוט און טאַקע צו פּאָר מאָל אין דער וואָך, ווילסטו איהם אָברעכענען, מאַכט ער קולות און רופט הויך אויפ'ן קול: „עקספּלואַטאַטאָרס“! נאָר דאָס וואָלטען די בעלי־בתים איהם שוין מוחל געווען: אויך מיר אַ מענש! אויף ווענען מען קען דאָ פּאַראַיבעל האָבען! אָבער אַן אונגליק מיט איהם — ער בונטעוועט די איבעריגע!.. דערפאַר האָט שוין אַ בעל־הבית מורא!... צוריקרעדענדיג, האָבען זיי קיין מורא אויך ניט, וואָרים ווענינ קאַמאַשען־שטעפּער קומען דען אַלע טאָג פון רוסלאַנד? מען בעט זיך! נאָר גלאַט, נאָך וואָס דאַרפען זיי האָבען אַזאַ חברה־מאַן אין זייער פאַבריק? געה אין דר'ערד! און יואל בלומשטיין האָט זיך אַזוי אַרומגעדרעהט פון איין בעל־הבית צום צווייטען, אַזוי געבונטעוועט די אַרבייטער ביי יעדערען, ביז וואַנען די בעלי־בתים האָבען זיך אָרגאַניזירט, און אָט דעם שגץ אינגאַנצען באָיקאָטירט.

מען וויל איהם אין ערגעץ ניט אויפנעהמען.

ווערט דאָך יואל בלומשטיין ניט שטאַרק נתפּעל. די ערשטע צוויי טעג נאָכ'ן באָיקאָט איז ער אָביסעל אויפגערעגט, שטעלט יעדען אַרבייטער אָב, טענה'ט מיט איהם דערהיצט. ערקלעהרט איהם פאַרביינעהענדיג אַז עס וואָלט אַ יושר געווען „זיי“ אָנצולערנען, רעדט נאָכאַנאַנד, און פערגעסט, אַז ער איז טויט־הונגעריג, וואָרים דער יעצטיגער בעל־הבית האָט איהם אפילו ניט בעצאָהלט, וואָס איהם קומט.

אַזוינע עקספּלואַטאַטאָרס!

מילא, הונגעריג — הונגעריג; יואל בלומשטיין איז ניט

פון דעם סאַרט מענשען, וואָס וועלען געהן דערצעהלען אזוינע נאַרישע מעשיות, ווי הונגער... אין דער צעהנטער פּאה ליגט דאָס איהם נים. אָט, ווען ער וואָלט געקענט אָנלערנען די בעלי־בתים און מאַכען א שטרייק, וואָלט געווען א שכל!.. נאַר טהו, מאַך! אז צום פּאַהיבעל זיינען גראָד פון די 300 קאמאַשען־שטעפּער נאָר זעכציג אָרגאַניזירט און די איבעריגע זיינען פלעקער — 240 פלעקער! פּאַר סאָציאַליסטען האָבען זיי מורא, ווי פאַר פייער. סאָציאַליסטען, זאָגען די 240 פלעקער, זיינען גויים! געה, רעד מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס! דאָס איז ניט רוסלאַנד...

אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער גראָד ביי אַן ארבייטער געכאַפּט א צעהן קרייצער, וואָס איהם איז געקומען, האָט ער שוין אויף א טאָג לעבען, און ער ווערט פרעהליך. מאַכט זיך אָבער א מעשה, אז די בעל־הבית'טע זאָגט איהם אָב פון דער דירה: זי האָט זיך דערוואוסט, אז ער איז באָיקאָטירט, וויל זי איהם ניט טרויען. און אויף וואָס זעהענדיג זאָל זי איהם טאַקע טרויען? מילא ביי נאַכט, אז ער שלאָפט, האָט זי נאָך אין משכון זיינע בגדים (אויך מיר בגדים!...), אָבער אין דערפריה, אז ער שטעהט אויף, טהוט זיך אָן און נעהמט צו דעם שטעקען זיינעם, בלייבט ביי איהר שוין גאָרנישט.

— וואו איז כאָטש זיינע וועש? — וואונדערט זיך די בעל־הבית"טע. א מענש זאָל קיין ברעקעל וועש ניט האָבען!

ביי איהר האָט אמאָל געוואוינט אויך אַן אָרימער קוואַרטיראַנט (וואָס דען, פאַר א צוויי קראָנען א חודש וועט א רייכער וואוינען?), פונדעסטוועגען האָט יענער געהאַט א פּאָר שטיקלעך העמדער, א פּאָר תפילין... דער האָט אפילו קיין תפילין נים. בעהיט זאָל מען ווערען פון אזעלכע!

קומט צוגעהן בלומשטיין אָבענד־צייט אין פעראיין און דערצעהלט, פערשטעהט זיך, לאַכענדיג (וואָס דען נתפעל וועט

ער ווערען ?), אז ער האָט שוין קיין דירה אויך ניט, און בשעת רעדען קוקט ער אויף דער באַנק, וואָס שטעהט ביי דער וואַנט. „אַ וואוילע באַנק! מען וועט זיך קענען אויסציהען אויך"!... אזוי טראַכט ער, אָבער זאָגען זאָגט ער דאָס ניט. צי וואָס דאַרף מען וועמען צו דערצעהלען מעשיות?...

זיי וועלען שוין זעהן פאַרטינערהייט...

דער עולם־אַרבייטער דרעהט זיך אום אין פערויין. יע־דער פאַך־אַרבייטער שמועסט וועגען זיין פאַך, אַן אַנדערער דערצעהלט גלאַט אַ מעשה פון אַ בונדיסט, וואָס די האָר שטע־לען זיך קאַפּויר...

בלומשטיין גנעהט צו צו יעדער קופּקעלע, רוקט אריין אַ וואָרט, אַן עכט סאָציאַליסטיש, שילט די קאַפּיטאַליסטען און קוקט אַלץ אויף דער באַנק.

באַלד הויבט אָן צו ווערען שיטערער און שיטערער. עס איז שוין אַ פּנים 5 מינוט פאַר צעהן...

—נו, און דו ? — פרעגט בלומשטיינ'ען איינער מיט אַ שליסעל אין דער האַנד.

— איך — לאַכט בלומשטיין — איך, חע־חע־חע — איך האָב פאַר שפּער־געלד קיין מורא ניט...

— ווילסט בלייבען, הייסט עס, נעכטיגען דאָ ? — פרעגט איהם דער אַרבייטער מיט דעם שליסעל אין האַנד.

— חע־חע־חע ! אַ ברירה האָב איך...

— נו, טאָ נאַ דיר דעם שליסעל.

און בלומשטיין בלייבט איינער אליין אין סאָציאַליסטי־שען בית־מדרש'ל. שלאָפען איז נאָך פריה, זעצט זיך בלומ־שטיין און לייענט דעם לייט־אַרטיקעל פון דער אַרבייטער־צייטונג. ער לעזט מיט כונה, נעהמט יעדעס וואָרט אריין אין קאָפּ און גיט דעם שרייבער גערעכט : „זעהר ריכטיג!" מור־מעלט ער ארויס נאָך יעדער פראַזע. „זעהר ריכטיג !" ענדליך

הייבען זיך איהם אָן קלעפּען די אויגען. ער שטעהט אויף, פּער־לאָזט די ציימונג, שפּרייט אוים דעם צעריסענעם איבער־בגד זיינעם אויף דער באַנק, פון די צוויי ארבעל מאַכט ער א צו־קאָפּענס און לעגט זיך אַנידער, צורעקענדיג נאָר די פים מיט'ן אַלטען צופליקטען רעקעל. די אויגען קלעפּען זיך, אָבער ער פיהלט זיך זעהר אויפגערעגט און קאָן ניט שלאָפען. דערצו נאָך דאַרף ער זיך דערמאָנען, אַז ער איז הונגעריג...

זיין שטענדיג אָפּטימיסטישע שטימונג הייבט ביסלעכ־ווייז אָן צו פערשווינדען.

— אָ, גאָט מיינער! — ווערט ער ענדליך, געדריקט פון הונגער, פערצווייפעלט: אזוי פיעל ארבייטער זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט, איך בין באַיקאָטירט; נים קיין דירה, ניט קיין עסען... דער פעראיין איז אָרים, קאָן מיר ניט העלפען, און צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז נאָך אזוי ווייט, אזוי ווייט!...

חברים

פון טורמע, וואו ער איז אָבגעזעסן 9 מאָנאַטען, איז בעריל ארויס א זייגער 7 פאר נאכט. דאָס קליין פּעקעלע, אין וועלכען ס'איז געלעגען א פּאָר שווארצע צעריסענע העמ־דער, האָט ער הינטער'ן פּארקאַן אַוועקגעוואָרפען.

— אז פריי זיין — איז פריי! — האָט ער זיך געווי־צעלט אין גערעַנס.

ער האָט זיך געלאָזט געהן אין דער צווייטער גאַס, וואָס איז געווען בעלעבט מיט פיעל שפּאַצירענדע, איבערהויפּט מיט יונג־וואַרג; עס האָט געקלונגען א פרעהליך־לאַכען פון יונגע מיידלעך, וואָס האָבען פעסט געהאַלטען אין די אָרעמס זייערע הערען און פלעגען זיי אין די אויגען אַלע ווײַלע אריינקוקען מיט גרויס ליבע און גאַנצער איבערגעגעבנהייט. ער האָט צווי־שען די אַלע געזוכט זיינע בעקאַנטע, נאָר ער האָט קיינעם ניט געפונען. ער האָט אזוי געבענקט נאָך א בעקאַנט פּנים, נאָך א פריינד'ס א קול! נאָר צווישען די אַלע שפּאַצירענדע איז קיי־נער פון זיינע פריינד ניט געווען. האָט ער זיי ערגעץ אנדערש יאָ געהאַט? ער האָט אליין ניט געוואוסט. אויף דער „ארביי־טער־בירזשע" וואָלט ער זיכער עמיצען געפינען, נאָר גלייך פון דער טורמע אויף דער בירזשע איז אביסעל צו געפעהרליך.

— וואוהין זשע געה איך? — האָט ער זיך אליין אָב־געשטעלט מיט א פראגע.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אמאָליגען „חבר" ביינוש'ן, וועלכער האָט שוין מיט א יאָהר צוריק חתונה געהאַט מיט דער

חבר'טעביילקען און וואוינען ערגעץ אין א שטיל פערוואָר־פען נעסעל. די חברים זיינען אפילו אויף ביינוש'ן בייז געווען, וואָס ער האָט כמעט איננאנצען פערלאָזען די בעוועגונג, אָבער אריינגעהן צו איהם קען מען דאָך.

ער איז אוועק צו זיי און האָט געהענדיג בעשלאָסען, אז ער וועט דאָרטען שוין אויך נעכטיגען.

אז ער איז אהין אריין איז שוין געווען 8 אזייגער אין אָוונד. דאָס קליינע צימער, וואו ביינוש האָט געוואוינט, האָט אויסגעזעהן ווי אן עכטער טויבען־נעסט. נאָר די צוויי בעטען, וואָס זיינען געשטאַנען הארט איינע נעבען די אנדערע און זעהר גלאַט און פּאַרזיכטיג פערבעט, האָבען געשריען הויך, אז דאָ וואוינען ניט קיין טויבען, נאָר מענשען...

ביינוש האָט איהם אָנפאַנגס ניט דערקענט; בעריל האָט געלאַכט, און זיך אַליין ניט געלאָזט דערקענען, נאָר אז ער האָט דערזעהן, אז ביינוש ווערט אַלץ ערנסטער און ערנסטער, האָט ער ארויסגעשאָסען:

— איהר דערקענט ניט בערלען?...

— אך! —האָט ביינוש ארויסגערופען, און ס'איז געווען שוועהר צו דערקענען צי ער איז צופרידען, צי דערשראָקען. ער האָט בערלען אָנגעקוקט א קליין ווייַלע און שוין רוהיגער צוגע־געבען:

— אָבער זעהט איהר אויס, ווי א מת... זענט איהר לאַנג געזעסען?

— ניין חדשים... האָט בערעל געענטפערט מיט א שמאָלץ...

— פאַר וועלכע מעשים טובים? — האָט ביינוש גע־פרעגט מיט א שמייכעל.

— אָ, ברודער! — האָט זיך בערעל צוהיצט און האָט זיך שוין אוועקגעזעצט — געזעסען בין איך פאַר א פיינער

מעשה: סך הכל האָט מען מיך חושד געווען, אַז איך האָב גענומען אַנטייל אין הרג'ענען אַ גאָראָדאָוואָי... איך בין געווען ניט ווייט פון פּעטליע...

ביינוש האָט אַ ציטער געטהאָן און קוים אַרויסגערעדט:

— וואָס רעדט איהר? איהר זענט דאָך, ווי איך געדענק, צווישען טעראָריסטען קיינמאָל ניט געווען?

— מען דאַרף דווקא זיין?... — האָט בערעל געשמייכעלט, און זיינע ליפּען אין די ווינקלען האָבען זיך מאָדנע פערקרימט — ס'איז גענוג, אַז איך בין בשעת מעשה געווען אין גאַס...

ביינוש האָט אויף איהם געקוקט ווי מיט חשד. ס'איז געווען קענטיג, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, פרעגען, און ניט געוואוסט, ווי אַזוי אָנצוהויבען. די שטילקייט האָט געדויערט אַ פּאָר מינוטען און בערעל האָט בשעת מעשה געטראַכט:

— ער איז געוואָרען קליין... קליין... אָבער נעכטיגען וועל איך פאָרט דאָ...

— וואו איז ערגעץ אייער ביילקע? — האָט בערעל איהם ענדליך געפרעגט און ניט געוואוסט אליין, פאַר וואָס ער שמייכעלט.

— ביילקע... ביילקע קומט באַלד.

און ווירקליך איז באַלד אריין ביילקע, — אַ הויך שלאַנק ווייבעל מיט טיפע שוואַרצע אויגען און מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר. זי האָט אויסגעשטעלט איהרע אויגען אויף בערלען און ווי פערוואונדערט האָט זי אויסגערופען:

— בערעל!

— בערעל! בערעל!—האָט בערעל בעשטעטיגט און האָט, אויפשטעלענדיג זיך, דערלאַנגט איהר די האַנד, ניט וועלענדיג אַרויסווייזען זיין נאָהענטסקייט צו איהר, האָט ער איהר

האנד שטארק א דריק געטאָן. ביילקע האָט זיך מאָדנע, צי פון וועהטאָג, צי פון אונצופרידענהייט, פערקרימט. בערעל האָט עס בעמערקט און האָט גלייך חרטה געהאַט.

— איהר וענט, דוכט זיך, געזעסען? — האָט זי קאַלט געפרעגט.

— איך בין געזעסען און געלעגען און געשטאַנען — האָט בערעל געפרובט צו בעשאַפען א לייכטע שטימונג ביים פּאָר פאָלק. ס'איז איהם אָבער ניט געראָטען. דאָס פּאָר פאָלק, וואָס זיינען אמאָל געווען די ערשטע אין דער באַוועגונג, האָבען אויסגעזעהן זעהר טרוקען און האָבען אלע ווײלע איינע די אַנ־דערע אָנגעקוקט. אזוי קוקען זיך אָן צוויי גליקליכע רוהיגע מענשען, ווען צווישען זיי מישט זיך אריין א דריטער, אַן אונגליקליכער.

— נו, ביינוש, ווערסט שוין עסען? — האָ ביילקע גע־פרעגט.

— עסען? — האָט ביינוש איבערגעפרעגט, ווי עס וואָלט געגאַנגען אין א זעהר וויכטיגער זאַך — איך וויל נאָך אפילו ניט אזוי שטארק, נאָר ס'איז שוין צייט!

— און איהר, בערעל? — האָט ביילקע העפליך, אָבער קאַלט זיך געווענדט צו בערלען — איהר ווילט אפשר אויך עסען?

— עסען? — האָט אויך בערעל איבערגעפרעגט, אָבער האַלב פערשעמט און איבערזעצענדיג זיך אויף א צווייטען שטוהל. איך מיין, וואָס קען דאָ זיין... אז איהר וועט עסען, וועל איך אויך עפּעס א ביס טאָן... שטארק הונגעריג בין איך אויך ניט...

ביילקע האָט זיך גלייך גענומען מאַכען דעם אָווענד־ברויט און אָנגעצונדען די מאַשינקע.

אין צימער איז געוואָרען שטיל, נאָר די מאַשינקע האָט

שטאַרק ווי אַ גרויסע ביהן געזשווזשעט און גערוישט. בערעל האָט געוואָלט דערצעהלען זיינע געוועזענע חברים עטליכע אינ־טערעסאַנטע פּאַרפּאַלען אין דער טורמע; למשל, ווענען הונגער־שטרייק, וואָס האָט געדויערט גאַנצע 7 טעג און מ'האָט אויס־געפיהרט אַלע גוטע זאַכען: שפּאַצירען גאַנצע 20 מינוט און שטעהן ביים פענסטער און איידעלע בענעהמונג; ווי אַזוי מען האָט דעם פּראָקוראָר אויסגעפייפט, אַז ער איז צו די פּאָליטי־שע געקומען, און איבערהויפּט האָט זיך איהם געוואָלט דער־צעהלען זיינע חברים, וואָס פאַר אַ דריקענדע שטימונג ס'האָט געהערשט, בשעת מען האָט איוואַנאָוו'ן פאַר'ן אַנפאַל אויפ'ן פּאָליציי־מייסטער, 5 אַזייגער פּאַרטאָג אַרויסגעפיהרט הענ־גען; ווי אַזוי אַלע פּאָליטישע ביז איינעם האָבען געקלאַפּט אין די טהירען, געשלאָגען די פענסטער, און צוויי מיידלעך האָ־בען גע'חלש'ט... נאָר סוקענדיג אויף זיינע חברים, דאָ אויף ביינוש'ן, דאָ אויף ביילקען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז זיי וועלען גלייך אָנהויבען צו גענעצען ביי דער ערשטער מעשה...

— זיי זיינען קליין געוואָרען... קליין... — האָט ער ווידער גענומען חזר'ן אין געדאַנק ווי ער וואָלט מורא האָבען ניט צו פערגעסען אַזאַ וויכטיגע ערשיינונג. — אָבער נעכטיגען, האָט ער ווידער גע'חזר'ט אין געדאַנק, וועל איך דאָ...

דער אָוועגד־ברויט איז בעשטאַנען פון ברויט מיט פּוטער און פון צוויי סאָרטען קעז, און פון קאַווע גוט פערוויסט מיט מילך. עסענדיג האָט בערעל בעמערקט, ווי ביילקע שמירט אַלץ נייע שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, לעגט אַרויף די צוויי מינים קעז אויף זיי און ווענדט זיך אַלץ צו ביינוש'ן, אַריינ־סוקענדיג איהם ליעב אין די אויגען:

— עס, ביינוש... עס...

— זיי זיינען קליין געוואָרען... קליין... האָט בערעל ווי־דער גענומען חזר'ן אין געדאַנק...

נאָכ'ן עסען האָט בערעל, וואַרפענדיג זיינע בליקען אויף דער קליינער סאָפע, וואָס איז געשטאַנען הארט ביים וואַנד, שוין געוואָלט ארויסזאָגען זיין פערלאַנג, אז ער וועט דאָ היינט נעכטיגען... נאָר גראד האָט ביינוש מיט א שמייכעל, פער־רויכענדיג א פאַפּיראָס (און פערגעסענדיג דערמיט מכבד זיין בערלען), א זאָג געטהאָן צו ביילקען:

—ווייסט, ביילקע, אין וואָס מען האָט דעם דאָזיגען שעפּס חושד געוועזן? א נו, טרעף!

— וואָס הייסט חושד געוועזן? — האָט ביילקע זיך פערוואונדערט — ווענינ האָט ער דען געארבייט, ווי איך גע־דענק, אין דער בעוועגונג?

— דאָס איז א באַזונדער זאַך, — האָט ביינוש, ארויס־לענענדיג זיין האַנד אויף ביילקעס האַלב ענטבלויזטער פּליי־צע, געענטפערט—אַן ארבייטער איז ער געוועזן איינער... דאָס גערענק איך נאָך... אָבער היינט איז ער געזעסען גאָר אומזיסט — מען האָט איהם חושד געוועזן, אז ער האָט גע'הרג'עט א נאַראָדאָוואַי...

— וואָס רעדסטו? — איז ביילקע פערציטערט געוואָ־רען...

— נו, וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען... האָט בערעל זי בערוהיגט, — איהר זעהט דאָך, אז איך בין פריי.

— יאָ, פריי! ווער וויים, צי זענט איהר ניט אנטלאָפען!

— האָט ביילקע געזאָגט, קוקענדיג אויף איהם מיט חשד.

— נו, אזא העלד בין איך נאָך ניט... ס'הייסט, איינענט־ליך האָב איך געקלערט מיט א חודש צוריק צו אנטלויפען... נאָר...

ער האָט א קוק געטהאָן אויף ביינוש'ן, אויף ביילקען און אויף די צוויי בעטען פון דעם דאָזיגען פּאָר פאָלק, ווי אזוי זיי ער זיי דערצעהלען מעשיות?...

אין צימער איז ווידער שטיל געוואָרען.ביילקע האָט אַ קוק געטהאָן אויף ביינוש'ן און אויף בערלען, און אַ מבין אויף שטום־לשון וואָלט גלייך פערשטעהן, אז דאָס האָט זי גע־פרעגט:

— ווען וועט ער שוין אַוועקגעהן?

ביינוש האָט דעם קוק, קענטיג, פערשטאַנען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און װענדענדיג זיך צו בערלען האָט ער געזאָגט:

— נו, און וואָס איז מכח אַ דירה — האָט איהר שוין?... איהר דאַרפט זיך דאָך ערגעץ זעהן איינמעלדען. הייגט איז דאָך סכנות נפשות!

— דריי חדשים טורמע! — האָט ביילקע אַ דערשראָ־קענע צוגעהאָלפען.

— קיין דירה האָב איך ניט... איך מיין אַ נאַכט איבער־נעכטיגען איז קיין סכנה נישט... האָט בערעל בערוהיגט...

— נו, האָט איהר שוין וואו? — האָט ביילקע גע־פרעגט. מען וועט דאָך באַלד פערמאַכען די טויערען.

— איך האָב געמיינט... איך האָב געוואָלט דאָ ביי אייך איבערנעכטיגען...

— וואָס רעדט איהר? ביי אונז? וואו?... ס'איז דאָך ניטאָ וואו... מיר האָבען דאָך נאָר א י י ן צימער. איהר זעהט דאָך... האָט ביילקע זיך ווי רחמים געבעטען...

— איהר זעהט דאָך, אז איין צימער... ווי אזוי? האָט זיך אויך ביינוש גענומען בעטען.

בערעל האָט זיך דערמאָנט, אז מיט עטליכע יאָהר צוריק זיינען ע ר, ביינוש און ביילקע און נאָך צוויי חבר'טעס און צוויי חברים געשלאָפען אַלע אין אַ קליינעם צימער און עס איז אויסגעקומען אזוי שעהן, אזוי פרעהליך און אזוי ערהאַבען. ער האָט דאָס זיי געוואָלט דערמאָנען, נאָר אַ קוק טהוענדיג אויף די צוויי בעטען פון דעם דאָזיגען פּאָר פּאָלק, ווי אזוי זיי

זײַנען רײַן און אָרענטליך פּערבעט, האָט ער גלײַך דערפֿיהלט דאָס קלײנליכע לעבען, וואָס עס פֿיהרען איצט די דאָזיגע צוויי געוועזענע חברים אין דעם דאָזיגען צימער און ער האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון אָרט אויף אוועקצוגעהן.

דערזעהענדיג, אַז ער הויבט זיך אויף אוועקצוגעהן, זײַנען זײַערע פּנים'ער געוואָרען גלײַך פֿערענדערט. אַ זיסע צופֿרידענהײַט און גוטסקײַט האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסען. בײַלקע האָט געהאָלפֿען זוכען זײַן הוט, וואָס האָט זיך פֿערוואָרפֿען הינטער'ן קאַמאָד, און אַז בערעל האָט איהר ניט געוואָלט לאָזען, האָט זי זעהר פֿרײַנדליך געזאָגט:

— אַך, איך בעט אײַך זעהר... אדרבה... אָט איז עס...

און בײַנוש האָט ארויסגעכאַפּט דעם פּאָרטסיגאַר, און געבענדיג בערלען אַ פּאַפּיראָס, האָט ער געזאָגט:

— איהר רויכערט, דאַכט זיך... איהר ווייסט דאָך, אַז מיט'ן גרעסטען פֿערגעניגען... נאָר ס'איז ניטאָ וואו... איהר זעהט דאָך...

— ס'וואָלט נאָר געווען וואו.... מיט'ן גרעסטען פֿערגעניגען — האָט אויך בײַלקע צוגעהאָלפֿען.

און זיי זײַנען געווען אַזוי גוט, אַז בערלען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואָלטען איהם יעצט אַלץ אַוועקגעגעבען, נאָר ער זאָל זיי לאָזען אַלײן, ער זאָל נאָר אַוועקגעהן...

די דאָזיגע פֿרײַנדליכקײַט האָט איהם אַזוי בעלײדיגט, אַז ער איז צוטומעלט געשטאַנען און זענענענדיג זיך, האָט ער געשטאַמעלט עפּעס מאָדנע אונדײַטליכע ווערטער, און האָט זיי בײדען זעהר שטאַרק געדאַנקט פֿאַר'ן אָווענט־ברויט...

אַז ער איז ארויס, איז שוין דרויסען געווען פֿינסטער, די טויערען פֿון די הײַזער — אומעטום פֿערשפּאַרט. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז פֿערשפּאַרט זײַנען זיי נאָר פֿון איהם אַלײן. און ער האָט זיך דערפֿיהלט, ווי אַ גרויסער פֿערברעכער.

אַ דערשראָקענער האָט ער זיך געלאָזט געהן ווייטער און טרעפענדיג אין אַ ראָג נאָס אַן איינזאַמען גאָראָדאָוואָי, האָט זיך איהם געוואָלט צוגעהן און פרעגען:

— ווייסט ניט חבר, וואו קען מען ערגעץ איבערנעכ־טיגען?...

און גלייך האָט ער זיך פערשעמט און דערשראָקען פאַר אזא מאָדנעם געדאַנק און האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער, זוכען חברים...

מיין מאַמע.

(דערצעהלט פון אן ארבייטער)

פאַר קעסט צאָהל איך דער מאַמען 6 רובעל א חודש. אלע דאָנערשטאָג אווענד, ווען איך קום פון דער פאבריק א פערמאטערטער, א פערשווארצטער און די מאַמע בעגעגענט מיך מיט א קרעכצעלע, נעהם איך שטום ארויס דאָס בייטעלע און צעהל איהר אויס צעהן גילדען — איינציגע גילדענס. די מאַמע צעהלט עס איבער מיט א קרעכצעלע, לעגט עס אריין אין א בלעכענער פערזשאווערטער קוואָרט, וועלכע איז נאָך מיט 10 יאָהר צוריק „טרייף" געוואָרען און דינט פון דאמאָלס אלס איהר קאסע, און מיט א קרעכצעלע זאָגט זי ארויס:

— נו, נעה עסען!...

איהר פערשטעהט? — די מאַמע, די אלטע, פרומע מאַמע, וואָס דערמאָנט נאָך יעדערע צוויי ווערטער דעם „רבונו של עולם", וואָס קאָן אויסוויינינג דעם גאנצען ש"ס תחנות, וואָס מאכט א ברכה אויף אביסעל קאלט וואסער, וואָס עסט ניט אויף א כזית ברויט אומגעוואשען, — מיין אלטע פרומע מאַמע זאָגט מיר גלייך:

— נו, נעה עסען... נעה וואש זיך, דאָס האָט זי מורא צו זאָגען...

און דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס זי פערדינט אן מיר א פערטעלע א וואָך, און אפשר א צוויי גילדען...

ליעב האָב איך זי ניט, נאָר דאַמאָלס, ווען איך געה גלייך צום טיש עסען אומגעוואַשען, און טהו נאָך אויס דאָס היטעל, — דאַמאָלס ווייניגט מיר דאָס האַרץ אויף מיין אָרימער פרומער מאַמען, וואָס איז געניטהיגט פאַר אַ פערטעלע אַ וואָך צו פערקויפען איהר גרויסען, שטאַרקען גאָט...

איך בעשליס מיך אַלע טאָג כמעט, פון היינט אָן געהן וואַשען זיך און עסען אין אַ היטעל, נאָר איך קען ניט, איך קען ניט!... איך בין, פערשטעהט איהר מיך, אַ ענטוויקעל-טער אַרבייטער, איך ווייס, אַז דער הימעל איז קיין הימעל ניט, — עס איז לופט; איך ווייס אַביסעל פון דאַרוויניזם, איך ווייס וואָס בעדייט קאַפּיטאַל, איך ווייס, ווי אַזוי די ערשטע מלוכה האָט זיך געגרינדעט, איך ווייס ווי אַזוי אַלע מנהגים האָבען זיך ענטוויקעלט. דאָס וויסען האָט מיר אַזוי פיל מיה געקאָסט, און פּלוצים — געה וואַש זיך צום עסען און עס אין אַ היטעל!... אמת, דער מאַמען איז אַ רחמנות, אָבער מיר איז דאָך אויך אַ רחמנות, און, פאַר וואָס זאָל מיין גאָט זיין בילינגער פאַר איהר גאָט?...

אָבער ליידען לייד איך דערפון זעהר טיעף און קיין גרויס הנאה האָב איך ניט פון עסען...

אַמאָל לויפט נאָך צו מיין בלייבע 13-יעהריגע הונגעריגע שוועסטערל און כאַפּט אַ שטיקעל ברויט פון טיש, און כאַפּט זיך גלייך עסען. די מאַמע דערזעהענדיג עס, פאַלט אויף איהר אַרויף און שלאָגענדיג זי, שרייט זי:

— אַ, דו גויה דו, משומדת'טע! אָהן געוואַשען...

— „מאַמע—און איך?“?—רייסט זיך ביי מיר שיעור ניט אַרויס פון דער צונג.

און מיר דאַכט זיך, אַז די מאַמע פיהלט עס און וויל מיר ענטפערען:

— דו, מיין זוהן, מעגסט — דו פערדינסט...

איך מעג—איך פערדין. אט וועט זי באלד געהן אין יאטקע און וועט פאר מיינע געלד נעהמען פלייש, און מארגען, פרייטאג, וועט זי שבת מאכען, זי וועט קויפען ליכט און וועט זיי בענשען, און פערדעקענדיג מיט די הענד דאס דארע צע־קנייטשטע פנים, וועט קיינער ניט זעהן איהרע טרעהרען, אוי־סער, נאך איהר מיינונג, גאט.

רחמנות האב איך שטארק אויף מיין מאמען; אז איך זעה איהר פאר דער צייט פערעלטערט־פנים, אז איך זעה איהרע אויסגעלאשענע פערצווייפעלטע אויגען, אז איך זעה איהרע דארע הענד, וועלכע צימערן, ווען זיי דערלאנגען מיר צום טיש עפעס עסען, — אז איך הער איהר שטיל דערשלאגען קול, קלעמט מיר דאס הארץ, — ליעב אבער האב איך זי נים... —

איך בין אן ארימער דערשלאגענער ארבייטער, פון פינס־טער ביז פינסטער שטעה איך אין פאבריק און זעה נאר פאר מיר די דארע פנים'ער פון מיינע חברים, הער נאר צרות און צרות פון זיי, זעה פאר די אויגען די גרויסע פערשטויבטע פענסטער, איבערגעצויגען מיט אייזערנע גראטעס, ווי פאר ארעסטאנטען, — איך האב קיינמאל ניט געזעהן קיין ליכטי־גען גרויסען זאל, אויסער איין מאל, ווען איך בין אריין צום פאבריקאנט און ווארטענדיג אויף איהם אין דער קיך, האט זיך די טהיר פון זאל געעפענט און עס האט עפעס א פינסעל געטהאן און זיך גלייך צוריק פערמאכט און דאכט זיך אויף אייביג... און דאך, וועט איהר גלויבען, שטעקט אין מיר א נשמה פון א רייכען, פון א שטארקען, פון אן אריסטאקראט. כ'האב פיינט ארימקייט, פיינט שוואכקייט, דערשלאגענהייט... איך ווייס ניט פון וואנען קומט עס צו מיר? מיין טאטע, מיין מאמע, מיין באבע, מיין זיידע — די גאנצע משפחה, וואס שלעפען אויף זיך די ירושה פון צעהן דורות ארימקייט, זייגען אלע אזוי געוועהנט דערצו, און קרעכצען אפילו ניט שטארק,

און בוקען זיך און בייגען זיך פאר א גראשען, פאר איין איינ־ציגען קליינעם גראשען, און איך, זייער יורש, וואס אין מיר פליסט זייער בלוט, האם עס אזוי, דריק די פויסטען קעגען דעם אלעם, און האב פיינט מיין אייגענער מאמען...

און אפטמאל, ווען די מאמע דערלאנגט מיר עסען און איך זעץ זיך אוועק ביים טיש, טהו א ווארף דאס היטעל און הויב אן גלייך עסען, און די מאמע רוקט זיך, ווי א שאטען און מאכט זיך כלומר׳שט ניט זעהענדיג און ניט וויסענדיג, קאכט אין מיר אויף דאס בלוט און מיר ווילט זיך אויסרופען:

— מאמע, וואס זאגסטו גאר נישט? וואס שווייגסטו? מאמע! שלאג מיך, צופ מיך, רייס מיך — שריי, בייזער זיך! מאמע, פראטעסטיר, ווען מען קויפט ביי דיר אב פאר א פערטעלע דיין גאט, מאמע לאז זיך ניט!... ראנגעל זיך!...

נאר די מאמע געהט צו און מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ, מיט א קראנקען קול פרעגט זי:

— ווערסט אפשר עסען א שטיקעל רעטעך צום פלייש?...

„מאמע, איך עס דאך אהן א היטעל" — שפרינגט מיר פון צונג, נאר איך האב רחמנות אויף איהר און האלט זיך איין. —

ליעב אבער, האב איך זי ניט; נאר איך האב זיך אליין אויך ניט ליעב!...

און וועמען האב איך דען יא ליעב?

דער פ. פ. ס׳ניק.

.1

געהערט האָט ער צו דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. געוועזן איז ער אָבער מעהר פּאָליאַק, ווי סאָ־ציאַליסט, וועניגסטענס האָט זיך אַזוי געדאַכט, לויט זיינע מיי־נונגען, וואָס ער פלעגט אָפט אַרויסזאָגען. באַגעגענט האָב איך זיך מיט איהם אין קראַקוי, וואו ער האָט אַלס אַנטלאָפענער פאַר פּאָליציי פערפאָלגונגען אין וואַרשע, זיך דאָ בעזעצט.

— איך מוז וואוינען אין אַ פוילישער שטאָדט! — האָט ער מיר ערקלעהרט, ווען איך האָב איהם געפרעגט, פאַר וואָס איז ער ערגעץ אַנדערש ניט געפאָהרען.

געוועזן איז ער אַן איינפאַכער אַרבייטער, אָבער ניט קיין עם־הארץ אין עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגען: אַן ענטוויי־קעלטער, הייסט עס. און כאָטש ער האָט זיך ענטוויקעלט אויף דער אידישער ליטעראַטור, ד. ה. אויף די אידישע אונלעגאַלע בראָשורען, האָט ער אָבער פון אידיש ניט שטאַרק געהאַלטען. געזאָגט, אַז איין וויספּיאַנסקי איז מעהר ווערטה פון אַלע אידישע שרייבער מיט פּרץ׳ן צוזאַמען.

— נאָר איין פיינענבוים איז דאָ, וואָס מען קען זיך מיט איהם רעכענען, פלעגט ער זיך כאַפּען צוריק.

פון פיינענבוים׳ען האָט ער שטאַרק געהאַלטען, געשטאָל־צירט וואָס ער געהערט צו פּ. פּ. ס. און אפילו וואָס אין אַמע־ריקאַ אַרבייט ער אויך פאַר די דאָזיגע פּאַרטיי. אין אַלע דיס־

פוטען מיט מיר פלעגט ער זיך בעציהען אויף פייגענבוים'ס מאמרים, ווי אפרומער איד בעציהט זיך אויפ'ן שולחן ערוך.

איך פלעג מיט אַיהם אָפט זיך בעגעגענען און מפלפל זיין זיך. ניט חלילה ווייל איך האָב שטארק געהאַלטען פון זיינע מיינונגען קעגען וועלכע עס איז כדאי ארויסצוטרעטען. עס איז מיר געווען נאָר אינטערעסאַנט, ווי אזוי דער דאָזיגער אר־בייטער ווערט, האָט ליעב נאָמען איך ווייס עד היום ניט, האָט ליעב געהאַט דאָס פּוילישע פאָלק און ווי אזוי ער פלעגט זיך אויס־דריקען וועגען אידען און אידישקייט. איך האָב אין איהם גע־זעהן אַ מוסטער פון אונזער צוקאַליעטשעטער יוגענד...

— אידען אסימילירען זיך! דאָס איז אַ פאַקט! — פלעגט ער זעהר אָפט זאָגען — און דאָס איז דער איינציגער וועג. דאָס הייפּעלע נאַציאָנאַליסטען, וואָס ווענדען אָן אַלע געקינסטעלטע מיטלען ניט צו דערלאָזען דאָס, בעטראַכט איך, ווי פאָלקס־פעררעטער...

— און פאַר וואָס אסימילירט איהר זיך ניט? — פלעג איך איהם פרעגען.

— וואָס הייסט — איך אסימיליר זיך ניט! — פלעגט ער זיך אָנצינדען — וואָס זעהט איהר אין מיר אזוי פיעל אי־דישקייט?

— אָבער חתונה האָט איהר געהאַט מיט אַ אידיש מיי־דעל... — האָב איך איהם אַ שטאָך געטהאָן.

— וואָס הייסט מיט אַ אידיש מיידעל! — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט — איך וואָלט זיך ניט אָבגעזאָגט פון אַ פּויליש מיידעל אויך. עס האָט זיך פּונקט אזוי געמאַכט...

— וואָס הייסט געמאַכט? — האָב איך כלומר'שט גע־פּרופט מיט איהם דיסקוטירען — איהר, אַלס מאַרקסיסט, זאָלט עס זאָגען, איז מיר אַ וואונדער. יעדע זאַך האָט דאָך איהר אורזאַכע.

מיט דעם רעזינעו שטיקעל דרש האָב איך איהם אין אָנ־הויב אנידערגעשטעלט. ער, א פערהאָרעוועטער ארבייטער, איז קענטיג ניט אזוי געשיקט געווען צו פערענטפערען קשיות. באלד אָבער האָט ער זיך געכאפּט און געענטפערט:

— מיין ווייבעל, מעגט איהר מיר גלויבען, איז אַן אמת'ע פּוילין — אין שטוב רעדען מיר פּויליש, לייענען פּוילישע ביכער, געהען אין פּוילישען טהעאטער, איהר מעגט מיר גלוי־בען... האָט ער זיך ווי געגנומען בעטען רחמים — מיין ווייבעל איז זעהר ווייט פון אידישקייט.

— איך גלויב אייך ! — האָב איך איהם בערוהיגט, אָבער איהר זעהט, אז ניט אזוי גרינג אסימילירט מען זיך דאָך.

— אודאי ! — האָט ער מודה געווען, און איז קענטיג צופרידען געווען, וואָס ער איז ווי עס איז ארויסגעקראָכען א גאנצער פון מיין פריהערדיגער קשיא — עס דארף נאָך גע־דויערען, אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אסימילירען זיך אי־דען. דאָס איז א פאקט !

און קומענדיג שוין ווידער צו זיך פלעגט ער אָנהויבען ווייטער ארויסזאָגען זיינע מיינונגען וועגען אידישקיים:

— אָט נעהמט למשל א ברית ביי אידען... נו, איז דאָס ניט אזיאטיש?... דארפען זיך אידען האַלטען ביי אזא אזיא־טישען מנהג ?...

— נו, און אויסער דעם האָבען מיר דען גאָר נישט ? — האָב איך איהם קאַלט געפרעגט.

— יאָ, מיר האָבען נאָך געגוג נארישקייטען — האָט ער זיך געוויצעלט — למשל: מלקות, כפרות שלאָגען, תשליך...

— נו, און די פּאָליאקען האָבען שעהנערע מנהגים ?

— געוועהנליך, יעדעס פאָלק האָט נארישע מנהגים — האָט ער מיר נאָכגעגעבען, אָבער אזוינע מנהגים, ווי אידען האָבען, האָט עס קיין פאָלק ניט.

.2

איינמאָל געהענדיג פאַרנאַכט אין גאַס, האָב איך איהם בעגעגענט, טראָגענדיג איןביידע הענד קליינע פעקלעך פער־וויקעלטע אין פאַפירען.

— אָ, וואָס מאַכט איהר? — האָב איך איהם אָבגע־שטעלט.

— איך האָב זעהר קיין צייט ניט! — האָט ער געענט־פערט און, ווי פערשעמט, אין אַ רגע אַרום צוגעגעבען:

— מיין ווייב האָט היינט ביינאַכט אַ אינגעל געבוירען...

— מזל־טוב אייך! — האָב איך געלאַכט — זענט איהר שוין אַ טאַטע, הייסט עס.

— אַ טאַטע, ווי דען? — האָט ער מיט אַ פערשעמטער פרעהליכקייט מודה געווען.

דיספוטירען מיט איהם איז איצטער, נאַטירליך, קיין צייט ניט, איך האָב איהם אָבגעלאָזען, זאָל ער געהן געזונטער־הייט דער פ. פ. ס.־ניק... נישקשה, ער וועט נאָך קומען.

און ער איז טאַקע אין אַ וואָך אַרום געקומען צו מיר.

— וואָס וועט איהר זאָגען גוטס? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איהר וועט פון מיר לאַכען, — האָט ער ווי אַ דער־שראָקענער געשטאַמעלט — און איהר וועט זיין גערעכט... געפעלט אייך אַ מעשה, אַז מיין ווייבעל וויל ניט אַנדערש פראַוועןאַ ברית...

ענדיגענדיג די פאָר ווערטער איז ער געוואָרען אַזוי רויט, אַז איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז ניט דאָס ווייבעל אַליין וויל דאָס, נאָר ער וויל דאָס אויך... און איך האָב זיך געסטאַ־רעט איהם אַרויסנעהמען פון דער פערלעגענהייט.

— וואָס הייסט לאַכען?... פאַר וואָס זאָל איך לאַכען?...

מען קאָן זיין אַ פּרומער פּ. פּ. ס.־ניק און מאַכען אַ ברית.

— דאָס פערשטעה איך, — האָט ער ווי קומענדיג צו זיך געזאָגט — פון מיינע מיינונגען וועל איך קיינמאָל ניט אָב־טרעטען... זאָלט איהר למען השם מאָרגען קומען... מען מוז דאָך האָבען אַ מנין. וואָס זאָל מען טהאָן?

— מען איז דאָך עפּעס שטיקלעך אידען... — האָב איך איהם אונטערגעהאַלטען.

— זאָל זיין שטיקלעך אידען... טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט, אַבי קומט מאָרגען עלף אזייגער.

— איך בין געקומען פּינקטליך. געוואוינט האָט דער אַר־בייטער אין אַ קליין צימערל; דער מנין אידען מיט די עטלי־כע נויטיגע פּרויען ביי דער קינפּעטאָרין האָט געמאַכט אַן אונ־ערטרעגליכע ענגשאַפט, אזוי, אַז דער בעל־סנדק, דער בעל־הבית פון הויז, אַ דיקער בייכיגער איד, האָט קוים זיך אַן אָרט געפונען.

דער בעל־ברית אָבער איז ניט געווען אָנגערוקט, אדרבא זיין גאַנצעס אויסזעהן איז געווען יום־טוב'דיג און, ווען איך זאָל קיין מורא ניט האָבען, וואָלט איך געזאָגט — עכט אי־דישליך.

גלייך נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך דאָס אכט־טאָגיג קינד שרעקליך צושריען, איך האָב זיך צוגערוקט נאָהענט צום בעל־ברית הערען פון איהם אַ שטיקעל פּראָטעסט. ער אָבער האָט געשוויגען און איז ערנסט יום־טוב'דיג געשטאַנען און אכטונג געגעבען אויף די קוואַטער, וואָס האָבען דאָס קינד צוגענומען פון סנדק און איבערגעטראָגען צו דער קינפּעטאָרין.

נאָכדעם האָט מען גענומען צו ביסלעך בראָנפען, אַ פּאָר חסידישע יונגע לייט, שכנים פון זעלבען הויף, האָבען גענומען זינגען אַ פּרעהליכס, דער בעל־ברית, דער פּ. פּ. ס.־ניק, האָט שטיל אונטערגעהאַלטען און זיין פּנים האָט געשטראַהלט...

איך בין געזעסען, האָב צוגעקוקט, צוגעהערט און אין מח האָט פון מיר חוזק געמאכט זיינע אַלטע פראזע.

— אידען אסימילירען זיך... דאָס איז א פאקט!...

— יאָ, א פאקט, א פאקט! — האָב איך אין געדאנק צוריק חוזק'דיג געשמייכעלט.

אין דריי וואָכען ארום איז דער פּ. פּ. ס.־ניק ווידער צו מיר געקומען.

— איך וואָלט אייך געבעטען א טובה... מאָרגען מאך איך א פדיון־הבן... א בכור! קומט צונעהן, מיר וועלען נעהמען צו ביסלעך בראָנפען.

— נו, ברודער, דאָס איז שוין צופיעל... — האָב איך געענטפערט — אזא אסימילאטאָר בין איך שוין ניט...

ער איז אוועק א פערשעמטער...

אינהאלט:

דער ליגען — 7
אין זומער מאָנטעל — 18
די קאַלטע האַנד — 19
פער'משכנ'ט זיך אליין — 25
דער מאָדנער — 47
די ברידער — 52
שפּילע טרים — 60
די ציגיינערין — 67
אָהן ליעבע — 78
פלאמעס — 83
אין גאַס — 90
דער קאַראַקטער — 94
דער זשילעט — 100
קרובים — 108
דער הונט — 116
אַ גאַנצע נאַכט — 126
עס פּלאַצט — 142
דאָס אינטעליגענטע הויז — 146
די פערגומענע גאַסען — 150
די פערצווייפלונג — 154
אָהן אַן אדרעס — 157
מען קויפט נים — 161
די מלכה — 166
אויפ'ן גרינעם גראָז — 174

דער נײ־געבוירענער	183
דער סוד	192
דער פערבימערטער	200
די גײע שאלה	213
שליפעם	223
דער באַיקאָטירטער	228
חברים	234
מײן מאַמע	243
דער פּ. פּ. ס'ניק	247

Date Due

JAN 27 1985
AUG 15 1985
NOV 15 1985
JAN 14 1986

בעל
ריי

רייזען, אברהם

אלע ווערק - דרייטער באנד

הילמישע מאנשען

512

JAN 27 1985	18671		
AUG 15 1985	22794		
NOV 15 1985	600		
JAN 14 1986	22794		
APR 26 [illegible]	15773		

512